STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05444

# IN MAYNE TEG

## Zelig Oberman

*Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. N. Kennen
in honor of
Martha & Julia Hadley-Kennan*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# אין מיינע טעג

(זכרונות)

אין דריי טיילען

פון

זעליג אבערמאן

לאָנדאָן 1947

# IN MY DAYS

## (MEMOIRS)

*In Three Parts*

*by*

**S. OBERMAN**

PRINTED BY NAROD PRESS, CAVELL STREET, LONDON, E.1

To Lilly & Henry
With all good wishes
from the Author's youngest son
Nat Ohrman
אברהם נפתלי אהרמן

May 8th 1955
London

געווידמעט מיט גרויס ליבשאפט צו מיין פרוי, אונזערע
קינדער, אייניקלעך און אור-אייניקלעך

# אריינפיר

געוועגליך שרייבען זכרונות גרויסע מענשען, גרויסע שרייבער, באַרימטע פערזענליכקייטען, וועלכע האָבען זיך קונה שם געוועזן אין דער וועלט דורך זייערע ווערק אָדער דורך זייערע מעשים.

טאָ ווי קום איך, אַ קליין מענשעל, איינער פון די פשוט׳ע פאָלקס מאַסען, צו שרייבען זכרונות, און אַרויסברענגען אין דער עפענטליכקייט די פאַרשיידענע מאָמענטען פון מיין לעבען, וואָס קענען יאָ אָדער ניט זיין פון אינטערעס פאַר דעם לייענער?

דער תירוץ איז, אַז איך פאַרצייכען מיינע זכרונות פאַרעפענטליכט צו ווערען אין בוך פאָרם אַלס אַ מתנה פאַר מיינע קינדער און אייניקלאַך, פאַר קרובים און פריינד, מיט דער האָפנונג, אַז איך וועל דערמיט אויך מאַכען מיין באַשיידענעם ביטראַג פאַר דעם געשיכטע פאָרשער וועגען דעם אויסזען פון אידישען לעבען אַמאָל אין וואַרשאַ און אויך אין לאָנדאָן, וואו איך האָב פאַרבראַכט די גרעסטע טייל פון מיינע יאָרען.

איך בין געבוירען געוואָרען אום חנוכה, 1873, און בעת איך שרייב די דאָזיגע זכרונות איז אויך חנוכה, 1941, און איך גרייט צו דאָס בוך „אין מיינע טעג" אַלס אַ מתנה פאַר מיינע קינדער צו מיין געבורטסטאָג.

איך האָף אַז זיי וועלען וויסען ווי דאָס אָבצושאַצען, ווייל דורך מיינע זכרונות וועלען זיי תמיד האָבען פאַר די אויגען זייער אָבשטאַמונג און זיי וועלען זיין שטאָלץ אין דעם באַוואוסטזיין ווער און וואָס זיי זיינען.

זיי וועלען זיך אויך באַקענען מיט אַ רייע פאַקטען פון מיין לעבען אַמאָל אין דער אַלטער היים, און מיט דעם וואָס איך האָב דורכגעמאַכט אין פאַרלויף פון מיינע 68 יאָר פון זינט מיין קינדהייט ביז היינט צו טאָג.

איך וועל מיך אויך אַ גאָר פשוט׳ן אופן אויך באַמיען אַרויסצוברענגען מאָמענטען און טיפען פון דער אידישער גאַס, אָדער בעסער געזאָגט, פון דעם ענגען קרייז מיט וועלכען איך בין אַלס געוועגליכער מענש געקומען אין קאָנטאַקט.

איצט, בשעת איך הויב אָן שרייבען מיינע זכרונות, טראָגען זיך ווי אַ פּאַנאָראַמע דורך פאַר מיינע אויגען דאָס גאַנצע לעבען, וואָס איך האָב דורכגעמאַכט. עס זיינען געווען ביטערע מאָמענטען, אָבער אָפט איז מיר אויך די פרייד ענטקעגען געקומען.

אַלע מיינע געשעפטליכע און מאַטעריעלע זאָרגען האָבען זיך שוין פאַרענדיגט. איך האָב שלום געמאַכט מיט דעם געדאַנק צו זיין אין צוריקגעצויגענקייט, דאָס הייסט דערווייטערט פון געשעפט.

איך וואוין אין אַ זער שיינעם פלעט ביים ים אין בריטאַן, און נעבען מיר זיצט מיין טייערע ליבע פרוי, מיין לעבענס באַגלייטערין, בעת איך שרייב מיין בוך זכרונות.

אָפט דאַנקען מיר השם יתברך, וואָס מירביידע האָבען דערלעבט זיך צו פרייען אויף די חתונות ניט בלויז פון אונזערע קינדער נאָר אויך פון צוויי פון אונזערע ליבע אייניקלאַך, און וואָס מיר האָבען די זכיה שוין צו האָבען אַן אור־אייניקעל.

מיר זיינען שטאָלץ אויף אונזערע קינדער און אייניקלאַך, ווייל זיי לעבען און פירען זיך אין אידישען גייסט, און די שוהל און אַלעס וואָס האָט צו טון מיט אידישקייט איז זיי אַזוי נאָהנט צום הארצען.

איך ווינש זיי אויפצוהאַלטען דעם דאָזיגען גייסט, ליב צו האָבען זייער פאָלק און שטענדיג געהן אויף די וועגען פון אמת און יושר.

אָבער גלייכצייטיג האָף איך אויך, אַז ווען מען וועט לייענען מיין בוך זכרונות, וועט מען האָבען אויפ׳ן געדאַנק, אַז דאָס האָט געשריבען אַ איינפאַכער מענש, אָן שום קונצען און באַפּוצונגען, אַ מענש וועלכער האַלט, אַז דאָס געדרוקטע וואָרט איז רייכער און אייביגער ווי מאַטעריעלע אוצרות און ערדישע רייכטימער.

דערמיט פאַרענדיג איך מיין קורצע הקדמה צום בוך און צייכען זיך אונטער

**זעליג אבערמאַן.**

בעזרת השי״ת זאת חנוכה תש״ב.

Brighton, December 21st, 1941.

# ערשטער טייל

## א.

## די באבע חוה און דער זיידע נפתלי

פון קינדווייז אָן בין איך אַממערסטענס געכאָוועט געוואָרען ביי דער באָבע חוה און זיידע נפתלי. זיי האָבען ניט מער געהאַט ווי צוויי זין. דאָס איז שוין געווען שיינע יאָרען נאָך זייער חתונה.

מיין פאָטער שלמה צבי איז געווען דער עלטערער. ער איז געווען קלוג און געלערענט. דער צווייטער זון, יוסף, אָדער ווי איך האָב אים גערופען, דער פעטער יאָסעלע, איז זינט איך געדענק אים ניט געווען קיין זער געראָטענער.

איך בין געווען ביי מיין באָבע און זיידע זער טייער. איך האָב אויך גע־האַט איין עלטער באָבע. מ׳האָט איר גערופען די באָבע הענעלע. זי האָט גע־מוזט זיין אַ יאָר ניינציג, ווען זי האָט נאָך ליב געהאַט אַביסעל בראָנפען. זי פלעגט אָפט זיין ביי דער באָבע חוה. איך געדענק דאָס ווען איך בין נאָך געווען גאָר אַ פיצעל קינד פלעג איך שלאָפען מיטביידע באָבעס אין איין בעט.

דאָרט וואו עס געפינט זיך אין וואַרשאַ די ציציאַדעל נעבען דעם וואיענע פלאַץ, איז פריער מיט יאָרען צוריק געווען אַ אידישע געטאָ. עס זיינען געווען געסלאַך מיט געסלאַך, קליינע און נאָך קלענערע, וואו ס׳האָבען געוואוינט בלויז אידען און דאָרטען טאַקע האָט אויך געוואוינט מיין זיידע נפתלי וואו מיין טאַ־טע איז געבוירען געוואָרען. שפּעטער האָט מען די אַלע געסלאַך אָבגעריינִיגט און געמאַכט דאָרטען אַ פעסטונג, וואָס האָט געהייסען די ציציאַדעל.

ווען די ציציאַדעל איז פאַרטיג געוואָרען, און איידער מ׳האָט געמאַכט דעם וואיענע פלאַץ, זיינען נאָך אַלץ געבליבען שטיין אַ סך פון די געסלאַך, וואו דער זיידע האָט נאָך געוואוינט.

אַז דער ציציאַדעל איז פערטיג געוואָרען איז דער דאַמאָלטיגער צאַר פון רוסלאַנד ניקאָלאַי דער ערשטער אַראָבגעקומען עקסטרע פון פּעטערסבורג צו באַנייען די ציציאַדעל. דער זיידע נפתלי איז דאַן גראַדע געגאַנגען אין גאַס און פלוצלינג דערזעט ער ווי ס׳קומט אים אַנטקעגען אַ קאַרעטע און אַרום די קאַ־רעטע רייטען אויף שיינע פערדלאַך קאָזאַקען מיט נאַגייקעס אין האַנד אויף צו געבען אַ שמיץ ווען מ׳דאַרף וועמען מכבד זיין. דער זיידע הערט ווי איין קאָזאַק שרייט צו אים:

„העי איוורעי, פּאַדו סודאַ״.

נו, אַז מען רופט מוז מען צוגיין, און אַז דער זיידע קומט צו נענטער צו דער קאַרעטע, דערזעט ער אַז דאָס איז דער צאַר ניקאָלאַי מיט דעם גאַנצען

שטאָב, און דאָן פרעגט מען ביי׳ם זיידען ווי מ׳קומט צו צו דעם ציציאַדעל. זיי האָבען גאָר פשוט ניט געוואוסט דעם וועג און האָבען פאַרבלאָנדזשעט און ניט געוואוסט ווי אַזוי זיך אַרויסצודרייען פון די אַלע געסלאַך.

נאַטירליך, אַז דער זיידע האָט דערהערט אין וואָס ס׳האַנדעלט זיך, האָט ער געגעבען אַ הויב אויף זיינע פּאַלעס און אָנגעפאַנגען צו לויפען אין פאָר־אויס אום צו ווייזען דעם וועג, און די קאַרעטע מיט די קאָזאַקלעך זיינען לאַנגזאַם נאָכגעפאָרען נאָך דעם זיידען, ביז דער זיידע האָט זיי אַרויסגעפירט אויפ׳ן וועג וואו אַ גאַנצע פּאַראַדע איז געווען גרייט פאַר׳ן צאַר ניקאָלאַי. ווי נאָר די קאָזאַקען האָבען דערזען די פּאַראַדע, האָט איינער פון זיי געגעבען דעם זיידען אַ דאַנק פאַר דעם וואָס ער האָט זיי אַרויסגעפירט אויפ׳ן ריכטיגען וועג. דער דאַנק איז געווען אויף אַ זער פיינעם אופן. דער קאָזאַק האָט געגע־בען דעם זיידען אַ שמיץ מיט זיין נאַגייקע און געגעבען אַ געשריי „פּאשאל וואָן״, דאָס הייסט אַנטלויף געשווינט, אַז ניט שמייס איך ווייטער.

אָט דאָס איז געווען רוסישע דאַנקבאַרקייט.

דאָס האָב איך געהערט פון זיידען אַ סך מאָל דערציילען און ס׳האָט זיך מיר איינגעקריצט אין מיין זכרון גלייך ווי איך וואָלט דאָס בייגעוואוינט אַליין. נאָכהער מיט אַ צייט האָט זיך דער זיידע געצויגען אויף גענשע גאַס, אין יעקיל האַלבערשטאַטס הויף. עס איז געווען אַ זער לאַנגער הויף און אין טויער וואו מ׳איז אַריין איז געווען אַ חסידים שטיבעל. ס׳האָט געהייסען דאָס ראַדז־מינער שטיבעל.

דער זיידע האָט געוואוינט אין צוויי גרויסע שטובען. אין דער ערשטער שטוב איז געווען די קיך און אויך אַ פאַבריק וואו מ׳האָט געאַרבייט, מ׳האָט געמאַכט הענטלאַך צו פּאַראַסאָלען. ס׳זיינען געווען אַ סך אַרבייטער און די מערסטע פלעגען אויך שלאָפען אין דער קיך־פאַבריק. זיי האָבען געהאַט שע־ניקעס, וועלכע זיי האָבען געהאַלטען אויפ׳ן הויף, אין אַ קאַמער, און יעדער נאַכט פלעגען זיי די שעניקעס אַריינברענגען פון הויף און זיך אויסבעטען, און עס איז געוואָרען אַ שלאָף־צימער אויך.

די באָבע חוה פלעגט קאָכען פאַר אַלעמען צו עסען און האָט נאָך געפונען צייט צוצוהעלפען מיט דער אַרבייט. זי פלעגט פּאַלעטורען, דאָס הייסט „פּאָ־לישען״ די הענטלאַך.

אין דער צווייטער שטוב איז געשטאַנען אַ גרויסער טיש נעבען דעם פענסטער, וואו מען פלעגט עסען און אַנטקעגען דעם פענסטער זיינען געשטאַ־נען צוויי בעטען מיט נאָך עפּעס ווירטשאַפט, און דאָס איז געווען דעם זיידען׳ס שלאָף צימער.

די אַרבייטער זיינען געקומען פון די קליינע שטעדטלאַך פון אַרום וואַר־שאַ. מ׳האָט זיי צוגענומען אויף פינף יאָר מיט עסען און שלאָפען. זיי זיינען אַממערסטענס געקומען פון בית המדרש אַרויס אום צו לערנען זיך אַ פאַך צו קאָנען פאַרדינען אויף צו׳ם לעבען.

אויף שבת פלעגט מען אַלעס אויפראַמען פון דער אַרבייט און אַז דער

זיידע פלעגט זיך שבת אַוועקזעצן ביי׳ם טיש מיט אַלע אַרבייטער זיינע, האָט דאָס אויסגעזען ווי ס׳זאָל זיצן אַ רבי מיט חסידים און פירען טיש. די אַר־בייטער, די געוועזענע בית המדרש׳ניקעס, האָבען געקענט זער שיין זינגען. פלעגן זיי טאַקע ביי׳ם טיש זינגען אַ סך זמירות. עס איז געווען אַ פאַרגעניגען זיי צו הערען זינגען. פלעגט טאַקע אַ סך מאָל קומען צו׳ם טיש דעם זיידען׳ס ברודער ישראל מיט עטליכע זין אום צו הערען די אַרבייטער זינגען זמירות.

ב.

## דעם זיידען׳ס ברידער

דער זיידע נפתלי האָט געהאַט פיר ברידער פון וועלכע ער איז געווען דער עלטסטער. דער צווייטער, יוסף, זער אַ הויכער, מיט אַ שיינער לאַנגער באָרד און הדרת פּנים איז געווען אַ פרומער מענש. ער האָט געוואוינט אין גוי׳אישען געגענד. זיין געשעפט איז געווען אַ גרויסע שפּייז קראָם. ער האָט ניט געהאַט קיין סך קינדער. איך געדענק נאָר איין זון זיינעם, בוטשע האָט ער געהייסען, און איז געווען נאָך פרומער פון זיין טאַטען און געקענט גוט לערנען. דער פעטער יוסף האָט געפירט אַ שיין אידיש און רייך הויז.

דערנאָך איז געווען אַ ברודער, ישראל. ער איז שוין געווען אַן איינפאַכער מענש, אַ הויכער מיט אַ קליין בערדעל. ער איז דורך אַ צופאַל רייך געוואָרען און האָט געהאַט צוועלף זין און פיר טעכטער. די זין זיינען אַלע געווען גערער חסידים. ווען דער גערער רבי איז אַמאָל געקומען נאָך וואַרשאַ, האָט ער זיך געהייסען ברענגען דעם פעטער ישראל, ווייל ער וויל קענען, האָט ער גע־זאָגט, דעם זעלטענעם פאָטער פון אַזעלכע פיינע זין.

טייל פון די זין האָבען געהאַט אייגענע הייזער און אויסער חסידים זיינען זיי אויך געווען געבילדעטע און געקאָנט רעדען איניגע שפּראַכען, און געווען גוטע געשעפטס מענשען. ווען מען פלעגט אַמאָל קומען צו זיי אויף אַ שמחה איז געווען אַ פאַרגעניגען צו זען דעם פעטער׳ס זין שטיין רעדען און לערנען.

איך געדענק נאָך אַצינד ווען איך בין געווען ביי אַ שמחה זייערע, און עס איז געשטאַנען אַ רעדעל און געשמועסט אין לערנען פון מקשש עצים. דאָס איז געווען אויף אַ חתונה. זיי האָבען אויך געשפּילט פידעל צו אונטער־האַלטען די געסט. עס פלעגט אויך אויף אַ שבת־אויפרופען קומען אַ בדחן און אונטערהאַלטען די געסט און דער בדחן פלעגט זיך פאַרשטעלען און מאַכען פאַרשידענע קונצען און הערביי זאָגען גראַמען מיט תורה צוגעמישט ווערט־לאַך.

איינער פון די צוועלף זין, דער עלטסטער, ר׳ הערשעלע, איז געווען דאָ אין לאָנדאָן צוויי מאָל. ער איז געקומען צו זיינעם אַ זון דוד, ווען ער האָט געמאַכט אַ בר מצוה שמחה.

ווען איך בין געווען אַ קליין אינגעל פלעגט מיך מיין טאַטע אַלע מאָל מיטנעמען צו זיין קוזין הערשעלע ער זאָל מיך פאַרהערען אין לערנען. דאָס איז שטענדיג געווען אום שבת צו שלש סעודות.

די אַלע ברידער זיינען געווען לעדער סוחרים און גאַנץ וואַרשאַ פלעגט זיך באַרימען מיט דער פאַמיליע אבערמאַן.

נאָך דעם פעטער ישראל איז געווען אַ ברודער יונה. דער איז שוין געווען אַן אַרימאַן און געהאַנדעלט מיט מלבושים. ער האָט זיך שטענדיג אַרומגעפירט מיט זיינס אַ קליין אינגעל, יאַקעלע. ער האָט אים געהאַלטען אין איין רימען דאָס ער וועט ווערען אַ רב ווייל ער האָט גוט געלערענט. ער איז טאַקע גע־וואָרען אַ רב אין פּראַגע.

דער יונגסטער פון זיידעג׳ס ברידער איז געווען מרדכי, וועלכער האָט געוואוינט אין אוקראַינע אין דאָרף אריעוו, נעבען קעשינאוו. ווען ער איז געווען אַ קליין אינגעל האָט מען אים געכאַפּט פאַר אַ קאַנטאַניסט, דאָס האָט גע־הייסען ניקאָלאַי׳ס סאָלדאַטען. וועגען די דאָזיגע קאַנטאַניסטען איז שוין זער אַ סך געשריבען געוואָרען, פון זייערע ליידען וואָס זיי האָבען געהאַט אויסצו־שטייען, ווי מען האָט זיי מיט געוואַלד געצוואונגען זיך צו שמד׳ן, און אַ סך האָבען ניט געקענט איבערטראַגען און זיינען פון צרות געשטאָרבען. אַ טייל זיינען טאַקע געבליבען גוים. דעם פעטער מרדכי׳ן האָט מען אויך אַ סך גע־פּייניגט אום ער זאָל זיך שמד׳ן, נאָר ער האָט אַלע צרות איבערגעטראָגען און זיך ניט גע׳שמד, ביז ס׳איז אים געלונגען צו אַנטלויפען צו די סטעפּעס פון אוקראַינע. דאַמאָלט האָט מען נאָך פון יענעם געגענד קיינע סאָלדאַטען ניט גענומען.

ווי נאָר ער האָט זיי דאָרטען אַריבערגעקראָגען האָבען אים די אידען פון דאָרטען זער פיין אויפגענומען, און אַזוי ווי עס האָט זיך געמאַכט דאָס איי־נער איז געשטאָרבען, האָט מען אים ניט אויסגעמאָלדען, נאָר מ׳האָט דעם פע־טער מרדכי׳ן געגעבען יענעמ׳ס נאָמען, ווי דער געשטאָרבענער האָט געהיי־סען. אַזוי איז ער שוין פאַרבליבען ביי דעם נאָמען שוויכעטמאַן, און אַזוי אַרום איז ער באַפרייט געוואָרען אין גאַנצען. מ׳האָט אים דערנאָך חתונה געמאַכט און ער איז טאַקע שוין דאָרטען פאַרבליבען. ער פלעגט אין מיין צייט אַלע צוויי יאָר קומען נאָך וואַרשאַ. ווען ער איז דאָס ערשטע מאָל געקומען איז געווען ביי דער גאַנצער משפחה אַ גרויסע שמחה, ווייל מ׳האָט פון אים די גאַנצע צייט גאָרניט געהערט און ניט געוואוסט וואָס פון אים איז געוואָרען. עס איז ניט געווען קיין וואונדער וואָס יעדע נאַכט איז געווען ביי אַן אַנדערען פון דער משפחה אַ גרויסע אויפנאַמע פאַר אים און מ׳האָט געמאַכט מאַלצייטען. ווער שמועסט ווען ער איז דאָס ערשטע מאָל צוריק אַהיים געפאָרען, איז די גאַנצע משפחות אים געגאַנגען באַגלייטען, און מען האָט אים מיטגעגעבען מתנות פאַר זיין פרוי און קינדער, און נאָכהער פלעגט ער שוין כסדר, אַלע צוויי יאָר, קומען אויף אַ וויזיט נאָך וואַרשאַ, נאָר וואָס אַמאָל האָט מען שוין פון אים געמאַכט ווייניגער צימעס.

איך געדענק דאָס ווען ער איז געקומען פלעגט ער שלאָפן ביי ר׳ לעזר פּריוועס, אַ זון פון ר׳ ישעיה אייזענמאַן, וועלכער איז געווען אין מיין צייט דער גרעסטער גביר פון וואַרשאַ. אייזענמאַן האָט מען אים גערופען ווייל ער האָט געהאַט אַ געשעפט פון אייזען. ער איז געווען אויך אַ גערער חסיד. מיין עלטער באָבע הענעלע איז געווען אַ געשוועסטערקינד פון אייזענמאַנ׳ס פרוי שבע׳לע, און מיין זיידע־באָבע זיינען אויך געווען געשוועסטער קינדער און אַזוי אַרום זיינען, הייסט דאָס, ביידע פאַמיליעס געווען פאַרקניפּט.

אַזוי ווי די פאַמיליע פּריוועס זיינען זומער אַוועקגעפאָרען אויף פרישע לופט איז דער פעטער מרדכי דאָרטען געשלאָפען די גאַנצע צייט אום צו היי־טען דאָס הויז. מיך פלעגט דער פעטער מרדכי אַ סך מאָל מיטנעמען מיט אים צו שלאָפען. איך האָב ליב געהאַט צו באַקוקען די שיינע וואוינונג מיט דער פליישיגער און מילכיגער באַזונדערע קיכען. עס פלעגט אויך אַמאָל מיטקו־מען מיט׳ן פּעטער זיינס אַ זון און ער פלעגט זיין ביי׳ם זיידען.

איך האָב שוין געשריבען פון מיין זיידענ׳ס אַרבייטער און ווער זיי זיינען געווען. עס האָט אָבער אויך געטראָפען אַן אַרבייטער, וועלכער, ווען דער זיי־דע האָט אים פרייטאָג געגעבען זיין לוין, דריי רובעל, האָט ער געפרעגט: — ר׳ נפתלי, אַזוי ווייניג געלד?

האָט אים דער זיידע געזאָגט דאָס דעם צווייטען פרייטאָג וועט ער אים שוין געבען אַ סך געלד. אַז עס איז געקומען פרייטאָג האָט דער זיידע צונויפ־געשטעלט די זעלבע דריי רובעל פון בלויז קליין געלד, גראָשענס און צווייערס, בלויז קופּער, אַזוי דאָס דער אַרבייטער האָט באַדאַרפט אָנפילען זיינע אַלע קעשענעס מיט די דריי רובעל קליינגעלד. דאַן איז ער שוין צופרידען געווען.

אין אַלגעמיין אָבער זיינען אַלע אַרבייטער דעם זיידענ׳ס געווען איידעלע און געלערענטע מענשען. איינער פון זיי, אברהם שטיינוואָרצעל, איז געוואָ־רען אין לאָנדאָן אַ בעל הבית און געפירט אַ פאַבריק. ווען איך בין געקו־מען נאָך לאָנדאָן בין איך טאַקע צו אים פאַרפאָרען, נאָר וועגען דעם וועל איך שרייבען ווען איך וועל קומען צו דעם דאָזיגען טייל פון מיינע זכרונות.

ג.

## איך הויב אָן גיין אין חדר

דעם ערשטען חדר מיינעם געדענק איך ניט. איך געדענק נאָר די צייט ווען איך האָב אָנגעפאַנגען צו לערנען חומש. מען פלעגט דאַמאָלט מאַכען אַ גרויסע שמחה ביי דעם חומש אָנהויבען. איך געדענק נאָך מיין חומש שמחה. נאָר איך וויל פריער באַשרייבען די חדרים צו יענער צייט. דעם ערשטען חדר האָט מען גערופען דרדקי מלמד. דער מלמד האָט געהאַט ביי זיך צוויי באַ־העלפערס, וואָס פלעגען ברענגען די קינדער צום חדר און אויך אָבפירען זיי

אַהיים. זיי פלעגען אויך נעמען די קינדער צו אַ קינפּעטאָרין צו לייענען דאָרט קריאת שמע און מ׳האָט געטיילט נאָכהער לעקעכלאַך. דער באַהעלפער פלעגט קריגען באַצאָלט פאַר׳ן ברענגען די קינדער אַ גאַנצען וואָך יעדען טאָג.

ווען מען האָט שוין אָנגעפאַנגען חומש איז מען געגאַנגען צו אַ העכערען מלמד וואָס אין זיין חדר האָט מען שוין געלערענט ריכטיג חומש ביז צו׳ם אָנפאַנגען גמרא, און נאָכהער ווייטער אין אַ העכערען חדר וואו מ׳האָט שוין געלערענט חומש מיט רש״י און מער גמרא און אַזוי ווייטער ביז מען איז אַריין אין אַ ישיבה.

ניט ווי אין לאַנדאַן פלעגט זיין, דאָס די מלמדים האָבען צוגענומען תלמידים פון ״אלף בית״ ביז אויסצולערנען דעם מפטיר פאַר דער בר מצוה, דאַרום איז דאָ אויסגעוואַקסען אַזעלכע גאונים, אַז זיי קאָנען ניט צומאָל אַ ברכה מאַכען איבער אַ רעטאַך. דאָס איז די אורזאַך וואָס איך בין געוואָרען אַ שטאַרקער אָנהענגער פון תלמוד תורה צוליב די קלאַסען איינטיילונג, און בין שטענדיג געווען דאַגעגען די היגע חדרים.

ווען איך בין געווען נאָר פיר יאָר אַלט האָב איך אויך אָנגעהויבען חומש, און איך געדענק אַפילו ווען מיין טאַטע האָט אויפגעטון די דירה צוליב דער שמחה, וואָס מען האָט דאַן געמאַכט. עס איז געווען באַלד נאָך דעם ווי מיין שוועסטער שרה׳לע איז געבוירען געוואָרען, און די מאַמע איז אַוועק צו אירע עלטערען אויף דעם גזשיבאוו. מיר האָבען געוואוינט אויף דער נאַלעווקעס אין גאָלדמאַנ׳ס הויף, ווען די מאַמע איז צוריקגעקומען מיט דעם נייעם שוועס־טערל פון זיידען אבא און באָבע לאה. איך געדענק אַפילו ווען איך פלעג גיין מיט׳ן טאַטען אויפ׳ן גזשיבאוו וויזיטען דער מאַמען. ווען די מאַמע איז אַהיים געקומען האָט דער טאַטע געמאַכט איין שמחה צוזאַמען מיט מיין חומש אָנ־הויבען.

קיין בר מצוה האָב איך ניט געהאַט קיין פאַראַדנע ווייל עס איז ניט גע־ווען קיין מאָדע צו מאַכען פאַראַדען צו דער בר מצוה, נאָר צו׳ם חומש אָנהויבען האָט מען געמאַכט פאַראַדען. זעלטען ווער עס האָט געמאַכט אַ פאַר־מאָלנע שמחה צו אַ בר מצוה. דערפאַר אָבער האָב איך געהאַט אַ גרויסען פאַ־ראַד ווען איך האָב געמאַכט נאָך דער בר מצוה דעם ערשטען סיום, ערב פסח, אויף מסכתה מגילה, ווייל איך בין דאָך אַ בכור. כ׳האָב שוין דאַמאָלט געהאַט געלערענט אין ישיבה, איז דעם ערשטען ערב פסח וואָס איך בין שוין געווען בר מצוה און האָב באַדאַרפט פאַסטען, האָב איך אַליין געמאַכט אַ סיום און מ׳האָט געקאָכט היימישע פיש מיט געבראָטען גענזעגס. עס איז שוין איינמאָל געווען אַן אָנבייסען! אויסער דעם זיידענ׳ס אַלע אַרבייטער זיינען אויך געקומען אַ סך פון דער משפחה צו׳ם ערשטען סיום מיינעם אויף מסכתה מגילה.

נאָך דעם ווי איך האָב אָנגעהויבען חומש, און איך געדענק נאָך דאָס ס׳איז געווען די סדרה עקב, איז נאָך די ימים טובים, צו׳ם נייעם זמן, ווייל אין מיטען זמן האָט מען ניט אַוועקגענומען קיין תלמיד פון אַ חדר, בין איך דאַן אַריין שוין אין אַ העכערען חדר וואו איך האָב שוין געלערענט אַ סך חומש און ריכ־טיג צו דאַוונען און אויך אַביסעל רש״י.

איך געדענק אַז איינמאָל ווען איך בין געזעסן און געלערנט, קומט אַריינצולויפן די רבי׳צין פון גאַס וואו זי איז געווען איינקויפן, מיט אַ געשריי. איך האָב דאַן געמוזט זיין אַ בחור פון אַ יאָר פינף, און די רבי׳צין שרייט געוואַלט עס איז אַ ראַבונעק, דאָס הייסט גאָר פשוט אַ פאָגראָם, און זי דערציילט נאָך ווי מען האָט ביי איין אידען די אויערן אָבגעשניטען אַרום דעם אייזערנעם טויער.

דאָס איז געווען מיין ערשטע ערפאַרונג וואָס עס הייסט אַ ראַבונעק. דער רבי האָט באַלד געהייסען אַלע קינדער אַהיים לויפען. עס איז געוואָרען אַ מהומה. דאָס איז געווען באַלד אין דער פרי, ווי מיר האָבען זיך נאָר וואָס געזעצט לערנען. פון דאַמאָלט אָן בין איך שוין געוואוינט געוואָרען וואָס די פיינע פּאָליאַקען האָבען געקענט, נאָר ס׳וועט מיר נאָך אויסקומען צו שרייבען וועגען דעם אין אַ ווייטערען קאַפיטעל.

### ד.

## דער טאַטע שפּרינגט פון א פענסטער

איך בין אַלט געווען זעקס יאָר ווען מיין ברודער, ראובן, איז געבוירען געוואָרען. מיר האָבען דאַן געוואוינט אויף נאַלעווקעס, אויף דער זייט נעענטער צו מאַרונאַוו. געווען איז די דירה אויפ׳ן ערשטען שטאָק. פון הינטען אונזער דירה איז געווען אַ האַרטאַוונע בראַנפען געשעפט. איך פלעג שלאָפען נאָך אַלץ ביי׳ם זיידען, אין דער פרי פלעג איך גיין אַהיים איידער איך בין אַוועק אין חדר. מיין מאַמע איז געלעגען אין קינפּעט מיט ראובנ׳ען. ווי נאָר כ׳בין אַריבער די שוועל פון שטוב הערט זיך אַ געוואַלט דאָס עס ברענט דער בראַנפען סקלאַד. די אַנדערע צוויי קינדער זיינען נאָך געשלאָפען. מ׳קאָן זיך פאָרשטעלען די שרעק וואָס איז געוואָרען. דאָ ליגט אַ קינפּעטאָרין ערשט דריי טעג.

אַנטקעגען אונזער וואוינונג אויף דער צווייטער זייט גאַס איז געווען אַן אַפּטייק, און דאָ האָבען שוין געברענט די שטיגען. באַלד איז אַריבערגעקומען דער אַפּטייקער און מיט אַ לייטער צוגעשטעלט צו׳ם פענסטער האָט ער די קינפּעטאָרין מיט׳ן קינד אַדורכגענומען דעם פענסטער, און אַ צווייטער אַפּטייקער האָט גענומען די אַנדערע צוויי קינדער אויך דורכ׳ן פענסטער אויפ׳ן לייטער און איך בין אויך מיטגעגאַנגען אַהאַלטענדיג זיך אין דעם אַפּטייקער. די צוויי קינדער לייבלען און שרה׳לען האָט מען אַריינגענומען צו אַ שכנ׳טע און איך בין געבליבען שטיין אויף דער גאַס. דער טאַטע איז געבליבען שטיין ביי׳ם פענסטער און פּלוצלינג איז דאָס פייער אַדורך דעם אונטערשטען פענסטער און דער לייטער האָט אָנגעפאַנגען צו ברענען. די גאַנצע גאַס איז געווען געפּאַקט מיט מענשען און ביז דער טאַטע האָט אַלע ווערטפולע זאַכען גענומען

צו זיך האָט שוין דער לייטער גוט געברענט. די פייער לעשער זיינען נאָך ניט געקומען. די מענשען פון גאַס האָבען אַרויפגעשריען צו׳ם טאַטען ער זאָל אַראָבשפּרינגען. זיי האָבען געהאַלטען לייל‍אַכער וואו ער זאָל שפּרינגען. פּונקט דאַן זיינען די פייערלעשער אָנגעקומען. דער טאַטע האָט געגעבען אַ שפּרונג און איז גלייך אַרויף אויף איינעם אַ פייערלעשער׳ס קאָפּ. דער פייערמאַן איז געפאַלען און געבליבען טויט אויפ׳ן אָרט.

דער טאַטע איז געפאַלען צווישען אַ געזעלמעל מענשען און זיי האָבען אים באַלד גענומען טרייסטען, אַז אַ דאַנק גאָט ער איז לעבען געבליבען. דערווייל האָבען זיי ביי אים אַרויסגע׳גנב׳עט זיין טייסטער פון בוזים קעשענע מיט זיין גאַנץ פאַרמעגענס וואָס ער האָט ביי זיך געהאַלטען. די וואָס האָבען דאָס געטון זייבען געווען חצקל שפּיגעלגלאַס׳עס חברה גנבים. חצקלע איז געווען דער רבי זייערער. פריער איז חצקלע געווען אַ בית המדרש בחור און האָט געלערענט צוזאַמען מיט דעם טאַטען. האָט ער שוין דאַמאָלט אָבגעטון ניט קיין שיינע זאַכען און דער טאַטע האָט אים אויסגערעדט וואָרום ער טוט אַזעלכע שטיקלאַך, האָט ער דעם טאַטען דערלאַנגט אַ פּאַטש. דער טאַטע האָט פאַרגעזאָגט דאָס ער וועט ווערען אַ גנב און אַזוי איז טאַקע געווען, נאָר ער האָט דעם טאַטען דאַמאָלט ביי דער שרפה בדלות געשטעלט

דער ברית פון ראובן האָט שוין ניט געקאָנט זיין צו דער צייט, נאָר ערשט מיט צוויי וואָכען שפּעטער.

איך געדענק נאָך ווי מיך האָט מען אָוועקגענומען צו דער שכנה, וואו די אַנדערע צוויי קינדער זיינען געווען, און מ׳האָט מיר געגעבען אָנבייסען. איך בין שוין דעם טאָג אין חדר ניט געגאַנגען. כ׳האָב מיר שוין געמאַכט אַ יום טוב, כאָטש איך פלעג שטענדיג גיין אין חדר אָן שווערינקייטען, ניט אַזוי ווי מיין ברודער לייב. אים האָט מען שטענדיג געמוזט טראָגען מיט געוואַלט אין חדר, און איין אַרבייטער איז ניט גענוג געווען, מ׳האָט געמוזט האָבען צוויי אַרבייטער, ווייל איינער אַליין האָט זיך מיט אים ניט געקענט קיין עצה געבען. אַזאַ חברה׳מאַן איז דאָס געווען לייבעלע. ווען מ׳האָט אים געטראָגען צו חדר האָט מען געקענט הערען אין דער צענטער גאַס זיינע געשרייען.

מיין מלמד איז פריער געווען אַ סוחר, נאָר ער איז פאַראָרימט געוואָרען אוז געמוזט ווערען אַ מלמד. ער איז געקומען פון אַ קליין שטעדטעל נאָך וואַרשאַ און זיך געמאַכט אַ חדר. איך האָב ביי אים געהאַט אַ גרויסע פּעולה, כאָטש ער איז געווען אַ גרויסער כעס׳ן. כ׳האָב ביי אים געלערענט גמרא מיט תוספות און תנ״ך, און היות ווי איך בין געווען ביי אים דער בעסטער תלמיד בין איך געזעסען נעבען אים אין דער ערשטער רייע. ווען איינער פון די אַנדערע תלמידים האָבען עפּעס ניט געוואוסט האָט ער מיך געהייסען זאָגען פאַר זיי. פונדעסטוועגען האָט ער פאַר דער קלענסטער זאַך מיר אויסגעריסען מיינע פּאות. צום ערגסטען איז געווען דאָנערשטאָג, ווייל ער פלעגט פאַרהערען וואָס מען האָט געלערענט איבער דער וואָך. האָט זיך דאַמאָלט מיין פּאה אויסגעריכט גרויסע צרות. ער פלעגט שוין האָבען פאַר וואָס צו רייסען. ווען אַפילו

אַן אַנדערער האָט עפּעס ניט געוואוסט האָט ער אויך ביי מיר געריסען די פּאה.

יעדען דאָנערשטאָג, ווען איך האָב באַדאַרפט צוריקגיין נאָך מיטאָג אין חדר, וועלכער איז געווען אויף פּראַנציסקאַנער גאַס, האָב איך באַדאַרפט צו גיין פון דער גענשע גאַס צו די פּראַנציסקאַנער דורך נאַלעווקעס, וואו עס פלעגען שוין דאַן גיין טראַמווייען. האָב איך אַריבערגייענדיג די נאַלעווקעס מיר געוואונשען דאָס דער טראַמוויי זאָל מיך ליבערשט איבערפאָרען אַבי איך זאָל פּטור ווערען פון דער אינקוויזיציע, פון דער פּאות רייסען. אָט אַזאַ חדר איז דאָס געווען. ווען איך דערמאָן זיך וואָס די קינדער צו יענער צייט האָבען געהאַט אויסצושטיין, ווי מען פלעגט פאַר דער מינדסטער קלייניגקייט שטע־לען אין פּעקעל, דאָס האָט געהייסען מ׳האָט אַראָבגעלאָזען די הייזלאַך פון איינ־געלע און ער האָט געמוזט שטיין מיט דעם בלויזען הינטען פאַר אַלעמען אין די אויגען. ווען דעם גוטהאַרציגען רבי׳ן האָט זיך פאַרגלוסט האָט ער אַזאַ אינגעל געשמיסען מיט דעם לעדערנעם פּאַסיק זיינעם. עס גייט מיר נאָך אַצינד דורך אַ גרויל ווען איך דערמאָן זיך אין דעם חדר צו יענער צייט. איך וועל נאָך צוריקקומען אין אַ ווייטערען קאַפּיטעל צו באַשרייבען די דאַמאָלטדיגע חדרים ווען איך וועל האַלטען דערביי. עס איז גאָרניט צו פאַרשטיין, און די וואָס זיינען דאָס ניט אַדורכגעגאַנגען וועלען דאָס אפשר ניט קענען גלויבען, וואָס פאַר אַ צרות די קינדער צו יענער צייט האָבען באַדאַרפט אויסצושטיין...

ה.

# דער זיידע אבא און באבע לאה

דער זיידע אבא מארענבילד האָט שטענדיג געוואוינט אויף דעם גזשיבאוו. ער האָט געהאַט אַ פּאַפּיר געשעפט און אויף די עלטערע יאָרען, ווען איך בין אַוועק פון וואַרשאַ, האָט ער שוין בלויז געהאַנדעלט מיט פּאַפּיר. ער איז גע־ווען גאָרניט אַזוי ווי די אַנדערע מתנגדים וואָס האָבען ניט געקאָנט לײַדען קיין חסיד. פאַרקערט ער האָט אַלעמען ליב געהאַט. ער איז געווען אַן איינפאַכער שטילער איד, און איז געווען ביי אַלעמען זער באַליבט.

איך געדענק ניט איך זאָל אַמאָל האָבען געהערט פון אים אַ הויך וואָרט. אַ גאַנצען שבת פלעגט ער האַלטען אין איין זאָגען ברכי נפשי אָדער פּרק, און נאָכהער תהלים. ער איז אויך געווען אַ שיינער מענש און האָט פאַרמאָגט אַ שיינע, לאַנגע באָרד. שטענדיג איז ער געווען זער ריין געקליידעט, מיט אַ שיינעם שפּאַציר שטעקען מיט אַ העלפאַנד ביינערנע הענטעל.

געהאַט האָבען מיין זיידע און באָבע דריי זין און דריי טעכטער. דער על־טערער זון, פּעטער יצחק, איז געווען אַ זייגער מאַכער און געוואוינט אויף כלאָדנע גאַס, אין אַ גוי׳אישען געגענד. ער האָט געהאַט צוויי זין און פיר טעכטער, וועלכע האָבען געפירט אַ פאַבריק פון ווייסע וועש. דער צווייטער

זון, פעטער מיכאל, איז געווען דער געשעפטס פירער ביי ר׳ הערשעל גראה־מאַן, אַ גרויס האַרטאווגע פּאַפּיר געשעפט. ער איז אויך געווען אַ גערער חסיד. ר׳ הערשעל גראהמאַן האָט געהאַט אַ נאָמען אַזוי ווי ר׳ ישעיה אייזענ־מאַן. דער פעטער מיכאל האָט אויך ביי זיך אין דער היים געהאַט אַ מאַשין צו ווירענען די שרייב פּאַפּיר, וועלכעס ער פלעגט מאַכען פאַר דעם גראהמאַן געשעפט. ער האָט ניט מער געהאַט ווי איין טאָכטער שפּראַנצע. די פרוי זיינע, מומע גיטעל, איז געווען אַ זעלטענע פיינע פרוי. זי איז געווען אַ חסידישע טאָכטער.

צוויי מומעס האָב איך געהאַט, איינע איז געווען דעם פעטער יאָסעלע׳ס פרוי, מומע רחל׳ע. זי פלעגט זיין צו מיר בעסער ווי אַ מאַמע, און אַזוי אויך די מומע גיטעל. אַלץ איז געווען אויף איר קאָפּ. ווען כ׳בין שוין געווען אין לאָנדאָן האָט זי נאָכגעקוקט מיין פרוי מער ווי די גאַנצע משפחה, און זי האָט טאַקע געזען דאָס מיין פרוי זאָל קענען אַהער קומען צו מיר.

איך געפין אַצינד פאַר נויטיג דאָס ביי׳ם שרייבען מיינע זכרונות צו דער־מאָנען אָט די צוויי מומעס, די מומע רחל׳ע און די מומע גיטעל, אַלס דאַנק־באַרקייט צו זיי. זאָלען זיי האָבען אַ ליכטיגען גן עדן. אַזעלכע מומעס וואָלט זיך יעדער געוואונשען צו האָבען.

דער יונגסטער זון פון זיידע אבא איז געווען פעטער משה. ער איז געווען מיין ערשטער גאַסט אין לאָנדאָן, ווען איך בין נאָך אַליין געווען אַ גרינער.

פון דעם זיידע׳נס טעכטער איז מיין מאַמע, אסתר רבקה, געווען די עלט־סטע. נאָכהער איז ווידער געווען אַ שוועסטער די מומע ראַצע, וועלכע איז געווען זער אַ פריילכע און שטענדיג האָט זי געלאַכט. האָט מען איר טאַקע גערופען די לאַכענדיגע מומע. איר מאַן, דער פעטער טוביה גאַלענדזשינער איז געווען אַ וואורקער חסיד, אָבער ניט קיין בטלן. ער איז אַזוי ווי דער זיידע אבא אויך געווען אַ געפּוצטער, שטענדיג שיין און עלעגאַנט געקליידעט. מיט אַ שיין פאַרפּוצט בערדעל. ער האָט געהאַנדעלט מיט מעהל. זייערע צוויי איי־ניקלאַך האָב איך אַריבערגענומען פון דאַנציג אַ קורצע צייט פאַר דעם אויס־ברוך פון דער איצטיגער מלחמה. זיי זיינען געווען אַ בחור און אַ מיידעל. די מיידעל איז זער אַ פיין קינד און זי איז געווען מיט מיר, נאָר אַזוי ווי איך בין אַוועק פון לאָנדאָן איז זי ביי מיין טאָכטער און זי איז ביי אַלעמען זער באַ־ליבט.

דעם פעטער טוביה האָב איך שטענדיג ליב געהאַט. ער איז געווען אַ זער צוגעלאָזטער מענש. ווען איך בין אַמאָל אַ שבת צו אים געקומען האָט מיר שוין קיין ציבעלעס מיט שמאַלץ ניט געפעלט, ווייל ביי די וואורקער חסידים איז ציבעלעס מיט שמאַלץ געווען דער וויכטיגסטער מאכל, און ווען מ׳האָט שוין געהאַט אָבגעגעסען דאָס גאַנצע מיטאָג האָט מען זיך ניט אָבגעזאָגט פון צו עסען אַ טעלער ציבעלעס מיט שמאַלץ.

דער פעטער טוביה און מומע ראצע זיינען געווען אַ ליבליך פּאָר פאָלק. זיי זיינען ביידע געשטאָרבען אין איין טאָג. דער פעטער איז אַלט געווען זעקס

און אַכציג און די מומע פיר און אַכציג. דאָס איז געווען אַ קורצע צייט פאַר דער איצטיגער מלחמה.

נאָך דער מומע ראַצע איז געווען די יונגסטע שוועסטער גאָלדע. איר מאַן משה האָט מען גערופען משה דער גרויסער. ער איז שוין קיין חסיד ניט געווען אַזוי ווי מיין טאַטע אָדער פעטער טוביה. אפשר האָט די מומע גאָלדע ניט גע־וואָלט האָבען אַ מאַן אַ חסיד אַזוי ווי אירע שוועסטער. איר מאַן איז שטענדיג אַרומגעגאַנגען אויסגעפוצט אין עסיג און האָניג, און דאָס ווייב זיינס האָט ער געלאָזט פינסטערען. ער איז געווען פון די וואַלעווע גאַס הענדלערס.

די וואַלעווע גאַס אין וואַרשאַ האָט געהאַט אַ שם איבער גאַנץ פוילען. אַלע מציאות האָט מען דאָרטען געקראָגען, און ווער ס׳האָט נאָר געוואָלט כאַ־פען אַ מציאה איז געקומען אין דער וואַלעווע גאַס. עס איז ניט געווען קיין שום זאַך מ׳זאָל דאָרטען ניט קענען קריגען, פון אַלטוואַרג און נייע זאַכען. לייי־דיג איז מען שוין ניט אַוועק פון דאָרט, מ׳האָט געמוזט עפּעס קויפען. אויב מ׳האָט ניט געפונען דאָס וואָס מען האָט געוואָלט קויפען, האָט מען שוין גע־מוזט עפּעס אַנדערש קויפען. אַרויסדרייען זיך פון די וואַלעווע גאַס הענדלער איז ניט מעגליך געווען. אויב מען האָט געקויפט אַ מלבוש, עס אַנגעמאָסטען און געקוקט אין שפּיגעל אַריין, האָט זיך געדוכט אַז עס ליגט ווי אָנגעגאָסען, נאָר ווען מען איז מיט דער מציאה אַהיים געקומען איז גאָר ניט געווען צו פאַרשטיין ווי אַזוי איז דאָס מעגליך. דוכט זיך מ׳האָט דאָך געוויזען אין שפּי־געל ווי פיין דער פאַלטען ליגט ווי אָנגעגאָסען און אַצינד פאַלט מען אַרויס דערפון. די וואַלעווע גאַס הענדלער זיינען געווען קינסטלער אין זייער פאַך.

אָט דאָס איז געווען די וואַלעווע גאַס, וואו מיין פעטער משה דער גרוי־סער איז געווען אַ גאַנצער מאַכער. אויב מען האָט די וואַרשאַווער אידען גע־רופען וואַרשאַווער פלאָדערס, איז דאָס חס ושלום ניט געמיינט געוואָרען אויף אַלע וואַרשאַווער אידען נאָר אויף די וואַלעווע גאַס הענדלער. זיי האָבען דעם נאָמען כשר פאַרדינט. און אַזאַ איינער האָט באַדאַרפט צו זיין מיין פעטער, ווייל די מומע גאָלדע האָט ניט געוואָלט האָבען אַ חסיד פאַר אַ מאַן האָט זי שוין געהאַט אַ מאַן וואָס איז שטענדיג אַרומגעגאַנגען אָנגעטון ווי צו גיין אויף אַ חתונה, און זי, די מומע גאָלדע איז שטענדיג אַרומגעגאַנגען פאַרפינסטערט און מיט אַ פאַרזאָרגט פנים. דאָס איז געווען דער איינציגער פלעק אין מיין משפחה.

פון דער באָבע לאה געדענק איך נאָר, ווי זי פלעגט יעדער וואָך קומען באַזוכען אירע קינדער און אייניקלאַך. יעדעס מאָל ווען זי פלעגט קומען צו אונז פלעגט זי צוטיילען די קינדער קליינע עפּעלאַך. ס׳האָט קיינמאָל ניט גע־טראָפען, אַז די עפּעלאַך זאָלען האָבען צוגעוואַקסען, שטענדיג די זעלבע קליי־נע עפּעלאַך. זי פלעגט אָבער ניט ליידיג זיצען. ווי נאָר זי איז אַריין אין שטוב האָט זי באַלד זיך גענומען צו דער אַרבייט פון פאַרריכטען אָדער פאַרצירע־ווען. יעדער וואָך דאָס זעלבע. די מאַמע פלעגט שוין טאַקע זען אַנצוגרייטען פאַר דער באָבען וואָס צו טון, זי זאָל ניט דאַרפען חס ושלום ליידיג זיצען.

ו.

# ר׳ לעמל בעקער

איך ווייס ס׳וועט זיך שטעלן די פראגע ווי קומט עפעס א בעקער צו מיר, אז אין מיין גאנצער משפחה איז קיין בעקער ניט געווען? דער תירוץ איז, דאס אזוי ווי איך בין ס׳מערסט אויפגעצויגען געווארען פיזיש ביי מיין באבע חוה, אזוי בין איך גייסטיג אויפגעצויגען געווארען ביי ר׳ לעמל בעקער.

געוואוינט האט ער אויף דזשיקע גאס. אין די קעלער שטובען איז געווען די בעקעריי, און אנטקעגען די שטובען פון דער בעקעריי איז געווען די וואוי־נונג און אויך א בית המדרש, אדער בעסער געזאגט א חסידים שטיבעל.

לעמל בעקער איז געווען א זעלטענער טיפ פון א אידען, א גרויסער חסיד און א העלדישער איד, א גברא רבא, און די פאליאקען האבען פאר אים געציטערט. ווען זיי האבען אים נאר דערזען זיינען זיי זיך שוין צולאפען. ס׳האט אמאל געטראפען דאס די פאליאקען זיינען באפאלען א עדה אידען, האט לעמל בעקער מיט איין האנד אוועקגעלייגט א צען שטיק פון זיי. האבען שוין די פא־ליאקען אים געקאנט און האבען פאר אים מורא געהאט. לעמל בעקער וואלט פאר א חבר געגאנגען אין פייער און אין וואסער, און איז תמיד געווען גרייט צו העלפען א פריינד.

מיין טאטע האט געהאט א נאמען פאר א רבי מאכער. אויב עס איז נאר געקומען עפעס א רבי׳לע נאך ווארשא און נושא חן געווען ביי מיין טאטען, ר׳ שלמה צבי, האט שוין מיין טאטע אים מפורסם געמאכט אין א קורצער צייט און ער איז באוואוסט געווארען פאר א גרויסען רבי׳ן.

איך געדענק ווי איינמאל איז געקומען פון צפת א בחור, און ער איז דעם טאטען געפעלען געווארען, איז באלד באוואוסט געווארען, אז א גרויסער רבי פון צפת איז געקומען און קען ארויסטרייבען דיבוקים. איינמאל האט דער זעלבער צפת׳ער רבי ארויסגעטריבען א דיבוק. דאס איז טאקע געווען ביי ר׳ לעמל בעקער. עס איז געווען א מוצאי שבת, ווען דער רבי האט געמאכט הבדלה. א פרוי אדער ס׳איז געווען א מיידעל האט געשריען אז דער רבי וויל זי מיט דער הבדלה פארברענען. ווען דער רבי איז פערטיג געווארען מיט הבדלה מאכען, האט ער געגעבען א געשריי צו דעם דיבוק אז שוין זאל ער פון דער מיידעל ארויס און ניט דורך קיין אנדער פלאץ ווי נאר דורך דעם קליינעם פינגער, און דורך דער שויב פון פענסטער. דער דיבוק האט געפאלגט און אזוי ווי א דינער רויך אדורך דורך דער שויב און ס׳איז געבליבען א דין לעכעל ווי פון א נאדעל אין דער שויב פון פענסטער.

איך ווייס, מען וועט אפשר פון מיר לאכען און ניט גלויבען אבער איך זאג אז איך האב דאס אליין געזען, ניט בלויז געהערט פארציילען, נאר טאקע אליין געזען, און דעם מיידעל איז באלד בעסער געווארען. זי איז גלייך געווא־רען נארמאל ווי ס׳וואלט קיין זאך מיט איר ניט פאסירט. פון דאמאלט אן איז

טאָקע ביי ר׳ לעמל בעקער געוואָרען אַ צפת׳ער שטיבעל. פריער פלעגט דער טאַטע פאָרען צו דעם רבי ר׳ וואָלף סטריקאָווער, האָט זיך עפּעס דער טאַטע באַליידיגט, האָט ער איבערגעלאָזט דעם סטריקאָווער רבי׳ן און ס׳האָט זיך אָנגעהויבען אַ סדרה צפת. מ׳האָט דעם צפת׳ער בחור חתונה געמאַכט. זיין שווער איז געווען אַ גרויסער חסיד און זער אַ גרויסער למדן, אַ זעלטענער בעל תפילה און בעל מנגן, ר׳ יוסף חיים האָט ער געהייסען. איך קען נאָך אָצינד איינצע נגונים פון דעם ר׳ יוסף חיים׳ן. דער רבי האָט געפירט טיש מיט צוועלף חלות, און איך געדענק, אַז ווען כ׳בין אַהיים געגאַנגען מוצאי שבת האָט מיר דער רבי אַליין מיטגעגעבען אַ קליין געפלאָכטען חלה׳לע. אין די ערשטע צייטען איז דאָס אַלעס געווען ביי ר׳ לעמל בעקער אין בית המדרש.

איין זאַך מוז איך זאָגען, אַזאַ מין פריינדשאַפט ווי ס׳האָט עקזיסטירט ביי יענע חסידים איז גאָר ניט צו געפינען. איינער פאַר דעם צווייטען האָט זיך גאָר פשוט געקענט מקריב זיין. ווען איך בין שוין געווען אין לאָנדאָן און גע־דאַווענט אין בלעק לייאָן יאַרד חסידים שטיבעל און כ׳האָב צוגעזען די ניט אויפריכטיגקייט פון איינעם צום צווייטען, ווי איינער האָט געזוכט צו באַרעדען דעם צווייטען אום ער אַליין זאָל קענען הייסען דער שיינער איד, איז מיר שטענדיג געקומען אויף די געדאַנקען אָט יענע חסידים פון מיין קינדהייט. וואָס פאַר אַ קאָנטראַסט! דאַמאָלט זיינען אַלע געווען ווי ברידער פון איין משפחה, און אויף אַ שמחה אָדער ר״ל ביי אַן אונגליק זיינען אַלע געווען ווי איינס. ס׳איז געווען יעדערענס טרויער אָדער אויב אַ שמחה, איז עס געווען יעדערענס שמחה. אַזוי איבערגעגעבען איז געווען איינער צו׳ם צווייטען.

איך געדענק נאָך, דאָס באַלד ווען ס׳איז נאָר געקומען פורים צייט פלעגט זיך אָנהויבען אַ גאַנצער יאַריד פון באַקען מצות אויף פסח. יעדער בעל הבית האָט זיך געבאַקען מצות פאַר זיין געברויך פון דער פאַמיליע. אַזוי האָט אויך די באָבע חוה געבאַקען מצה טאָקע ביי ר׳ לעמל בעקער. געוועגליך איז דאָס געווען אַ גאַנצער יום טוב. ס׳האָט גענומען אַ גאַנצען טאָג דאָס באַקען די מצות.

ס׳איז געוואָרען אַ טאַראַראַם. ס׳זיינען אָנגעקומען פרויען פון אַלע קליי־נע שטעדטלאַך אַרום וואַרשאַ צו העלפען באַקען די מצות אום צו פאַרדינען אויף פסח. האָב איך שוין געהאַט וואָס צו טון אַ גאַנצען טאָג, און אומעטום וואו מ׳האָט באַדאַרפט און וואו מ׳האָט ניט באַדאַרפט בין איך אַרומגעקראָכען. אַלעס האָב איך געמוזט באַקוקען, ביז איך בין פאַרקראָכען אויף דעם פּיעקעליק אַרויף, דאָרט וואו די רעגולערע אַרבייטער פלעגען שלאָפען. קיין שעניקעס האָבען דאָרט ניט געפעלט, האָב איך טאַקע שוין געהאַט וואו אַרומצושפרינגען. פאַר דעם אָבער האָב איך שוין באַקומען אַ פאַרציע אַהיים קומענדיג.

דער פעטער יאָסעלע האָט שוין געהאַט חתונה געהאַט מיט דער מומע רחל׳ע און האָט געוואוינט מיט דעם זיידען. ווי נאָר כ׳בין אַריין אין שטוב, קוקט מיך אַזוי אָן די מומע רחל׳ע און גיט מיך אַ פרעג וואו כ׳בין געווען אַ גאַנצען טאָג. דערצייל איך איר וואָס איך האָב אַלץ געזען און ווי די אַרבייטער שלאָפען אויף דעם פּיעקעליך. גיט זי אַ מאַך מיט דער האַנד און זאָגט צו מיר:

— אָ, יאָ, כ׳קאָן זען, זעליקעל, וואו דו ביזט געווען. אוי, אַ קלאָג צו מיר! כ׳האָב מורא דו האָסט צופיל מעהל אַהיים געברענגט. מען וועט דיך מוזען אַריינוואַרפען אין ווייסעל אַריין.

הכלל, וואָס זאָל איך פאַרציילען? זי האָט מיך אָבגעצויגען אַזוי ווי כ׳בין געבוירען געוואָרען און מיין גאַנץ אָנטועכץ אַוועקגעוואָרפען, און מיך אַרומגעוואַשען און אָנגעטון אַלץ פריש.

פון דאַמאָלט אָן האָב איך מיך שוין געהיטען פאַר דעם פּיעקעליק. איך מוז דאָ באַמערקען וואָרום האָט דאָס די מומע רחל׳ע געמוזט טון און ניט מיין מאַמע. דאָס איז געווען ווייל מיין מאַמע איז געווען שטענדיג אַ קראַנקע. זינט דער שרפה, ווען מען האָט איר געמוזט אַדורכנעמען דורך דעם פענסטער, ווען זי איז געווען אין קינפּעט מיט ראובנ׳ען, איז זי שלאַף געוואָרען און אַזוי האָט זי שוין אַלעמאָל באַקומען אַטאַקעס. נאָר באַלד ווען ס׳האָט איר די אַטאַקע אָבגעלאָזט איז זי געווען אַ פריילינכע און אַ גרויסע בריה, און געקענט זער גוט קאָכען און באַקען. נאָר אַזוי ווי איך בין שטענדיג געווען ביי מיין באָבע חוה איז די מומע רחל׳ע געווען צו מיר אַזוי ווי אַ מאַמע. זי פלעגט מיך וואַשען און צוואָוגען. זי איז געווען אַ מערקווירדיג פיינע פרוי. ליידער איז זי יונג געשטאָרבען און דער פעטער יאָסעלע האָט נאָך אַמאָל חתונה געהאַט. באַלד נאָך דער חתונה איז ער אַהער געקומען צו מיר אין לאָנדאָן. איך דערמאָן דאָס ווייל גראָדע דאַרף איך אין צוויי וואָכען נאָך חנוכה פאָרען נאָך לאָנדאָן צו זיין טאָכטער׳ס חתונה, וואָס דער פעטער יאָסעלע האָט געהאַט אין לאָנדאָן מיט זיין צווייטער פרוי. אַ זון זיינער האָט שוין לאַנג חתונה געהאַט. ווען איך וועל האַלטען ביי דעם ווען איך בין שוין געווען אין לאָנדאָן וועל איך האָבען מער צו שרייבען פון מיינע געסט. דערווייל מוז איך מיך צוריקקערען צו דעם שטיבעל פון ר׳ לעמל בעקער. דאָרטען האָב איך געדאַווענט אַ שיינע פּאָר יאָר מיט דעם טאַטען, וואו מ׳פלעגט פּראַווען שלש סעודות און מלוה מלכה מיט ווייניג עסען נאָר אַ סך צו זינגען, זינגען זמירות. דער טאַטע איז געווען דער בעל תפילה און הויפּט בעל מנגן וואָס ער האָט איבערגענומען פון דעם ר׳ יוסף חיים׳ן, דעם רבינ׳ס שווער, און נאַטירליך בין איך געווען דעם טאַטענ׳ס צוהעלפער צו׳ם זינגען.

עס איז אָבער עפּעס פאָרגעקומען מיט דעם צפת׳ער רבי׳ן און דער טאַטע איז אָבגעפאַלען פון אים און גאָר אָנגעפאַנגען צו פאָרען נאָך ראדזמין צו דעם רבי רב יעקל׳ע ז״ל. איך דערמאָן מיך ווי איינמאָל בין איך מיט׳ן טאַטען מיטגעפאָרען נאָך ראדזמין. דאָס איז געווען אויף יום טוב שבועות. ווי נאָר מען איז אָנגעקומען אין ראדזמין איז מען פאַרפאָרען צו ר׳ גדליה אין האָטעל אַריין. דאָס איז געווען שוין איינמאָל אַ האָטעל! וויפיל עס איז געקומען פון די חסידים איז געווען פלאַץ וואו צו שלאָפען. איך געדענק נאָך גאַנץ גוט ווי איך בין געשלאָפען אין אַ קליין בעטעל מיט נאָך אַ דריי־פיר חסידים צוזאַמען. אַ גרויסער נס איז געשען ווען איך האָב מיך אין דער פרי אויפגעכאַפּט און זיך געפונען גאַנץ און ניט צוקוועטשט ווי אַ פלעצעל און מיט בײדע פיס.

דער רבי אַליין האָט אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. ער איז מיר פאָרגעקומען ווי אַ הימעל מענש. אַ שיין קול׳כעל צו׳ם זינגען האָב איך געהאַט, נו, האָט מען מיך באַלד אַריינגענומען נעבן צו׳ם טיש. ווען ניט וואָלט איך קיינמאָל ניט געקענט זען וואָס ס׳טוט זיך ביי׳ם טיש, ווייל אויסער די וואָס זיינען געזעסן ביי׳ם טיש צונויפגעקוועטשט ווי הערינג, זיינען נאָך מער חסידים געשטאַנען אַרום דעם טיש, איינער אויפ׳ן צווייטן. הכלל, עס האָבן ווידער באַדאַרפט געשען נסים דאָס ס׳זאָל קיינער ניט אַוועק׳חלש׳ן פון ענגשאַפט. און ווען ס׳איז געקומען צו׳ם שיריים כאַפּן איז עס געווען טאַקע „כל דאלים גבר". ווער ס׳איז געווען שטאַרקער דער האָט געקענט כאַפּן, אַז ניט איז מען געבליבן אָן שיריים. פאַר דעם אָבער איז געווען בעסער פאַר די וואָס זיינען געזעסן ביי׳ם טיש, ווייל זיי האָבן געהאַט טאָפּעלטע חלקים. דאָס וואָס זיי האָבן אַליין געקאָנט כאַפּן און דאָס וואָס איז אַרויפגערונען אויף זיי פון די וואָס זיינען געשטאַנען איבער זיי. און געכאַפּט האָט מען דאָך מיט די בלויזע הענד די געקאָכטע פיש און קוגעל וואָס איז געווען גאַנץ פעט, און אַזוי ווי מ׳האָט געהאַלטן אין האַנד איז דאָך אַדורכגערונען דורך די פינגער אויף די וואָס זיינען געזעסן.

ווען כ׳האָב געזען אַז מען כאַפּט האָב איך אויך געכאַפּט. כ׳האָב אָבער ניט געהאַט אין וואָס די הענד אָבצואווישן. פאַר מיר איז דאָס געווען אַ פיינע פאַרוויילינונג. איך האָב דאַמאָלט אויך געזען דעם רבינ׳ס זון ר׳ מענדלען, דער וואָס האָט שפּעטער געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין וואַרשאַ אין כלל זאַכען. ער איז נאָך דאַן געווען גאָר יונג און אויסגעזען זער שיין. ער איז געווען אַ הויכער און זער דיק. האָט מיר מיין טאַטע געזאָגט דאָס זיין פאָטער, איידער ער איז געוואָרען רבי איז אויך אַזוי דיק געווען, נאָר גלייך ווי ער איז געוואָרען רבי איז ער איבער נאַכט געוואָרען גאָר אַן אַנדערער, דין, אויסגעבלייכט, מיט אַ איינגעפאַלען פּנים.

ר׳ מענדעלע איז געווען אַ לעבעדיגער יונגערמאַן. ס׳איז געווען היימליך מיט אים צו פאַרברענגען צוזאַמען מיט די חסידים. קיין קינדער האָט ער ניט געהאַט און איך האָב געהערט רעדענדיג דאָס ווייל ער איז צו פרום דאַריבער האָט ער קיין קינדער ניט.

עס איז אויך דאַמאָלט געווען אַ בחור שמחה׳לע, נאָך גאָר אַ יונג אינגעל, וועלכען מען האָט שוין גערעדט שידוכים.

בכלל האָט דאָס גאַנצע לעבען אין ראַדזמין אויף מיר געמאַכט אַ לעבעדיג און פריילין איינדרוק. איך האָב אַ סך פאַרבראַכט אין ראַדזמינער שטיבעל אין וואַרשאַ, ווייל עס איז געווען אין הויף וואו דער זיידע נפתלי האָט געוואוינט. ר׳ יוסף מלך, אַ עלטערער איד, זער אַ פיינער חסיד, אַ צוגעלאָזטער מענש, וועלכען אַלע האָבן ליב געהאַט פאַר זיינע חסיד׳ישע גלייכווערטלאַך, איז דאָרט געווען דער גבאי. ער איז אויך געווען אויף מיין חתונה און מיך געבעטען איך זאָל נאָך דער חתונה ביי אים דאַווענען. ער האָט נאַטירליך געהאַט אַן אורזאַך מיך צו בעטען דאַווענען ביי אים ווייל דער ראַדזמינער רבי האָט אים געמאַכט פאַר גבאי אין דעם שטיבעל אום דאָס ער זאָל האָבן פון וואַנען

צו לעבען. ער איז געווען דער אייגענטימער פון שטיבעל. אין ווארשא זיינען צו יענער צייט געווען אַ סך אַזעלכע פּריוואַטע שוהלען אַלס קוועלע פאַר פּרנסה. ס׳איז נאַטירליך אין אַזאַ מין שוהל קיינמאָל קיין מחלוקת ניט געווען איבער גבאות, אָדער אַזוי איבער אַן עליה, ווייל דער גבאי פון אַזאַ שוהל האָט שוין געזען יעדען איינעם צו באַהאַנדלען מיט דרך ארץ און געטיילט כבוד אָדער כבודים אויף אַ פיינעם אופן. און אַזאַ מין פּלאַץ איז אויך געווען דאָס ראדזמינער שטיבעל. איז דערפאַר ניט קיין וואונדער וואָס דער אַלטער גבאי ר׳ יוסף מלך האָט מיך געבעטען ביי אים צו דאַוונען נאָך דער חתונה, ווייל ס׳האָט געמיינט נאָך אַ קונדע צו׳ם געשעפט.

פונדעסטוועגען בין איך גאַר געוואָרען נאָך דער חתונה אַ זוואליבער חסיד, ווייל די זוואלינער חסידים האָבען אויף מיר געמאַכט אַ בעסערען איינדרוק. זייער שיין דאַוונען מיט זייערע לעבעדיגע נגונים האָבען מיך באַגייסטערט. ווען איך דערמאָן זיך נאָך אַצינד פון זייער דאַוונען בענקט זיך נאָך אַמאָליגע יונגע יאָרען. ספּעציעל אַז עס איז געקומען אַ יום טוב איז באַלד ווי דער בעל תפילה איז צוגעגאַנגען דאַוונען מעריב, האָט ער געגעבען אַ קלאַפּ אויף אַ מאָרש און געזונגען ויאתיו, דאָס עס האָט זיך געדוכט אַז מלאכים זינגען מיט. איבערהויפּט ראש השנה נאָך מעריב. דעם קדיש האָט מען געזונגען מיט אַזאַ מין לעבעדיגקייט און באַלד ווידער נאָכ׳ן קדיש האָט מען געזונגען אַ פריילי־כען ניגון, אַז עס האָט זיך אָנגעהויבען טאַנצען אַרום דעם באַלעמער מיט אַזאַ מין התלהבות דאָס מען האָט פאַרגעסען אין אַלע זאָרגען און צרות, און ס׳האָט זיך געפילט דאָס מען איז שוין געהאָלפען. מ׳האָט ניט אַזוי פיל געוויינט ווי ביי אַנדערע חסידים און געקרעכצט און געקוועטשט זיך, נאָר ס׳איז געווען לעבע־דיג. מען האָט גענומען אויף זיכער דאָס דער ״רבונו של עולם״ וועט העלפען זיינע צאן קדשים.

איך וועל קיינמאָל אין מיין לעבען ניט פאַרגעסען דעם ראש השנה ביי־נאַכט, ווען כ׳בין אַהיים געגאַנגען פון דאַוונען. איך האָב זיך געפילט ווי אַ נייע נשמה וואָלט אין מיר אַריין. מען קען דאָס פאַרשטיין נאָר ווען מען מאַכט דאָס מיט. כ׳האָב געפילט ווי אַלע מיינע זאָרגען זיינען פאַרשוואונדען און גע־ווען שטאָלץ מיט דעם, וואָס איך בין אַ איד.

איך וועל נאָך שרייבען וועגען די זוואלינער חסידים ווען איך וועל האַל־טען ביי דעם בלעק לייאָן יאַרד שטיבעל אין לאָנדאָן אין צווייטען טייל.

ז.

## איך קריך דורכ׳ן קוימען

איך בין דאַמאָלט אַכט אָדער ניין יאָר אַלט געווען. דאָרט, וואו דער זיידע נפתלי האָט געוואוינט, אויף גענשע גאַס, האָט מען אין הויף אויפגעמויערט אַן אפעצינע פון פינף שטאָק הויך. עס איז שוין געווען דער דאַך געלייגט נאָר

קיין פּאָדלאָגעס זיינען נאָך ניט געווען. דער זיידע האָט שוין געהאַט געדונגען דעם גאַנצען אינדערנידער. עס איז געווען צען פענסטער די לענג און אין ביידע זייטען איז געווען אַריינצוגיין אין איין זייט. נענטער צו׳ם טויער איז געווען דער פּאַראַדנער אַריינגאַנג, און אין דער צווייטער זייט אַרויף העכער דעם הויף איז געווען אַריינצוגיין צו דער קיך און אויך פאַר די אַרבייטער.

געוועגליך האָב איך מיך שוין געפילט דאָרט ווי אַ בעל הבית. אַלעס האָב איך געמוזט באַקוקען און אַלעס וויסען. איינמאָל גיב איך אַ זאָג צו מיינע חברים דאָס איך וועל אַרויף אויפ׳ן דאַך און כ׳וועל אַדורכקריכען דורכ׳ן קוי־מען. גערעדט און געטון. כ׳בין שוין אויפ׳ן דאַך און לאָז זיך אַריין אין קוימען. ווייזט זיך אָבער אויס דאָס דער קוימען איז ניט געווען אַזוי געראַם ווי איך האָב גערעכענט. בין איך געבליבען שטעקען אין דער מיט און ניט געקענט זיך אַ ריר טון ניט אַראָב און ניט אַרויף צוריק. נאַטירליך איז פאַר מיר ניט געווען קיין פּלאַן צו וואַרטען. האָב איך גענומען מיט אַלע מיינע כחות צו אַר־בייטען איך זאָל זיך אַדורכקוועטשען, ביז כ׳האָב באַוויזען זיך אַדורכצושטו־פּען. ס׳איז אָבער געווען מיט אַזאַ קראַפט דאָס איך בין געבליבען שטיין אויפ׳ן בעליק האַרט נעבען דער וואַנד. און ווען איך גיב זיך ניט געשווינט אַ בויג צוריק מיט דעם קערפּער מיינעם וואָלט איך געוויס אַראָבגעפאַלען ביז אין קעלער, דאָס הייסט זעקס שטאָק פון דער הויך. האָב איך מיך אַזוי צוגעשאַרט ביז דער טיר און געשווינט מיט די שטיגען אַנטלאָפען.

מיינע חברים זיינען נאָך פריער אַנטלאָפען. זיי האָבען ניט געוואָלט וואַר־טען צו זען וואָס ס׳וועט זיין. אָט דאָס איז געווען אַ ריכטיגער נס מין השמים, ווארום איין האָר האָט געפעלט אַראָבצופאַלען אין קעלער אַריין. ווען איך בין דערנאָך אַהיים געקומען האָב איך פאַרציילט דאָס איך האָב געהאַט אַ גרויסען נס און ווען איך וועל בר מצוה ווערען, האָב איך געזאָגט, וועל איך גומל בענ־שען. מ׳האָט פון מיר ניט געקענט אַרויסקריגען וואָס דער נס איז געווען ביז כ׳בין געוואָרען בר מצוה און געבענשט גומל. ערשט דאַן האָב איך פאַרציילט וואָס ס׳איז געווען.

נאָך דער געשיכטע, ווען דאָס הויז איז פערטיג געוואָרען האָט זיך דער זיידע אַריינגעצויגען אין דער נייער וואוינונג מיט דער פעטער יאָסעלען און דער טאַטע איז אויך אַריין אין דעם געשעפט, און אַלע דריי פאַמיליעס האָבען געלעבט צוזאַמען. דער טאַטע האָט געהאַט אין הויף דערנעבען אַ באַזונדערע דירה צו׳ם שלאָפען, און אין דער וואוינונג האָט ער געהאַט אַן אַלקעריל דאָס ווען די מאַמע קריגט איר אַטאַקע זאָל זי קענען בלייבען שלאָפען אין דעם אַל־קעריל און ניט דאַרפען צו גיין אַהיים. נעבען דעם אַלקעריל אין דעם פּשעט־פּאָקוי, ווי מען איז אַריינגעקומען בין איך געשלאָפען מיט מיין ברודער לייב. פון דאָרט איז מען אַריין אין דער קיך, זער אַ גרויסע צימער. דאָרטען האָט מען געקאָכט און אויך געאַרבייט. עס זיינען געשטאַנען אייניגע דרייבענק צו טאַטשען די הענטלאַך. עס זיינען געווען אין דער קיך אַ סך אַרבייטער. דער־נעבען איז געווען אַ שטוב וואו עס איז געשטאַנען אַביסעל מעבעל און ביי׳ם

פענסטער איז געשטאַנען אַ גרויסער טיש וואו עס זיינען געזעסן די שני־צערס. עס איז דאַמאָלט געווען אין דער מאָדע אַזעלכע הענטלאַך צו די פּאַראַסאָלען מיט געשניצטע פויגעל און האָזען און נאָך אַזעלכע שניצערייען. דער טאַטע איז געווען אַ קינסטלער אין דער שניצעריי, און דער פעטער יאַ־סעלע איז אויך געווען זער געשיקט צו דער אַרבייט. ס׳זיינען אויך געווען אַ סך פרעמדע שניצערס, גוטע אַרבייטער. דער זיידע, געדענק איך, פלעגט טיילמאָל פאָרען נאָך דייטשלאַנד קויפען טייערע געהילצען און אויך מוסטע־רען פון הענטלאַך מ׳זאָל זיי נאָכקאָפּירען.

אין דער זעלבער שטוב איז אויך געווען אַ עס־טיש ביי וועלכען אַלע פלעגען עסען. דאָס האָט געזאָלט הייסען די עס-שטוב, אָבער דאָס איז נאָר גע־נוצט געוואָרען אויף שבת, ווען אַלעס איז געוואָרען אויפגערוימט פון דער אַרבייט און פאַרדעקט. נאָך דער שטוב איז וויטער געווען אַזאַ צימער, וואו אַנטקעגען דעם פענסטער גאָר אין עק ביי דער וואַנד זיינען געשטאַנען צוויי בעטען, דאָס האָט געזאָלט הייסען דעם זיידענ׳ס שלאָף צימער. אָבער אַחוץ די בעטען זיינען געשטאַנען איבער דער גאַנצער שטוב ניי מאַשינען, וואו עס זיי־נען געזעסן אַ סך מיידלאַך און האָבען גענייט די דעקען פאַר די פּאַראַסאָלען, וויל מען האָט געמאַכט צוזאַמען מיט די הענטלאַך און שטעקענס אויך די גאַנצע פּאַראַסאָלען. עס איז געווען אויף אַ גרויסען מאסשטאב, אַ האַרטאַוונע גרויס געשעפט. אַ אַנדער צימער האָט געדינט אַלס לאַגער, וואָס איז באַשטאַ־נען אין פאַרמאַכטע שענק מיט פאַכען אויף צו האַלטען אַלע סחורות פון זייד און אַנדערע מאַטעריאַלען, אַ שנייד טיש אויף צוזשניידען די דעקען פאַר די מאַשינערקעס צו נייען. אין נאָך אַ צימער האָט מען געהאַלטען די דראָטענע געשטעלען, וואָס מ׳האָט אַליין צונויפגעבונדען פאַר די פּאַראַסאָלען, דאָן איז שוין געווען אַ שטוב צו האַלטען די פאַרטיגע סחורה, און אויך צו פּאַקען און צו פירען די ביכער, און צולעצט איז שוין געווען אַ צימער וואָס האָט געהיי־סען די "סאַלע", מיט אַ זאָפע, געבעטע שטולען און קליינע טישלאַך. דאָס איז געווען אויפצונעמען געסט און דערנאָך איז שוין געווען דער "פּשעטפּאָקוי" וואו מען איז אַריינגעקומען פון דעם פּאַראַדנעם אַריינגאַנג און אין דער זייט איז געווען אויך אַ אַלקעריל וואו עס איז געווען דעם פעטער יאַסעלע׳ס שלאָף צימער.

די קונדען פלעגען קומען איינמאָל אין יאָר פון רוסלאַנד, צו מערסטענס פון אָדעס. דער סעזאָן האָט זיך געשטעלט פאַר פורים און אַ גאַנצען ווינטער האָט מען געאַרבייט אָנצוגרייטען סחורה אויף לאַגער, און נאָכ׳ן סעזאָן פלעגט דער טאַטע פאָרען איינמאָל אין יאָר נאָך יארמעלינעץ. דאָרטען איז געווען אַ גרויסער יאָריד, פיר וואָכען האָט ער אָנגעהאַלטען. אין דער צייט וואָס דער יאָ־ריד האָט אָנגעהאַלטען פלעגען געשלאָסען ווערען שידוכים און ס׳זיינען אויך געקומען די וואָס האָבען זיך געקליבען חתונה האָבען כדי איינצוקויפען זייער אויסשטייער.

וויפיל סחורה עס פלעגט איבערבלייבען פון סעזאָן האָט דער טאַטע פאַר־

קויפט אויף דעם יאַריד פון יאַרמעלינעץ. די קונדען וואָס האָבען געקויפט סחורה, האָבען קיינמאָל ניט געגעבען קיין מזומן, נאָר וועקסלעך פון זעקס ביז נײַן מאָנאַטען און טיילמאָל אויף אַ גאַנץ יאָר. טאָ וואו האָט מען גענומען געלד אָנצוגיין אין געשעפט? מען האָט דאָך באַדאַרפט צו לעבען און צאָלען שכירות צו די אָנגעשטעלטע. איז שוין געווען אַזאַ מין געשעפט מיט אַזעלכע אידען, ליידיג־גייערס זיינען זיי געווען, מעקלערס, און זיי האָבען שוין געהאַט די רייכע איידימלאַך, וואָס האָבען געקראָגען גרויסע נדנ׳ס און מער ווי קוועטשען די בענק האָבען זיי ניט געקענט. האָבען זיי דיסקאָנטירט די וועקסלאַך. עס האָט זיך נאַטירליך געוואונדעט ווער דער קונדע איז געווען. עס זיינען געווען דרייערליי קונדען. די ערשטע האָט מען באַטראַכט פאַר פרימא. זייערס אַ וועקסעל איז געווען גרינג צו דיסקאָנטירען אין אַ קליינעם פּראָצענט. די צווייטע קאַטעגאָריע איז געווען האַלב פּרימא, איז שוין געווען אַ גרעסערען פּראָצענט צו צאָלען. ס׳איז אָבער געווען אַ דריטע קאַטעגאָריע וואָס זייערס אַ וועקסעל איז שוין אָנגעקומען שווער צו דיסקאָנטירען און מ׳האָט געמוזט געבען אַ גרויסען פּראָצענט.

דער גאַנצער האַנדעל אין וואַרשאַ איז געשטאַנען אויף הינערשע פּיסלאַך. ס׳איז געווען אַ געשעפט מיט וועקסלאַך אַהין און וועקסלאַך אַהער. ניט אומזיסט האָט מען די אידען גערופען לופט־מענשען, ווייל עס איז ניט געווען קיין שום אידיש געשעפט וואָס זאָל שטיין אויף אַ פעסטען פונדאַמענט. ס׳איז געווען אַזוי ווי מען זאָל אויפשטעלען אַ קאַרטען הויז וואָס מיט אַ בלאָז פון מויל צופאַלט עס. מען האָט געפירט געשעפטען אויף שווערע טויזענדער און פאַרמאָגט האָט מען ניט קיין גראָשען, פונדעסטוועגען האָט מען אַזוי אָרום געלעבט און געדרייט אַ רעדעל ביז דאָס רעדעל האָט זיך ווען עס איז פאַרהאַקט און זיך אָבגעשטעלט. האָט מען אָן צייט צו פאַרלירען אָנגעפאַנגען צו דרייען אַ פריש רעדעל, און אַזוי האָט מען געלעבט יאָרען און חתונה געמאַכט קינדער. דאַן האָבען די קינדער ווידער אָנגעהויבען צו דרייען דאָס זעלבע רעדעל אויף דעם זעלבען אופן ווי דער טאַטע זייערער.

ח.

## איך הויב אָן גיין אין אַ ישיבה

דער ראש הישיבה איז געווען ר׳ לייבעלע חריף, און די ישיבה איז געשטאַנען אונטער דער אויפזיכט פון דער חברה ש״ס, וואָס איז געווען אויף פראַנציסקאַנער גאַס. די חברה ש״ס איז באַשטאַנען אַממערסטענס פון ליטוואַקעס. ס׳איז געווען אַ מקום תורה.

באַלד ווי מען איז נאָר אַריינגעקומען אין חברה ש״ס האָט זיך געפילט אַזאַ מין וואַרימקייט. אַ גייסטיגע וואַרימקייט, אַ תורה וואַרימקייט. די ווענד

זיינען געווען אָנגעזאַפּט מיט אַ מין קדושה פון די לערנערס. ווער עס איז דאָרטען ניט געווען קען ניט האָבען קיין באַגריף וואָס דאָס איז אַזוינס.

ר׳ לייבעלע חריף איז געווען אַ פּוילישער איד און געפירט האָט ער זיך ווי אַ גרויסער רבי פון חסידים. ווען ער איז געגאַנגען אין גאַס איז ער שטענדיג געגאַנגען אין מיטען וועג, נעבען דעם טראָטואַר, ווייל ער האָט מורא געהאַט טאָמער קומט אים אָנטקעגען אין פּנים אַ אשה, אָדער ער זאָל זיך ניט דאַרפען אָנרירען חס ושלום אין אַ אשה. אויסגעבליכט איז ער געווען ווי ער זאָל האַלטען אין איין פאַסטען.

ווען ער האָט מיך פאַרהערט און מיך אָנגענומען, בין איך ניט מער אַלט געווען ווי עלף יאָר. ביי יעדען איז געווען אַ חידוש, ווייל עס האָבען ביי אים געלערענט בלויז בחורים פון דרייצען ביז פופצען־זעכצען יאָריגע.

ווען איך האָב דאָרטען אָנגעפאַנגען צו לערנען איז פּונקט אַרויס אַ גזירה פון דער רוסישער רעגירונג, אַז ערשטענס, דאָרט וואו מען קאָכט אָדער מען שלאָפט, אָדער גאָר אין אַ דעמפּיגען קעלער טאָר קיין חדר ניט זיין. עס מוזען זיין פאַר די תלמידים לאַווקעס, אַזוי ווי אין אַ שקאָלע צו זיצען, ניט אויף פּראָסטע בענק און טישען; און אויך איין שעה אין טאָג מוז ווערען געלערענט רוסיש לעזען און שרייבען ביי אַ ריכטיגען לערער.

ווי קליין און יונג איך בין דאַן געווען האָב איך שוין געוואוסט צו האַסען די רוסישע רעגירונג. פונדעסטוועגען גלויב איך דאָס יעדער איד האָט באַדאַרפט צו זיין דאַנקבאַר צו דער רוסישער רעגירונג פאַר דער גזירה וועגען די חדרים. ווייל ווען איך דערמאָן זיך אַצינד נאָך דעם צושטאַנד פון די חדרים אין מיין צייט, נעמט מיך אָן אַ גרויל. די איינציגע גוטע זאַך איז געווען די קלאַסען איינטיילונג ווייל אַקייגען די לאַנדאַנער מלמדים ווי ס׳איז געווען פריער איז ביי די פּריוואַטע מלמדים געווען זעקס אָדער מער קלאַסען קינדער צוזאַמען. אָבער פון היגיעניש׳ען שטאַנדפּונקט איז דאָס חדר געווען אין וואַרשאַ צו יענער צייט זער שלעכט. די מערסטע חדרים זיינען געווען אין שמוציגע דעמפּיגע קעלערס מיט אַ קליין פענסטערל אונטער דער סטעלע, און דאָרט וואו מען האָט געלערענט האָט די רבי׳צין געקאָכט און דערביי געהאַלטען אין איין שילטען דעם רבי׳ן מיט טויטע קללות. עס איז געווען אַ שאַנדע פאַר די קליינע קינדער דאָס צו הערען. באַזונדערס דער שמוץ וואָס האָט זיך דאָרטען געפונען.

צו יענער צייט זיינען די קינדער געגאַנגען אין חדר אַ גאַנצען טאָג. זיי האָבען ניט אָנגעזען די זון אויסער שבת און יום טוב. זיי האָבען ניט געהאַט קיין סך צייט צו שפּילען זיך, ווייל מ׳האָט דאָך גאַנץ פרי געמוזט גיין דאַווענען. און ווען מען איז אַהיים געקומען און אָבגעגעסען, האָט מען געמוזט אָבוואַרטען דעם מלמד, וואָס האָט באַדאַרפט קומען צו פאַרהערען, וואָס מען האָט איבער דער וואָך געלערענט און מ׳האָט דאָך ניט געוואוסט ריכטיג, ווען דער מלמד וועט קומען. נאָכ׳ן פאַרהערען האָט מען שוין ווייטער געמוזט גיין אין שוהל אָדער אין שטיבעל צו מנחה און מעריב. טאָ ווען איז געווען צייט פאַר קינדער צו שפּילען זיך אַביסעל אויף דער לופט? און ווידער אַ גאַנצע וואָך

האָט דער רבי געהאַלטען איך איין אַריינקלאַפּען אין די קינדערשע קעפּלאַך פון דעם גן עדן און אַממערסטען פון גהינום, וואו מען ברענט און מ׳בראָט יעדען, און מען שמייסט מיט פייערדיגע ריטער, און אויך ווי מען הענגט ביי דער צונג אָדער ביי די פיס מיט׳ן קאָפּ אַראָב.

פון אַזעלכע מעשיות האָט זיך דעם קינד געהאַלטען אין איין חלום׳ן פון ניט־גוטע אַ גאַנצע נאַכט. דאָס קינד האָט קיינמאָל ניט געקענט האָבען קיין רוהיגען שלאָף.

די מלמדים זיינען ניט געווען קיין פּעדאַגאָגען. זיי האָבען ניט פאַרשטאַנען די אייגענשאַפטען פון די קינדער, זייערע תלמידים. די איינציגע זאַך וואָס זיי האָבען פאַרשטאַנען און האָבען זער שטאַרק געהאַלטען דערפון איז נאָר געווען צו שלאָגען, וואו מען האָט געטראָפען. אַזוי ווי די רוצחים זיינען זיי באַפאַלען די קינדער, וואָס האָבען געוואָגט עפּעס צו פרעגען ווייל זיי האָבען געוואָלט פאַרשטיין וואָס מען לערענט מיט זיי. ווער זיינען געווען די מלמדים אויב ניט אַזעלכע, וואָס זיינען דורכגעפאַלען אין מסחר, אָדער וואָס האָבען ניט אָנגעהויבען צו טויגען צו קיין שום זאַך. איז די גאַנצע קונץ זייערע נאָר געווען אין שלאָגען. עס זיינען טאַקע אַ סך קינדער פון די מלמדים קאַליקעס געוואָרען, ווייל זיי האָבען ניט געקוקט וואו זיי קלאַפּען צי אין הינטען אָדער אין קאָפּ.

ביז היינטיגען טאָג קען איך ניט פאַרשטיין וואָרום ס׳האָט באַדאַרפט צו זיין די רוסישע רעגירונג צו מאַכען אָרדנונג אין די חדרים. וואו זיינען דען געווען די וואַרשאַוער בעלי הבתים? עס זיינען פאַרט געווען אין וואַרשאַ צו יענער צייט פיינע אידען און רייכע אויך. וואָרום האָבען זיי צוגעלאָזט צו אַזאַ צושטאַנד?

די קינדער אַליין האָבען זיך אַפילו נוקם געווען אין די מלמדים. צו׳ם ביישפּיל, ווען אַ מלמד איז אַמאָל איינגעשלאָפען ביי׳ם לערנען און דאָס האָט אָפט פּאַסירט, איז געווענליך די לאַנגע באָרד שטענדיג געלעגען אויפ׳ן טיש אויסגעצויגען גלייך זי זאָל זיך ניט חס ושלום צוקנייטשען. האָבען קונדייסים־קינדער פאַרזיכטיג גענומען וואַקס און אַרויפגעלאָזט אויף דער באָרד, אָדער זיי האָבען גאָר צוגעקלאַפּט מיט אַ טשוואָק די פאָלע צו דעם בענקעל וואו דער מלמד איז געזעסען ווען ער איז איינגעשלאָפען.

עס איז שוין גאָר הימליך געווען ווען דער רבי האָט זיך אויפגעכאַפּט און מיטגעשלעפּט דאָס בענקעל. אָדער גאָר אַמאָל האָבען די קונדייסים גענומען אַ קאַץ, אויף די פיסלאַך אָנגעקלעפּט מיט סמאָלע וועלטשענע ניס, און בייַנאַכט, ווען דער רבי מיט דער רבי׳צין זיינען שוין געשמאַק געשלאָפען, האָט מען די קאַץ אַריינגעלאָזען דורך אַ פריערדיגען אויסגערעכענטען פלאַץ, אַזאַ מין פלאַץ וואו מען זאָל קענען די קאַץ אַריינלאָזען אומגעשטערט. עס איז שוין דאַמאָלט געווען גאָר הימליך. דער רבי מיט דער רבי׳צין האָבען זיך אויפגעכאַפּט ניט טויט, ניט לעבעדיג, פאַר שרעק. זיי האָבען געמיינט אַז ניט־גוטע זיינען אין שטוב, ווייל ווען די קאַץ איז אַרומגעלאָפען מיט די ניס אָנגעקלעפּט איז דאָס שוין איינמאָל געווען אַ טעאַטער שטיק.

די פראַגע שטעלט זיך פאַרט: וואו זיינען געווען ר׳ ישעיה אייזענמאַן, דער גביר און גרויסער חסיד, אָדער ר׳ יואל וואַגמייסטער, שוין אַן אויפגע־קלערטער גביר, וואָס האָט גענומען אינטערעס אין אידישער ערציאונג, ווי אויך ר׳ יאָסעלע פּראַגער, און נאָך אַזעלכע הונדערטער גבירים אדירים ? וואַ־רום האָבען זיי געוואַרט אויף דער רוסישער רעגירונג צו מאַכען אין די חדרים אָרדנונג, און דאַן געמאַכט אַ געוואַלד, אַ געשריי געגען דער גזירה? איז דען געווען אַ וואונדער וואָרום די קינדער צו יענער צייט זיינען אַלע גע־ווען בלוט־אָרים, אויסגעבלייכטע? איך געדענק נאָך גאַנץ גוט ווי איך האָב אויסגעזען. מען האָט דאַמאָלט געקענט טרעפען אידען, וואָס זיינען ניט מער אַלט געווען ווי אַ פערציג יאָר און זיי האָבען אויסגעקוקט ווי זיבעציג יאריגע אַלטע לייט.

די איינציגע געזונדע און שטאַרקע אידען וואָס זיינען געווען אין וואַרשאַ, זיינען געווען די טרעגערס. זיי זיינען אין קיין חדר ניט געגאַנגען און דאַרום זיינען זיי געווען שטאַרק ווי אייזען. זיי פלעגען טראָגען אויף זייערע פּלייצעס די גרעסטע משא.

אָבער די חדר אידען זיינען אַרומגעגאַנגען ווי טויטע מענשען, אַן אַ טראָפּען בלוט אין פּנים. דאָס איז אַלץ געווען פון די דעמפיגע, פאַרשטיקטע און אומגעזונדע חדרים. דאַרום האָב איך מיך געפרייט ווען איך בין אַנגענומען געוואָרען ביי ר׳ לייבעלע חריף אין ישיבה. ערשטענס איז דער חדר געווען אויף דעם ערשטען שטאָק, אַ גרויסע שטוב מיט צוויי פענסטער. נאָר פריער, פאַר דער גזירה, איז געשטאַנען טישען מיט בענק, און איצט איז שוין געווען לאווקעס ווען איך האָב אַנגעפאַנגען. פון אויבען איז געשטאַנען אַ קליין טישעל פאַר דעם רבי׳ן, און איןביידע זייטען פון טישעל איז געשטאַנען צו פיר שטענדערס, וואו עס איז געווען צו זיצען פאַר פיר תלמידים. עס זיינען געווען צוויי און דרייסיג תלמידים צוזאַמען. אַנטקעגען דער שטוב וואו מען האָט גע־לערענט איז געווען דעם רבינ׳ס שלאָף צימער און אַנטקעגען דער טיר וואו מען איז אַריינגעקומען איז געווען די קיך, און דער פּשעטפּאַקוי איז געווען אַ גרויסער. אין דעם קיך פלעגט די רבי׳צין באַקען ס׳מערסט קיכלאַך פאַר די תלמידים זיי זאָלען זיך קענען דאָס הארץ דערכאַפּען. ווען ס׳האָט זיך זיי נאָר פאַרגלוסט עפּעס האָבען זיי אַלץ געקענט קריגען. נו, איז טאַקע געווען ביי מיר אַ גאַנצע שמחה ווען איך האָב אַנגעהויבען לערנען אין דער ישיבה פון ר׳ לייבעלע חריף...

## ט.

# ווי עס איז צוגעגאַנגען דאָס לערנען

ווען מען איז גאַנץ פרי געקומען אין דער ישיבה איז דאָס ערשטע געווען זיך צו שטעלען דאַווענען מיט מנין. דאַן האָט מען פאַרקויפט ווער ס׳זאָל דאַוו־נען פאַר׳ן עמוד. דער בחור וואָס איז ניט נאָך געווען בר מצוה האָט געקויפט

פון מה טובו ביז ישתבח, און די בר מצוה בחורים האָבען שוין געקויפט צו דאַוונען שחרית אָדער מוסף. געקויפט האָט מען פון איין גראָשען ביז זעקס גראָשען. דאַן ווידער איז איינער געווען גבאי און מען האָט געטיילט עליות מאָנטאָג און דאָנערשטאָג אַזוי ווי אין אַ ריכטיגער שוהל. פאַרטיג געוואָרען מיט׳ן דאַוונען האָט מען געגעסען אָנבייסען, וואָס מען האָט זיך מיטגענומען, און ביי דער רבי׳צין האָט מען געקראָגען קאַווע און מען האָט געבענשט מיט מנין. דאַן האָט מען זיך גענומען לערנען, און געלערענט האָט מען אין פאַרלאַך. אַלץ איז געווען מיט אַ סיסטעם. אַ בחור וואָס איז געווען שוואַך אין איבערנעמען, איז געזעסען צוזאַמען מיט אַ בעסערען בחור אוןביידע האָבען געלערענט צוזאַמען. פריער האָבען די תלמידים דורכגעלערענט די גמרא און נאַכהער האָט דער רבי געזאָגט דעם שיעור פון דער גמרא מיט די תוספות און מיט׳ן מהרש״א און חידושי הרם. דערנאָך האָבען די תלמידים איבערגע׳חזר׳ט דעם שיעור וואָס דער רבי האָט געזאָגט. דאַן האָט מען ווידער באַדאַרפט אַדורכלערנען די גמרא. אַזוי אַלע טאָג דאָס זעלבע. נאָר דאָנערשטאָג האָט דער רבי יעדען באַזונדערס פאַרהערט אַ גאַנצען טאָג. תנ״ך האָט מען געמוזט אַליין לערנען. מנחה און מעריב האָט מען אויך געדאַוונט מיט מנין אַזוי ווי אין דער פרי, און אַזוי אַרום זיינען די אינגלאַך געוואָרען איינגעוואוינט צו ווערען בעלי תפילות.

ווען מען איז צוריקגעקומען פון מיטאָג עסען איז איידער מ׳האָט זיך געזעצט לערנען, האָט מען אַ שעה צייט געהאַט אַ רוסישען לערער, וועלכער האָט געלערענט רעדען און שרייבען רוסיש.

מען איז דאָך אָבער פאָרט קינדער און ס׳גלוסט זיך אַמאָל אַ שטיף צו טון. איז איינמאָל אַ ביינאַכט אַהיים גייענדיג איז מיט אַמאָל שפּרינגט אַרויס אַ אינגעל פון אַ באַהעלטעניש און הויבט אָן בילען אויף מיר אַזוי ווי אַ הונט. בין איך פאַר שרעק אומגעפאַלען, איז געוואָרען אַ געלויף און די רבי׳צין איז אויך דאָ. זי איז אויך געקומען צולויפען און פרעגט ביי מיר וואָס ס׳איז געווען, און איך ענטפער איר ניט אַזוי ווי איך וואָלט פאַרלוירען דאָס לשון. נעמט מען מיך שוין און מען פירט מיך אַהיים. דער חדר איז געווען אויף נייע מילע גאַס און מיר וואוינען אויף גענשע גאַס. דאָס איז ניט געווען ווייט און די רבי׳צין קומט אויך מיט אַהיים און לייגט מיך אויף אַ בעט און זי נעמט זיך צו דער אַרבייט. צו ערשט נעמט זי אַ בעזים און צוטיילט דעם בעזים עס זאָל זיין אין דער מיט ליידיג, דאַן נעמט זי אַ שיסעל מיט וואַסער און גיסט דורכ׳ן בעזים אין שיסעל אַריין וואַקס. נאַכהער נעמט זי וויטער אַ שטיק זייף און מאַכט דערפון אַ לאַנג צעפּול און שטעקט דאָס אַריין צו מיר פון הינטען גלייך וואו מען דאַרף.

דאָס זיינען געווען צו יענער צייט וואונדערבאַרע רפואות.

הכלל, איך האָב שוין געהאַט אַ יום טוב אַ פאָר טעג, און ווען איך האָב געזען דאָס מען מאַכט פון מיר אַזאַ צימעס, אַלע לויפען אַריין צו מיר און מען ברענגט מיר כל טוב, האָב איך אָפט געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז איך האָב פאַר־

לוירען דאָס לשון. האָט מען זיך פאַר מיר געהיט אַ הויך וואָרט אַרויסצורעדען און ווער שמועסט מיך אָנצורירען מיט עפּעס. ביז היינטיגען טאָג ווייס איך ניט צי עס איז געווען ריכטיג אָדער בלויז געמאַכט. דערווייל האָט מען אַפילו אין דער היים מורא מיך מיט עפּעס צו דערטשעפּען.

ביי ר׳ לייבעלע חריף האָב איך געלערענט ביז אַרום פירצען יאָר, און ביז אַצינד שטייט מיר נאָך דאָס פּנים פון דעם ר׳ לייבעלע חריף פאַר מיינע אויגען. קיין שום אַנדערען מלמד געדענק איך ניט ווי זיי האָבען אויסגעקוקט, ניט אַפילו דער מלמד וואָס האָט מיר מיינע פּיאות געהאַלטען אין איין רייסען, נאָר ר׳ לייבעלע שטייט מיר פאַר די אויגען ביז היינט צו טאָג.

איך געדענק נאָך ווי ר׳ לייבעלע האָט זיך יעדען טאָג אַביסעל צוגעלייגט שלאָפען, אָבער פריער האָט ער אָנגעזאָגט אַ תלמיד ווען מען זאָל אים אויפוועקען, אין פופצען אָדער צוואַנציג מינוטען. ווען ער האָט זיך געלייגט האָט ער זיך זיין פּנים פאַרדעקט מיט אַ רויטע פאַטשיילע און באַלד איינגעשלאָפען. ווען דער תלמיד האָט אים די פאַטשיילע נאָר אַראָבגענומען האָט ער זיך באַלד געגעבען אַ שטעל אויף, פריש, ווידער צו לערנען. אַ אמת׳ער צדיק פון אַ איד איז ער געווען. ער האָט קיינמאָל קיין הויך וואָרט ניט אַרויסגערעדט צו עמיצען. פונדעסטוועגען האָט מען פאַר אים מורא געהאַט, בלויז פאַר זיין קוק. דאַרום איז קיין וואונדער ניט וואָס ער האָט זיך אַזוי איינגעקריצט אין מיין זכרון...

י.

## וואו און ווען קינדער האָבען זיך געשפּילט

געשפּילט האָבען זיך קינדער נאָר אום זומער, ווען די טעג זיינען געווען גרויסע, ווען מען איז אַהיים געקומען פון חדר אויסגעמאַטערטע, אום זיבען אַזייגער פאַר די קליינע אינגלאַך און אַכט אַזייגער פאַר די גמרא אינגלאַך. די שפּילען זיינען געווען „משה טשאַרנע געלאידא״, „געוויקעלטע לייוועגט״, און אַממערסטענס האָט מען געשפּילט אין קליפּע, אַזוי ווי איצט אין באָל. איבערהויפּט האָט מען געהאַט צייט צו שפּילען זיך בין הזמנים, פּסח צייט צוויי וואָכען און ימים נוראים פיר וואָכען. דאַמאָלט זיינען אַ סך פון די מלמדים אַהיים געפאָרען צו זייערע ווייבער אין די קליינע שטעדטלאַך. דאָס איז געווען אַן אַלגעמיינער מלמדים יום טוב. זיי האָבען זיך באַדאַרפט איינשאַפען נייע תלמידים. איז שוין ממילא געווען פאַר די קינדער אַ ריכטיגער יום טוב און מען האָט זיך געלאָזט וואוילגיין. די מאַמעס זיינען געווען פאַרגראַטשקעט מיט ריין מאַכען אויף יום טוב, און די טאַטעס זיינען אויך געווען פאַרנומען מער ווי געווענליך מיט זיך און ניט געהאַט קיין צייט זיך צופיל אומצוקוקען אויף די קליינוואַרג. איז טאַקע געווען לעבעדיג און די קינדער האָבען זיך אָבגעגנומען פאַר דער גאַנצער צייט.

פורים האָט מען זיך גאָר געלאָזט וואוילגיין. מ׳האָט זיך פאַרשטעלט, איי־נער פאַר מרדכי׳ן, אַן אַנדערער פאַר המן. מען איז אַרומגעגאַנגען פון איין הויף צו׳ם צווייטען. איך האָב מיך אויך פאַרשטעלט ווי אַנדערע אינגלאַך, נאָר איך האָב דאָס געמאַכט ריכטיג. כ׳האָב געמאַכט אַ פּאָר הויכע שטאלצען, האָב זיי צוגעבונדען אין דער הויך פון פוס און נעבען קנאכעל, און אַרויפגעצויגען דעם טאַטענ׳ס הויזען מיט די קאַפּאָטע און אויך אַ מאַסקע מיט אַ גרויסער באָרד. אַזוי בין איך געגאַנגען דורך דער גאַס מיט אַ שטעקען אין האַנד, צו מיין פעטער אליה גינגאָלד און מומע מרים. זי איז געווען די באָבע לאה׳ס אַ שוועסטער. זיי האָבען געוואוינט ניט וויט פון זיידע נפתלי אויף גענשע גאַס. איך בין איינער אַליין אַרויפגעגאַנגען, ווען מען האָט געהאַלטען ביי דער סעודה פון פורים און כ׳האָב געזונגען פורים לידער, און זיי האָבען מיך ניט דערקענט, ביז זיי האָבען מיך שטאַרק געבעטען איך זאָל אַראָבנעמען די מאַסקע. ווען זיי האָבען דערזען ווער איך בין האָבען זיי אָנגעהויבען שטאַרק צו לאַכען.

דער פעטער אליה האָט זיך אָנגערופען צו מיר:

— פאַר דעם וואָס דו האָסט זיך אַזוי פיין פאַרשטעלט, ווען דו וועסט בר מצוה ווערען, וועל איך דיר מאַכען אַן אַטלעסנע קאַפּאָטע פון בעסטען סאָרט.

אַזוי איז טאַקע געווען. ווען כ׳בין געוואָרען בר מצוה האָט מיר דער פעטער אליה געמאַכט אַ שיינע אטלעסענע קאַפּאָטע.

ווינטער זיינען די קינדער געווען פאַרנומען מיט גליטשען זיך גייענדיג צו׳ם חדר און קומענדיג צוריק אַהיים. ניט איין אינגעל האָט געקראָגען געשמיסען צוליב דעם גליטשען זיך. אָבער ס׳האָט ניט געהאָלפען. מ׳האָט צוגענומען די שמיץ און זיך ווייטער געגליטשט.

אַ באַזונדערער אינטערעס איז געווען פאַר די קינדער די ראַבוניקס. צו יענער צייט, יעדעס מאָל, ווען ס׳איז געוואָרען אַ געשריי, אַז מען ריכט זיך אויף אַ ראַבוניק, איז מען שוין ניט געגאַנגען שלאָפען אַ גאַנצע נאַכט נאָר מען האָט זיך געשטעלט אין טויער פון הויף. מ׳האָט זיך ניט געוואָלט פאַרלאָזען אויף דעם סטרוזש פון הויף ווייל ער איז דאָך אויך געווען אַ פּאָליאַק. האָט מען אים ניט געוואָלט געטרויען דאָס ער וועט ניט אַריינלאָזען די ראַזבוניקעס. האָט יעדער איינוואוינער פון הויף גענומען אין האַנד אַריין וואָס נאָר מ׳האָט געקראָגען, אַ דראָנג, אַ האַק, אָדער גאָר אַ שטאַבע, און מ׳האָט זיך געשטעלט אין טויער צו זיין גרייט. נאַטירליך האָב איך אויך גענומען אין האַנד אַריין אַ דרענגעל און געוואַרט גלייך מיט אַלעמען, אַז טאָמער וועלען נאָר די ראַזבוניקעס קומען זאָל מען זיי מכבד זיין.

אַזוי איז מען אָבגעשטאַנען איינינע נעכט ביז עס איז איבערגעגאַנגען דער קלאַנג פון ראַבוניק. דערווייל איז מען די דאָזיגע נעכט ניט געגאַנגען שלאָפען ביז ס׳האָט אָנגעהויבען צו טאָגען. אַזוי איז כסדר געווען אַלע פאַר מאַנאַטען. האָט מען געהאַט צו טון מיט די ראַבוניקעס, וואָס די פיינע פּאָליאַקען האָבען געהאַלטען אין איין איבער׳חזר׳ן.

יאָ, עס איז געווען אַ היימליך לעבען אין וואַרשאַ אין מיין צייט...

יא

# איך הויב אן לערנען אין בית המדרש

פון ר׳ לייבעלע חריף בין איך שוין מער ניט אין קיין חדר געגאַנגען נאָר איך האָב שוין געלערענט פאַר זיך אַליין אין וואלינער בית המדרש אויף נאַלעווקעס. דאָרט זיינען געווען בלויז ליטווישע אידען, פיינע האַנדעלס מענשען און וואָיאַזשארען. אין חברה ש״ס איז געווען פאַר מיר צו הויך צו לערנען. דאָרטען בין איך נאָר בלויז אַמאָל אַריין הערען ווי מען לערענט. כ׳האָב אויך געלערענט אין יארשעווקעס בית המדרש אויף פראַנציסקאַנער גאַס. דאָרטען האָט מיך געגלוסט צו לערנען זומער צייט ווייל נעבען דעם בית המדרש איז געווען אַ מקוה, און ווען ס׳איז מיר געוואָרען אַביסעל צו הייס בין איך גלייך אַריין אין דער קאַלטער מקוה און האָב זיך דורכגעשווימט אַביסעל, האָט מען ווייטער געקענט לערנען מיט חשק.

אין בית המדרש האָב איך מיר שוין אָבגענומען פאַר דער גאַנצער צייט וואָס איך בין פאַרשוואַרצט געוואָרען אין די חדרים. איך בין אויך איינמאָל אין וואָך אויפגעווען אַ גאַנצע נאַכט, דאָס איז געווען יעדען דאָנערשטאָג, אַזוי ווי אַנדערע בחורים. דאַמאָלט איז גאָר געווען היימליך. מען האָט געהאַלטען אין איין בראָטען קאַרטאָפעל און מען האָט געשניטען הערינג אַזוי ווי אין פסוק שטייט. ווער שמועסט אַז ס׳איז געקומען נאָך סכות פלעגט גאָר ווערען אין בית המדרש פריילעך. עס איז דאַמאָלט געוואָרען אַ טאַראַראַם מיט פריזיוו ווען מען האָט זיך באַדאַרפט שטעלען צו׳ם מיליטער. יונגעלייטלאַך וואָס האָבען געגעסען קעסט האָט זיך ניט געגלוסט אויפצוגעבען די פיינע קעסט פאַר דער שיסעל מיט קאַפוסטע, וואו מ׳זעצט זיך אַרום מיט פראָסטע כאַכלעס צו עסען פון דער זעלבער שיסעל. ווען זיי האָבען אָנגעהויבען צו פייניגען זיך אום זיי זאָלען ניט טויגען צו׳ם מיליטער, פלעגען זיי פאַרברענגען יעדער נאַכט אין בית המדרש, געזעסען און זיך דערציילט מעשיות און אויך געלעזען מעשה ביכלאַך. צו׳ם לערנען האָבען זיי קיין קאָפ ניט געהאַט. איז טאַקע אין בית המדרש היימליך געווען, אַ גאַנצער יאָריד פון די דאָזיגע מעשה ביכלאַך. ביי׳ם טיר פון אַריינגאַנג זיינען געזעסען ביי אַ טיש צוויי אידען, סוחרים מיט מעשה ביכלאַך, און האָבען געמאַכט גוטע געשעפטען. זיי האָבען אויך געהאַט צו פאַרקויפען ספרים׳לאַך. געוועגליך האָב איך אויך מיר געקויפט אַמאָל אַ ספר׳ל און אויך אַמאָל אַ מעשה ביכעל. איך האָב נאָך אַצינד איניגע ספרים׳לאַך פון יענער צייט וואָס איך האָב מיר איינגעהאַנדעלט.

אַזוי האָב איך אָבגעלערענט אין בית המדרש ביז פופצען יאָר, און דערנאָך האָב איך שוין געלערענט האַלבע טעג, ביז מיטאָג, און פון מיטאָג אָן האָב איך שוין צוגעהאָלפען ביי דער אַרבייט. ווען כ׳האָב נאָר אָנגעפאַנגען צו אַרבייטען האָב איך אין דעם האַלבען טאָג מער איבערגעיאָגט די אַלטע אַרבייטער. איך האָב פאַראַרבייט אין דעם האַלבען טאָג מער ווי דריי אַרבייטער

וואָלטען געמאַכט אין אַ טאָג. אַזוי געשווינד בין איך געווען. דער טאַטע האָט מיך גערימט פאַר אַלעמען דאָס איך פאַרדין פופצען רובעל אַ וואָך, נאָר געגעבען האָט ער מיר בלויז אַ האַלבען רובעל, פרייטאָג, כ׳זאָל האָבען צו גיין אין מקוה אָדער אין שוויץ באָד אַריין. דאָס האָט געזאָלט הייסען טאַשען געלד.

יב

# מיין ערשטער פאטש וואס איך האב געגעבען

געווען איז דאָס נאָך דעם ווען „די צען פענסטער“ זיינען צופאַלען געוואָרען. דער זיידע האָט געהאַלטען אין איין שרייען דאָס מען האָט אים אַן עין הרע געגעבען. עס איז אָבער קיין עין הרע ניט געווען נאָר גאַנץ פשוט, אַביסעל וועקסעלאַך זיינען ניט געצאָלט געוואָרען וואָס מ׳האָט געהאַט דיסקאָנטירט. קיין גרויסען קאַפּיטאַל האָט מען דאָך ניט געהאַט. מען האָט געקראָגען וועקסלאַך און מען האָט געגעבען וועקסלאָך, און שיין געלעבט האָט מען. מען האָט דאָך געמוזט פירען שטאָט, אַ ראָלע אַ גרויסע, אום צו האָבען אַ גרויסען נאָמען מ׳זאָל אַנטקעגען טראָגען גרויסען קרעדיט. אַז עס זיינען ניט געצאָלט געוואָרען אייניגע וועקסלאַך האָט מען דאָך געמוזט צוריקצאָלען, איז מען דאָך דורך דעם געדריקט געוואָרען אין מזומנים. אַז די בעלי חובות האָבען אויסגעפונען דאָס מען איז געדריקט אין קליין געלד, האָבען זיי נאָך מער גענומען פּרעסען ווי געוועינליך און נאָך דערצו ווען מען האָט געהערט אַז די וועקסלאַך וואָס זיינען ניט געצאָלט געוואָרען זיינען פון די פּרימאַ סוחרים, האָט דאָס גאָר געמאַכט אַ שלעכטען איינדרוק און „די צען פענסטער“ האָבען געמוזט פּלאַצען.

דער זיידע נפתלי מיט דעם פעטער יאָסעלע האָבען אָנגעפאַנגען פון אָנהויב נאָך אַמאָל ווי פריער, קליין, בלויז צו מאַכען די העגטלאַך פאַר די פּאַראַסאָלען, און זיי האָבען געדונגען אַ דירה אין אַ ווינקעל פון הויף, צוויי גרויסע שטובען און אַ קיך. אין דער קיך האָט מען ווייטער אָנגעפאַנגען ווי פריער צו אַרבייטען און ביינאַכט מיט די שעניקעס האָבען זיך די אַרבייטער אויסגעבעט צו׳ם שלאָפען. דער זיידע איז געווען צופרידען. פאַר זיך האָט ער גאַנץ ווייניג באַדאַרפט אַבי נאָר דער פעטער יאָסעלע זאָל זיך קענען שיין און בעל הבתיש פירען. די באָבע חוה האָט ווייטער געקאָכט פאַר אַלעמען און האָט נאָך צוגעהאָלפען פאַלעטורען אָדער לאַקירען די העגטלאַך. דאָרטען האָבען זיי שוין געוואוינט ביז איך בין אַוועק פון וואַרשאַ. די עלטער באָבע הענעלע איז אַלץ מיט זיי געווען און איז געשטאָרבען איידער איך בין אַוועק פון וואַרשאַ. ווען דער זיידע נפתלי איז מיט פינף יאָר שפּעטער געשטאָרבען בין איך שוין געווען אין לאָנדאָן. דער פעטער יאָסעלע האָט ניט געקענט אַליין פירען די אַרבייט און איז אַהער געקומען צו מיר אין לאָנדאָן.

דער טאַטע האָט זיך דאַמאָלט געצויגען נאָך פּאווע גאַס, דעם הויף האָט מען גערופען דאָס פּאַלעצעל. דער ווירט פון הויז איז געווען אַ איד, וואָס אויפ׳ן קוק האָט מען געמיינט אַז ער איז אַ רבי פון חסידים. שטענדיג מיט אַ שטריימעל אויפ׳ן קאָפּ, און שיך און זאָקען ווייסע, מיט לאַנגע געדרייטע פּיאות און מיט אַזאַ פרומע מינע דאָס מען האָט ווירקליך געמיינט אַז ער איז אַ ריכטיגער רבי.

דאָס ווייב זיינס האָט געטראָגען אַ טיפע אַראָבגערוקטע קופּקע, עס זאָל זיך חס ושלום קיין איינציגע האָר פון קאָפּ ניט אַרויסזען. זי האָט אויך אויס־געקוקט אַזוי ווי אַ רבי׳צין. אָבער אַ נאָמען האָבען זיי געהאַט אַלס זער שלעכ־טע מענשען. אַלע מאַגיסטראַטען פון די סאנדעס האָבען שוין געקאַנט דאָס רבי׳לע, ווייל עס איז ניט אַוועק אַ טאָג ער זאָל ניט האָבען קיין ספּראַווע. ער האָט אָנגעטון אידען שרעקליכע צרות. אַרויסוואַרפען אַ איד פון אַ דירה אויף דער גאַס איז ביי דעם רבי׳לע געווען אַ געוועגליכע זאַך.

ווען איך האָב זיך אָנגעהערט די אַלע זאַכען פון דעם רבי׳לע מיט זיין רבי׳צין האָב איך שוין געקראָגען אַ בייז האַרץ אויף זיי ווייל באַלד פון קליינ־וויז אָן האָב איך ניט געקענט פאַרנעמען קיין עוולה פון איינעם צו׳ם צווייטען.

דער טאַטע, נאָך דעם ווי דאָס גרויסע געשעפט איז צופאַלען געוואָרען האָט זיך געמאַכט אַ טאַבאַק געוועלב און ער איז צו דעם אויך פּעאיג געווען. איך געדענק ווי ער פלעגט פון טאַוועל פּאַפּיר מאַכען פאַר קינדער פאַרשידע־נע שפּילערייען. געוועגליך ווען מען פאַנגט אָן אַ ניי געשעפט איז מען ניט אַזוי גראַם אין געלד. האָט ער ניט געקענט צאָלען דאָס דירה געלד אַזוי פּינקטליך און אויפגעהאַלטען אַ פּאָר טעג. טאָ וואָס איז עס אַזאַ אונגליק אַז מען צאָלט מיט אַ טאָג שפּעטער? דאָס רבי׳לע האָט דאָס אָבער ניט געקענט ליידען, און אַזוי ווי ס׳איז נאָר אַריבער אַ טאָג פלעגט ער באַלד אין דער פרי ווי אויך מיטאָג צייט און אויף דער נאַכט צו אונז אַריינשטעקען דעם קאָפּ דורך דער טיר און געשריען: „דירה געלד, דירה געלד!״ אַזוי יעדען טאָג דריי מאָל.דאָס זעלבע האָט ער ניט פאַרפעלט קיין איין מאָל, און טאָמער האָט ער אַליין ניט געקענט אַריינשרייען האָט די רבי׳צין דאָס זעלבע געטון פאַר אים.

אין מיר האָט דאָס האַרץ געפלאַצט: סטייטש, מ׳זאָל מיין טאַטען אַזויפיל מצער זיין! איינמאָל האָט די רבי׳צין אַריינגעשטעקט איר קאָפּ און געשריען: „דירה געלד, דירה געלד!״ איך האָב מיך שוין ניט געקענט מער באַהערשען און איך האָב דער רבי׳צין אַראָבגעלאָזט אַ פּאַטש, אַז די קופּקע אירע האָט געמאַכט צען קאַזשוליקעס און די רבי׳צין אַליין האָט אויך זיך געגעבען אַ ציִ אויס אַזוי גרויס ווי זי איז געווען.

פון דאַמאָלט אָן האָט מען זי שוין מער ניט געזען. זיי האָבען זיך געהיט ניט צוצוקומען נאָהענט צו אונזער טיר. ווי געזאָגט איז דאָס געווען מיין ערש־טער פּאַטש. פון דאַמאָלט אָן האָב איך שוין כסדר געפּאַטשט. ווער נאָר עס האָט באַליידיגט מיין טאַטען, איז באַלד אַ פּאַטש.

אַן אַרבייטער וואָס איז ביי אונז געווען אין דער לעהר איז אַוועק פאַר

דער צייט צו אַן אַנדערען. דער טאַטע איז אים עפּעס שולדיק געבליבען. דאַ־מאָלט האָט מען ניט געפּלעגט צו צאָלען די אַרבייטער יעדער וואָך נאָר מען האָט בלויז געגעבען קאַנטעס און אויף אַ יום טוב פּלעגט מען אויסצאָלען ווי־פיל עס איז יעדען געקומען. אויב אימיצער איז אַוועק ניט ריכטיג צו דער צייט האָט ער באַדאַרפט וואַרטען ביז עס וועט קומען יום טוב. איז דער אַר־בייטער אָבער געקומען פריער און האָט גערעדט צו׳ם טאַטען אַזעלכע רייד, וואָס איך האָב דאָס אַנגענומען פאַר אַ באַליידיגונג. האָב איך אים מכבד געווען מיט אַ פּאַטש אַזוי ווי אין פּסוק שטייט. דאָס איז געווען אַ שטעקעל מאַכער וועלכער איז אויך שפּעטער געקומען קיין לאָנדאָן, און מיט מיר זיך געהאַל־טען פריינדליך, ווי עס וואָלט גאַרניט פּאַסירט קיין שום זאַך. ער האָט גע־וואוסט דאָס ער איז ניט גערעכט געווען צו רעדען מיט אַזאַ חוצפּה צו׳ם טאַטען.

נאָך דעם איז שוין ביי מיר געגאַנגען אַ סדרה פּאַטשען. געוואוינט האָבען מיר דאַן אויף ריבאַקעס, נעבען דער וויסעל דאָרטען זיינען געווען די שוויץ בעדער. דאָס איז שוין געווען די דירה פון וועלכע איך בין אַוועק נאָך לאָנדאָן. היינט אַז איך גיי מיר שבת צו׳ם דאַוונען אין שטיבעל אַריין און עס קומט מיר אַנטקעגען אַ אידישער יונגערמאַן און טראָגט זיך אונטער׳ן אָרים אַ פּעקעל וועש און גייט שבת זיך בעמען אַ שוויץ באַד, האָב איך דאָס געקענט פאַרנע־מען? געוויס ניט! האָב איך ניט לאַנג געקלערט און האָב אים אַראָבגעלאָזט פּעטש און נאָך צו אים געשריען:

— ביסטו קראַנק צו גיין אין שוויץ פרייטאָג לכבוד שבת, ניט דו גייסט שבת לכבוד זונטאָג אין אַ שוויץ, אַזוי ווי אַ גוי! שבת דאַרף מען גיין דאַוונען!

צי עס האָט געהאָלפען ווייס איך ניט, נאָר איך האָב געטון מיינס און עס איז שוין ביי מיר געוואָרען אַזאַ געוואוינהייט יעדען שבת צו פּאַטשען גייענדיג צו׳ם דאַוונען די באָד יונגען. ס׳האָט זיך גאָר געשמאַקער געדאַוונט נאָכדעם.

דעם לעצטען פּאַטש האָב איך שוין געגעבען אין לאָנדאָן, נאָר וועגען דעם וועל איך נאָך שרייבען.

יג

## דער טאַטע פאַנגט אָן פאַר זיך

נאָך דעם ווען דאָס ציגאַרעט אָדער טאַבאַק געוועלב האָט זיך ניט אַזוי איינגעגעבען, ווי דער טאַטע האָט געדענקט, האָט ער זיך אויך גענומען אַרביי־טען די הענטלאַך צו די פּאַראַסאָלען, און האָט זיך געצויגען נאָך קאַרמעליצ־קע גאַס. ער האָט צוגענומען פאַרטיגע אַרבייטער ניט צום שלאָפען און עסען אַזוי ווי ביי׳ם זיידען פלעגט זיין, נאָר בלויז וועכענטליכע אַרבייטער. שפּעטער האָט מען אויך צוגענומען לערען אינגלאַך אָבער ניט פון די קליינע שטעדט־

לאַך אַרום וואַרשאַ מ׳זאָל זיי דאַרפען געבען עסען און שלאָפען, נאָר פון וואַר־שאַ גופא.

באַלד אין אָנפאַנג האָט דער טאַטע איינגעפירט אַ נייעם פּלאַן, דאָס הייסט ניט צו מאַכען דאָס וואָס אַלע מאַכען, בלויז די הענטלאַך, נאָר ער האָט זיך גענומען מאַכען אַ ביליגען סאָרט שפּאַציר שטעקען און עס איז אַוועק גאַנץ גוט און וואָס אַמאָל איז דעם טאַטען איינגעפאַלען נייע פּלענער און געמאַכט מיט אַזעלכע פּענזלעס שטראַכעלאַך איבער דעם גאַנצען שטעקען. עס איז גע־גאַנגען געשווינד און עס האָט אויסגעקוקט זער שיין. די שטעקלאַך האָבען דערמאָנט אין יעקב אבינו׳ס שטעקלאַך „עקודים״, „נקדים״ און „וטלאים״. גע־קראָגען האָבען מיר זער פיינע באַשטעלונגען. מיר האָבען אויך געקראָגען פיינע אַרבייטער. איינעם געדענק איך נאָך וואָס האָט פון ברעטער אויסגע־שניטען די שטעקענס. ער האָט געקענט זיין אַ חזן בעסער ווי צו שטיין און שניידען ברעטער. ער האָט געהאַט אַ שטאַרקע באַראַטאָן שטימע. האָט ער טאַקע ביי׳ם שניידען די ברעטער שטענדיג געזונגען חזנ׳ישע שטיקלאַך און אויך פון אָפּעראַס. עס איז אויך געווען אַן אַרבייטער שמואל מרדכי קאַדליק, וועלכער האָט אַמאָל געהאַט געאַרבייט פאַר דעם זיידען. ער האָט ביי אונז גע־אַרבייט ביז ער האָט חתונה געהאַט און גלייך אַוועק קיין לאָנדאָן. ער האָט אויך געקענט זינגען. עס זיינען געווען נאָך אייניגע וועלכע האָבען געקענט זינגען, איז טאַקע געווען זער היימליך ביי דער אַרבייט. דאַמאָלט האָב איך טאַקע אָנגעפאַנגען צו אַרבייטען האַלבע טעג. איז מיר געפעלען געוואָרען דאָס זינ־גען. מען פלעגט זינגען אליקים צענזור׳ס לידער. עס איז דאַמאָלט געווען די מאָדע אין יעדען הויז צו זינגען אליקים צענזור׳ס לידער אַ שטייגער ווי די ״קאַסע״ אָדער ״עס וועט קומען אַ צייט פון אייזערנע באַנען״. ביי דער אַר־בייט פלעגט מען אויך זינגען פון דער דייטשער שוהל אויף טלאָמאַצקעס זאַ־כען ווי ״לכו נרננה״ און ״ושמרו״ און נאָך אַ סך שטיקלאַך פון דאַוונען. פאַר מיר איז דאָס אַלעס געווען אַ נייעס ווייל איך האָב דאָס פריער קיינמאָל ניט געהערט. און באַזונדער איז גלאַט געווען היימליך ווייל דער טאַטע האָט אָנ־געהויבען צו מאַכען געלד און יעדע וואָך פלעגט ער אַוועקלעגען אַ סומע געלד אין באַנק אַריין, נאָר עס איז ניט געווען קיין ריכטיגער באַנק אַזוי ווי דאָ אַ באַרקליי׳ס באַנק, נאָר גאָר פשוט, עס איז געווען דער מאַמע׳ס זאַק און מ׳האָט דאָס נאָר גערופען די באַנק. דער טאַטע פלעגט יעדער וואָך אַוועקגע־בען צו דער מאַמע אַ סומע געלד. ס׳איז געווען פאַפּיר געלד, פאַרשטייט זיך, און די מאַמע האָט דאָס אַרומגעלייגט דעם פוס אונטער׳ן זאָק און ווען איין זאָק איז שוין געוואָרען אָנגעפילט הויך האָט זי געלייגט אין צווייטען זאָק אַריין, און אַזוי אַרום איז די מאַמע תמיד אַרומגעגאַנגען מיט היבשע הונדער־טערס. דאַמאָלט איז מען שוין געפאָרען אויף פרישע לופט. די מאַמע איז אַוועק אויף אַ גאַנצען זומער צו שוסטערס גאָרטען, און מיר פלעגען אַהין פאָרען אויף יעדען שבת.

שוסטערס גאָרטען איז געווען אַזוי ווי אַ ״גאַרדען סיטי״, ווי מען רופט

דאָס דאָ, און דאָרטען אין שוסטערס גאָרטען איז געווען הילצערנע הייזלאַך בלויז, אין דער מיט פון אַ וואַלד מיט אַ סך פרוכט בוימער. אידען האָבען דאָרט באַלד זיך געמאַכט אַ שוהל צו׳ם דאַוונען און עס איז געווען גאַנץ פיי־נע לופט דאָרטען. צו יענער צייט פאַר אַ וואָרשאַווער אידען צו זען אַ בוים איז געווען איינע פון גאָט׳ס וואונדער. איך געדענק ווען מיר זיינען געקומען צו שוסטערס גאָרטען אויף שבועות האָט די מאַמע געמאַכט דעם גאַנצען יום טוב אויף אַ נאַפט מאַשינקע, ווייל קיינע אַנדערע איינריכטונגען אויף צו קאָ־כען איז ניט געווען. זי האָט אָבער געמאַכט אַלעס זער גוט און מיר האָבען געהאַט גאָר אַ פיינעם יום טוב און פריילאיך פאַרברענגט.

ווען מיר האָבען זיך אַרויפגעאַרבייט זיינען די צוויי שטובען, וואו מיר האָבען געוואוינט שוין געוואָרען צו קליין, האָט מען זיך געצויגען נאָך ניסקע גאַס אין טאַבע כישע׳ס הויף. ווארום מען האָט גערופען דעם הויף אויף אַ אי־דענע׳ס נאָמען טאַבע כישע׳ס, ווייס איך ניט, ווייל טאַבע כישע׳ס האָט געהאַט אַ מאַן אַ גאַנץ פיין אידעל. ס׳איז אמת, ער איז געווען אנטקעגען דער פרוי אַזוי ווי אַ מילב קעגען אַ העלפאַנט, אָבער דאַך איז ער געווען אַ מאַנספּער־שוין און זיי האָבען געהאַט פיינע זיהן. זייער געשעפט איז געווען אַ לאָמ־באַרד, דאָס הייסט דאָ אַ "פּאָון שאָפּ", און זיי האָבען געהאַט זייער אייגען פריוואַט בית המדרש צו דאַוונען און ס׳מערסט שכנים פון הויף האָבען טאַקע דאָרטען געדאַוונט.

דער הויף איז געווען גאָר אַ גרויסער, מען האָט געקענט דורכגיין צו נייע מילע גאַס. עס איז ריכטיג געווען צוויי הויפען מיט אַ טויער אין דער מיט, פון איין הויף צו׳ם צווייטען. אונזער דירה איז טאַקע געווען אין ווינקעל בע־בען מיטעלסטען טויער, און מען האָט אויך געקענט אַריינגיין דורכ׳ן טויער אויך. עס זיינען געווען צוויי שטובען מיט גאָר אַ גרויסע קיך און אין דער קיך האָט מען געאַרבייט און געקאָכט, און עס איז נאָך געשטאַנען אַזאַ מין קאמאַ־דע וואָס ביינאַכט האָט מען דאָס אויפגערוקט און עס איז געוואָרען אַ בעט צו שלאָפען פאַר דער דינסט, וואָס מיר האָבען געהאַט. פון דער צווייטער גרויסער שטוב האָט מען געמאַכט מיט די קליידער שענק אַזוי ווי אַ וואַנד און עס איז געוואָרען פון דער איינער שטוב נאָך אַ שטוב אויף צו לאָקירען די שטעקענס, און אויך צו שלאָפען פאַר די קינדער. מיר האָבען באַדאַרפט מער פלאַץ צו דער אַרבייט ווי ביי דעם זיידען, ווייל ער האָט געמאַכט בלויז די הענטלאַך און מיר האָבען געמאַכט גאַנצע שטעקענס.

איבער אונזער דירה איז טאַקע געווען דער לאָמבאַרד, און יעדען זונטאָג פרי האָט מען געקענט זען זיצענדיג ביי אונזער פענסטער און אַרבייטענדיג, ווי מען טראָגט די פעקלאַך צו דעם לאָמבאַרד אויף צו באַרגען זיך געלד, און פרייטאָג איז ווידער געווען אַ געיעגעריי אום אַרויסצונעמען די פעקלאַך מען זאָל האָבען וואָס אָנצוטון צו גיין שבת אַנשטענדיג אין שוהל אַריין. אַזוי יעדע וואָך דאָס זעלבע.

און איך, אַנשטאָט וואָס איך פלעג אויף צו זיין דאָנערשטאָג אַ גאַנצע

נאַכט און בראָטען קאַרטאָפעל און אויך אַביסעל לערנען, האָב אַצינד באַדאַרפט אויפצוזיין אַ גאַנצע נאַכט צו איבערלאַקירען די שפּאַציר שטעקענס מען זאָל קענען פרייטאָג אָבטראָגען די אַרבייט צו די סוחרים. איך האָב נאָך אַלץ געאַרבייט האַלבע טעג ניט מער פון בלויז נאָך מיטאָג. פרייטאָג האָט מען ניט מער געאַרבייט ווי ביז צוועלף אַזייגער, ווען מען האָט זיך גרייט געמאַכט אויפצונעמען דעם שבת קודש.

זומער צייט איז אין טאַבע כישע׳ס הויף געווען גאָר היימליך, ווער שמועסט ביינאַכט, ווען מען האָט ניט געקענט שלאָפען צוליב דעם דושנעקייט פון דער היץ. איז געוואָרען אַ געטרעגעריי פון בעטגעוואַנד אויף דעם הויף אַרויס. מען האָט זיך אויסגעבעט אין די טויערען פון הויף, און אַזוי איז מען געשלאָפען ווי איין גרויסע פאַמיליע. עס זיינען געשלאָפען זיידעס מיט באָבעס און מאַמעס מיט קליינע קינדער, און גרויסע מיידלאַך, קליינע מיידלאַך און אינגלאַך, יונגעלייטלאַך מיט זייערע ווייבלאַך. עס האָט זיך געטומעלט און געפילדערט. דער האָט געשריען עס איז זיין פּלאַץ און אַן אַנדערער, אַז ס׳איז זיינס נאָך פון נעכטען. די באָבעס מיט די זיידעס האָבען זיך געבעטען ס׳זאָל זיין שטיל, מען זאָל זיי לאָזען שלאָפען, און דאָס יונגוואַרג האָט זיך געהאַלטען אין איין אַרומשפּילען און גאָרניט געוואָלט זיך צוהערען צו די זיידעס וואָס האָבען געהאַלטען אין איין שרייען ס׳זאָל זיין „שאַ, שטיל, שאַ“, נאָר האָבען זיך געהאַלטען אין איין קאָלעדען איינער איבער׳ן צווייטען און געמאַכט געוואַלדען ביז אין הימעל אַריין.

אין דער פרי ווייטער געוואַלדען און געשריען. דער האָט געזוכט אַ האַנד, דער אַ פוס. הכלל, עס איז געווען לעבעדיג און לוסטיג.

איך האָב מיך מער אונטערהאַלטען אין טאַבע כישע׳ס הויף ווי איך פלעג זיך אונטערהאַלטען אין בית המדרש מיט דעם בראָטען די קאַרטאָפעל אַ גאַנצע נאַכט.

אין דער פרי, ווען מען האָט נאָר אָנגעפאַנגען צו אַרבייטען האָט מען געהאַלטען אין איין זינגען. אויסער די לידער וואָס איך האָב פריער געהאַט דערמאָנט, האָט מען אויך געזונגען פון דעם אידישען טעאַטער, וואָס האָט געשפּילט אין די עלדעראַדע, און כאָטש כ׳בין קיינמאָל אין וואַרשאַ אין קיין טעאַטער ניט געגאַנגען, פונדעסטוועגען האָב איך אַלץ געקענט זינגען אַלע לידער פון „שולמות“, אַ שטייגער ווי „ראָזשינקעס מיט מאַנדלען“ און „שבת, יום טוב און ראש חודש“, און אויך פון ”בר כוכבא“. אַלע לידער האָב איך געקענט אַלץ פון דעם וואָס מען האָט געזונגען ביי דער אַרבייט. ביז איך בין געקומען נאָך לאָנדאָן בין איך אין קיין טעאַטער ניט געגאַנגען, און די אַרבייטער וואָס האָבען געהאַלטען אין איין אַריינרעדען צו מיר כ׳זאָל אַמאָל גיין אין טעאַטער, האָבען ביי מיר ניט געפועלט, ווייל גאָר פשוט, איך האָב מיך אַזוי אַריינגעטון אין דער אַרבייט דאָס קיין אַנדערע זאַך האָט מיך ניט אינטערעסירט.

יד.

# די געשעפטען געהן בארג אראָב

עס איז געווען היימליך אין טאַבע כישע׳ס הויף אָבער די געשעפטען האָבען אָנגעהויבען צו גיין וואָס אַמאָל מער אַראָב. אין אָנפאַנג זיינען די שפּאַציר שטעקענס געווען אַ נייעס און מיר זיינען געווען יחסנים. אָבער ביסלאַכוויז האָט מען זיך צוגעוואוינט. מען האָט שוין געוואָלט אַביסעל ביליגער צאָלען, וואָס אַמאָל מער און מער ביליגער, ביז מען האָט שוין ניט געקענט אַזוי פאַרדינען. וואָס אַמאָל איז אַלץ מער געפאַלען דער פרייז, ביז עס איז שוין אויסגעקומען צוצולייגען און מען האָט צוביסלאַך אָנגעהויבען צוצערען יעדער וואָך.

האָט דאָך דער טאַטע געהאַט זיין אייגענס עפּעס אַ באַנק, איז ער אַלע וואָך געגאַנגען אין באַנק אַריין, דאָס הייסט דער מאַמע׳ס זאָק. נאָר פריער האָט ער געזאָגט דער מאַמען זי זאָל אים בלויז באָרגען און ער וועט געוויס צוריקגעבען, אָבער אויסגעלאָזט האָט זיך דאָס ער האָט געהאַלטען כסדר אין איין באָרגען און דער זאָק איז געוואָרען וואָס אַמאָל מער איינגעדאַרט ביז עס האָט זיך אין גאַנצען אויסגעלאָזט דער זאָק און ממילא אויס באַנק. נאָר כל זמן עס איז נאָך געווען וואו צו באָרגען איז נאָך ניט געווען אַזוי שלעכט, אָבער אַז עס איז שוין ניט געווען וואו צו באָרגען איז טאַקע געווען ניט אַזוי פויגעלדיג. אָן קאַפּיטאַל איז שוין געווען שווער צו פירען ריכטיג אַ געשעפט. דער טאַטע האָט געמוזט האַלטען אין איין לויפען צו די סוחרים נאָך געלד אַזוי ווי עס איז שטענדיג געווען די מאָדע ביי די קליינע מייסטערלאַך, און די סוחרים אַליין האָבען אויך ניט געהאַט קיין געלד, ווייל דער גאַנצער האַנדעל אין וואַרשאַ איז דאָך געשטאַנען אויף הינערשע פיסלאַך, אין דער לופטען און אָן ריכטיגען פונדאַמענט. עס איז געגאַנגען אַ סדרה וועקסלאַך, וועקסעל אַהין און וועקסעל אַהער. מער האָט מען ניט געהערט. עס איז אויך געגאַנגען אַ סדרה נאַכנאַמעס, דאָס הייסט ווען מען האָט אַוועקגעשיקט סחורה האָט מען אַרויסגענומען אַ קוויטעל דאָס מען האָט געשיקט צו דעם און דעם סוחר סחורה, און דער סוחר וועט ביי׳ם אַרויסנעמען די סחורה איינצאָלען דאָס געלד. אויף דעם קוויטעל האָט מען אויך געקענט קריגען געלד אַזוי ווי אויף אַ וועקסעל וואָס מען האָט דיסקאָנטירט, און עס האָט זיך אויך געווענדעט ווער דער סוחר איז. אויב פרימאַ האָט מען ניט באַדאַרפט צו געבען אַ גרויסען פּראָצענט און אויב ניט קיין פרימאַ סוחר איז געווען אַ גרעסערער פּראָצענט.

אַזוי האָט מען זיך געדרייט אויף דעם רעדעל וואָס אַלע האָבען געהאַלטען אין איין דרייען. אָבער צו׳ם ערגסטען איז געווען דעם קליינעם פאַבריקאַנט, ווייל דער סוחר האָט זיך ניט געזאָרגט דאָס עס וועט אים שאַדען צו׳ם קרעדיט אויב ער וועט דעם מייסטערל ניט צאָלען צו דער צייט. נו, האָט דער טאַטע געהאַט אַ געשעפט יעדען טאָג צו לויפען נאָך געלד און יעדעס מאָל

האָט מען אים געזאָגט: „קומט מאָרגען וועלען מיר זען". אַזוי כסדר, אַלע טאָג דאָס זעלבע ביז דאָנערשטאָג, דאַן האָט שוין דער סוחר געמוזט געבען געלד, אויב ניט אין גאַנצען, וויפיל עס איז געקומען, אָבער אויף שבת האָט מען דאָך געמוזט האָבען פאַר זיך און פאַר די אַרבייטער. הכלל, אַז עס איז געקומען דאָנערשטאָג האָט זיך שוין דער סוחר געמוזט אַן עצה געבען און שאַפען געלד. אַזוי איז אויסגעקומען, אַז אַ גאַנצע וואָך האָט מען נאָר געאַרבייט מ'זאָל קע־נען מאַכען שבת. אָבער ווי זאָגט מען עפּעס, גאָט פאַרלאָזט ניט און שבת מוז מען מאַכען און מען ווייסט מאַכען. אויף דעם ערגסטען אופן האָט מען גענומען עפּעס אַ חפץ און מען איז געגאַנגען דער'רמיט צו'ם פעטער לאָמבאַרד. און ווי־דער אַרום, צו וואָס, צו'ם ביישפּיל, דאַרף מען ווינטער צו האַלטען אין שטוב די זומער מלבושים, טראָגט מען זיי אַריין אין לאָמבאַרד, האָט מען דערווייל געלד אָנצוגיין מיט דער אַרבייט און עס איז אין דער זעלבער צייט זיכערער פאַר די מלבושים און בעסער אויך ווי זיי צו האַלטען אין שטוב.

האָט מיין טאַטע אַזוי געטון ווי דער דין איז געווען. זומער האָט מען אַריינגעלעגט אין לאָמבאַרד די ווינטער מלבושים און אַרויסגענומען די זומער מלבושים און ווען עס איז געקומען ווינטער האָט מען אַרויסגענומען די ווינ־טער מלבושים און אַריינגעלעגט די זומער מלבושים מיט די אַנדערע זומער־דיגע זאַכען זיי זאָלען זיין זיכערער פאַר די מילבען אויך.

מיר איז ניט געפעלען געוואָרען אַזאַ מין געשעפט און ווי יונג איך בין דאַן געווען האָב איך פונדעסטוועגען געוואָוסט צו וואַרפען אַן אומ'חן אויף די גאַנצע אידישע געשעפטען און אויף דער פּוילישער באַהאַנדלונג צו'ם אידען, און דאַמאָלט איז שוין ביי מיר געבוירען געוואָרען דער געדאַנק פון איבער־צולאָזען פּוילען פאַר די פּאַליאַקען און איך זאָל זיך אַוועקלאָזען נאָך אויס־לאַנד. נאָר דערווייל טוט זיך ניט ווי עס טראַכט זיך. דער טאַטע האָט געטון דאָס בעסטע און ער האָט ווידער עפּעס אויסגעקלערט אַ פּלאַן, און אַזוי איז דאָס געגאַנגען ביז מען האָט אָנגעהויבען צו זוכען פאַר מיר אַ כלה, און נאַ־טירליך מיט אַ נדן. ווער האָט דען צו יענער צייט געטון אַ שידוך בלויז פאַר ליבע? האָב איך שוין געמוזט אויפהערען צו טראַכטען פון אַוועקצופאָרען פון וואַרשאַ, אָבער אַ פונק איז אַלץ געבליבען ביי מיר פון אַוועקפאָרען, וואָס האָט זיך שפּעטער נאָך מער צופלאַקערט, נאָר וועגען דעם וועל איך שוין שרייבען אין אַ שפּעטערען קאַפּיטעל.

טו

## איך ווער מיט מזל א חתן

אַזוי ווי מען איז נאָר געוואויר געוואָרען דאָס מיין טאַטע וואָלט געטון אַ שידוך מיט מיר, דאָס הייסט מיט זיין פיין בחור'ל, האָט זיך באַלד אָנגעהויבען אַ סדרה מיט שדכנים. אין אַן אָבענד איז אַריינגעקומען דער שדכן, שמואל, און פאַרגעשלאָגען דאָס ער האָט אַ מיידעל אַ ליאַלקע פון זער אַ חסידיש

הויז. דאָרטען, ביי׳ם מחותן, האָט ער ווידער פאַרגעשטעלט דאָס ער האָט אַ בחור׳ל אַזוי ווי אַ ביקסעל. הכלל איז אַ ביקסעל מיט אַ ליאַלקע אַ געפּאַסטער שידוך. און נאָך דערצו האָט מען צוגעזאָגט צו געבען דריי הונדערט רובעל.

צו יענער צייט איז דריי הונדערט רובעל געווען שוין גאָר אַ בעל הבת׳ישער נדן, און ווער שמועסט נאָך דאָס מען זאָגט אויך צו אַ גאַנץ יאָר קעסט. האָט זיך דאָס גאָר געלאָזט רעדען. מיט אַמאָל רופט מיך דער טאַטע אַרויס אויף דזשיקע גאַס און זאָגט מיר דאָס אַ איד וויל מיך זען. אַז מ׳רופט מוז איך דאָך גיין. פירט מיך דער טאַטע אַריין אין אַ רעסטאָראַציע און דער איד, דער מחותן האָט מיך מכבד געווען מיט אַ גלאָז ביירישׁ ביר. האָב איך דאָך געמוזט טרינקען. ער האָט געוואָלט זען צי איך קען כאָטש טרינקען אַ גלאָז ביר, ווייל אויב איך קען לערנען האָט ער זיך געוויס נאָכגעפרעגט, און ער האָט געקראָגען אַ גוטען ענטפער. צי איך טויג צו דער אַרבייט האָט ער אויך אויסגעפונען, נאָר צי איך בין אין אַלגעמיין אַ מענש, ווייל איך בין דאָך נאָך קיין זעכצען יאָר אַלט געווען, האָט ער ביי אַ גלאָז ביר געקענט מיט מיר אַביסעל שמועס׳ן, און גראַדע האָב איך שוין געקענט טרינקען אַ גלאָז ביר, ווייל ווען איך פלעג גיין פרייטאָג אין אַ הייסע מקוה לכבוד שבת בין איך אַריין צו חצקל׳ס רעסטאָראַציע און דאָרטען פלעגט מען שטעלען אויסגעזאָ־טענע אַרבעס ס׳זאָל זיך גלוסטען צו טרינקען וואָס מער.

איינמאָל טאָקע האָב איך מיך געטראָפען מיט אַ חבר מיינעם און ס*האָט זער געשמעקט דאָס ביירישע ביר מיט די אַרבעס נאָך דער הייסער מקוה. האָב איך טאָקע געטרונקען אַ גלאָז ביר מער ווי כ׳האָב געקענט פאַרנעמען און בין אַהיים געקומען אַביסעל שיכור־ליך. פון דאַמאָלט אָן האָב איך מיך שוין געהיט ניט צו טרינקען מער ווי כ׳קען פאַרנעמען.

אַליין איז דער מחותן געווען אַ זעלטענער איד, אַ בעלזער חסיד, אַ פריי־ליכער. ער פלעגט זינגען אויף רוסיש פאַרשידענע לידער חסידישע. פסח האָט ער געקענט די גאַנצע הגדה זינגען אויף רוסיש. איך קען נאָך היינט אייניגע לידער פון אים אויף רוסיש. ער האָט אַפילו געהאַט אַ גרויסע לאַנגע געלע באָרד, אָבער ער איז געווען אַ יוצא מין הכלל, אַז אַ געלען איד איז ניט צו גלוי־בען. פאַרקערט ער איז געווען אַן אמת׳ער מענש. ער האָט געהייסען ר׳ פּנחס ראָזענצווייג. ער איז געווען בלויז אַ שטיף־פאָטער פון מיין כלה, אָבער ער איז געווען בעסער ווי אַן אייגענער טאַטע קען זיין. איך בין אים געפעלען גע־וואָרען און כ׳האָב געמאַכט אַ גוטען איינדרוק. עס איז באַשטימט געוואָרען צו מאַכען אַ זעהונג. בין איך טאָקע אין צוויי וואָכען שפּעטער געגאַנגען זען מיין כלה. געווען איז דאָס אין אַ שבת נחמו. צוזאַמען מיט מיר זיינען געגאַנגען מיין טאַטע־מאַמע. די אַדרעס איז געווען אויף מוראַנאָוו, ניט ווייט פון דער ניסקע גאַס, וואו מיר האָבען געוואוינט. עס איז אָבער געוואָרען אַזאַ רעגען דאָס מען האָט זיך געמוזט אָבשטעלען אייניגע מאָל ביז מיר זיינען אָנגעקומען צו דער כלה׳ס וואוינונג, אויסגעווייקטע דורך און דורך. האָט מען מיך גע־זעצט ביי׳ם טיש אויבען־אָן און אַרום דעם טיש זיינען אויסער דער טאַטע און מאַמע אויך שוין געווען מיינע פעטערס מיט די מומעס. געווענליך האָט די

כלה דערלאַנגט צו׳ם טיש און איך האָב באַמערקט ווי זי קוקט אויף מיר פון דער זייט, ווען זי ברענגט עפּעס צו יעדעס מאָל. האָב איך אויך געטון דאָס זעלבע, געכאַפּט אַ קוק פון דער זייט און איך מוז זאָגען דאָס מיר האָבען זיך פאַרליבט מיט׳ן ערשטען קוק.

איך מיין אַז מיינע קינדער וועלען מודה זיין דאָס איך בין געווען אַ מבין, ווייל אויב מיין כלה איז שוין ב״ה אַן עלטער באָבע פונדעסטוועגען איז זי נאָך אַצינד שיין ווי גאָלד. היינט ווי האָט זי געקענט זיין, ווען זי איז נאָך געווען גאָר אַ יונג מיידעל?

עס איז דאַמאָלט ביי׳ם זעהונג באַשטימט געוואָרען דאָס מיט צוויי וואָכען שפּעטער זאָל זיין די תנאים, און דער מחותן זאָל דורך דער צייט סליק׳ן דעם נדן. ער האָט טאַקע געסליק׳ט צוויי הונדערט מיט פופציג רובעל, און אויף פופציג רובעל האָט ער געגעבען אַן אונטערשריפט. איך האָב נאָך אַצינד ביי מיר דאָס שטיקעל פּאַפּיר מיט דעם אונטערשריפט אויף די פופציג רובעל, און עס איז ביי מיר זער טייער. אָבער דאָס איז אַלעס געווען דעם טאַטען׳ס ענין. איך האָב, וואָס דער אמת איז, גאָר ניט געוואָלט אפילו הערען וועגען געלד זאַכען. איך בין ווי געזאָגט געוואָרען פאַרליבט אין מיין כלה און ניט אין געלד. צי מיין כלה האָט מיך אויך אַזוי אַרום גענומען, האָב איך ניט אָנגעהויבען צו טראַכטען ווייל עס איז אין מיר ניט געווען וואָס צו זען. אַן אויסגעבלייכטער אינגעלע. מיין כלה האָט טאַקע באַמערקט דאָס איך בין נאָך אַזאַ קליין אינגעל. זי האָט זיך אָבער פאַרליבט אין מיינע אויגען. זי האָט איינגעזען דאָס איך האָב גאָר קלוגע אויגען. זי האָט מיר דאָס אַליין געזאָגט נאָר ערשט נאָך דער חתונה.

הכלל, זיינען מיר מיט מזל געוואָרען חתן-כלה. איין זאַך מוז איך אָבער באַמערקען: פון מיין נדן האָב איך אַפילו אַ גראָשען ניט אָנגעזען. דער טאַטע האָט דאָס גאַנץ שיין פאַרנוצט. איך מיין ניט צו זאָגען דאָס מיין טאַטע איז ניט געווען אַ איבערגעגעבענער פאָטער. די אומשטענדען דאַמאָלט זיינען אַזוי גע־ווען און ער האָט געמיינט גוט מיט זיינע פּלאַנען נאָר עס האָט זיך אים ניט איינגעגעבען. מיט זיינע פּלאַנען איז ער אַדורכגעפאַלען, און איך האָב מיין טאַטען זער האָלד געהאַט. איך האָב אים ניט געוואָלט שטערען. איך מוז נאָך זאָגען דאָס איך בין צופרידען געווען וואָס ער האָט געקענט ווייטער מאַכען געשעפטען...

### טז

## איך קריג מיט א נאגייקע פון א קאזאק

ווען איך בין אַ חתן געוואָרען בין איך ווי געזאָגט נאָך קיין זעכצען יאָר ניט אַלט געווען. מיין כלה איז אַביסעל עלטער געווען פון מיר. נאָר אַפילו אַצינד נאָך מיין גאָלדענער החתונה ווייס איך ניט ריכטיג מיט וויפיל זי איז על־טער געווען פון מיר צו דער חתונה, ווייל זי איז געבוירען געוואָרען אין לוב־

לין און לובלין אַנטקעגן וואַרשאַ איז געווען אַ קליין שטעדטעלע און נאָך דערצו ביי אַ מיידעל איז ניט געווען קיין מוז איינצומעלדען דעם געבורט. האָט מען טאַקע גאַנץ איינפאַך ניט געוואוסט ריכטיג ווי אַלט אַ מיידעל איז.

געוואוינט האָבען זיי שוין אַ שיינע פּאָר יאָר אין וואַרשאַ און מיין כלה האָט געהאַט צו יענער צייט אַ טאַבאַק געוועלב אויף דזשיקע גאַס, אַנטקעגען די ברייטע מילע גאַס. עס איז הייסט עס געווען נעבען די ניסקע גאַס וואו מיר האָבען געוואוינט. געווענליך פלעג איך אין אָבענד תמיד אַריינגיין צו מיין כלה, ערשטענס אום צו העלפען מיט דעם פאַרמאַכען דאָס געוועלב און דאַן, אַז אין קיינע טעאַטערס אָדער אַזוי פאַרוויילונגען זיינען מיר קיינמאָל ניט געגאַנגען איז אונזער גאַנצער אויסגיין נאָר געווען ווען ס׳פלעגט קומען אַ יום טוב. דאַמאָלט פלעגען מיר גיין צו גאַסט צו אונזערע פעטערס, וואָס האָבען געוואוינט אין די וויטערע געגענדען ווי אויף דעם גזשיבאוו. דאָס האָט גע־הייסען "גוט יום טוב בעטען". באַזונדערס איז דאַמאָלט גאָרניט געווען אַזעל־כע קינאָ פיקטשור פלעצער ווי היינט. נאָר איינמאָל געדענק איך בין איך גע־גאַנגען זען "לעבעדיגע בילדער" ווי ס׳האָט געהייסען אויף פויליש "דזשיווי אבראַזאַ", און איך געדענק נאָך ביז איצט ווי אַ מאַן איז געזעסען ביי אַ טיש און האָט געגעסען מיטאָג. אויף דעם טעלער איז געלעגען אַ חזיר קאָפּ, און ווי ער האָט זיך געוואָלט נעמען מיט דעם מעסער און גאָפּעל צו׳ם קאָפּ האָט זיך דער חזיר קאָפּ געגעבען אַ הויב אויף פון טעלער און אַנגעכאַפּט דעם מאַנ׳ס נאָז. אַזעלכע שטייגער בילדער איז דאָס געווען. דאָס איז טאַקע געווען דאָס איינציגע מאָל וואָס איך האָב באַזוכט דיזע לעבעדיגע בילדער, ווי ס׳האָט געהייסען.

ווען מיר זיינען געגאַנגען באַזוכען אונזער משפחה איז תמיד אויך מיט אונז מיטגעגאַנגען דער טאַטע מיט דער מאַמען, זיי אין פאָראויס און מיר פון הינטען. ווי ווייט מיר האָבען זיך באַמיט צו בלייבען וואָס וויטער, מיר זאָלען קענען זיין אַליין, האָט אַלץ ניט געהאָלפען, ווייל דער טאַטע האָט זיך געהאַל־טען אין איין אומדרייען זיך צו אונז אויב מיר זיינען חס ושלום ניט פאַרלוי־רען געוואָרען.

איינמאָל זיינען מיר אַזוי געגאַנגען פּאָר אַ שפּאַציר אין די יאַזדאָווסקע אלעען און ווי איך האָב אַלץ שפּעקולירט מיר זאָלען פאַרלירען ווערען, האָט אַלץ ניט געהאָלפען. ווען כ׳בין אין אָבענד צו מיין כלה אין געוועלב אַריינגע־גאַנגען איז אויך תמיד דער טאַטע מיט דער מאַמע דאָרט געווען. בלויז איינ־מאָל דורך דער גאַנצער צייט, וואָס איך בין געווען אַ חתן, בין איך מיט מיין כלה אַליין געגאַנגען, דאָס איז געווען ווען מיר האָבען געהאַט אַ חתונה. צו׳ם אַהיים גיין האָב איך באַגלייט מיין כלה ביז צו דער טיר פון איר וואוינונג.

אַממערסטען פלעג איך זיין ביי מיין כלה אַ גאַנצען "שפּייסצונאַכט", ווי עס הייסט שבת צו נאַכט. ווי תמיד זיינען אויך דער טאַטע און מאַמע מיט מיר מיטגעווען ביז מען האָט פאַרמאַכט דאָס געוועלב און ביי׳ם פאַרמאַכען זיינען מיר אַלע געשטאַנען אויף דעם טראָטואַר און גראַדע איז דאַמאָלט אויך

געווען מיין כלה׳ס אַ ברודער און האָט צוגעהאָלפֿען מיט׳ן פֿאַרמאַכען. פּלוצ־לינג דערזע איך ווי עס קומען אָנצולויפֿען אַ פּאָר קאָזאַקלאַך, דאָס זיינען גע־ווען די שטאָדט היטערס, דער פּאַטרול, וואָס פֿלעגען אַרומרייטען אויף זייערע פֿערדלאַך און האָבען באַדאַרפֿט היטען ס׳זאָל קיין גנבה ניט געשעהן. זיי פֿרע־גען קיין קשיות ווער מיר זיינען און וואָס מיר שטיין, נאָר גיין גלייך אַרויף אויף דעם טראָטואַר מיט זייערע פֿערדלאַך און די נאַגייקעס׳ אין זייערע הענד און גיין אָנהויבען האַלטען אָרדנונג. אפשר זיינען זיי געווען גערעכט, ווייל אויף צו פֿאַרמאַכען אַ געוועלב דאַרף מען דאָך ניט די גאַנצע פֿאַמיליע. ווי די זאַך איז געווען, זיי האָבען ניט געפֿרעגט קיין שום זאַך וואָס און ווען נאָר האָ־בען אויפֿגעהויבען די נאַגייקעס און דער טאַטע האָט זיך געכאַפּט באַלד צו׳ם אידישען מיטעל, אַז וואָס עפּעס עס מאַכט זיך איז די בעסטע זאַך צו אַנטלוי־פֿען. אַזוי זיינען אַלע זיך צולאָפֿען נאָר מיין כלה האָט פּונקט געהאַלטען דאָס שלאָס אין האַנד אויף צו פֿאַרשליסען, דערזע איך ווי אַ קאָזאַק לאָזט זיך צו צו איר מיט דער נאַגייקע צו געבען מיין כלה אַ שמיץ. אָבער מיין פּלייצע איז געווען געשיקטער און איך האָב אַריינגעכאַפּט דעם שמיץ פֿון דער נאַגייקע. עס איז אַפילו געווען אַביסעל צו אַ שטאַרקער שמיץ, איך בין אָבער צופֿרידען געווען דאָס איך האָב פֿאַרהיט מיט מיין פּלייצע אַז מיין כלה זאָל דעם שמיץ ניט קריגען.

פֿאַרשטייט זיך אַז איך בין פֿון דאַן אָן קיין גוטער פֿריינד ניט געווען דער רוסישער רעגירונג מיט אירע שטאָדט היטערס. פֿאַרקערט דער פּונק וואָס האָט זיך שוין ביי מיר געטליעט איז נאָך פֿאַרשטאַרקט געוואָרען, און איך האָב נאָר געהאָפּט פּטור צו ווערען פֿון דער רוסישער רעגירונג מיט אירע אָרדנונג האַלטערס, און פֿון דער פּוילישער העפֿליכקייט, פֿון די גאַנצע אידי־שע געשעפֿטען מיט זייערע וועקסלאַך, און ווי אַ גאַנצע וואָך האָט מען נאָר געאַרבייט אויף צו קענען מאַכען שבת.

נאָר ווי האָט געזאָגט יענער ליטוואַק וואָס האָט געוואָלט גט׳ן זיין פֿרוי: „וואָש קאָן איך מאַכען, אַט דאָ טראָגט זשע און דאָ האָט זשע״.

אַזוי האָב איך געמוזט דערווייל וואַרטען און האָפֿען ביז די געלעגענהייט וועט קומען.

יז.

## דער טאַטע דינגט פֿאַר מיר אַ דירה

דער טאַטע האָט פֿאַר מיר געדונגען אַ דירה נאָך דער חתונה. עס איז גע־ווען פֿאַרבונדען מיט זיינס אַ פּלאַן דאָס אַזוי ווי די געשעפֿטען זיינען ניט גע־גאַנגען האָט דער טאַטע מיר אויפֿגעגעבען אַ פּלאַן. דאָס איז געווען אַז די כלה זאָל אויפֿגעבען דאָס טאַבאַק געוועלב ווייל עס וועט ניט טראָגען קיין פּרנסה פֿאַר אונז. דער צווייטער פֿאָרשלאַג איז געווען, אַז מיט דעם געלד וואָלט מען

געקאָנט מער אויפטון אין אונזער געשעפט. איז דער פּלאַן טאַקע דאָס איך זאָל וואוינען אויף דער נאַלעוווקעס און מען וועט אויפאַרבייטען אַ לאַגער מיט סחורה פון פאַרשידענע שפּאַציר שטעקענס, אַלערליי סאָרטען, און אויף דער נאַלעוווקעס וועט מען קענען לייזען ביי די זעקעל אידלאַך, דאָס הייסט אַזעל־כע קליינע סוחרים פון די קליינע שטעדטלאַך פון אַרום וואַרשאַ, וואָס פלעגען קומען איינמאָל אין וואָך נאָך וואַרשאַ אַנקויפען פאַרשידענע סחורות און זיי פלעגען צו צאָלען קאַסע, ווייל מען האָט זיי ניט געגעבען קיין קרעדיט. סיי ווי סיי ווען די זעקעל אידלאַך וועלען קומען אויף נאַלעוווקעס קויפען אַנדערע סחורות וועלען זיי אין דער זעלבער צייט אויך קויפען אונזערע שטעקענס. אויב מיר וועלען זיין אויף נאַלעוווקעס און מיר וועלען ניט דאַרפען וואַרטען אויף די גרויסע העכט, וואָס קומען איינמאָל אין יאָר. און דער עיקר ביי די זעקעל אידלאַך וועלען מיר זיך זען מיט מזומנים, וועלען מיר זיין גראַם אין געלד.

הכלל, מען האָט פאַרגעלייגט דעם פּלאַן פאַר מיין כלה און זי האָט צוגע־שטימט. האָט זי אָנגעהויבען צו זוכען אַ קונה אויף דעם טאַבאַק געוועלב, און דער טאַטע האָט אָנגעהויבען זוכען אַ דירה אויף נאַלעוווקעס און ביידע האָבען מצליח געווען און געפונען וואָס זיי האָבען געוואָלט. מיין כלה האָט געקראָגען אַ איד און דוקאַ מיט אַ פאַמיליע, וואָס האָט איר געגעבען צוויי הונדערט מיט פופציג רובעל און ער האָט איבערגענומען דאָס געוועלב. מיין כלה האָט גע־בראַכט דאָס געלד צו׳ם טאַטען, און דער טאַטע האָט דאָס געלד אַוועקגע־לייגט אין באַנק אַריין. עס איז געווען די זעלבע באַנק וואָס די ערשטע, דער מאַמע׳ס זאַך. צי עס איז געווען דער זעלבער זאַך פון דער ערשטער באַנק האָב איך ניט געוואוסט, נאָר כ׳האָב געזען ווי די מאַמע לייגט דאָס אַריין אין זאַק אויפ׳ן זעלבען פּוס. נאָכהער האָט דער טאַטע געדונגען די דירה אויף נאַ־לעוווקעס. דאָס איז געווען ביי איינעם אַ איד זאַקאַלניק. ער האָט געהאַט אַ פאַבריק פון קליינע קעשענע בייטלאַך. דאָס איז געווען אַ גרויס פּאַך אין וואַרשאַ, ווייל עס איז ניט געווען קיין מאָדע צו האַלטען קליין געלד אין דער הויזען קעשענע. אויף אַלעס איז געווען אַ בייטעלע, אויף פּאַפּיר געלד איז גע־ווען אַ טייסטער פאַר דעם בוזים קעשענע, און פאַר קליין געלד איז געווען פאַרשידענע סאָרטען בייטעלאַך.

איז געווען די רעכנונג דאָס אַזוי ווי די זעקעל אידלאַך וועלען קומען קויפען דיזע בייטעלאַך, וועלען זיי צו דער זעלבער צייט קויפען אונזערע שפּאַציר שטעקענס.

די דירה איז באַשטאַנען אין אַ אַלקערזש מיט אַ באַזונדער אַריינגאַנג, און מען האָט געמאַכט פלאַץ וואו צו האַלטען די סחורה אויפ׳ן לאַגער, און עס זאָל בלייבען פלאַץ אויף צוויי בעטען כדי איך זאָל האָבען וואו צו שלאָפען, ווייל נאָך דער חתונה האָב איך דאָך באַדאַרפט אָנהויבען קעסט. האָב איך דאָך ניט מער באַדאַרפט ווי נאָר צו שלאָפען אין דער דירה.

אַז מען האָט שוין אַלעס איינגעאָרדענט און בעיקר וואו צו האַלטען

סחורה אויף לאַגער אום איך זאָל האָבען צו לייזען געלד, מעג איך דאָך שוין חתונה האָבען. האָט מען טאַקע באַלד געדונגען די חתונה סאַלע אויף ברייטע מילע גאַס. עס איז געווען איינע פון די שענסטע חתונה סאַלעס אין וואַרשאַ צו יענער צייט. מען האָט זיך גענומען צוצוגרייטען צווי זאַכען, דעם אויס־שטייער פאַר מיר און אויך אָנצוגרייטען אַ סך סחורה אויפ׳ן לאַגער איך זאָל האָבען פון וואָס צו לייזען געלד נאָך דער חתונה.

יח.

## מיין כלה פאָרט נאָך לובלין

אַז מען האָט זיך גענומען גרייטען צו דער חתונה האָב איך שוין געמוזט אויפגעבען מיין בית המדרש און זיך נעמען צו אַרבייטען גאַנצע טעג. איך האָב דאָך באַדאַרפט צוהעלפען מיט דאָס אָנגרייטען די סחורה אויפ׳ן לאַגער איך זאָל האָבען וואָס צו פאַרקויפען צו די זעקעל אידלאַך אויף דער נאַלעוור־קעס. אַז דער טאַטע האָט מיך גערימט פריער, ווען איך האָב בלויז געאַרבייט האַלבע טעג דאָס איך פאַרדין פופצען רובעל אַ וואָך, טאָ אַז איך האָב שוין געאַרבייט גאַנצע טעג, האָב איך דאָך באַדאַרפט צו פאַרדינען טאָפּעלט, און אַז ניט טאָפּעלט, אָבער פינף און צוואַנציג רובעל אַ וואָך האָב איך דאָך באַ־דאַרפט צו פאַרדינען. איינמאָל, געדענק איך, איז מיין כלה געקומען צו אונז אין מיטען דער אַרבייט. ווען דער טאַטע האָט דערזען אַז די כלה קומט, האָט ער צו מיר געזאָגט אַז איך זאָל אויף מיר אַרויפכאַפּען דעם שבת׳דיגען אנצוג. איך האָב ניט געוואָלט הערען דערפון און כ׳האָב געזאָגט צו׳ם טאַטען, אַ קונץ איז צו געפעלען ווערען אין פוץ, מ׳דאַרף געפעלען זיין אין שמוץ אַזוי גוט ווי אין פוץ, און איך בין געבליבען, אַזוי אַרבייטענדיג. איך האָב זיך געטראַכט זאָל מיין כלה זען ווי מען זעט אויס ביי דער אַרבייט. און ביי איר איז דאָס טאַקע געווען אַ נייעס ווייל אין זייער גאַנצער משפחה איז ניט געווען קיין אַרבייטער, בלויז סוחרים אָדער בעסער געזאָגט לופט מענשען.

דערוויל זיינען מיר געווען זער באַשעפטיגט. דער טאַטע האָט דאָך שוין ווידער געהאַט אַ באַנק זיין אייגענס, האָט מען דאָך געקענט אַרבייטען אָן שטערונג. מלבושים צו מיין אויסשטייער האָט שוין דער זיידע נפתלי געזען צו דעם, און אַחוץ אַנדערע מלבושים האָב איך געמוזט האָבען אַ אַטלעסענע קאַפּאָטע מיט אַ סאַמעטענע היטעל מיט אַ גרויסען דאַשיק. קיין שטריימעל צו טראָגען צו דער חופה האָב איך ניט געוואָלט נאָכגעבען. מילא אַ אַטלעסענע קאַפּאָטע האָט מען געמוזט האָבען, ווייל ווי אַזוי האָט מען דען געקענט חתונה האָבען אָן אַן אַטלעסענע קאַפּאָטע? אָבער אַ שטריימעל איז ביי מיר ניט גע־ווען נויטיג אויף צו קענען חתונה האָבען.

בעטגעוואַנד האָט שוין ווידער די באָבע חוה געזען צו דעם זיך אָבצוגע־

בען און דאָס איז געווען אַלעס פון מיין זייט. מיין כלה האָט דאָך אָבער באַדאַרפט אַ סך זאַכען מער צו פאַרזאָרגען. אַחוץ וואָס זי האָט באַדאַרפט אַ סך מער קליידער און אַ רעטונדע און בעטגעוואַנד איז דאָך נאָך געווען פאַר איר צו מאַכען אַ שיינע און פאַראַדנע חתונה. האָט זיך גענויטיגט זי זאָל זיך זען מיט איר משפחה ווייל איר גאַנצער משפחה האָבען אַלע געוואוינט אין לובלין. איז זי טאַקע געפאָרען נאָך לובלין. געוועגליך איז זי געגאַנגען עלעגאַנט געקליידעט און זיצענדיג אין דער באהן זיינען דאָך אידען נייגעריג באַלד צו וויסען וואו פאָרט דאָס אַ מיידעל און צו וואָס פאָרט אַ מיידעל. האָט זי דאָך געמוזט ענטפערען דאָס זי פאָרט נאָך לובלין טאַקע זען איר משפחה און זי האָט אויך געזאָגט דאָס זי איז אַן אייניקעל פון ר׳ הערשעלע פּישטשינער. ער איז געווען אַ באַוואוסטער רייכער איד אין לובלין און געפירט אַ לעבען אַזוי ווי אַ פּריץ און געפאָרען מיט צווויי פאַר פערד ווי נאָר פּריצים פאָרען, און אַז זי איז אַ טאָכטער פון ר׳ חיים לערכע, ז״ל.

ווען די אידען האָבען דערהערט ווער מיין כלה איז, האָבען זיי זיך געגעבען אַ שטעל אויף און איין איד האָט זיך אָנגערופען צו איר:

— מען דאַרף זיך פאַר דיר, מיין קינד, אויפשטעלען, ניט פאַר דיין זיידענ׳ס יחוס נאָר פאַר דיין טאַטענ׳ס תורה. ווייסטו כאַטש, מיין קינד, דאָס חסידים האָבען געקוקט אויף דיין טאַטען ווי אויף דעם צוקונפטיגען לובלינער רבי׳. ווי קומט דאָס דו זאָלסט זיין אַזוי פאַרשייט אָנגעטון?

אָט דאָס האָט געהייסען זיין פאַרשייט. אַז מען איז געגאַנגען מיט אַ הוט אויפ׳ן קאָפּ. זיי האָבען באַדאַרפט זען ווי היינטיגע מיידלאַך גיין אָנגעטון וואָלטען זיי געוואוסט וואָס ס׳הייסט פאַרשייט.

דערווייל איז שוין מיין כלה געווען היימליכער צו פאָרען אויפ׳ן וועג נאָך לובלין, וואו יעדער איינער האָט איר אַרויסגעוויזען גרויסען רעספּעקט. מיין כלה האָט זיך געזאַמט אין לובלין צוויי וואָכען און ווען זי איז אַהיים געקומען האָט זי שוין געהאַט די גרעסטע העלפט צו דער חתונה. דאָס איבעריגע האָט שוין גאָט אַליין געמוזט העלפען, און מען האָט אַלעס צוגעגרייט ווי אַמשענסטען און אַמבעסטען אַזוי ווי ס׳האָט זיך געפאָדערט דאַמאָלט ביי בעל הבתיש׳ע מענשען צו אַזאַ שמחה.

יט

## ווי אזוי מיין חתונה איז צוגעגאנגען

איידער איך גיי שרייבען וועגען מיין חתונה וויל איך זאָגען אַז איך האָב מיך צו מיינע זכרונות ניט צוגעגרייט, ווייל עס איז מיר גאָר קיינמאָל ניט אויף די געדאַנקען געקומען, אַז עס וועט מיר איינפאַלען צו שרייבען זכרונות. איך קען דערפאַר ניט געבען קיין ריכטיגע דאַטען פון די פּאַסירונגען אַחוץ אייניגע וואָס זיינען מיר מער איינגעקריצט אין זכרון.

איין זאַך קען איך אָבער זאָגען, אַז אויף מיין גאָלדענער חתונה פייערונג אין באקסטאָן, פּאַראַיאָרען חנוכה, ווען מיינע קינדער, אייניגע פון מיין משפחה ווי מיין שוואָגער און שוועגערין טייערשטיין, ווי אויך מיין שוואָגער פּינער מיט מיין שוועסטער שרה׳לע, ווי אויך מיין איידעמ׳ס עלטערען און אַזוי פריינד זיינען אַנוועזענד געווען האָב איך געהאַלטען אַ רעדע. צווישען אַנדערעס האָב איך געזאָגט אַז אויב מען וואָלט מיך געווען פרעגען, צי איך וואָלט וועלען נאָך אַמאָל דורכגיין אַלעס, וואָס איך בין דורכגעגאַנגען האָב איך ערקלערט, דאָס איך וויס נישט צי איך וואָלט דאָס געוואָלט נאָך אַמאָל דורכמאַכען. איצט זע איך, אַז עס איז ניט געווען אויסגעהאַלטען. ווייל ווען איך שרייב אַצינד מיינע זכרונות איז דאָס ניט בלויז גלאַט געשריבען נאָר איך לעב דאָס אין אמת׳ן איבער. ווען מיינע געדאַנקען פירען מיך צו יענער צייט וואָס איך האָב איבערגעלעבט דוכט זיך מיר אויס, אַז איך לעב דאָס נאָך אַמאָל איבער בוכשטעבליך.

אַזאַ וויכטיגע עראייגניס ווי חתונה האָבען געדענקט זיך ריכטיג דעם טאָג אַפילו. עס איז געווען מיטוואָך אין גרעסטען שניי און פראָסט, זאת חנוכה, דעצעמבער 1890. עס איז אויך געווען פונקט מיין געבורטסטאָג. עס איז אויך כדאי צו דערמאָנען דאָס ווען איך בין געבוירען געוואָרען איז עס אויך געווען מיטוואָך, זאת חנוכה, דעצעמבער 1873. קומט אויס דאָס איך בין אין מיין חופה טאָג אַלט געוואָרען פונקט זיבעצען יאָר. באַדאַרפט האָב איך צו פאַסטען ביז צו דער חופה, און די חופה האָט זיך צו יענער צייט ניט פריער אָנגעפאַנגען ווי אַרום צען אַזייגער ביינאַכט.

פאַר אַ בית המדרש׳ניקעל ווי איך בין געווען איז ניט געווען קיין פלאַן צו פאַסטען אַזאַ טאָג ביז צען אַזייגער. מען קען אויף אַלעם געפינען אַן עצה. האָב איך מיך אויפגעהויבען גאָר פאַרטאָג, ווען עס איז נאָך געווען נאַכט און מען האָט נאָך ניט געטאָרט דאַוונען. אַלע זיינען נאָך געשלאָפען אין שטוב. האָב איך מיר געמאַכט אַ פיינעם אָנבייסען אַליין איך זאָל האָבען כוח צו פאַסטען, און ווען עס האָט אָנגעהויבען צו טאָגען האָב איך מיר אויסגעוואַשען דאָס מויל און זיך גענומען דאַוונען גאָר ערענסט און נאָך געזאָגט אַביסעל תהלים. דאַן האָב איך מיך גענומען פאַסטען און צו דער זעלבער צייט האָב איך נאָך אַריינגעכאַפּט אַביסעל צייט צו אַרבייטען, ניט ווייל עס האָט מיך ווער געהייסען, פאַרקערט, מ׳האָט געשריען אויף מיר: סטייטש, אין חופה טאָג צו אַרבייטען! איך אָבער האָב ניט געקענט לעדיג זיצען. צו לערנען וואָלט איך ניט געהאַט קיין געדולד. דורך אַרבייטען פאַרגייט די צייט בעסער. האָב איך אַזוי אָבגעאַרבייט ביז אַרום צוועלף אַזייגער. דאַן בין איך געגאַנגען האָבען אַ קאָכעדיגע מקוה און אַהיים קומענדיג האָב איך זיך גענומען אָנטון מיט׳ן גאַנצען שטאַט, אַזוי ווי עס פאַסט פאַר אַ מלך, אין דער אַטלעסענער קאַפּאָטע און קעמעל־האָרענע גאַרטעל מיט דעם גרויסען סאַמעטענעם היטעל.

ווען איך בין שוין געווען פאַרטיג האָב איך מיך אַוועקגעזעצט ביי׳ם לאַנגען טיש, וואָס איז געווען עקסטרא צוגעגרייט פאַר מיר און כ׳האָב געוואַרט

אויף מיינע חברים, וועלכע האָבען געזאָלט באַלד קומען. ווען די בחורים זיינען אָנגעקומען האָבען זיי זיך אַרומגעזעצט ביי׳ם טיש און איך אויבען־אָן. איך האָב אויסגעקוקט ווי אַ רבי מיט חסידים. דער טיש איז געווען געדעקט מיט כל׳ערליי משקאות און צובייסעכץ. די בחורים האָבען זיך געלאָזט וואוילגיין און גענומען צוביסלאַך און דערביי געזונגען זמירות ביז דער בדחן איז אָנגעקומען מיט די כלי זמרים. דער בדחן האָט דאַן גענומען קאָמאַנדעווען מיט די כלי זמורים זיי זאָלען אויפשפילען אַ פריילייכעס און ער אַליין איז ניט געשטאַנען ליידיג נאָר האָט זיך געוויצעלט און געזאָגט גראַמען געמישט מיט תורה ווערטלאַך.

פאַרטיג געוואָרען מיט אַלעמען, מיט׳ן שפילען און זינגען און ווער שמועסט צו נעמען צו ביסלאַך פון טיש, זיינען דער בדחן מיט די כלי זמורים אַוועק צו דער כלה דאָרטען פראַווען דאָס זעלבע. דער בדחן האָט ווייטער געהאָט וואָס צו זאָגען. די כלה איז אויך אַזוי ווי איך געזעסען מיט אירע חבר׳טעס און זי איז טאַקע געזעסען ווי אַ אמת׳ע בת מלכה.

נאָך דעם בין איך מיט מיינע חברים געפאָרען צו דער סאלע און דאָרטען האָט מען מיך אויך אַוועקגעזעצט ביי אַ לאַנגען טיש אין אַ באַזונדער צימער, וואָס איז געווען בלויז פאַר מענער, און פאַרשטייט זיך, איך בין אויך געזעסען אויבען־אָן מיט מיינע חברים אַרום. זיי האָבען זיך ווידער געלאָזט וואוילגיין מיט׳ן נעמען צוביסלאַך און איך האָב געמוזט קוקען בלויז. די כלה איז אויך געזעסען אין אַ באַזונדער צימער וואָס איז געווען בלויז פאַר פרויען. זי איז אויך געזעסען מיט אירע חבר׳טעס. דאַן איז צו מיין טיש צוגעקומען דער בדחן און מיט דעם זעלבען ניגון ווי אַ מגיד האָלט אַ דרשה האָט ער אָנבעהויבען צו זינגען: „אונטערפירערס, אונטערפירערס, צו נעמען דעם חתן צו׳ם באַדעקענס״. און די אונטערפירערס האָבען אים גלייך געפאָלגט און מיך גענעבען אַ נעם און געפירט אַזוי ווי צוויי פאָליציי לייט פירען אַן אַרעסטירטען, נאָר מיך האָט מען געפירט צו דער כלה, און כ׳האָב אַרויפגעלייגט אַ שטיקעל טיול. דערנאָך האָט זיך ערשט דער בדחן גענומען וואוילגיין און גע־דרש׳נט מיט אַ וויינענדיגען ניגון, אַז די פרויען האָבען באַלד גענומען וויינען וואָס זיי קענען, און איינע העכער פון דער צווייטער האָבען גענומען וויינען אויפ׳ן קול ווען דער בדחן האָט אויפגעוויזען דאָס דער זיווג איז מין השמים. עס שטייט אין פסוק „אז ימלא״ מאַכט דאָס ״אז״ אשר זעליג, ״ימלא״ ישא מלכה לאה. נו, איז דאָך דאָס אַ באַווייז, אַז דער זיווג וועט עולה יפה זיין.

ווען דער בדחן איז פאַרטיג געוואָרען מיט זיינע גראַמען און תורה ווערטלאַך האָט מען אונז ערשט געפירט צו דער חופה. מיין עלטער באָבע הענעלע האָט אַנטקעגען געטאַנצט מיט אַ גרויסע חלה אין דער האַנד.

נאָך דער חופה האָט מען מיך מיט דער כלה צוזאַמען אַריינגעפירט אין אַ באַזונדער צימעריל, וואו מיר האָבען געגעסען פאַר זיך, ניט געשטערט צו ווערען פון קיינעם. ווען מיר זיינען פאַרטיג געוואָרען מיט דער גילדערנער יויך און מיט דעם אינדיק, האָט מען אונז שוין אַריינגעפירט וואו די גאַנצע

משפחה איז געזעסען. מען האָט מיך געזעצט אויבען־אָן ביי׳ם טיש וואו די מענער זיינען געזעסען, און די כלה צו דעם טיש וואו די פרויען זיינען געזעסען, און איידער מען איז געגאַנגען בענשען איז צוגעקומען צו׳ם טיש דער בדחן מיט־אַ גרויסע טאַץ, און ער האָט אָנגעפאַנגען צו שרייען אויף זיין קול־כעל מיט אַ האַרציגען ניגון אַזוי ווי אַ מגיד: „דרשה געשאַנק, דרשה געשאַנק!" מ׳האָט פון אַלע זייטען אָנגעהויבען צו ברענגען דרשה געשאַנק און ביי יעטווידערען האָט ער אויסגערופען: „דער פעטער פון חתנ׳ס צד, צד, צד, גיט צען רובעל כסף טהור". און ער האָט דאָס געלד אַריינגעוואָרפען אין דער טאַץ אריין, און אַזוי ביי יעדען איינעם.

ווען איינער האָט ניט מער געגעבען ווי איין רובעל האָט דער בדחן געשריען פינף רובעל, און ווען איינער האָט יאָ געגעבען פינף רובעל, האָט דער בדחן אויסגעשריען צען רובעל. אַלץ האָט ער געטאָפּעלט, און לויט ווי עס האָט דער בדחן אויסגערופען האָב איך באַדאַרפט צו האָבען אין דער טאַץ אַ מאַסע מיט געלד דרשה געשאַנק, ווען אַ רובעל איז געפאַלען נעבען דער טאַץ האָט שוין דער פעטער אליה גינגאָלד, וועלכער איז געזעסען נעבען מיר דער ערשטער אום אַכטונג צו געבען עס זאָל צוגיין ריכטיג, האָט ער דעם רובעל מיר אָוועקגעגעבען: „נאַ דיר, וועסט האָבען טאַשען געלד". ס׳הייסט אין ענגליש "ספענדי מאני".

ווען מען איז פאַרטיג געוואָרען מיט דעם דרשה געשאַנק וואָס האָט צוגענומען אַ סך צייט, האָט מען געבענשט, געמאַכט שבע ברכות און דאַן האָט זיך אָנגעפאַנגען דאָס טאַנצען און דאָ ווידער אויך די מענער באַזונדער און די פרויען באַזונדער. נאָר די מענער האָבען צווישען זיך מער גערעדט ווי געטאַנצט. צו׳ם לעצט האָט מען שוין געטאַנצט צוזאַמען, דאָס האָט מען גערופען דאָס מצוה טענצעל. האָבען שוין אַלע געהאָפּקעט צוזאַמען, און דער בדחן האָט ווייטער זיך געלאָזט הערען, מיט זיין מגיד׳ישען ניגון גערופען יעדען אַזוי ווי מ׳רופט אויף אין שוהל צו האָבען אַן עליה ביי׳ם ספר תורה. מיט דעם זעלבען ניגון האָט ער גערופען: „דער זיידע גייט טאַנצען מיט דער כלה", און דער כלה האָט שוין דער בדחן געגעבען זיין רויטער פאַטשיילע צו האַלטען ביי איין עק, און ווער עס איז צוגעקומען טאַנצען האָט אָנגענומען דעם צווייטען עק פון דער פאַטשיילע און זיך אַרומגעדרייט.

דאָס איז געווען דאָס טאַנצען און אַזוי האָט דער בדחן נאָך די זיידעס אויפגערופען יעדען פעטער צו׳ם מצוה טענצעל. צו לעצט האָב איך זיך געמוזט דרייען מיט דער כלה און אויך מיט דער רויטער פאַטשיילע, און אַלע באָבעס און זיידעס און מומעס אַרום אונז האָבען אַלע געטאַנצט און געהאָפּקעט און דערביי געפּאַטשט מיט די הענד. ווען מ׳האָט זיך גוט אָנגעהאָפּקעט איז שוין געווען אַרום פיר אַזייגער פאַרטאָג, האָט מען זיך שוין גענומען אַהיים צו גיין.

צום ערשטען האָט מען אַהיים געפירט די כלה און אַלע מומעס מיט, און יעדע האָט געהאַלטען פאַר אַ מצוה עפּעס צו העלפען ביי׳ם אויסטון דער כלה,

ווען מ׳האָט מיך אַהיים געפירט האָב איך שוין קיין פּרויען ניט געטראָ־
פען. עס איז געווען שטיל. די טיר וואָס פירט צו דער שלאָף שטוב איז געווען
פאַרמאַכט. די אַלע פּעטערס האָבען ערשט זיך אָנגעהויבען צו דרייען מיט
מיר. קיין סך פּלאַץ איז ניט געווען צו טאַנצען, האָט מען זיך אַזוי געדרייט
און געדרייט און דער פעטער מאַטעל, מיין כלה׳ס אַ פעטער, האָט זיך דרייענ־
דיג מיט מיר געהאַלטען אין איין אַריינרוימען מיר אין אויער, וואָס איז מיר
אַפילו אין דער לינקער פּאה ניט אַריין. מיינע אונטערפירער האָבען מיך גע־
האַלטען פעסט איך זאָל זיך חס ושלום ניט אַרויסרייסען פאַר דער צייט ביז
מ׳האָט מיך שוין גוט פאַרמאַטערט, און מען האָט מיך שוין געוואָלט אַריינלאָ־
זען צו דעם שלאָף צימער. איז אָבער ר׳ לעמל בעקער געווען שטאַרקער פון
אַלעמען, און ער האָט געזאָגט אַז איך מוז אים פריער געבען חי גראָשען אויס־
לייז געלד, אַז ניט לאָזט ער מיך ניט אַריין. איך האָב אָבער ביי מיר קיין חי
גראָשען ניט געקענט געפינען.

הכלל, מ׳האָט זיך געאַמפּערט, ביז מען האָט זיך מיט ר׳ לעמל בעקער
קוים פאַרגלייכט ווענען פּרייז, און מ׳האָט מיך אַריינגעשטופּט אין שלאָף צי־
מער אַריין.

איך גלויב אַז קיינער וועט פון מיר ניט פאַרלאַנגען ווייטער צו שרייבען
וועגען דעם, כאָטש איך געדענק נאָך גאַנץ גוט אַפילו איצט יענע מאָמענטען,
נאָר איך וועל באַשרייבען ווי עס איז צוגעגאַנגען דער פרימאָרגענס. עס האָט
געהייסען דער ״דזשענדאברי״ נאָך דער חתונה, נאָר דאָס וועט שוין זיין אין
צווייטען קאַפּיטעל.

## כ.

# איך פאנג אן עסען קעסט

צו מאָרגענס נאָך דער חתונה האָב איך שוין אָנגעהויבען עסען קעסט.
צו פאַרען אויף האָניג־חודש האָט מען צו יענער צייט ניט געוואוסט וואָס דאָס
איז אַזוינס. מ׳האָט נאָר געוואוסט צו האַלטען יום טוב זיבען טעג. עס האָט
געהייסען ״שבעת ימי המשתה״.

באַלד אין דער פרי ווי מען האָט נאָר פאַרענדיגט מיט דעם פרישטיג,
אַרום עלף אַזייגער, זיינען געקומען די זעלבע כלי זמורים, וואָס האָבען גע־
שפּילט אויף דער חתונה, אויפגעשפּילט אַ פריילינכס און עס זיינען געקומען די
נאָענטע משפחה, מיידלאַך, שכנים, און די מיידלאַך האָבען געטאַנצט צו׳ם
טאַקט פון דער מוזיק. אַזוי האָט מען פאַרברענגט ביז מיטאָג צייט. מיטאָג האָט
מען ניט באַדאַרפט קאָכען ווייל עס איז גענוג געבליבען פון דער חתונה, ווי
היימישע פיש און געבראָטען געגנזענס.

ביינאַכט ווידער איז שוין געקומען מער משפחה. מ׳האָט געמאַכט אַ ריכ־
טיגע סעודה, געזאָגט ״שבע ברכות״ און יעדע נאַכט איז געווען ביי אַן אַנדע־

רען פעטער „שבע ברכות". די לעצטע „שבע ברכות" איז שוין געווען ביי אונז אין דער היים. אַזוי האָט מען פאַרברענגט גאַנצע אַכט טעג.

דערנאָך בין איך שוין געוואָרען אויס מלך און צוריק זיך גענומען צו דער אַרבייט. די גאַנצע וואָך בין איך געשלאָפען ביי'ם שווער און שוויגער אין זייערע בעטען, נאָר וואו זיי זיינען געשלאָפען האָב איך ניט געוואוסט. איך האָב געמיינט דאָס נאָך דער וואָך פון די „שבע ברכות" וועל איך שוין גיין צו מיר אין וואוינונג אויף דער נאַלעווקעס. צום סוף האָט דער שווער פאַרלאַנגט מיר זאָלען נאָך זיין ביי אים אַ צוויי וואָכען. נו, בין איך ווייטער געבליבען שלאָפען אין שווער און שוויגער'ס בעטען.

עס איז אויך געבליבען פון די לובלינער געסט, וואָס זיינען געקומען אויף דער חתונה, אַ מומע שרה. זי איז אויך געשלאָפען אין דער זעלבער שטוב. עס האָט זיך איר גאָר ניט געגלוסט צוריקצופאָרען צו איר מאַן, ווייל זיי האָבען ניט גוט געלעבט. איך האָב דאָס ניט געגליכען, נאָר וואָס האָב איך געקענט טון. זי איז געשלאָפען אויף אַ קליין בעטעל נעבען דער טיר, און ביי דעם בעטעל איז געשטאַנען אַ גרויסע קליידער שראַנק. דערנאָך איז געשטאַנען צוויי בעטען ביי דער וואַנד אַנטקעגען דעם טיר ביז צו'ם פענסטער. אין דער מיטען שטוב איז געווען אַ גרויסער טיש אַ קיילעכיגער מיט שטולען אַרום, און אַנטקעגען טיש נעבען דער וואַנד פון טיר איז געשטאַנען אַזאַ מין קאָמאָדע. אויף דער צווייטער זייט פון טיר איז אַחוץ דעם בעטעל וואו די מומע שרה איז געשלאָפען געווען אַ גרויסער קאַפלאַנער אויווען, וואָס איז דורכגעגאַנגען דורך דער וואַנד אין קיך אַריין, וואו מען האָט געקאָכט, און אין דער זייט האָט מען זיך געקענט אָנוואַרימען אַ פּלייצע שטייענדיג ביי דעם אויווען.

עס האָט אויסגעקוקט דאָס דער מומע שרה איז געפעלען געוואָרען צו ליגען מיר צו־קאָפּענס, און זי האָט גאָר ניט אין זינען געהאַט אַהיים צו פאָרען צוריק נאָך לובלין. דער מאַן אירער, ווייזט אויס, האָט זיך גאָר ניט פאַרבענקט נאָך איר, זיין ווייב שרה, און אפשר איז ער גאָר צופרידען געווען וואָס זי קומט ניט צוריק?

אָבער איך האָב ניט געקענט ליידען צו האָבען אַ מומע צו קאָפּענס, און איך האָב דאָך דאַנקען גאָט געהאַט מיין דירה אויף נאַלעווקעס. טאָ צו וואָס האָב איך מיך באַדאַרפט קווילען?

האָב איך אָנגעפאַנגען צו פאָדערען פון מיין ווייבעלע דאָס מיר זאָלען גיין צו אונזער דירה און זיין בעלי הבתים פאַר זיך, ניט האָבען קיין מומע צו קאָפּענס. האָבען מיר טאַקע זיך אַריינגעקליבען צו אונזער דירה אויף נאַלעווקעס, וואָס דער טאַטע האָט געדונגען פאַר מיר עס זאָל זיין וואו צו האַלטען די לאַגער סחורה אויף צו לייזען געלד.

זיינען מיר געשלאָפען אויף נאַלעווקעס און געגעסען קעסט אויפ'ן מוראַנאָוו, און געאַרבייט האָב איך אויף ניסקע גאַס אין טאַטע כישע'ס הויף.

כ'האָב געקראָגען ביי'ם טאַטען גאַנצע דריי רובעל אַ וואָך פאַר מיין אַרבייט. איי, פאַרוואָס נאָר די דריי רובעל ווען דער טאַטע אַליין האָט מיך געריימט דאָס איך פאַרדין פופצען רובעל אַ וואָך נאָר פאַר האַלבע טעג אַרבייט?

נו, איז טאַקע געבליבען דערוויל אַ קשיה, און אַזוי איז אַוועק נאָך אַ צוויי־דריי וואָכען. איינמאָל מאַכט צו מיר מיין וויבעלע דאָס עס איז אַביסעל שווערליך פאַר אירע עלטערען מיר צו געבען קעסט. זאָג איך צו איר אַז עס איז מיר אויך שווער צו עסען קעסט, ווייל פאַרוואָס קומט מיר קעסט? איך זיץ דען און קוועטש די בענק? איך אַרבייט דאָך, טאָ פאַרוואָס קומט מיר קעסט גאָר? נאָר, זאָג איך ווייטער, דו ווייסט דאָך אָבער דאַרפען אַליין צו קאָכען. מאַכט צו מיר מיין וויבעלע דאָס אירע הענד ליגען ניט אין קינפּעט, און זי וועט נאָך קענען קאָכען דאָס גרויסע געקעכץ, וואָס מיר וועלען דאַרפען.

איז ביי אונז געבליבען צו זיין אויף אייגענע קעסט. האָבען מיר געקויפט אַ קעראָסין מאַשינקע, און דער אלקאר, וואָס האָט געזאָלט זיין בלויז אויף צו שלאָפען און צו האַלטען לאַגער סחורה, איז שוין געוואָרען אַ קיך צו קאָכען אויך. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען דאָס מיין וויבעלע, כאָטש זי האָט קיינמאָל פריער ניט געקאָכט, זי האָט נאָר געוואוסט צו שטיין אין געוועלב און צו לייזען געלד פאַר פּאַפּיראָסען און ציגאַרען, צו׳ם סוף האָט זי שוין איינמאָל געקענט קאָכען. עס איז מיר געפעלען געוואָרען בעסער ווי מיין מאַמע׳ס קאָכעכץ. עס איז געווען אַזוי מיט טעם דאָס עס האָט זיך געגעסען מיט אַפּעטיט. בין איך יעדען טאָג אַהיים געגאַנגען צו מיר אויף נאַלעווקעס עסען מיטאָגען, נאָר שבת פלעגען מיר עסען ביי אונז אין דער היים, ערשטענס צוליב היימליכקייט און צווייטענס איז דאָך ביי מיר אין אלקאר געווען אַ סך סחורה. האָט מען געמוזט זיין פאָרזיכטיג ניט צופיל צו קאָכען.

אַזוי איז אַוועק אַ שטיקעל צייט. מיר האָבען זיך גאַנץ פיין איינגעשטעלט און זיך געפילט זער צופרידען. דורך דער צייט אָבער איז דעם טאַטען׳ס געשעפטען ניט געגאַנגען אַזוי ווי זיין פּלאַן איז געווען מיט די זעקעל אידעלאַך. מיין לאַגער סחורה איז געבליבען דער זעלבער. ס׳האָט ניט געהאָלפען די נאַלעווקעס דער לאַגער זאָל ווערען וועניגער. איז דעם טאַטען איינגעפאַלען אַ פרישער פּלאַן. און אונזער היים אויף דער נאַלעווקעס האָט מען געמוזט צוליב דעם נייעם פּלאַן אויפגעבען, כאָטש מיר האָבען זיך דאָרטען אַזוי פיין געפילט, און עס האָט ניט געהאָלפען. ווי זאָגט מען עפּעס אַ ווערטעל אין ענגלאַנד „ביזנעס בעפאָר פּלעזשור״, פּרנסה קומט פריער ווי פאַרגעניגען. אַזוי איז טאַקע געווען. צוליב געשעפט האָבען מיר געמוזט אויפגעבען די נאַלעווקעס, אַזוי גוט ווי צוליב געשעפט האָבען מיר זיך געצויגען נאָך די נאַלעווקעס...

## כא.

# דער טאַטע פאַרט נאָך אדעס

די געשעפטען מיט דעם לאַגער סחורה אויף דער נאַלעווקעס איז ניט געגאַנגען, אַזוי ווי דער טאַטע האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווייל גאָר פּשוט, די

זעקעל אידלאַך האָבען זיך ניט געאײלט צו קויפען אונזערע שפּאַציר שטע־קענס, ווי דער טאַטע האָט גערעכענט. די „באַנק" האָט ווידער זיך גענומען אויסשעפּען ביז ס'איז געבליבען אויס „באַנק", נאָר בלויז אַ זאַק. איז דאָך ממילא ניט געווען צו פויגעלדיג. האָט דער טאַטע געהאַט אַ פרישען פּלאַן און דאָס מאָל האָט געשטעקט עפּעס אַ ליטוואַק אין פּלאַן. וואו דער טאַטע האָט געקראָגען דעם ליטוואַק ווייס איך ניט, נאָר ער האָט אים געקראָגען און ער איז שוין געווען איינמאָל אַ ליטוואַק.

געווען איז דער ליטוואַק אַ קאָמיסיאָנער, דאָס הייסט דאָ אַ „קאָמישיאָן אײדזשענט". געוואוינט האָט דער ליטוואַק אין אָדעס, נאָר ער אַליין איז תמיד געזעסען אין וואַרשאַ און אײנגעקויפט פאַרשידענע סחורות פאַר אַ סך אָדע־סער סוחרים און ער האָט דאָס איבערגעשיקט. ער האָט דערפאַר באַקומען קאָמיסיאָן. דאָס איז געווען זיין פּרנסה. ווייזט אויס דאָס דער טאַטע האָט זיך מיט אים באַקענט ווייל ער פלעגט אַמאָל ביי אונז אויך קויפען אונזערע פּאַ־ראַסאָלען, ווען מיר האָבען געפירט דאָס גרויסע געשעפט מיט די „צען פּענ־סטער".

דער פּלאַן איז געווען אַזעלכער, דאָס אַזוי ווי אָדעס קויפט אַ סך סחורה פון וואַרשאַ פאַר איר געברויך, און די אָדעסער סוחרים מוזען קומען איין צי־צוויי מאָל נאָך וואַרשאַ אין יאָר, איז, אויב מ'זאָל עפענען אַ פאַבריק פון פּאַ־ראַסאָלען אין אָדעס וואָלט דאָס געווען פאַר די אָדעסער סוחרים איינפאַך אַ גליק. עפּעס אַ קלייניגקייט, זיי וואָלטען ניט באַדאַרפט צו פאָרען קיין וואַרשאַ, זיי וואָלטען געהאַט וואַרשאַ ביי זיך, און געקענט קריגען סחורה אָן שוועריג־קייטען. נו, דאַרף מען דען בעסער? און דער ליטוואַק האָט פאַרזיכערט, אַז קאַפּיטאַל האָט ער גענוג. דער טאַטע וועט זיך גאַרניט דאַרפען זאָרגען וועגען קאַפּיטאַל. ער וועט שוין האָבען וויפיל נאָר מען וועט דאַרפען פאַר דער אונ־טערנעמונג. דער טאַטע וועט נאָר דאַרפען אַכטונג געבען און פירען די פאַ־בריק פון די פּאַראַסאָלען. די שפּאַציר שטעקענס וואָלט איך אַליין געקענט מאַכען אין וואַרשאַ און צושיקען צו'ם טאַטען נאָך אָדעס און ער וועט זיי שוין צוזאַמען פאַרקויפען מיט די פּאַראַסאָלען און איך וועל גאַרניט דאַרפען די וואַרשאַווער סוחרים, אַלעס וועט שוין פאַרקויפט ווערען אין אָדעס. דאַרף מען דען בעסער? עס איז דאָך איינפאַך און גאַר פשוט אַ ריין גליק צו קריגען אַזאַ ליטוואַק. הערר רובינס האָט ער געהייסען, דער ליטוואַק, וואָס האָט אַ סך קאַפּיטאַל פאַר אַזאַ גלענצענד געשעפט.

האָט דער טאַטע געמאַכט מיט דער הערר רובינס אַ ריכטיג שותפות געע־שעפט. מען האָט געדונגען אַ פרישע דירה וואו איך זאָל קענען וואוינען צו־זאַמען מיט דער אַרבייט. די דירה איז געווען אויף פראַנצישקאַנער גאַס, אין אברהם העכט'ס הויף, און איך האָב מיך אַרויסגעצויגען פון דער נאַלעווקעס. דער טאַטע פון טאַבע כישע'ס הויף אויף ניסקע גאַס, און מיר האָבען זיך גע־צויגען צוזאַמען נאָך פראַנצישקאַנער גאַס. דערנאָך איז דער טאַטע מיט דעם ליטוואַק רובינס אַוועקגעפאָרען נאָך אָדעס און מיטגענומען דעם גאַנצען לאַ־

גער סחורה, צוזאַמען מיט די פּאַראַסאָלען וואָס ער וועט דאָרטען מאַכען. איך האָב זיך גענומען צו דער אַרבייט אום אָנצוגרייטען פרישע סחורה, טאָמער פאַרקויפט דער טאַטע דעם גאַנצען לאַגער מיט סחורה באַדאַרף מען דאָך ווייטער אָנגרייטען פרישע סחורה.

געווען איז אין דעם הויף אַ דזשאַנצע, אַ איד אַ חסיד, אַ הויכער, מיט אַ לאַנגער שוואַרצער באָרד. שבת, ווען ער פלעגט גיין מיט דער אַטלעסענער קאַפּאָטע און מיט דעם גרויסען סאַמעטענעם היטעל אין שטיבעל אַריין דאַוונען, האָט מען גענומען דאָס מען מעג זיך ווינשען מיט אַ סך אַזעלכע אידען חסידים. גערעדט האָט ער מיט אַזאַ זיס שמייכעלע דאָס נאָר אַ מלאך קען אַזוי רעדען, ניט קיין געוועהנליכער בשר ודם. צום סוף איז דאָס אָבער געווען אַ איד אַ באַנדיט, אַ קאַלטער גזלן. ער האָט געמעגט זיין אַ חבר צו דעם רבי׳לע אויף פּאַווע גאַס, וואָס איך האָב באַשריבען אין אַ פריערדיגען קאַפּיטעל, וואָס די רבי׳צין זיינע האָט פון מיר באַקומען מיין ערשטען פּאַטש.

געווען איז דאַמאָלט אין וואַרשאַ אַז די מענשען וועלכע זיינען ניט געווען קיין וואַרשאַווער, נאָר האָבען אַזוי געוואוינט אין וואַרשאַ, האָבען באַדאַרפט צו צאָלען אַ אָבצאָל אַ קליינעם, נאָר פאָרט אַן אָבצאָל, וואָס קיין וואַרשאַווער האָט פון דעם ניט געוואוסט. איך האָב געוויס קיין שום אהנונג ניט געהאַט דאָס עס איז פאַראַן אַזאַ מין אַבצאַל פאַר פרעמדע, און אַזוי ווי מיין ווייבעלע איז דאָך געבוירען געוואָרען אין לובלין, האָט זי געהייסען אַ פרעמדע און זי האָט טאַקע פאַר דער חתונה אויך געצאָלט. אָבער אַז זי האָט חתונה געהאַט מיט אַ וואַרשאַווער איז זי שוין געווען פּטור פון דעם צאָלענץ. מ׳האָט אָבער דאָס באַדאַרפט איינצומעלדען אין צערקעל. געוועהנליך, ווען מען ציט זיך אַריין אין אַ נייע דירה האָט דער דזשאַנצע איינגעמאָלדען. היינט, ווען דער דזשאַנצע מיינער וואָלט געווען אַ איד מיט אַ מענשליך האַרץ וואָלט ער מיך באַדאַרפט צו מאַכען אויפמערקזאַם, אַז מיין פרוי דאַרף צו באַצאָלען פון פאַר דער חתונה וואָס זי איז שולדיג די עטליכע קאָפּיקעס און מעלדען דער פּאָליציי, אַז זי איז שוין אַ וואַרשאַווערין און דאַרף שוין ניט צאָלען מער. האָט ער זיך גאָר ניט וויסענדיג געמאַכט, נאָר צו וויסען געטון דער פּאָליציי אַז מיין פרוי איז עפּעס שולדיג פאַר דעם ספּעציעלען אָבצאָל.

מיט אַמאָל אין מיטען דער נאַכט קלאַפּט מען ביי מיר אין טיר און איך קען גאָר ניט פאַרשטיין ווער האָט דאָס צו קלאַפּען ביי מיר אין מיטען נאַכט. מען קלאַפּט דאָך אָבער פאָרט, און וואָס אַמאָל שטאַרקער און העכער, מוז איך דאָך שוין אַראָב פון בעט און זען ווער עס קלאַפּט. איך עפען די טיר און ווער ערשטוינט צו זען דאָס עס איז גאָר די פּאָליציי. ווער האָט נאָך זיי געשיקט אום מיר צו שטערען מיין שלאָף?

זאָגען זיי צו מיר אַז דער דזשאַנצע וועט מיר שוין זאָגען אין וואָס עס האַנדעלט זיך. איך געב אַ קוק און דער דזשאַנצע, דער לאַנגער חסיד שטייט טאַקע אויך נעבען די פּאָליציי. פרעג איך אים וואָס דאָס איז אַזוינס, שמייכעלט ער גאָר מיט זיין זיס שמייכעלע און זאָגט צו מיר דאָס אַזוי ווי מיין פרוי איז

עפּעס שולדיג פּאַר דעם ספּעציעלען צאָלונג — לאָז איך אים ניט ענדיגען די רייד און גיב אים אַ פרעג אויב יעצט איז די צייט צו קומען מאַנען חובות? שמייכעלט ער נאָך זיסער און זאָגט צו מיר אַז אַזוי מאָנט די פּאָליציי. מאַך איך צו אים:

— אָבער איר האָט דאָך דאָס מיר געקענט זאָגען איידער איר האָט צו וויסען געטון די פּאָליציי, און איר זענט דאָס דער שיינער חסיד, און איר ווייסט דאָס מיין פּאַטער איז אין אָדעס, נישט דאָ. איך בין נאָך גאָר אַ יונגער־מאַן וואָס ווייס ניט די אַלע זאַכען.

הכלל עס האָט גאָרניט געהאָלפען, אַפילו דאָס וואָס איך האָב געוואָלט באַצאָלען באַלד אויפ׳ן אָרט און פּטור אַ עסק. אַצינד מוז מען נאָר אין צער־קעל איינצאָלען, די פּאָליציי האָט ניט קיין רעכט צו נעמען געלד. דאָס אַלץ האָט מיר דער דזשאַנצע געזאָגט און האָט נאָך צוגעלעגט דאָס די פּאָליציי דאַרפען נאָר דעם בעל חוב צו שטעלען אין צערקעל אַריין און דאָרטען באַ־צאָלט מען שוין.

די פּאָליציי האָבען גענומען מיין ווייבעלע טאַקע אין צערקעל אַריין אין מיטען דער נאַכט און בשום אופן האָב איך ניט געקענט פּועל׳ן דאָס איך זאָל אַליין ברענגען אין צערקעל די פּאָר גראָשען. דער לאַנגער חסיד איז זיך אַזוי געשטאַנען און עס זאָל אים גאָר עפּעס אַרען אַזאַ סקאַנדאַל מ׳זאָל נעמען אַ יונגעטשקע ווייבעלע אין מיטען דער נאַכט פון בעט אַרויס אין צערקעל אַריין איבער אַזאַ קליינינקייט.

אָט דאָס האָט געקענט טרעפען אין דעם איידעלען פּוילען!

איך בין געלאָפען צו מיין פעטער אליה גינגאָלד און ער איז מיט מיר גלייך אַוועק אין צערקעל און באַצאָלט וואָס עס איז געקומען. די פּאָליציי האָט ערשט דאַן אַרויסגעגעבען אַ מעלדונג דאָס מיין פרוי איז שוין אַ וואַרשאַווערין און מען וועט איר שוין מער ניט באַלעסטיגען. אָבער דאָס האַרץ קלאַפּעניש און עגמת נפש וואָס איך בין דורכגעגאַנגען די עטליכע שעה וועל איך דעם פאַרשטעלטען חסיד קיינמאָל ניט מוחל זיין. נאַטירליך האָב איך ערשט דער־נאָך אויסגעפונען דאָס דער פאַרשטעלטער חסיד האָט אַ משוגע ווייב, ווייל ער האָט זי משוגע געמאַכט. אַזאַ חברה׳מאַן איז דאָס געווען. מיט זיינע זיסע ריי־דעלאַך האָט ער געקענט אַפילו איינעם ערמאָרדען.

נאָך דער געשיכטע זיינען די חסידים ביי מיר ניט אָבגעפאַלען ווייל אָט די צוויי פאַרשוינען, דער ווירט פון פאווע גאַס, פון פאלעצעל הויף, און דער דזשאַנצע זיינען געווען אַן אויסנאַם ניט נאָר ביי חסידים נאָר אַפילו ביי פּראָסטע אידען. נאָר מיר האָט עס באַדאַרפט צו טרעפען עס זאָלען מיר אונ־טערגעקומען אַזעלכע מיאוס׳ע אויסוואורפען, וועלכע האָבען נאָך געהאָט די חוצפה צו שטאָלצירען מיט זייער אידישקייט און חסידיזם.

## כב.

# דעם טאַטענ׳ס פּלאַן פאַלט דורך

דער פּלאַן פון אָדעס איז ניט געלונגען ווייל דער ליטוואַק האָט דעם טאַ־טען אָבגענאַרט מיט דעם וואָס ער האָט געזאָגט מיט זיכערקייט, אַז ער האָט גענוג קאַפּיטאַל אויסצושטאַטען אַ קליינע פאַבריק. ער האָט אַפילו ניט געהאַט גענוג אויפ׳ן בלויזען אָנפאַנג, און אָן געלד קען מען קיין שום געשעפט ניט אָנפירען, און נאָך דערצו אין אַ פרעמדער שטאָדט. האָט דער טאַטע אין אָדעס זיך געמאַטערט און איך האָב געאַרבייט און געשיקט סחורה אויף נאכנאמעס אום מיר זאָלען קענען האָבען צו׳ם לעבען. ביז עס האָט זיך ביי׳ם טאַטען אין גאַנצען אויסגעלאָזט און ער האָט צומאָל ניט געהאַט גענוג געלד אויף צוריק אַהיים צו קומען. האָב איך נאָך געמוזט שיקען דעם טאַטען אויף הוצאות צו־ריק צו קומען פון אָדעס.

אָט אַזוי האָט זיך דאָס גליק מיט דעם ליטוואַק פון אָדעס אויסגעלאָזט און פון גאַנצען פּלאַן איז נאָר געבליבען צו מאַכען נאָך אַ פּלאַן וואָס ווייטער צו טון.

אַז דער טאַטע איז מיט מזל אַהיים געקומען האָב איך געמוזט ווייטער זוכען וואו צו וואוינען ווייל עס איז ניט געווען גענוג פאַרביידען, פאַר צוויי פאַמיליעס אין דער דירה צו וואוינען. האָב איך מיך ווידער געצויגען אין אַ אַלקער אין דעם הויף, וואו דער זיידע נפתלי האָט געוואוינט, אונטער די פּאַלאַרען, נומער פירצען, ביי פיינע מענשען. דער זיידע האָט געוואוינט אין צווייטען הויף וואו עס איז געווען אַ שוהל. אין דעם זעלבען הויז וואו דער זיי־דע האָט געוואוינט איז אויף דעם ערשטען שטאָק געווען אַ זוואָלינער שטיבעל, און אַזוי אַרום האָב איך מיך באַקענט מיט די זוואָלינער חסידים. נאָך דעם ווען זיי האָבען זיך איבערגעצויגען אויף פראַנצישקאַנער גאַס, נעבען די בעניפראַ־טען גאַס, האָב איך שוין אויך כסדר געדאַוועט ביי די זוואָלינער חסידים ביז איך בין אַוועק קיין לאָנדאָן.

מיין דירה איז געווען אין ערשטען הויף אויפ׳ן ערשטען שטאָק. עס איז געווען אַן אַלקערש, אַ לאַנגע שטוב און אַריינצוקומען צו מיר האָב איך באַ־דאַרפט אַדורכגיין פריער די קיך און פון דער קיך אין עס־צימער, דערנאָך אַ שלאָף צימער און נאָכהער בין איך ערשט אַריין צו מיר אין שטוב, אין מיין אַלקער. ביי׳ם פענסטער האָב איך געהאַט שטיין אַ טיש און אַנטקעגען דער וואַנד פון טיר איז געשטאַנען לענג־אויס צוויי בעטען, נאָך די בעטען אַ קליי־נער שראַנק און דערנאָך איז אויך געווען אַ ווינקעל וואו עפּעס צו קאָכען און אויך פאַר אַ געלעגער וואו אַ דינסט מיידעל זאָל קענען שלאָפען, ווייל מיין ווײ־בעלע האָט זיך שוין געריכט צו גיין אין קינפּעט אַ ליאַדע טאָג. האָב איך גע־מוזט אַנגרייטען אַ דינסטמיידעל צוצוהעלפען אין שטוב.

מיט אַ פּאָר וואָכען שפּעטער איז טאָקע מיין פרוי מיט מזל געלעגען גע־

וואָרען און געהאַט אַ אינגעל. דאָס איז געווען פונקט צו׳ם יאָר פון דער חתונה, נאָר אַ זער שווערע צייט האָט זי געהאַט און ס׳איז ניט געווען קיין וואונדער. די פּלאַנען פון מיין טאַטען, אַלע פינף מינוט אַן אַנדער פּלאַן, און יעדען מאָנטאָג און דאָנערשטאָג האָב איך זיך באַדאַרפט צו ציהען אין אַן אַנ־דער דירה, — אָט דאָס אַלעס האָט געווירקט אויף מיין ווייבעלע. זי האָט טאַקע זער גרינג געהאַט דאָס קינד, אָבער עס האָבען זיך פּאָרט אָבגערופען די פריי־הערדיגע צרות און זי האָט באַקומען היץ. די משפחה איז געקומען צו גאַסט און מער ווי די איינע שטוב האָב איך ניט געהאַט. האָט די היץ זיך פאַרגרע־סערט און זי איז געוואָרען געפערליך קראַנק. דער דאָקטאָר איז געקומען יעדען טאָג און ער האָט ניט געקענט קיין סך אויפטון ביז מיט איינמאָל אין מיטען דער נאַכט האָט זיך איר גע׳חלומ׳ט דאָס איר באָבע איז צו איר געקומען און האָט איר עפּעס צוגעלעגט צו׳ם קאָפּ. איך געדענק נאָך איצט גאַנץ גוט ווי זי האָט זיך אויפגעכאַפּט און געגרופען מיט אַ שוואַכע שטימע און מיך גע־פרעגט וואו איז די באָבע וואָס האָט איר עפּעס צוגעלעגט צו׳ם קאָפּ און עס איז איר בעסער געוואָרען.

פון יענעם מאָמענט אַן איז איר טאַקע בעסער געוואָרען, און אַז דער דאָקטאָר איז געקומען צומאָרגענס האָט ער זיך גאָר ניט געקענט אָבוואונדע־רען פון דער בעסערונג, וואָס איז געוואָרען איבער נאַכט. ער האָט געזאָגט דאָס ער האָט גאַנץ ווייניג געהאָלפען פון איר. ער זעט איצט איין דאָס נאָר גאָט אַליין האָט איר געהאָלפען. עס איז איינפאַך אַ נס מן השמים.

האָב איך שוין אין מיין לעבען געהאַט צו פאַרצייכענען אַ צווייטען נס, און דערנאָך האָב איך שוין געהאַט אַ סך נסים. דערווייל האָט שוין דאָס דינסטמיי־דעל געהאַט וואָס צו טון, צו פּיאַסטעווען דאָס קינד און צו העלפען אין שטוב. דאָס קינד האָט זי אַזוי גוט געפּיאַסטעוועט ביז זי האָט געלאָזט דאָס קינד אַראָבפאַלען, און איך האָב געהאַט צו זינגען און צו זאָגען. די גאַנצע צייט וואָס איך בין געווען אין ווארשאַ און אַפילו אין לאָנדאָן האָט זיך דער פאַל אָבגערו־פען. צו׳ם ערגסטען איז מיר געווען ווען מיין דינסטמיידעל האָט געטרונקען טיי און ביי דעם טיי טרינקען האָט זי זיך אַזוי דערקוויקט מיט יעדען שלוק מיט אַזאַ געוואַלד — אַ־אַ־אַ — דאָס דער גאַנצער הויף האָט שוין געוואוסט אַז מיין דינסטמיידעל טרינקט טיי. איך האָב אָבער געמוזט ליידען ווייל אָן אַ דינסטמיידעל האָב איך ניט געקענט זיין.

בין איך שוין געווען אַ גאַנצער בעל הבית׳ל, מיט אַ ווייב און קינד און אַ דינסטמיידעל. האָב איך טאַקע געהאַט צו זאָרגען אַ גאַנצע וואָך: וואו נעמט מען אויף שבת? ! אַזוי איז דאָך צו יענער צייט געווען אין וואַרשאַ. מען האָט נאָר געאַרבייט מען זאָל האָבען אויף שבת, און ווען אַפילו מען האָט שוין געהאַט אַ סך אַרבייט די גאַנצע וואָך האָט מען ווידער באַדאַרפט צו זאָר־גען פאַר דעם סוחר ער זאָל האָבען צו באַצאָלען פאַר דער אַרבייט אַמוועני׳ג־סטענס כאָטש אויף צו קענען מאַכען שבת.

מיר איז אַזאַ לעבען ניט איינגעגאַנגען, אָבער איך האָב מיר ניט געקענט

העלפֿען. איז דער טאַטע ווידער געקומען מיט אַ שפּאָגעל נייעם פּלאַן, נאָר דאָס מאָל איז דאָס געווען גאַנץ איינפאַך. ערשטענס צו פאַרקלענערען די הוצאות, דאָס הייסט אַנשטאָט וואָס מיר וואוינען באַזונדער און מיר דאַרפֿען צאָלען צווייערליי דירה געלדער, וועט מען קריגען אַ ביליגערע דירה מיר זאָלען קענען וואוינעןביידע צוזאַמען, און אויך עס זאָל זיין פּלאַץ וואו צו אַרבייטען, און דער עיקר ס׳זאָל זיין אַ ביליגע דירה געלד. דער פּלאַן איז מיר געפעלען אָבער עס איז מיר געווען איבער דער טבע ווידער זיך צו ציהען. דוכט זיך פיר מאָל זיך צו ציהען פאַר אַ יונגערמאַן דאָס ערשטע יאָר פון דער חתונה איז שוין אַביסעל צופיל, און וואַרום זאָל איך עפּעס זיין אַנדערש פון זיידען? ער האָט געקענט וואוינען אין איין דירה צוואַנציג יאָר און איך אין איין יאָר צו מוזען זיך ציהען פיר מאָל אין פיר באַזונדערע דירות. נאָר ווידער געשמועסט, איך בלייב דאָך ניט קיין וואַרשאַווער. איך דאַרף דאָך נאָר איבערקומען ביז ס׳וועט זיך מאַכען די געלעגענהייט. נאָר איין זאַך איז מיר געווען אַ שאָד זיך אָוועקצוציהען פון דעם יאַרשעווקע׳ס בית המדרש צוליב דעם גייסטיגען פאַרגעניגען וואָס איך האָב געהאַט יעדען פרייטאָג צו נאַכט ווען איך פלעג באַלד נאָך דעם עסען אַוועקגיין צו יאַרשעווקע׳ס בית המדרש ווייל דאָרטען האָט געלערענט אַ איד רבי יצחק, חומש מיט דעם אלשך, איז דאָס געווען אַ תענוג רוחני.

דאָס בית המדרש פלעגט זיין געפּאַקט מיט אידען, און אַז עס איז ניט געווען מער קיין פּלאַץ וואו צו זיצען ביי׳ם טיש, פלעגט מען שטיין אַרום דעם טיש. בין איך טאַקע צוליב דעם געגאַנגען פרי כ׳זאָל האָבען וואו צו זיצען, און ווען דער רבי ר׳ יצחק האָט געלערענט האָט זיך געדוכט דאָס מען איז פלוצלינג אַריין אין הימעל. ווי געווענליך איז ביי׳ם לערנען געווען אַ גרויסע היץ און דער עולם האָט אָנגעהויבען איינצודרעמלען וואָס אַמאָל מער און מער, אַז אַפילו די וואָס זיינען געשטאַנען אַרום די וואָס זיינען געזעסען האָבען אויך איינגעדרעמעלט. אין אמת׳ן בין איך אַליין אויך איינגעשלאָפען, ווייל מען דאַרף ניט פאַרגעסען דאָס עס איז דאָך געווען נאָך דעם עסען, אַ שבת סעודה, און איך געדענק נאָך ווי זיס דער שלאָף איז געווען ביי דעם לערנען, פּשוט טעם גן־עדן. ווער ס׳האָט דאָט ניט מיטגעמאַכט קען דאָס גאָר ניט באַגרייפען.

עס האָט אָבער גאָרניט געהאָלפען. מיר האָבען זיך געמוזט איבערציען. מיר האָבען באַקומען אַ דירה ניט גאָר ווייט פון דעם יאַרשעווקע׳ס בית המדרש. דאָס איז געווען פון דער פראַנצישקאַנער גאַס ווייטער אַרויף־צו. מיט שטיגלעך איז געווען אַראָבצוגיין אויף ריבאַקעס גאַס. אויף אידיש האָט די גאַס געהייסען דער פיש מאַרק, ווייל די גאַס איז געווען נעבען דער ווייסעל, און דאָרטען האָבען מיר באַקומען אַ פיינע דירה און אויך ניט טייער. עס איז געווען אין יאַקעלע קרוק׳ס הויף. ער האָט טאַקע געהאַנדעלט מיט פיש און ער האָט זיך געפירט אַזוי ווי אַ פריץ. ער האָט געהאַט אַן אייגענע קאַוטש מיט שיינע פערד און אַ קוטשער מיט אַ עלעגאַנטען אנצוג אָנגעטון. ער פלעגט טאַקע יעדען טאָג נאָך מיטאָג זיך אַדורכפאָרען פאַר אַ שפּאַציר. און אויך איז דאָרטען אין הויף געווען פיר הינט, ווי די לייבען און אויך דאָס שעכט הויז.

אונזער דירה איז טאַקע געווען נעבען דעם שעכט הויז, אין ענדע פון הויף, אויף דעם ערשטען שטאָק. עס איז געווען וואו זיך צו רירען און אויך גראם צו דער אַרבייט. עס איז געווען זער היימליך דאָרטען אין דעם הויף.

## כג.

# יאקעלע קרוק׳ס הויף

געווען איז יאקעלע קרוק׳ס הויף אַ שטעדטעל פאַר זיך אַליין. עס זיינען געווען אַ סך איינוואוינער מיט פילע פאַבריקלאַך. עס זיינען געווען אַ שניידער מייסטער, אַ שוסטער און אַן אַנדערער האָט גאָר געמאַכט אויפ׳ן הויף שטריק, געדרייט מיט אַ רעדעל. אַממערסטען זיינען דאָרטען געווען אידען שטשעטשע־נע מאַכער, דאָס הייסט האָר בריסעל אַרבייטער, וואָס גרייטען צו די חזיר־האָר פאַר די באַרשטען, ווייל עס איז דאָך דאָרטען געווען דער שעכט הויז. מען פלעגט שעכטען אַ סך אָקסען און קעלבער, אָבער ס׳רוב האָט מען דאָר־טען גע׳הרג׳עט חזירים און ניט איינמאָל האָב איך געזען ווי מען גיט דעם חזיר אַ קלאַפּ מיט אַ שווער שטיק האָלץ גלייך אין מוח אַריין, און באַלד אים אַריינגעשטאָכען אַ שפּיציגען אייזען. ווען דער חזיר האָט נאָך געלעבט האָט מען אים אַריינגעוואָרפען אין אַ קאָכעדיגען קעסעל מיט וואַסער און די חזיר-האָר זיינען גלייך אַרויפגעקומען אין דער הויך. ס׳זיינען שוין געשטאַנען אידע־לאַך און האָבען צוגענומען די צונויפגעקליבענע חזיר האָר צו זיך אַהיים, און זיי האָבען די חזיר האָר ריין געמאַכט און געמאַכט בינטלאַך גרייט פאַר די באַרשטען מאַכער. עס איז געווען אַ גרויס פאַך די חזיר־האָר פאַר די אידען.

איך האָב ליב געהאַט אין אַ מוצאי שבת אַהין אַריינצוגיין אין שעכט הויז צו זען ווי מען שעכט די אָקסען און קעלבער. אין הויף איז אויך געווען אַ חסידים שטיבעל און אַ פיינע שוהל. דער גבאי איז געווען אַ ר׳ מענדעל צינ־בערג, אַ זון פון ר׳ אברהם שטשעטשענער. מען האָט אים אַזוי גערופען ווייל ער האָט טאַקע אויך געאַרבייט ביי די חזיר האָר.

אָט דער מענדעל צינבערג, דער גבאי פון שוהל, איז געווען גאָר אַ וואוי־לער איד. ער האָט געקענט אַביסעל לערנען און איז אויך געווען אַ שיינער בעל תפילה און גוטער בעל קורא. דאָרטען אין שוהל פלעגט מען אויך האַלטען פון שלש סעודות פונקט ווי ביי חסידים. מ׳האָט גאַנץ ווייניג געגעסען אָבער מען האָט זער אַ סך געזונגען זמירות. שבת פאַרטאָג פלעגט מען לערנען חומש און עין יעקב. געלערענט האָט אַ רבי, נאָך גאָר אַ יונגערמאַן, ר׳ יצחק זאלער. איך האָב נאָך אַצינד ביי מיר אַ ספר׳ל זיינס, וואָס ער האָט געשריבען פון די אַלע דרשות, וואָס ער האָט געגעבען ביי׳ם לערנען.

ווען ער איז אַמאָל ניט געקומען האָט מענדעל גבאי געלערענט מיט דעם עולם, און ביי׳ם לערנען האָט מען אויך געטרונקען הייסע קאַווע, וואָס מ׳האָט

געשטעלט ביי׳ם בעקער פון הויף אין אַ גרויסע דינעצע. אַ גאַנצע וואָך בין מנחה און מעריב האָט מען געזאָגט תהלים.

מיר האָבען זיך אַזוי איינגעוואוינט מיט דער שוהל דאָס צוויי מאָל אין טאָג, ווי שטאַרק פאַרנומען מיר זיינען געוועזן, האָבען מיר געמוזט אַלעס אי־בערלאָזען און גיין אין שוהל אַריין, אַחוץ שבת און יום טוב אין דער פרי, ווען איך פלעג גיין צו די זוואָלינער חסידים דאַוונען. מיך האָט מען באַלד גע־קרוינט פאַר דעם תהלים זאָגער, און איך האָב דאָס אָנגעהאַלטען ביז איך בין אַוועק פון וואַרשאַ. געאַרבייט האָבען מיר אַזוי ווי מען האָט דאַן געאַרבייט, אַלץ אין דער קיך. אַ גרויסע קיך איז דאָס געווען. נאָך דער קיך איז אויך גע־ווען אַזאַ גרויסע שטוב, וואו מיר האָבען געגעסען און אַנטקעגען די פענסטער איז געשטאַנען דעם טאַטענ׳ס בעטען צום שלאָפען. עס האָט געקענט הייסען ווי אין ענגלאַנד אַ „בעד און סיטינג רום" צוזאַמען. איך האָב אויך געהאַט אַזאַ שטוב, נאָר געגעסען האָבען מיר אַלע צוזאַמען. איך בין אָבער ניט צופרידען געווען, ווייל איך האָב ניט געקראָגען גענוג אויף אַנדערע זאַכען, וואָס מען דאַרף אין אַ שטוב צו האָבען אַמאָל. איך מוז דאָ באַמערקען דאָס מיין טאַטע איז געווען אַ גוטער ניט בלויז צו זיינע קינדער, ער איז געווען גוט צו אַלע־מען. יעדער איינער האָט אים ליב געהאַט. תמיד אַ צוגעלאָזטער און אַ שמיי־כעלדיגער. נאָר איין זאַך, ער האָט ניט געטויגט צו׳ם שווינדעל אין געשעפט. ער איז דאָך תמיד געווען פאַרנומען מיט מאַכען רבי׳לאַך, און אַ איד אין וואַר־שאַ, וואָס האָט ניט געטויגט צו שווינדלען אין דריידלאַך איז אַלע זיינע יאָרען פאַרשוואַרצט געוואָרען, ווייל דער גאַנצער האַנדעל איז נאָר געשטאַנען אויף דריידלאַך.

געוויס זיינען געווען אין וואַרשאַ גרויסע נגידים און גבירים. אַ סך אָבער, די מערהייט, האָט נאָר געלעבט פון כאַפּ־לאַפּ.

מיין מאַמע ווידער איז געווען ווי אַלע אידישע מאַמעס, נאָר זי איז ליידער תמיד געווען אַ קרענקליכע. זי האָט ניט באַהאַנדעלט איר ערשטער שנור ווי איך האָב פאַרשטאַנען עס דאַרף צו זיין. צו׳ם ביישפּיל, ווען מיין ליבע פרוי האָט עפּעס וואָס געמאַכט זיך אַ קלייניגקייט האָט זי געקענט זאָגען:

— נאָך ניט קיין גאַנצע צוויי יאָר פון דער חתונה דאַרף מען זיך ווידער מאַכען? וואָס, האָסט שוין ניט אין וואָס צו גיין?

מיר זיינען געווען פיר אַרבייטער, דאָס הייסט דער טאַטע און איך מיט מיינע צוויי ברידער. אַז עס איז געקומען אין דער פרי צו׳ם אָנבייסען איז ווי־פיל בייגעל מ׳זאָל ניט האָבען אָנגעגרייט צו דער קאַווע איז אַלץ ניט געבלי־בען פאַר מיר, ווייל מיין ברודער לייב האָט שוין אַלץ געהאַט פאַרבאַהאַלטען פאַר זיך איבער גענוג. עס איז גאָר ניט געווען צו באַוואָרענען פאַר אים. ער האָט געקענט די קונץ ער זאָל פאַרבאַהאַלטען אַלע בייגעל פאַר זיך, און ער האָט זיך ווייניג געקימערט פאַר אַנדערע. פאַר דעם אָבער, ווען עס איז געקו־מען נאָך דער וויעטשערע אָבעסען ווען מ׳האָט זיך באַדאַרפט נעמען ווידער צו דער אַרבייט אום פאַרטיג צו מאַכען מען זאָל קענען די אַרבייט אין דער

פרײַ אַװעקגענומען צו די סוחרים, איז לײַבעלע תמיד אײַנגעשלאָפֿן בײַ׳ם עסען, און װען מ׳האָט אים אױפֿגעװעקט האָט ער געהאַלטן אין מיטן בענשען, פֿלעגט ער אַזױ לאַנג בענשען ביז ער איז װידער אַנטשלאָפֿן געװאָרען. אַזױ יעדעס מאָל, אָדער געבענשט אָדער געשלאָפֿן. דאָס האָט געפֿירט צו טומלען. אַזױ יעדע נאַכט און אין דער פֿרי װײַטער טומלען מיט דער בײגעל כאַפּערײַ. מײַן קלײנער ברודער ראובן האָט אױך ניט געשװיגן. הכלל עס איז מיר פֿאַר׳מיאוס׳ט געװאָרען דער גאַנצער עסק. באַקלער איך אײנמאָל דאָס עס איז ניט קײן פּלאַן אַזױ און איך מוז פּרובירען אַװעקצופֿאַרען און אױב ניט אַצינד װעט שױן זײַן צו שפּעט.

## כד.

## איך פּרוביר אַװעקצופֿאַרען

אָבגעמאַכט מײַן פּלאַן אַװעקצופֿאַרען שטעלט זיך די פֿראַגע: יאָ פֿאָרען, אָבער צו׳ם פֿאָרען מוז מען דאָך האָבען געלד, און ערגער פֿון אַלעמען, װאו לאָזט מען איבער אַ יונג װײַבעלע מיט אַ קינד? װען איך זאָל מײַן װײַבעלע זאָגען װאָס איך רעכען צו טון װעט זי מיך פֿרעגען װאו איך װעל זי לאָזען, אױף װעמענס פֿלײצעס אָנהענגען? װעט זי מיך דאָך אָבערעדען דערפֿון. זאָל איך װידער דערצײלען דעם זײדען מײַן פּלאַן, קען איך דאָך אױך ניט. איך בין דאָך זײַן שײנדעל! טאָ װאָס טוט מען? איך קען אָבער פֿאָרט מער ניט אױס־האַלטען. איז בײַ מיר געבליבען דאָס איך מוז טון אַ געװאַלד־זאַך, פּונקט אַזױ װי אַ דאָקטאָר, לאָמיר זאָגען, װען ער זעט דאָס דער חולה מוז האָבען אַן אָפּעֽ־ראַציע, העלפֿט דאָך ניט, מוז מען שנײַדען אום עס זאָל דעם חולה דערנאָך בעסער װערען. אַזױ מוז איך אױך טון, װען ניט װעל איך מיך שױן קײנמאָל ניט קענען אַרױסרײַסען. און װען איך װעל מיך שױן האָבען אַרױסגעכאַפּט װעל איך שרײַבען אַ בריף און איך װעל אַלעס ערקלערען.

נעם איך און רעכען אַלעס איבער נאָך אַמאָל. דערװײַל האָב איך נאָך מײַן צירונג, און װאָס טו איך װען דער טאַטע װערט גאָר געדריקט און ער בעט בײַ מיר איך זאָל אים געבען דאָס צירונג ער זאָל זיך קענען מיט דעם אױסהעלֽ־פֿען? װעל איך דען קענען אים אָבזאָגען? איז דאָך גלײַכער איך זאָל מיך מיט דעם באַנוצען כל זמן עס איז צײַט, אַז ניט בין איך שױן אַ פֿאַרפֿאַלענער. איך זעה דאָן אײן דאָס עס איז ניט דאָ קײן אַנדערער אױסװעג. נעם איך אײן טאָג די צירונג, נאַטירליך מײַן װײַבעלע זאָל ניט װיסען און איך גײ צו׳ם פּעֽ־טער לאָמבאַרד און קריג אַ סומע געלד עס זאָל זײַן גענוג זיך אַװעקצולאָזען אין דער װעלט אַרײַן, און באַלד צו מאָרגענס אין דער פֿרי גײ איך צו דער װײַסעל װאו די סטאַטקעס גײען אָב און נעם אַ בילעט נאָך װלאַצלאַװעק. איך האָב פֿריער געזאָגט מײַן װײַבעלע דאָס איך װעל מיך זאַמען אַ גאַנצען טאָג,

זי זאָל ניט איבערקלערען, און איך האָב גערעכענט דאָס אין וולאצלאַוועק וועט מיר זיין גרינג זיך צו שאַפען איינעם וואָס זאָל מיך אַריבערנעמען די גרעניץ.

פאָר איך מיר אַזוי אויף דעם סטאַטעק און איך באַמערק אַ יונג פּאָר פאָלק. געוועינליך, ווען מען פאָרט באַלד אַ גאַנצען טאָג צורעדט מען זיך און איך גע־פעל זער דעם פּאָר פאָלק און ווען איך דערצייל זיי דאָס איך וויל מיך לאָזען אין דער וועלט אַריין, זאָגען זיי צו מיר דאָס זיי וואוינען טאַקע אין וולאצלאַ־וועק, נאָר זיי זיינען געקומען נאָך ווארשאַ עפּעס איינצוקויפען און זיי פאַרבע־טען מיך דאָס איך זאָל צו זיי פאַרפאָרען, איך וועל קענען ביי זיי נעכטיגען און זיי וועלען מיר שוין פאַרזאָרגען אַ שוואַרצער פּאַר שמוגלען די גרעניץ. זע איך דאָך דאָס גאָט איז מיט מיר און האָט מיר צוגעשיקט אַזעלכע פיינע מענשען.

פאָר איך שוין מיט מיינע נייע פריינד און איך בין טאַקע צו זיי אַהיים מיטגעגאַנגען. זיי האָבען שיין געוואוינט און אין אַלגעמיין איז מיר וולאצלאַ־וועק זער געפעלען געוואָרען. עס איז נאָך אַלעמען געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס איך זע אַן אַנדער שטאָדט אויסער וואַרשאַ, און די מענשען האָבען מיך זער פיין אויפגענומען און מיך מכבד געווען מיט אַ פיינעם מאָלצייט. נאָכ׳ן עסען גייט דער בעל הבית ערגעץ אַוועק און זאַמט זיך ביי אַ שעה צייט און קומט צוריק מיט אַ פריידיגער געזיכט און זאָגט מיר דאָס ער האָט באַקומען פאַר מיר אַ זער אָרענטליכען מענשען. באַלד אין דער פרי וועט דער שוואַרצער קומען און מיך אַריבערשטעלען די גרעניץ. דערוויל קען איך מיך גוט אויסשלאָפען. אָבער באַלד נאָר ווי איך לייג מיך שלאָפען און אָנגעהויבען צו טראַכטען דאָס אין דער פרי ווער איך אַריבערגעשוואַרצט די גרעניץ, נעמט מיך אָן עפּעס אַזאַ מין בענקשאַפט וואָס איך האָב נאָך קיינמאָל פריער ניט געהאַט. וואָס אַמאָל שטאַרקער און שטאַרקער נעמט מיך גאָר פשוט ווערגען אין האַלז אַזוי ווי דערשטיקט צו ווערען. איך האָב געמיינט דאָס איך וועל ווער דערשטיקט אויף ריכטיג און צו דעם קריג איך אַ שרעקליכען קאָפּ ווייטאָג ניט איבערצוטראַ־גען. איך קלער, וואָס טוט מיין ווייבעלע אַצינד, ווען זי האָט געזען דאָס איך בין ניט אַהיים געקומען שלאָפען.

ניין, איך בין ניט שטאַרק גענוג אָבצוטון אַזאַ מין זאַך, אַזאַ געוואַגטקייט מוז מען קענען, אָבער ניט איך, און איך זע איין דאָס עס איז ניט אַזוי גרינג ווי איך האָב געמיינט אין מיין פאַרשטעלונג. ווען כ׳וואָלט געקענט פליהען וואָלט איך גלייך צוריקגעפּלויגען צו מיין ווייבעלע און דאָ קען איך צו מאָל ניט פאָרען צוריק וויל די סטאַטקעס גייען ניט ביינאַכט.

האָב איך מיך אַזוי אָבגעמוטשעט אַ גאַנצע נאַכט ביז עס האָט אָנגעהויבען צו טאָגען. האָב איך מיך אויפגעהויבען און ווען איך האָב דערזען מיינע וואויל־טעטערס און די פרוי פרעגט מיך צי איך בין גוט געשלאָפען, דערצייל איך איר דעם גאַנצען אמת, דאָס איך בין אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפען. איך האָב נאָר געטראַכט ווי קומט מען וואָס געשווינדער אַהיים צוריק, און איך מוז טאַקע באַלד צוריק. זיינען זיי געבליבען ערשטוינט, נאָר ווען איך האָב זיי דערציילט דאָס איך בין אַוועק אָן מיין פרוי׳ס וויסען, זאָגען זיי צו מיר דאָס עס איז זיי

גאַרניט איינגעפאַלען, אַז איך זאָל שוין זיין אַ פאַרהייראַטער מאַן. איך קוק אויס נאָך גאָר אַ אינגעל. נאָר אויב אַזוי איז געוויס ניט געווען ריכטיג פון מיר וואָס איך האָב מיך ניט געזעגענט מיט מיין פרוי. דאַן זאָג איך זיי אַז איך וועל אי־צטער צוריק פאָרען און אויב מיין פרוי וועט מסכים זיין וועל איך נאָך אַמאָל צו זיי קומען. דערוויל דאַנק איך זיי פאַר דעם וואָס זיי האָבען פאַר מיר געטון.

זיי האָבען מיר נאָך באַגלייט צו דעם ערשטען סטאַטעק, וואָס איז צוריק געגאַנגען נאָך וואַרשאַ און איך האָב מיך מיט זיי גאַנץ פיין געזעגענט און בין זיך געבליבען צוריק מלמד ווי אַ ווערטעל זאָגט.

ווען איך בין נאָר אַריין צו מיר אין שטוב האָבען זיך אַלע מיט מיר אַרומ־געכאַפּט מיט אַ גרויסער שמחה, און ווען איך האָב זיי דערציילט די ריכטיג־קייט, אַלעס וואָס איך האָב גערעכענט צו טון, האָבען זיי מיר מוחל געווען און מיין וויבעלע האָט זיך גאָר מיט מיר אַרומגעכאַפּט. זי האָט מיך שוין גאָר גוט פאַרשטאַנען, און זי האָט מיר נאָך געזאָגט דאָס ווען כ׳וואָלט מיך מיט איר איבערגע׳שמועס׳ט, איז מעגליך דאָס זי וואָלט מיר ניט געשטערט, נאָר, פאַר־קערט, נאָך אפשר גאָר צוגערעדט.

מיין שוויגער אָבער, וואָס איז געבליבען ביי מיר איבערגעכטיגען און ניט געוואָלט צו זיך אַהיים גיין, האָט גאָר ניט געוואָלט פאַרשטיין און געהאַלטען אין איין שרייען: — סטייטש, אַזאַ זאַך צו וועלען טון.

אַזוי האָט זי מיר אַנגעוואוועט ביז זי איז צוריק אַהיים געגאַנגען און אַזוי האָט זיך אויסגעלאָזט מיין אַוועגטורע. האָט מען ווייטער אַזוי ווי פריער גע־אַרבייט צוזאַמען, און לייבעלע האָט ווי תמיד ווייטער אין דער פרי אַלע ביי־געל פאַרבאַהאַלטען פאַר זיך און ניט געקלערט פאַר קיין אַנדערע און ביי־נאַכט איז ער ווידער אָדער געשלאָפען, אָדער געבענשט און ווידער געשלאָ־פען ביז עס איז מיר פאָרט ווייטער פאַר׳מיאוס׳ט געוואָרען דער עסק, און איך האָב אַנגעהויבען טראַכטען וואָס טוט מען אָבער פאָרט, ביז עס איז מיר איינ־געפאַלען אַ פּלאַן. איך האָב זיך געטראַכט וואָרום איז דאָס געקומען נאָר דעם טאַטען צו געפינען פלענער, דוכט זיך ס׳וואָלט שוין צייט געווען אַז איך זאָל עפּעס געפינען אַ נייעם פּלאַן און אַזוי איז טאַקע געווען. איך האָב שוין איינמאָל אויסגעקלערט אַ פּלאַן און דעם פּלאַן פאָרגעלעגט פאַר דעם טאַטען.

כה.

## מיין נייער פּלאַן

מיין פּלאַן איז באַשטאַנען דאָס איך זאָל גרינדען אַ שטאָט אין אַ שטאָט, דאָס הייסט איך זאָל פאַר מיר אַליין אַרבייטען באַזונדער און וויפיל גאָט וועט געבען וועל איך זיין צופרידען. אומר ועושה, גערעדט און געטון. גיי איך מיר אַ שיינעם פרימאָרגען אין סקלאַד פון האָלץ

און ברענג מיר אַהיים אַ שטשאַפּע האָלץ, דאָס הייסט אַ האַלב קלעצעל. איך צוקלאַפּ די שטשאַפּע אויף הענטלאַך און טאַטשע די הענטלאַך אַרום אויף דער דרייבאַנק. נאָכהער זעץ איך זיך אַוועק ביי׳ם טיש און שניץ אַרום פיינע זאַכען און מאַך זיי גרייט צו׳ם פּאָלעטורען. צו׳ם פּאָלעטורען האָב איך מיך ניט געקענט צוגעוואוינען, צו דעם האָט געטויגט מיין ברודער ראובן. האָב איך מיט אים אָבגעמאַכט דאָס ער זאָל פּאָלעטורען מיין אַרבייט, די הענטלאַך, און אַזוי אַרום האָב איך פאַרטיג געמאַכט איינציגע טוצען הענטלאַך. גיי איך מיר אַרויס אויף דער נאַלעווקעס צו זוכען אַ סוחר אויף מיין אַרבייט, טרעף איך אַריין צו איינעם אַ סוחר, גראָסבאַרד, וועלכער איז ניט געווען קיין פּאַראַסאָלען מאַכער נאָר ער איז געווען אַ הארטאָוונער סוחר פון אַלע צודאַטען צו די פּאַראַסאָלען און די פּאַראַסאָלניקעס האָבען ביי אים געקענט קריגען אַלעס אין וואָס זיי האָבען זיך געניטיגט, די זיידענס און די געשטעלען און אויך הענטלאַך אַלערליי.

ווען ער האָט מיך געפרעגט ווער איך בין, האָב איך אים אַלעס ערקלערט, און אַז איבערהויפּט מיין אַרבייט איז אים געווען געפעלען האָט ער מיט מיר אָבגעמאַכט דאָס איך זאָל נאָר פאַר אים אַרבייטען, און וואָס איך וועל מאַכען וועט ער ביי מיר אָבנעמען. אַז ער האָט מיר נאָך געזאָגט דאָס יעדעס מאָל ווען איך וועל נאָר ברענגען די אַרבייט וועט ער מיך גלייך באַצאָלען. איז מיר דאָס גאָר געפעלען געוואָרען, ווייל איך בין צו דעם ניט געוואוינט געווען, ווייל דער טאַטע און אויך דער זיידע האָבען נאָר געאַרבייט פאַר די פּאַראַסאָלניקעס דורך וועלכע זיי זיינען תמיד געווען געדריקט אין געלד איידער זיי האָבען געקענט אַרויסקריגען וואָס ס׳איז זיי געקומען. איז ביי מיר ווערט געווען דאָס איך זאָל אַרבייטען פאַר אַ האַרטאָוונעם סוחר אַביסעל ביליגער טאַקע, אָבער איך האָב מיך גלייך געזען מיט די „ממתקים" און אויך האָב איך ניט באַדאַרפט באַלמוטשען קיין צייט אומזיסט אין מאָנען געלד ביי די סוחרים אַזוי ווי דער טאַטע. ווי נאָר כ׳האָב אָבגעטראָגען מיין אַרבייט האָב איך גלייך געקראָגען באַצאָלט און געקענט ווייטער אָנגיין מיט מיין אַרבייט. און ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל אַהיים געקומען מיט צען רובעל פאַרדינסט פון מיין אַרבייט בין איך און מיין ווייבעלע געווען גאָר גליקליך. זי איז באַזונדער געווען צופרידען ווייל זי איז געוואָרען אַ בעל הבית׳טע, און זי וועט ניט דאַרפען אָנקומען צו קיינעם נאָך אַ רובעל.

האָב איך שוין אַזוי געאַרבייט פאַר זיך און צוליב דעם האָט זיך ביי מיינע ברידער אויך אויפגעוועקט דער חשק מער פלייסיגער צו אַרבייטען. דאַן האָב איך באַלד אויסגעפונען נאָך אַ פּלאַן, אָבער דאָס איז שוין ניט געווען וועגען געשעפט זאַכען נאָר ווי אַזוי גרינגער צו מאַכען פאַר מיין ווייבעלע. איך האָב שטענדיג אויסמאַרקירט איך זאָל האָבען גרייט זיך צו זעצען שניצען די הענטלאַך, ווען דאָס קינד האָט באַדאַרפט צו שלאָפען. האָב איך אַנידערגעשטעלט דאָס וויגעל נעבען מיר, און מיט אַ שטריקעל פון וויגעל צוגעבונדען צו מיין פוס. ווען דאָס קינד האָט עפּעס געוויינט האָב איך מיט מיין פוס געשאָקעלט דאָס וויגעל און דאָס קינד איז גיכער געשלאָפען און איך האָב ניט

באַדאַרפט באַלמוטשען פון דער אַרבייט קיין איבעריגע צייט. אויך מיין ווייבעלע האָט גיכער געקענט אַרויסגיין אין גאַס אַביסעל.

אַזוי איז אַוועקגעגאַנגען, ב״ה, נאָך אַ יאָר און צו די דריי יאָר פון מיין חתונה איז געבוירען געוואָרען מיין מאיר׳על, און ביי מאיר׳ן איז שוין געווען איינמאָל אַ ברית מיט אַ סך מענשען. אויסער די גאַנצע משפחה איז אויך געווען פון דער שוהל אין הויף, וואו כ׳האָב געוואוינט. עס איז אויך געווען אַ מגיד וואָס איז גראָדע געווען אין שוהל פון די אַדורכפאָרענדיגע מגידים און ער האָט געהאַלטען אַ פיינע דרשה. דער ברית איז פונקט געווען אין חמשה עשר בשבט. נו, האָט דער מגיד געהאַט וואָס צו דרש׳ענען.

האָב איך שוין ווייטער געקענט זיצען און שניצען די הענטלאַך און צו דער זעלבער צייט אויך וויגען מיין מאיר׳לען. האָב איך שוין גאָר פאַרגעסען ווען עס איז אין זינען צו האָבען צו טראַכטען פון אַוועקפאָרען ביז ס׳האָט זיך אונטערגערוקט מיין פריזיוו

כו.

# איך קריג א גרינעם בילעט

אַזוי ווי עס איז אַריבער נאָך אַ יאָר האָב איך מיך שוין באַדאַרפט צושטעלען צו׳ם פריזיוו און האָב שוין גאָר ניט געקענט טראַכטען פון אַוועקפאָרען. עס איז אַרויס אַ גזירה פון דער רעגירונג דאָס ווער עס וועט זיך ניט צושטעלען צו׳ם מיליטער וועט זיין אַ שטראָף פון דריי הונדערט רובעל צו באַצאָלען, און אַז יעדער פון דער פאַמיליע וועט זיין פאַראַנטוואָרטליך. האָב איך דאָך ניט געקענט לאָזען צו׳ם טאַטען ער זאָל דאַרפען צו באַצאָלען אַזאַ גרויסע שטראָף. האָב איך מיך צוגעשטעלט צו׳ם פריזיוו. נאָר גאָט האָט געהאָלפען, איך האָב געקראָגען אַ גרינעם בילעט, דאָס הייסט דאָס אַזוי ווי איך בין צו שוואַך פאַר אַ סאָלדאַט צו זיין, האָט מען מיר געגעבען אַ יאָר צייט איך זאָל זיך פאַפּראַווען, איך זאָל קענען טויגען דאָס צווייטע יאָר פאַר אַ סאָלדאַט. דערווייל האָט דאָס געגעבען האָפנונג דאָס אויב עס וועט זיך ווענדען אין מיר וועל איך זען ניט זיך צו פאַפּראַווען. אפשר וועט גאָט העלפען און אין אַ יאָר אַרום וועל איך אין גאַנצען באַפּרייט ווערען. נאַטירליך האָב איך זיך גענומען שטאַרקער צו דער אַרבייט, מיט מער חשק, און אויף דעם זומער האָב איך געשיקט מיין ווייבעלע מיט די קינדער אויף פרישע לופט, באַלד נאָך פסח, עס זאָל ניט קאָסטען צו טייער. זיינען זיי געפאָרען נאָך קאָנסקעוואָלע, אַ קליין שטעדטעלע נעבען פּילעוו, ניט ווייט פון לובלין, און דאָרטען האָט געוואוינט מיין פרוי׳ס אַ פעטער, ר׳ יואל לערכע, זער אַ פרומער איד נאָר אַ גרויסער אָרימאַן. ער האָט אָבער געוואוינט זער ציכטיג און ריין. אין דעם שטעדטעל האָט מען אים געהאַלטען פאַר אַ נגיד, ווייל די אַלע אידען וואָס האָבען דאָרטען געוואוינט זיינען געווען נאָך גרעסערע אָרימעלייט. דאָר־

טען אין דעם שטעדטעל, אַז עס האָט ווער געקויפט אַ ווייסע זעמעל, האָט מען זיך געפרעגט ווער איז קראַנק ביי אים. און קויפען פלעגט מען נאָר אויף גראָשענס און האַלבע גראָשענס. אַז דער מאַן האָט עפּעס געוואָלט פרעגען ביי זיין ווייב האָט ער ניט אָנגערופען איר ביי׳ם נאָמען נאָר ער האָט געגעבען אַ געשריי אויף אַ הויך קול „הערער נאאר״, און דאָס ווייב האָט שוין געוואוסט וועמען ער מיינט דאָס.

אין אַ שפּייז געוועלב האָט מען געקענט הערען אַזאַ מין דיידעכץ אַלץ אויף אַ הויך קול „הערערט נאאר, געעט מעער מיגראָשען צוקעער״. קיין יונגע מענשען האָט מען דאָרטען אין שטעדטעל ניט אָנגעזען, נאָר בלויז אַלטע מענער אָדער אַלטע אידענעס, וועלכע זיינען געגאַנגען אין אָראָבגערוקטע קופּקעס ביז איבער די אויערען אַריבער. פלייש האָט מען נאָר געגעסען מ׳שבת ל׳שבת. אַ גאַנצע וואָך האָט מען נאָר געגעסען וואַרימעס און דאָס אויך אַ אָרים ביסעל קרופּניק. אויף אָנבייסען אַז מען פלעגט וועלען אַביסעל וואַריםעס עסען האָט מען גענומען אַ בייגעל און צובראָקט אין אַ שיסעל אַריין און מען האָט אַרויפגעגאָסען געקאָכטע וואַסער מיט אַביסעל זאַלץ. דאָס איז שוין געווען גאָר אַ געהויבענער אָנבייסען, וואָס מען האָט זיך ניט פאַרגונען אַלע טאָג אַזאַ פּאַטראַווע. די הייזער זייערע זיינען געווען זער ריין, אויסגעקאַלעכטע, דאָס האָבען די ווייבער אַליין אויסגעקאַלכט. פונדעסטוועגען האָט מיין ווייבעלע געהאַט דאָרטען אַ גאַנץ פיינע פרישע לופט. זי האָט זיך געקויפט אַ צוויי טייבעלאַך. פאַר פיר גראָשען האָט מען געקענט קריגען די בעסטע טויב, און אַ גראָשען שחיטה געלד. האָט זי זיך געמאַכט אַ גאַנץ פיין ביסעל יויך, און מילך איז געווען אַזוי ווי וואַסער צו טרינקען. האָט זי זיך געקענט לאָזען וואוילגיין.

איך האָב דאָרטען פאַרבראַכט אַ גאַנץ פיינעם יום טוב, שבועות. אין דעם בית המדרש דאָרט האָט מען גאַנץ שיין און לעבעדיג געדאַווענט, און אויך גאַנץ פיין געזונגען חסידישע נגונים. עס איז געווען לעבעדיג און לוסטיג. איבערהויפּט האָט מען דאָרטען אין קאַנסקע וואָלע געלעבט אָן זאָרג. מען האָט ניט געהאַט וואָס צו טון און מ׳האָט זיך באַנוגענט מיט דעם וואָס מען האָט ניט געהאַט. דעריבער האָט מען געלעבט פריילין. מ׳האָט גאָר ניט געוואוסט וואָס עס הייסט בעסער צו לעבען.

אַזוי איז אַוועק דער זומער און באַלד נאָך סוכות האָב איך ווידער באַדאַרפט זיך צושטעלען צו׳ם פּריזיוו. דאָס איז געווען אין יאָר 1895. דאָס מאָל האָבען די דאָקטוירים געזאָגט דאָס די אַרמעע אַליין וועט מיך שוין פּאַפּראַווען. איז עס געווען אַ שרעקליכער קלאַפּ פאַר מיין ווייבעלע, נעבאַך, און עס איז נאָך געווען מער שרעקליך דאָס מ׳האָט מיר ניט מער געגעבען ווי דריי טעג זיך צוצוגרייטען אין וועג אַריין. דאָס איז טאַקע געווען אַ קלאַפּ פאַר דער גאַנצער משפחה מיינע, ווייל מ׳האָט דאָך געמיינט דאָס מען וועט מיך דאָס מאָל אין גאַנצען באַפרייען. עס האָט אָבער ניט געהאָלפען, איך האָב זיך געמוזט גרייט מאַכען, אַלעס איבערלאָזען און אַוועק פון דער היים...

כז.

# מען שיקט מיך נאך סעוואסטאפעל

די דריי טעג וואס איך האב געהאט זיך צוצוגרייטען אין וועג אריין זיי־נען ביי אונז געווען א גאנצער טאראראם. עס זיינען געקומען צו לויפען די זיידעס מיט די באבעס און פעטערס מיט מומעס. עס איז אויך געקומען צו לויפען מיין פרוי'ס עלטסטער ברודער, שמואל לערכע, און ער האט מיט טרע־רען אין די אויגען מיר צוגעזאגט דאס איך זאל גארניט זארגען, ער וועט אויף זיין שוועסטער אכטונג געבען עס זאל איר גארניט פעלען. ער האט אבער באלד ווי איך בין אוועקגעפארען און איידער איך בין נאך אויף מיין לעצטער סטאנציע אנגעקומען אין גאנצען פארגעסען וואס ער האט צוגעזאגט. דער־וויל האט מען זיך עצות געהאלטען ווי אזוי מען זאל מיין פאמיליע פארזאר־גען, און ווען איך האב זיך באדארפט צו געזעגענען איז געווען אין שטוב ער־גער ווי תשעה באב.

איך דערמאן זיך ווי דער זיידע, אבא, איז מיט מיר ארומגעגאנגען איינצוקויפען קלייניגקייטען וואס איך זאל האבען אין וועג אריין, און אזוי האט יעדער איינער עפעס געברענגט פאר מיר מיטצונעמען; ביי דעם פעטער ישראל האב איך געקראגען א פעלצעל פון זיינעם א זון וואס איז ספעציעל געמאכט געווארען פון גוטען פוטער מיט א גוטע שטארקע סחורה איבערגע־צויגען. דאס איז מיר צום בעסטען צונוץ געקומען. דאן האב איך געקראגען א רונדיגען גרויסען שווייצער קעז וואס איז מיר אויך צונוץ געקומען צו עסען מיט דעם שווארצען ראזעוואנע ברויט. און אזוי ארום טאקע האט זיך אנגע־קליבען שוין גאר א צו גרויס פעקעל צו טראגען אויף מיינע פלייצעס.

די דריי טעג זיינען געשווינד איבערגעלאפען און ווען עס איז געקומען איך זאל מיך געזעגענען מיט מיין ווייבעלע האב איך מיך גארניט געקענט געזעגענען. עס איז געווען שוין צופיל פאר מיר, נאר ווען איך האב ארויפגע־לעגט די האנד אויף דער מזוזה האב איך מיך ניט געקענט מער באהערשען און ארויס מיט א געוויין.

איך פאר אוועק און לאז איבער א פרוי מיט צוויי קינדערלאך און דאס דריטע דארף אין א צוויי מאנאטען ארום געבוירען ווערען, און דא בין איך דער גאנצער פארדינער, דער פרנסה געבער. און כאטש איך האב געהאט צו־זאגעכצער דאס מען וועט אויף מיין פאמיליע אכטונג געבען, האב איך ניט געהאט קיין גרויסען צוטרויען צו די אלע צוזאגעכצער.

באזונדערס האט מיר ווי געטון וואס איך גיי אוועק דינען א לאנד, וואס איך האס מיט מיין גאנצען הארצען, ווייל דאס אלטע רוסלאנד האט מען ניט געקענט אנרופען א פאטערלאנד. זי האט באהאנדעלט די אידען נאך ערגער ווי א שטיף־פאטער.

עס האט געווים געמוזט נעמען א האלבע שעה ביז איך האב מיך געקענט

אַוועקרייסען פון דער טיר. איך האָב מיך אויך געהאַט צו געזעגענען מיט דעם גאַנצען הויף שכנים. דערווירט פון הויז, יאַקעלע קרוק, איז אויך צוגעקומען זיך געזעגענען זיך מיט מיר. ערשט די אַלע שוהל בעלי הבתים, ביז איך בין איבערגעקומען דאָס גאַנצע געזעגענען זיך מיט אַלעמען.

איך בין דאַן אַוועק צו די באַראַקען און דאָרט האָט מען מיך מכבד געווען מיט אַ לאַנגען קאַזאַק ער זאָל זיין מיין באַגלייטער. אַזוי ווי ער האָט שוין געהאַט אויסגעדינט זיין צייט און איז אַהיים אויף דעם זעלבען וועג זאָל ער מיך באַגלייטען צו דער מאדלינער פעסטונג. ווען איך בין מיט מיין קאָזאַק אַראָב פון דער באַהן, מאַכט ער צו מיר דאָס ביז צו דער פעסטונג איז נאָך צו גיין מער ווי אַ צוויי שעה צייט, און דאָ איז אַ שרעקליכער רעגען, איינפאַך עס מבול׳ט, און איך ווער דורכגעווייקט. נאָך גוט וואָס איך בין געווען אָנגעטון אין דעם גוטען פעלץ. ס׳האָט אָבער גאַנץ וועניג געהאָלפען. איך האָב מיך נאָר געטרייסט דאָס מיין באַגלייטער ווערט דאָך מער פון מיר באַרעגענט, ווייל ער איז דאָך געווען צוויי מאָל די לענג פון מיר. איך האָב מיך אויך געטרייסט דערמיט וואָס איך האָב מיך דערמאָנט דאָס ווען איך בין געגאַנגען זען צו׳ם ערשטען מאָל מיין כלה האָט אויך שטאַרק גערעגענט. נו, אַז עס איז דאַמאָלט געווען מזל׳דיג וועט עס זיין אויך איצט מזל׳דיג.

ווען איך בין שוין מיט מזל אָנגעקומען אין דער פעסטונג האָב איך מיך פריער געמוזט אָבטריקענען און נאָכהער האָט מען מיר אָנגעוויזען וואו צו שלאָפען. עס איז שוין דאַן געווען שפּעט אין דער נאַכט.

אין דער פרי האָב איך שוין דאָרטען געטראָפען נאָך רעקרוטען וואָס האָבען באַדאַרפט גיין אויף פאַרשידענע פּלעצער. אויפ׳ן צווייטען טאָג האָט מען מיך שוין מיט אַנדערע נאַוועבראַנצעס געשיקט נאָך לובלין, און קומענדיג נאָך לובלין האָב איך דאָך דאָרטען געהאַט מיין פרוי׳ס משפּחה, האָט מען מיר ערלויבט צו שלאָפען ביי מיין משפּחה. איז מיר טאַקע די דריי טעג וואָס איך בין געווען אין לובלין גאַנץ גוט געגאַנגען. באַלד נעבען דער קאַזאַרמע האָט געוואוינט שבע׳לע האפערט. זי איז געווען מיין פרוי׳ס אַ קוזינע. זי האָט געהאַט אַ שענק. בין איך ביי איר געווען די גאַנצע דריי טעג און כ׳בין אויך געגאַנגען באַזוכען די אַלע מומעס וואָס איך האָב געקענט פון דעם וואָס זיי זיינען געקומען צו מיין חתונה קיין וואַרשאַ. האָט מיר גאָרניט געפעלט.

פון לובלין האָט מען מיך געשיקט נאָך באַרדיטשעוו וואָס איז באַרימט דורך אירע בלאָטעס, וועגען וועלכע איך האָב שוין פון לאַנג געהערט דערציילען. עפּעס אַ קליינינגקייט, די באַרדיטשעווער בלאָטעס! זיי האָבען דאָך געהאַט אַ שם איבער דער גאַנצער וועלט!

פון באַרדיטשעוו האָט מען מיך געשיקט נאָך אָדעס, וואָס איז דאָך שוין גאָר היימיש געווען ביי מיר. פון אָדעס פלעגען צו אונז קומען אַלע יאָר די גרויסע סוחרים מיט די וועקסלאָך, און באַזונדער האָט דאָך מיין טאַטע עפּעס אַמאָל געמאַכט אַ געשעפט מיט אַן אָדעסער ליטוואַק. טאַקע קיין אָדעס גופא האָב איך דאָך באַדאַרפט שיקען דעם טאַטען געלד אויף הוצאות צוריק אַהיים

צו קומען. האָב איך מיך צוגעכאַפּט און בין אַרומגעלאָפען אַלעס באַקוקען ווי עס זעט אויס דער אַדעס וואָס איז מיר אַפּילו גאַנץ שיין געפעלען געוואָרען. די גאַסען זיינען אַלע געווען גלייך ווי די ווירעס. מ'האָט געקענט פון איין זייט גאַס זען די צווייטע זייט גאַס. אין אַדעס האָב איך אויך פאַרבראַכט מער ווי צוויי טעג און דאַן בין איך מיט אַ שיף אַריבער דעם ים אין אַ טאָג צייט און בין אָנגעקומען צו מיין סטאַנציע סעוואַסטאָפּעל.

## כח.

# די קאַזאַרמע

געקומען קיין סעוואַסטאָפּעל בין איך מיט צוויי אַדרעסען, איינער איז געווען צו משה ציגנבערג, אַ סאָלדאַט וועלכער איז געווען אַ ברודער פון מענדל ציגנבערג, דער גבאי פון שוהל, וואו מיר האָבען געוואוינט אויפ'ן פיש מאַרק. משה ציגנבערג האָט שוין געהאַט געדינט דאָס לעצט יאָר. ער האָט מיך באַ־קענט מיט אַלע אידישע סאָלדאַטען, וואָס האָבען געדינט אין דעם זעלבען פּאָלק. מיט זער אַ קליינער אויסנאַם זיינען אַלע אידישע סאָלדאַטען געווען אין שוואלנע. אַלע האָבען זיי געאַרבייט שניידעריי. אַלע לערער זיינען געווען אידישע, ווייל אַממערסטענס האָט מען באַדאַרפט צו לערנען די רוסישע כאַכאָלען ווי צו לעזען און שרייבען רוסיש. אויך די פּאָליאַקען האָט מען גע-מוזט לערנען רוסיש. איז טאַקע אויסגעקומען, אַז די אידען האָבען דאָס באַ־דאַרפט צו לערנען אַלעמען צו לעזען און שרייבען. עס זיינען אויך געווען אין די קאַנצעלאַריעס די שרייבער אַלע אידען. זעלטען עס איז אַ איד געווען אַ געוועגליכער סאָלדאַט. ווען איך וואָלט געהאַט בדעה צו בלייבען אין דער אַרמעע וואָלט מיך משה ציגנבערג אויך אַריינגענומען אין שוואלנע צו אַרביי־טען שניידעריי, נאָר אַזוי ווי איך האָב געהאַט אַן אַנדערען חשבון, האָב איך אים געזאָגט דאָס עס איז נאָך צייט און איך וויל מיך פריער באַקענען וואָס עס איז אַ סאָלדאַט.

דער צווייטער אַדרעס איז געווען צו איינעם אַ הערר מירסקי, איינער פון די וואַרשאַווער סוחרים האָט מיך רעקאָמענדירט צו אים. ער איז געווען אַ תושב פון סעוואַסטאָפּעל און געהאַנדעלט האָט ער פון וואַרשאַ. ער האָט געפירט אַ שיין און אידיש הויז. איך געדענק נאָך אַציגד ווי זיינע קינדער, מיידלאַך, האָבען געלאַכט פון מיין רוסיש רעדען, ווייל איך האָב ניט גערעדט אַזוי מיט דער גראַמאַטיק ווי זיי.

הערר מירסקי איז מיר זער גוט צונוץ געקומען צו מיין פּלאַן, וואָס איך האָב באַלד זיך אַריינגענומען אין קאָפּ. ווען איך בין אָנגעקומען נאָך סעוואַס־טאָפּעל בין איך געווען דער איינציגער נאַוועבראַנעץ, ווייל איך האָב דאָך געהאַט אַ גרינעם בילעט, האָט מען מיך אָוועקגעשיקט נאָך איידער דער פריי־

זיוו האָט זיך געשטעלט. האָב איך מיך אַרומגעדרייט גאַנצע טעג איבער סע־וואסטאָפּעל, גאַנצע פיר וואָכען, ביז עס זיינען אָנגעקומען נאָך נאוועבראַנצעס.

די קאַזאַרמע איז געווען אַ מאָדערנע, געבויט פון ציגעל, און עס זיינען געווען זער גרויסע דאמעטרעס, וואו צו שלאָפען. עס זיינען געשטאַנען בעט־לאַך איינס נעבען ס'אַנדערע, פאַר יעדען באַזונדער, און די פּאַדלאָגעס האָבען איינפאַך געשפּיגעלט. יעדען פרימאַרגען ווען מ'האָט נאָר אויפגעוועקט האָט מען געמוזט דאָס ערשטע אָנשטאָט "מודה אני" נעמען ווייכע דינע ריטלאַך מיט זאַמד און רייבען די פּאַדלאָגעס. מ'האָט אַזוי לאַנג געריבען און געקי־צעלט מיט די ריטלאַך ביז די פּאַדלאָגע האָט געקענט אָנהויבען צו לאַכען. אַזוי איז געווען יעדען פרימאַרגען דאָס זעלבע, און ווען מ'האָט אַראָבגעקערט דאָס זאַמד האָט מען זיך געקענט גליטשען, אַזוי האָט די פּאַדלאָגע געגלאַנצט. נאָר עסען האָט מען געגעסען ווי חזרים. מ'האָט אַנידערגעשטעלט זער אַ גרוי־סע שיסעל מיט אַזאַ מין קרופּניק אָדער קאַפּוסטע, און עס האָבען זיך אַרומ־געזעצט אַרום צוועלף סאָלדאַטען מיט הילצערנע לעפעל. אַלע האָבען אַרויס־געגעסען פון דער זעלבער שיסעל. נאָכער האָט מען געטיילט יעדען שטיקלאַך פלייש אויפגעצויגען אויף אַ העלצעל אַזוי ווי פאַר די קעץ.

נאָר איך האָב דאָך געהאַט מיין גרויסען שווייצער קעז און ראַזעוואַנע ברויט מיט פּוטער, איז דאָס געווען גאַנץ גוט. פּוטער האָב איך געקענט קוי־פען וויפיל נאָר איך האָב באַדאַרפט. שבת ווידער פלעג איך עסען ביי אַ בעל הבית פון סעוואסטאָפּעל, וועלכער איז אַמאָל געווען אַ ניקאָלייסקער סאָלדאַט און האָט זיך דורך דעם געקענט באַזעצען אין סעוואַסטאָפּעל. ער האָט געפירט אַ זער אידיש הויז. נאָר וואָס עס האָט ביי מיר אויסגעקוקט אויסטערליש איז געווען דאָס פרייטאָג, ווען מען איז זיך צוזאַמען געקומען צו מנין אויף קבלת שבת האָט איין איד צוגעפּעלט, האָט מען ניט געקענט דאַווענען, האָט מען גע־שיקט נאָך דעם אידישען שוסטער, וועלכער האָט אָוועקגעלעגט דעם האַמער מיט דעם פלעקעל וואָס ער האָט געהאַלטען און איז געגאַנגען דאַווענען. ער האָט זיך ניט צומאָל אָבגעוואַשען זיינע הענט. איך בין געווען געוואוינט פרייטאָג זאָל מען אָוועקלעגען די אַרבייט אום צוועלף אַזייגער און מ'האָט זיך געמאַכט ריכטיג שבת'דיג, און דאָ, ווען מען דאַרף שוין מקבל שבת זיין לייגט מען אָוועק דעם האַמער און מען גייט דאַווענען. דענטסמאָל איז דאָס ביי מיר געווען אַ גרויסער חידוש, ווייל איך בין נאָך ניט געווען אָוועק אויסער מיין וואַרשאַ, וואו מ'האָט געזען חסידיש לעבען און שבת האָט זיך געפילט נישט נאָר אין שטוב נאָר אויך אין גאַס.

דער ערשטער שבת, ווען איך בין אָוועק פון דער היים איז דאָך געווען אין לובלין און סעוואסטאָפּעל איז געווען מיין ערשטער שבת אין אַ פרעמדער שטאָדט. דאַרום איז דאָס מיר פאָרגעקומען פריקרע. אַ גאַנצע וואָך האָב איך געהאַט וואו צו גיין טרינקען טעי. די רוסען טרינקען זער אַ סך טעי, האָב איך אויך געטרונקען. טעי פלעגט מען נאָר טרינקען מיט ציטרינען און וועגען טעי מיט מילך האָט מען גאָרניט געוואוסט. באַזונדער איז אין די טעי הייזער געווען

הימליך. די רוסען פלעגען דאָרטען ביי דער טעי אַריינהאַקען גוטע פּרעסאַר־ניעס, און מ׳האָט אויך פאַרגעשטעלט און געזונגען ביי דער טעי. איך האָב אַפילו אַמאָל געהערט אידישע אַקטיאָרען פאַרשטעלען, אויף רוסיש נאַטירליך.

אַזוי האָב איך פאַרברענגט די ערשטע פיר וואָכען, און ווען עס זיינען שוין אָנגעקומען מער נאָוועבראַנצעס, האָט מען מיך שוין גענומען לערנען די קונץ ווי אַזוי יעדען אָבצוגעבען זיין טיטעל ביז צו׳ם גרעסטען אַפילו, דעם גאָר באַ־טושקאַ. דאָס איז געווען די עיקר תורה וואָס אַ סאָלדאַט האָט געמוזט וויסען און איינשטודירען.

## כט.

# איך קריג פון דיאַדקע אַ פּאַטש

אַ דיאַדקע האָב איך געקראָגען, וואָס זאָל מיך לערנען די קונץ ווי אַזוי צו זיין אַ סאָלדאַט, איז ער שוין געווען איינמאָל אַ הונט, אָבער אַ הונט מיט אויע־רען, און גערעדט האָט ער זער איידעל אַזוי ווי אַ אמת׳ער כאַכאָל. איך בין אָבער צו אַזאַ מין איידעלריידען ניט געוואוינט געווען. האָב איך אים געגעבען אָנצוהערען ווי אַזוי ס׳וואָלט געווען בעסער, ריכטיגער און איידעלער צו ריידען, און באַזונדער ווען אַלע האָבען מיך גערן געהאַט אין קאַזאַרמע, ווייל איך בין ניט אַרומגעגאַנגען מיט אַ פאַרזאָרגט פּנים גאָר אַזוי ווי אַ חסיד באַדאַרף אַרומ־צוגיין, לעבעדיג און פריילעך, אַלעס האָב איך מיטגעמאַכט. האָט מען געזונגען האָב איך מיטגעזונגען, האָט מען געטאַנצט אַ קאַזאַצקע האָב איך אויך מיט־געטאַנצט. איך האָב פאַר קיינעם ניט אַרויסגעוויזען וואָס ביי מיר אויפ׳ן האַר־צען טוט זיך, דאָס איך טראָג זיך אַרום מיט אַ פּלאַן ווי אַזוי פּטור צו ווערען פון דעם גאַנצען סאָלדאַטסקען לעבען. געוואוסט האָב איך אויך דאָס מען טאָר שוין מער ניט שלאָגען קיין סאָלדאַט, עס איז געווען שטרענג פאַרבאָטען צו שלאָגען. אָבער אַ הונט בלייבט דאָך שטענדיג אַ הונט און קען זיך ניט באַ־הערשען. מיין דיאַדקע, האַוואַרוכאַ האָט ער געהייסען, איז, ווען איך האָב אים אויפמערקזאַם געמאַכט ווי אַזוי ער רעדט צו מיר, איז ער אַרויס פון די כלים און מיר אַראָבגעלאָזט אַ פּאַטש. האָב איך מיך גאָר נישט וויסענדיג גע־מאַכט, נאָר אין דער פרי, ווען מען פרעגט ביי יעדען צי ער פילט זיך עפּעס נישט אַזוי געזונד, האָב איך מיך געמעלדעט. מען האָט מיך שוין געשיקט אין לאַזאַרעט. ווען דער דאָקטאָר האָט מיך געפרעגט וואָס מיר פעלט האָב איך אים דערציילט אַז איך האָב געקראָגען אַ פּאַטש, און וויין אים מיין באַק. פרעגט מיך דער דאָקטאָר ווער עס האָט מיר געגעבען דעם פּאַטש, זאָג איך אים אַז מיין דיאַדקע האַוואַרוכאַ.

דער דאָקטאָר האָט אַוועקגעשיקט צו׳ם ראָטנע קאָמאַנדיר אַ ראַפּאָרט וועגען דעם און דער ראָטנע קאָמאַנדיר האָט גערופען האַוואַרוכאַ׳ן און האָט אים געזאָגט אַז מען וועט אים „סודיען“ וואָרום ער פּאַטשט, ווען עס איז פאַר־

באַטען צו שלאָגען. איז האוואַרוכא געקומען צו לויפען צו מיר און מיך איבער־געבעטען, און מיר געגעבען איינִיגע קלייניגקייטען. ער האָט מיר אויך צוגע־זאָגט, אַז ער וועט נישט זיין שטרענג צו מיר און מיך לאָזען גיין אין שטאָדט אַריין, ווען נאָר איך וועל וועלען. ער האָט אויך צוגעברענגט צו מיר דעם אי־דישען שרייבער פון קאַנצעלאַריע ער זאָל אים העלפען מיך איבערצובעטען. האָב איך אים מוחל געווען. מיר איז באַזונדער צונוץ געקומען וואָס מען וועט מיך לאָזען גיין אין שטאָדט אַריין, ווען איך וועל נאָר וועלען ווייל איך האָב דאָך שוין געאַרבייט אויף מיין פּלאַן. בין איך מיט האוואַרוכא׳ן געוואָרען גאָר אַ גאַנצער שמעלקע און איך האָב געקענט אַלעס גרינג אַראַנזשירען.

## ל.

# איך פאָר צוריק קיין וואַרשאַ

ווען איך האָב גענומען באַטראַכטען מיין לאַגע, וואָס עס קען פון מיר ווערען, פון מיין פרוי מיט די קינדערלאַך, האָב איך אַהיים געשריבען איינִיגע בריף דאָס ווען מ׳וואָלט מיר געקענט צושיקען אַ הונדערט רובעל, וואָס מען קען פון דער גאַנצער פאַמיליע צונויפשטעלען, וואָלט איך געקענט אין סע־וואסטאָפּעל נאָך אַמאָל שטיין פאַר אַ פּרעסיסטווע, און מ׳וואָלט מיך זיכער באַפרייט ווייל דער הערר מירסקי האָט מיך באַקענט מיט אַ דאָקטאָר, וואָס וועט מיר קענען העלפען, נאָר איך מוז האָבען הונדערט רובעל צו דעם, און אַז דאָס געלד זאָל מען טאַקע צושיקען דעם הערר מירסקי.

ווען דער טאַטע האָט געקראָגען פון מיר אַזאַ בריף האָט ער טאַקע גענו־מען אַרומלויפען צו דער פאַמיליע צוזאַמענצושטעלען די הונדערט רובעל. איך בין געווען זיכער דאָס מיין משפחה וועט זיך אָברופען כדי איך זאָל קענען באַפרייט ווערען. האָב איך מיך גרייט געמאַכט. איך האָב מיר געקויפט אַ קליין רענצעל צו דער רייזע און אַביסעל עסענוואַרג איך זאָל האָבען אויפ׳ן וועג און איך האָב דאָס רענצעלע געהאַלטען ביי דעם הערר מירסקי.

אין אַן אָבענד, דאָס איז געווען פונקט צו די צוויי מאָנאַטען וואָס איך בין געווען אין סעוואסטאָפּעל, קום איך אַריין צו מירסקי׳ן, מאַכט ער צו מיר דאָס ער האָט היינט ערהאַלטען פון וואַרשאַ הונדערט רובעל פאַר מיר, און ער גיט מיר גלייך אַוועק דאָס געלד. טראַכט איך מיך צו וואָס זאָל איך נאָך צוריקגיין אין קאַזאַרמע אַריין. פונקט האָב איך שוין באַדאַרפט צו מאָרגען אָנטון די סאָלדאַטסקע קליידער. איז דאָך בעסער איך זאָל גלייך שוין פאָרען. נעם איך מיין רענצעל און גיי מיר צום באַן הויף, ווער איך געוואויר דאָס אַ צוג וועט אַבגיין ערשט אום צוועלף אַזייגער, און דאָ איז נאָך קיין ניין אַזייגער נישט. איז דאָך פאַרפאַלען. דריי איך מיך אַזוי אַרום אין וואָקזאַל וואַרטענדיג און זע אויסמאַרקירען נאָר צו זיין אויף אַזעלכע ערטער מ׳זאָל מיך נִיט קענען אָנזען.

נאָר גאָר פּלוצלינג קומען צו מיר צו צוויי סאָלדאַטען פון מיין ראטע און זאָגען צו מיר, אַז זיי ווייסען וואָס איך וויל טון. אויב איך וועל זיי געבען עטליכע רו־בעל וועלען זיי זיך ניט וויסענדיג מאַכען, און זיי וועלען נאָך נעמען פאַר מיר אַ באַן בילעט. זיי האָבען מיר געזאָגט אַז מיין פעלדפעבל איז אויך דאָ. ווען איך האָב מיך געגעבען אַ דריי אום איז מיר פינסטער געוואָרען אין די אויגען. אַלע זיינען זיי דאָ געווען, ווייל אַזוי ווי עס איז אַריבער ניין אַזייגער און איך בין נישט געווען ביי דער פאוויערקע זיינען אַלע מיך געקומען זוכען טאָמער וויל איך אַוועק.

האָב איך באַלד צו די צוויי סאָלדאַטען געגעבען צען רובעל, פינף רובעל פאַר זיי און פינף רובעל פאַר דעם באַן בילעט, און איך האָב מיך מער פאַר־שטעקט. די סאָלדאַטען זיינען טאַקע צוריקגעקומען און מיר געגעבען מיין בי־לעט ביז צו אַ שטאָדט וואו איך וועל קענען נעמען אַ בילעט ביז לובלין, אַזוי ווי איך האָב פון זיי פאַרלאַנגט, ווייל זיי האָבען מיר געזאָגט דאָס פון סעוואַס־טאָפּעל קען מען נישט נעמען אַ בילעט דירעקט קיין לובלין. האָב איך זיי גע-דאַנקט און זיי מיר און בין מיר אַריין אין דער באַן.

אין רוסלאַנד איז ניט געווען ווי אין ענגלאַנד, ווען אַ באַן שטייט צום העכסטענס אַ צוואַנציג מינוטען. דאָרטען איז די באַן געשטאַנען באַלד דריי שעה איידער זי האָט זיך אָנגעהויבען צו רירען פון אָרט. זיץ איך מיר אַזוי אין דער באַן און קוק שוין אויס די מינוט זי זאָל זיך אָנהויבען רירען, נאָר פּלוצלינג קומט צו מיר צו אַ סאָלדאַט און זאָגט מיר דאָס זיי זיינען עטליכע סאָלדאַטען וואָס ווייסען וואָס איך גיי טון, מוז איך זיי געבען עטליכע רובעל. איז דאָך פאַרפאַלען, האָב איך אָבער נישט קיין אַנדער געלד ווי פינף רובעל־דיגע, און איך גיב זיי אַוועק אַ פינף רובעלדיגען, און דאַן פאַרמאַך איך מיך אין דעם קליינעם קלאָזעט וואָס איז אין באַן באַלד ווי מען קומט אַריין אין וואַגאָן, און זיץ מיר דאָרט. פּלוצלינג, מען קלאַפּט אין טיר, מאַך איך מיך ניט הערען. מ׳קלאַפּט אָבער פאָרט און וואָס אַמאָל נאָך שטאַרקער און מ׳שרייט שוין אַריין, אַז אויב איך מאַך נישט אויף די טיר וועט מיר באַנג טון. איז דאָך ניט גוט, בין איך אַרויס און ווייטער געמוזט געבען אַ פינף רובעלדיגען. נעם איך טראַכטען דאָס אויב עס וועט אַזוי אָנגיין וועל איך ביסלאַכווייז צוטיילען מיין גאַנץ געלד און מיט וואָס וועל איך פאָרען? און אויב איך וועל מער ניט געבען איז דאָך אַלעס איבערגעפירט, ווייל הגם מ׳קען מיך ניט באַשטראָפען וואָרום איך האָב געוואָלט אַנטלויפען, ווייל איך האָב נאָך ניט געהאַט גע־שוואוירען צו זיין געטריי דעם צאַר באַטושקע, אָבער אַז מ׳וועט ביי מיר צו־נעמען מיין געלד וועל איך דאָך שוין ניט קענען קריגען פרישע געלד פון דער היים.

וואָס טוט אָבער אַ איד ווען ער געפינט זיך אין אַ עת צרה, בעט ער צו השי״ת. האָב איך אויך אַזוי געטון און נעם מיין רענצעל און פאַרבאַהאַלט דאָס אונטער אַ באַנק מ׳זאָל דאָס ניט אַרויסזען, און איך לויף אַוועק אויף דער צווייטער זייט פון וואַקזאַל. עס איז געווען בלויז אַ פעלד מיט ביימער און

איך שטעל מיך אונטער אַ בוים. פינסטער איז געווען, בין איך אַזוי געשטאַנען אַ לאַנגע צייט ביז די באַן האָט זיך שוין קוים מיט צרות אָנגעהויבען צו רירען. איין גוטע זאַך איז געווען וואָס אין רוסלאַנד די באַנען, ווען זיי פאַנגען אָן צו גיין, גייען זיי אין אָנפאַנג זער לאַנגזאַם. אַז איך האָב געזען די באַן גייט שוין האָב איך געגעבען אַ לויף צו און אַ שפּרונג אַרויף, און איך פאָר שוין. אָבער איך האָב אַלץ מורא געהאַט טאָמער פאַרט מען מיט מיר מיט כדי מיך צו כאַ־פען. אַזוי בין איך אַ פאָר שעה געפאָרען מיט שרעק ביז איך האָב מיך איבער־צייגט דאָס קיינער פאָרט ניט מיט מיך צו כאַפען און די סאָלדאַטען, וואָס זי־צען נעבען מיר זיינען גאָר פון אַן אַנדערען פאָלק. האָב איך מיך שוין באַרוהיגט און אַז די סאָלדאַטען האָבען מיך געפרעגט וואו איך פאָר, האָב איך זיי געזאָגט דאָס איך בין באַפרייט געוואָרען און פאָר אַצינד אַהיים.

נאַטירליך, ווען איך שרייב אַצינד פון דעם איז דאָס אַביסעל גרינגער ווי עס איז געווען אין דער ווירקליכקייט, ווייל ווען איך בין שוין געווען אין לאַנ־דאָן האָט זיך מיר כסדר געהאַלטען אין איין חלום'ן יעדע נאַכט פון מיין אַנט־לויפען און ווי מען כאַפט מיך. דאָס האָט געדויערט זעקס מאָנאַטען ביז מיינע נערוון האָבען זיך באַרוהיגט.

בין איך שוין געפאָרען מיט מיינע נייע פריינד, וואָס איך האָב געמאַכט אויפ'ן וועג, און אויב עס האָט גענומען איין טאָג דאָס פאָרען מיט דער שיף פון אָדעס נאָך סעוואַסטאָפּעל, האָב איך איצט דורכגעמאַכט די רייזע מיט דער באַן אין משך פון פיר טעג. מיר זיינען געפאָרען דורך סימפעראָפּאָל. די באַן איז געגאַנגען האַרט נעבען וואַסער און די פעלזען, ביז גאָט האָט גע־האָלפען און איך בין אָנגעקומען צו דער שטאָדט, וואו איך האָב באַדאַרפט צו נעמען אַ בילעט נאָך לובלין. איך האָב ניט געוואָלט פאָרען גלייך קיין וואַרשאַ, ווייל איך האָב גערעכענט אַז עס איז צו ריזיקאַליש, דאַרום האָב איך אויסגע־קליבען לובלין. בין איך ווייטער געפאָרען אַזוי אַרום פיר טעג ביז איך בין אָנגעקומען נאָך לובלין. מיין רעכנונג איז געווען דאָס ווען איך וועל קומען אין לובלין וועט מיין פרוי'ס משפחה מיר שוין העלפען דאָס איך זאָל קענען אַריבער די גרעניץ.

געקומען אין לובלין בין איך אין אַ מיטוואָך אויף דער נאַכט, און בין גלייך אַריין צו מיין קוזינע שבע'לע האפערט. מען האָט זיך מיט מיר אַרומ־געכאַפּט גאַנץ פיין. מ'האָט אַרויפגעלעגט אַ ברעט אויפ'ן טיש און איך האָב מיר אונטערגעלייגט מיין פעלצעל און בין גאָר געשמאַק אַנטשלאָפען געוואָרען.

אין דער פרי זיינען געקומען די פעטערס און די מומעס מיך זען. ווען זיי האָבען געהערט וואָס איך וויל טון, האָבען זיי זיך אָנגעכאַפּט ביי די קעפּ, סטייטש אַזאַ זאַך, אַ נייז, איך מוז זיך צוריק שטעלען צו דער אַרמעע, ווייל איידער איך זאָל אַוועק און ווערען אַ גוי איז שוין גלייכער צו דינען. האָב איך זיי געזאָגט דאָס איך פאָר גלייך נאָך וואַרשאַ און איך וועל פרעגען ביי מיין פרוי און מיינע עלטערען. אויב זיי וועלען מיך אויך הייסען איך זאָל זיך צוריק שטעלען וועל איך אַזוי טון אָבער נישט פריער.

האָב איך געכאַפּט מיין פעקעל און פאָר גלייך אַריין צו וואַרשאַ. אָנגעקו־

מען אין וואַרשאַ איז שוין געווען נאַכט. גיי איך מיר אַזוי מיט דער פראַנציזיש־קאַנער גאַס גלייך אַהיים צו מיר, טרעף איך אויפ׳ן וועג מיין שוועסטער שרה׳לען. זי איז דאָס אַהיים געגאַנגען פון דער אַרבייט. דאָס איז געווען אַ גליקליכע באַגעגעניש. גייען מיר שוין אַזויביידע. אַריינגעקומען אין שטוב ווערט אַ געוואַלד, אַ שמחה. מיין טאַטע האָט באַלד פאַרשטאַנען ווי אַזוי איך בין באַפרייט געוואָרען... מיין ווייבעלע איז טאַקע פונקט געלעגען אין קינפעט מיט מיין פיליפ׳ען. איך האָב פאַרשפּעטיגט דעם ברית. זי איז געלעגען אין דער לעצטער שטוב און האָט ניט געקענט הערען וואָס עס טוט זיך אין קיך. זי האָט אָבער דערפילט דאָס איך בין דאָ. זי איז די גאַנצע צייט זער שלאַף געווען. מיין אָנקומען האָט איר אַריינגעגעבען אַ נייע חיות.

מיין שווער איז געקומען מיך זען און עס איז געבליבען דאָס איך זאָל ביי אים זיין ביז ער וועט מיר באַזאָרגען וואו צו פאָרען. בין איך טאַקע באַלד מיט אים מיט אַהיים געגאַנגען און אויף דעם צווייטען טאָג איז שוין מיין ווייבעלע געווען אַזוי פיל בעסער דאָס זי איז מיך געקומען שוין זען, און אַזוי בין איך ביי מיין שווער געווען ביז מיטוואָך, דאָס הייסט גאַנצע אַכט טעג, און מיין ווייבעלע איז יעדען טאָג געקומען מיך זען. איך בין די גאַנצע צייט ניט אַרויס פון שטוב, דאַן האָט מיין שווער מיך באַזאָרגט וואו צו פאָרען. האָט מען מיר געברענגט מיינע מלבושים און איך האָב מיך אָנגעטון צוריק ווי אַ חסיד׳ל, און מיין טאַטע האָט מיר געברענגט אַ פּאַס פון אַ אַרבייטער עס זאָל הייסען איך פאָר מיט אַ פּאַס ביז צו דער גרעניץ און איך האָב מיך געזעגענט מיט וואַרשאַ.

לא.

## אין קראקע

מיין שווער האָט מיר מיטגעגעבען אַן אַדרעס נאָך אַלקאַש, דאָס איז געווען אַ קליין שטעדטעלע נעבען דער גרעניץ פון קראַקע. געזאָגט האָט ער מיר איך זאָל זיך ווענדען צו דעם רב פון אַלקאַש, און די רבי׳צין הייסט שרה, און איך זאָל זאָגען דאָס זיינער אַ פריינד האָט מיך געשיקט צו אים דאָס ער זאָל מיר פאַרזאָרגען אַ שוואַרצער.

געקומען נאָך אלקאש בין איך דאָנערשטאָג נאָך מיטאָג, האָב איך מיך גלייך דערפרעגט צו׳ם רב, און אַריינקומענדיג טרעף איך אים איי מיטען דאַוונען מיט דעם טלית און תפילין. עס קומט מיר פאָר דאָס ער קען אַפילו ניט קיין צורת מטבע. איך גיב אים איבער מיין בקשה, זאָגט ער צו מיר אַז ער קען קיינעם ניט מיט אַזאַ נאָמען און די רבי׳צין ווייסט אויך ניט. פרעג איך איר אויב זי הייסט ניט שרה, זאָגט זי, יאָ, זי הייסט טאַקע שרה. זאָג איך, זעט איר דאָך דאָס מען האָט מיר ריכטיג געזאָגט און מען מיינט אייך טאַקע.

עס האָט געהאָלפען. מען האָט מיך געשיקט צו איינעם אַ שענקער. אַט דער איד וועט שוין מיר אַלעס פאַרזאָרגען. איך קען מיך אים אנטרויען.

געקומען צו דעם ,שענקער האָב איך אים שוין געזאָגט דאָס דער רב האָט מיך צו אים געשיקט און איך ישעיה, אַזוי ווי מיין פּאַס איז געווען, דאָס אַזוי־ווי איך דאַרף גיין צו אַ גרויסען דאָקטאָר, זאָל ער מיר שאַפען איינעם מיך אַריבערצושוואַרצען. האָט ער מיך שוין געבעטען איך זאָל ביי אים זיין איבער שבת און ער וועט מיר שוין אַלעס באַזאָרגען. בין איך ביי דעם שענקער גע־בליבען און כ׳בין מיטגעגאַנגען צום דאַוונען אין בית המדרש און געהאַט גאַר אַ פיינעם און פריילּיכען שבת.

באַלד מוצאי שבת, ווען מ׳האָט נאָר געהאַט געמאַכט הבדלה, קומט אַריין אַ איד, זער אַ פּראָסטער. מען האָט גלייך געקענט דערקענען אַז ער איז אַ ריכטיגער דאָרפסמאַן, וועלכער האָט געהאַלטען שבת אין אַלקאַש. דער שענ־קער שטעלט מיך פאָר און דער שענקער זאָגט מיר דאָס איך זאָל אים באַצאָלען צען רובעל וועט שוין זיין פאָר אַלעמען באַצאָלט.

איך האָב מיך מיט דעם שענקער געזעגענט. דער דאָרפס איד זעצט מיך אַריין אין זיין פוירײש וועגעלע און פאָרט מיט מיר צו אים אויפ׳ן דאָרף. עס האָט גענומען אַ צוויי שעה ביז מיר זיינען אָנגעקומען אויפ׳ן דאָרף און ווען איך בין אַריין אין שטוב מאַכט דער איד צו מיר:

— איער „קענצזעך“ לייגען שלאָפען און עך וועל ענק שוין אויפוועקען פאַרטאָג.

איך בלייב שטיין און קוק זיך אַרום וואו איך קען זיך דאָ צולייגען, אַז די גאַנצע דירה באַשטייט נאָר פון דער איינער שטוב און דאָ איז נאָך אַ געוועלב אויך צו לייזען געלד פאַר אַזעלכע קלייניגקייטען ווי נאַפט און סמאַלע אויף צו שמירען די רעדער פון אַ וואָגען, און נאָך אַזעלכע קלייניגקייטען, ווי אַ קאַזע אויף צו מעלקען מילך און אויך שטרוי אָדער שעצקע פאַר פערד צו עסען, און אין אַ ווינקעל פון שטוב איז אויסגעבעט אַ געלעגער וואו עס שלאָפען דעם אידענס גאַנצע פאַמיליע. טאָ וואו קען איך מיך לייגען?

דער איד האָט באַמערקט מיין פאַרלעגענהייט, מאַכט ער צו מיר:

— אָט ברענג עך אַך פרישע היי, וועט עך קענען געשמאַק שלאָפען.

קיין אַנדערע ברירה האָב איך דאָך ניט געהאַט, לייג איך מיך צו אויף דעם היי און געהאַלטען אין איין וואַרטען דער איד זאָל מיך שוין אויפוועקען.

קוים איבערגעקומען דעם היי געשמאַק פון מיין נאַכטלעגער און דער איד וועקט מיך שוין. קיין גרויסע אַרבייט האָט ער ניט געהאַט און איך שטיי שוין גרייט. דער איד זאָגט צו מיר:

— אָט איז אַ שיסעל מיט פריש וואַסער, קענט עך אַך אַרומוואַשען.

פאַרטיג געוואָרען מיט דעם וואַשען זיך זעצט מיך דער איד ווייטער אויף דעם וועגעלע זיינס. פינסטער איז נאָך געווען. פאָרען מיר אַזוי ביי אַ צוויי שעה. עס האָט שוין דערוויייל אָנגעהויבען צו טאָגען. פּלוצלינג בלייבט דאָס וועגעלע שטיין און דער איד זאָגט צו מיר איך זאָל אַזוי וואַרטען ביז ער וועט צוריק קומען. דער איד גייט ערגעץ אַריין און זאַמט זיך ביי אַ האַלבע שעה, און דאַן קומט ער צוריק און הייסט מיך שוין אַראָבגיין פון וועגעלע און גייט מיט צו פוס ביז מיר קומען אַריבער די גרעניץ.

דער איד געזעגענט זיך מיט מיר און ער גייט צוריק צו זיין וועגעלע און איך קום צו צו דעם אביעסטשיק, וועלכער גיט מיך שוין אַ פרעג אויף דייטש וואָס איך האָב אין מיין קעסטעל. האָב איך אים געוויזען אַלעס וואָס איך פאַר־מאָג אין מיין קעסטעל, הייסט ער מיך ווייטער גיין ביז איך דערזע שוין אַ קרעטשמע, און ווען איך קום אַריין אין דער קרעטשמע קומט מיר שוין אַנט־קעגען אַ איד און גיט מיר אָב אַ ברייטען שלום עליכם, און איך דערפיל ווי אַ שטיין וואָלט מיר אַראָב פון האַרצען. צו דער זעלבער צייט פיל איך אויך עפּעס אַזאַ בענקשאַפט. איך פיל דאָס איך בין אָבגעטיילט געוואָרען פון מיין גאַנצער משפחה און איך קען שוין מער ניט צוריק. האָב איך מיך ערשט ריכ־טיג אַרומגעוואַשען און אָבגעדאַווענט און גענומען אַ טרונק בראַנפען. דאַן האָב איך איבערגעביסען און דער איד פון קרעטשמע האָט מיר אָנגעוויזען ווי אַריינצופאָרען נאָך קראַקע. האָב איך גענומען אַ טראַמוויי און קומענדיג נאָענט שוין פון קראַקע האָב איך שוין אַליין דערקענט דאָס איך בין טאַקע אין קראַקע.

עס גייט אַ איד אָנגעטון אַזוי ווי אַ רב מיט לאַנגע פיאות, אין שיך און זאָקען, און ער טראָגט אויף סאנדעס וואַסער. דער איד איז געוועזן אַ וואַסער טרעגער. נאָך אַזאַ איד קומט מיר אַנטקעגען, נאָר צו די לאַנגע פיאות גייט ער גאָר באָרוועס און פירט אַ פערד, אפנים אַ בעל עגלה. ער איז געגאַנגען אָב־פאָיען זיין פערד.

ביי מיר איז דאָס געווען אַזוי אויסטערליש צו זען. גייענדיג אַזוי אין גאַס קומט מיר אויך אַנטקעגען אַ איד וועלכער קוקט אויס אין זיין הלבשה ווי אַ וואַרשאַוּוער. שטעל איך אים אָב און פרעג ביי אים צו ער איז נישט אַ וואַר־שאַוּוער, מאַכט ער צו מיר, יאָ, ער איז טאַקע אַ וואַרשאַוּוער, נאָר ער וואוינט שוין אַ לאַנגע צייט אין קראַקע. דערצייל איך אים דאָס איך קום אַצינד נאָר וואָס פון וואַרשאַ, און קען קיינעם ניט אין קראַקע. פאַרבעט מיך דער איד זער פריינדליך צו זיך אַהיים און ווען איך גיב אים איבער דאָס מיין פאַמיליע ווילען ניט איך זאָל פאָרען נאָך לאָנדאָן, נאָר איך זאָל זוכען אַרבייט אין וויען, מאַכט דער איד צו מיר דאָס מיט מיינע מלבושים קען איך ניט גיין זוכען קיין אַר־בייט אין וויען, נאָר אויב איך וויל וועט ער מיט מיר גיין צו אַ פּלאַץ וואו איך וועל קענען אויסטוישען מיינע מלבושים אויף קורצע קליידער.

בין איך מיט אים געגאַנגען צו אַ אידיש געשעפט וואו מ׳האָט ביי מיר צוגענומען מיינע גוטע מלבושים און מיר פאַרשלייערט אַביסעל שמאַטעס, אַבי איך בין געוואָרען אַ דייטש...

לב.

## איך פאר זוכען גליקען אין וויען

געפאָרען זוכען גליקען אין וויען בין איך ניט ווייל איך האָב געוואָלט אַזוי נאָר גאָר פשוט, איך האָב געוואָלט צוליב טון מיין זיידען, נפתלי. ער האָט ניט געוואָלט איך זאָל פאָרען קיין לאָנדאָן, ווייל ערשטענס איז לאָנדאָן צו ווייט,

טאָ ווען וועט ער שוין מיך קענען אַמאָל זען? צווייטענס האָט לאָנדאָן צו יענער צייט געהאַט אַ נאָמען, אַז ווער עס זאָל ניט אַהין קומען ווערט מיט דער צייט אויס איד, און איך האָב מיטגעפילט מיט מיין זיידען. עס איז מיר אַ שאָד געווען די וואַרשאַווער סביבה מיט דעם יאַרשעווקע׳ס בית המדרש און די זוואָלינער חסידים. די גייסטיגע סביבה איז מיר אַ שאָד געווען, אָבער די פינאַנציעלע זייט האָב איך שטענדיג געוואָלט פטור ווערען.

בין איך געפאָרען קיין וויען און בין פאַרפאָרען אויף לעאָפאָלד געגענד, וואו איך האָב געפונען אַ היימישען פּלאַץ וואו איינצושטיין. מיטאָגען פלעג איך עסען אין דער אידישער פאָלקס קיך. איך מוז זאָגען דאָס די מיטאָגען וואָס איך האָב דאָרטען געגעסען זיינען געווען גוט און ביליג. ווען איך האָב שוין געהאַט וואו צו עסען און וואו איינצושטיין, בין איך געגאַנגען זוכען אַר-בייט. מען האָט מיר געזאָגט דאָס איך מוז גיין צו׳ם אַרבייטער פאַראיין וועלען זיי שוין מיר געפינען אַ פּלאַץ.

מיינע הונדערט רובעל האָבען זיך שוין געהאַלטען אין אויסלאָזען, און שרייבען נאָך פרישע געלד איז ביי מיר געווען נישט ריכטיג. האָב איך גע־נישטערט ווי נאָר אַ פּלאַץ אַבי צו קריגען אַרבייט און עס איז אַלץ ניט גע־גאַנגען. איך האָב קיין אַרבייט ניט געקענט קריגען און דער פאַראיין האָט גע־האַט געגוג אייגענע אַרבייטער וואַרטען אויף פּאָסטענס. איז ניט געווען גאָר היימליך ביי מיר און נאָך אַ גאַנצער וואָך זוכען קום איך ווידער אַריין אין פאַראיין געוואויר ווערען, זאָגט מיר דער אויפזעער דאָס אין אַ שטעדטעל אין זאַקסען דאַרף מען אַן אַרבייטער, און איך וועל געוויס קריגען דאָרטען דעם פּלאַץ. אויב איך וויל פאָרען וועט ער מיר געבען אַ רעקאָמענדאַציע־קאָרטע פון פאַראיין. האָב איך דאָך געמוזט אָננעמען און פאָרען צו דעם שטעדטעל. שטעלט זיך אָבער אַרויס דאָס עס איז געווען ווייטער ווי כ׳האָב גערעכענט און איך האָב באַצאָלט פאַר דעם באַן בילעט מיין גאַנץ געלד וואָס כ׳האָב פאַרמאָגט. אַ קלייניקייט איז מיר איבערגעבליבען. האָב איך זיך גע־טראַכט, אַז איך פאַר אַרבייטען, נו, וועל איך דאָך האָבען צוריק אַנדער געלד.

אָנגעקומען בין איך אין דעם שטעדטעל מיטאָג צייט, פרעג איך מיך צו דער פאַבריק און איך גיי צו און וויז מיין רעקאָמענדאַציע קאַרטע פון פאַראיין. מ׳זאָגט מיר דאָס איך קען גלייך אָנפאַנגען צו אַרבייטען. טראַכט איך זיך איז דאָך גאָרניט אַזוי שלעכט און איך אַרבייט אַ האַלבען טאָג ביז מען האָט אויפ־געהערט. דאַן גיי איך צו צום אַרבייטס געבער און פרעג ביי אים ער זאָל מיר זאָגן וועגען אַן אָנשטענדיגען פּלאַץ וואו איך זאָל קענען איינשטיין. גיט ער מיר אַן אַדרעס און איך גיי מיר אַרויס זיך אַרומקוקען וואו איך בין דאָ אין דער וועלט. באַמערק איך באַלד דאָס איך בין אַריינגעפאַלען צווישען בלויז גוים.

ווען איך קום אַריין אין דעם פּלאַץ וואו איך דאַרף צו שלאָפען זע איך ווי עס שטייען אָנגעשטעלט אַ סך בעטלאַך איינס נעבען אַנדערען, אַזוי ווי אין קאַזאַרמע און עס זיצען יונגע שקצים אויסגעטוענע און וואַרטען. פרעג איך

ביי זיי וואַרום זיי וואַרטען, ענטפערען זיי מיר דאָס זיי וואַרטען ביז מ׳וועט איבערקוקען זייערע וועש אויב זיי זיינען ריין פון אימפלוד, כדי מען זאָל זיי ערלויבען צו נעכטיגען. טראַכט איך מיר, אָט דאָס וועט זיין מיין היים צווישען די שקצים, און עס באַפאַלט מיך אַזאַ מין בענקשאַפט, אַז עס נעמט מיך שטיקען אין האַלז. איך האָב שוין אַמאָל געהאַט אַזאַ בענקשאַפט ווען איך בין געווען אין וולאצלאוועק, ווען עס האָט זיך מיר פאַרגלוסט פּרובירען אַוועק פון דער היים, נאָר אַצינד איז דאָס נאָך פיל ערגער, ווייל איך בין אַזוי ווייט פון דער היים און איך טראַכט אָט דאָ וועל איך אַהערנעמען אַ פרוי מיט קינדערלעך אין אַזאַ גוי׳איש שטעדטעל אַריין.

ניין, איך מוז שוין צוריק, איך זאָל אַפילו צו פוס דאַרפען גיין, אַבי אַוועק פון דעם גוי׳אישען פּלאַץ. און גערעדט און געטון. איך גיי מיר גלייך צוריק צו דער באַן וואו איך בין אָנגעקומען און אַזוי ווי איך ווייס ניט דעם וועג וועל איך מיט די שינעס גיין צוריק פון וואַנען איך בין געקומען. איך פאַנג אָן צו גיין און עס דערזעט מיך באַלד דער סיגנאַלמאַן און גיט מיך אַ פרעג צו וואָס איך גיי דאָ. דערצייל איך אים דאָס איך בין אַהער געקומען פון וויען צו קריגען אַרבייט און אַזוי ווי כ׳האָב נישט געקענט קריגען קיין אַרבייט און קיין געלד האָב איך נישט, וויל איך צו פוס צוריק גיין. ווייזט אויס אַז דאָס איז געווען אַ פיינער מאַן, זאָגט ער צו מיר אַז דאָס איז דאָך אונמעגליך נאָר איך זאָל נעמען אַ בילעט צו אַ שטעדטעל פאַר איין מאַרק און דאָרטען זיינען שוין דאָ פיעל אידען, וועלען זיי מיר העלפען איך זאָל קענען ווייטער פאָרען.

האָב איך טאַקע אַזוי געטון, גענומען אַ בילעט צו דעם שטעדטעל, וואו עס געפינען זיך אידען און איך פאָר שוין צוריק. אָנגעקומען צו דער סטאַנציע וואו מיין בילעט איז געווען גלוסט זיך מיר נישט עפּעס אין מיטען דער נאַכט אַראָבצוגיין און זוכען אַ אידען, ווען אַלץ שלאָפט שוין. מאַך איך זיך נישט ווי־סענדיג און פאָר ווייטער. אַליין בין איך געווען אין דעם וואַגאָן. קודם כל נעם איך דעם בילעט און וואַרף אים אַרויס און איך לייג זיך צו שלאָפען און פאָר שוין אַ צייט. מיט אַמאָל הער איך ווי מ׳וועקט מיך, נו, הער איך אים ווי דעם קוטער און שלאָף ווייטער. מ׳וועקט אָבער פאָרט און וואָס אַמאָל שטאַרקער, האָב איך דאָך שוין געמוזט הערען און מ׳פרעגט ביי מיר איך זאָל ווייזען מיין בילעט. הויב איך אָן צו זוכען אין אַלע קעשענעס און כ׳קען אים ניט געפינען. זוך איך שוין אומעטום, וואו נאָר אַ ווינקעל האַלט איך אין איין זוכען און דער בילעט איז אַלץ נישט דאָ. מאַך איך שוין אַ געוואַלט דאָס פאַר מיין לעצטעס געלד האָב איך געקויפט דעם בילעט נאָך וויען צו פאָרען, און וואָס וועל איך איצט טון? אַ באַווייז דאָס איך האָב געקויפט אַ בילעט איז דאָך, ווי אַזוי וואָלט איך דען געפאָרען ביז אַהער. איך וואָלט דאָך אָן אַ בילעט נישט געקענט צוקומען צו דער באַן. איך האַלט אין איין שרייען, האָט דער קאָנטראָלער געוואַרט ביז מען איז צוגעקומען צו אַ סטאַנציע, און דאַן נעמט ער מיך אַראָב פון דער באַן און פירט מיך צו דעם הויפּט קאָנטראָלער פון דער סטאַנציע.

איך שריי ווייטער מיינס, דאָס איך האָב געהאַט אַ בילעט ביז וויען צו

פאָרען און איך האָב נישט קיין אַנדער געלד. מאַכט דער הויפּט צו מיר דאָס ער וועט מיר געבען אַ בילעט ביז פּראַג, מער קען ער פאַר מיר נישט טון, און אין פּראַג וועט מיר שוין די אידישע געמיינדע העלפען צו פאָרען נאָך וויען. האָב איך דאָך שוין געמוזט באַשטיין און בין ווייטער געפאָרען ביז כ׳בין אָנגעקומען אין פּראַג אַרום ניין אַזייגער אין דער פרי, און פרעג מיך צום אידישען געגענד, וואָס איז מיר פאַרגעקומען ווי די וואַלעווע גאַס אין וואַרשאַ. גיי איך אַריין אין אַ געוועלב און פרעג זיך צו דער אידישער געמיינדע. קומט צו מיר צו אַ פריילייך און זאָגט צו מיר דאָס די געמיינדע זיצט נישט יעדען טאָג, און ווען איך האָב מיך מיט איר צורעדט מאַכט זי צו מיר איך זאָל אַביסעל צוואַרטען ביז איר פאָטער וועט אָנקומען, וועט ער שוין אַליין זען דאָס איך זאָל קענען נאָך וויען פאָרען. דערווייל פרעגט זי ביי מיר אויב איך וואָלט געוואָלט עסען אַ פוטערשניט, און גראַדע בין איך טאַקע געווען אַביסעל הונגעריג ווייל איך האָב נישט געהאַט קיין שום זאַך אין מיין מויל זינט נעכטען פריימאָרגענס, האָב איך אָנגענומען איר איינלאַדונג, און דאָס פריילייך האָט מיך געהייסען זיך מאַכען באַקוועם, און דאַן איז איר פאָטער אָנגעקומען. זי האָט אים וועגען מיר אַלעס איבערגעגעבען, איז ער גלייך צו מיר צוגעקומען און מיר געגעבען געלד איך זאָל קענען צוריק נאָך וויען פאָרען. נאַטירליך האָב איך דעם מאַן מיט זיין טאָכטער זער פיין באַדאַנקט פאַר זייער גוט הארציקייט. אמת׳ע אידען געווען. און איך בין צוריק געפאָרען קיין וויען וואו איך בין גלייך אַריין אויף מיין סטאַנציע, וואו איך בין איינגעשטאַנען, און אַזוי האָט זיך געענדיגט מיין זוכען גליק ווייט אַוועק פון וויען.

## לב

## איך שרייב נאָך פרישע געלד

אַז איך בין צוריק געקומען קיין וויען האָב איך זיך באַרעכענט דאָס עס וועט גאָרנישט העלפען און אַז איך מוז פאָרען נאָך לאָנדאָן. איך האָב געענוג צוליב דעם זיידען פּרובירט. ס׳איז מיר טאַקע געווען אַ שאָד און אַ גרויס רחמנות אויפ׳ן זיידען, ווייל פון מיין ליבע פרוי איז דאָך אָבגערעדט. זי וואָלט אפילו אין עק וועלט געפאָרען אַבי נאָר צו זיין וואו איך בין. פון מיין טאַטען האָב איך אויך געוואוסט דאָס וואו נאָר איך וועל זיך איינשטעלען אויף אַן אָרט, וואו איך זאָל האָבען פּרנסה, וועט ער שוין זען צו מיר צו קומען. נאָר פאַר די זיידע און באָבע איז מיר ווירקליך געווען אַ גרויס רחמנות. זיי זענען דאָך צו מיר געווען אַזוי צוגעלאָזט, און ווען וועלען זיי שוין קענען מיך אַמאָל זען? איז מיר טאַקע דאָס הארץ איבערגעגאַנגען. וואָס האָב איך אָבער געקענט טון? איך האָב געענוג זיך אָנגעליטען צוליב דעם זיידענס וועגען איך זאָל נישט דאַרפען פאָרען קיין לאָנדאָן. עס איז מיר אָבער נישט געלונגען.

האָב איך אַלעס אויפגעקלערט אין אַ בריף אַהיים, און אויפגעוויזען דאָס איך מוז פאָרען נאָך לאָנדאָן, דאַרום מוזען זיי מיר צושיקען געלד איך זאָל קע־נען ווייטער פאָרען און נישט בלייבען אין דער מיט. ווען איך וואָלט גלייך געפאָרען נאָך לאָנדאָן וואָלט איך דאָך געהאַט אויסצוקומען, נאָר אַזוי איז מיר צוטראָנצעלט געוואָרען דאָס גאַנצע געלד, און איך בין געבליבען אָן אַ גראָשען.

מ'האָט מיר צוגעשיקט אַ צוואַנציג רובעל און ביז איך האָב מיך אָבגע־צאָלט, וואָס איך בין שולדיג געווען, איז מיר קוים איבערגעבליבען אויסצוקו־מען עס זאָל מיר בלייבען אויף אַ שיפס־קאַרטע. מ'האָט מיר אויך צוגעשיקט די אַדרעס פון אברהם שטיינווארצעל, דעם זיידענס אַרבייטער, וואָס איז שוין געווען אין לאָנדאָן אַ מייסטער פאַר זיך אַליין. האָב איך מיך געזעגענט מיט ווינען און געפאָרען ווייטער דורך ראָטערדאַם. קיין שיפס־קאַרטע, האָט מען מיך געראַטען, זאָל איך ניט קויפען, ווייל די וואָס קומען מיט שיפס־קאַרטען צו דער האָלענדישער גרעניץ האָבען אויסצושטיין צרות פון די אַגענטען. האָב איך מיר איבערגעלאָזט דאָס געלד, וואָס מ'האָט מיר געזאָגט עס דאַרף קאָסטען אַ שיפס־קאַרטע. אויף מער האָב איך נישט געזאָרגט ווייל אין ראָטערדאַם האָב איך דאָך געהאַט אַ קוזין, וואָס האָט געהאַט אַן איינפאָר־הויז פאַר אימי־גראַנטען, טאָ וועט דאָך מיר שוין גאָרניט פעלען.

ווען איך בין צוגעקומען צו דער גרעניץ פון האָלאַנד פרעגט מען ביי מיר צי איך האָב אַ שיפס־קאַרטע, זאָג איך אַז ניין, נאָר איך האָב דאָס געלד אויף אַ שיפס־קאַרטע צו קויפען. פרעגען זיי ביי מיר וויפיל געלד איך האָב, ווייז איך זיי און זאָג אַזוי האָט מען מיר געזאָגט קאָסט אַ שיפס־קאַרטע. מאַכען זיי צו מיר אַז מ'האָט מיר נישט ריכטיג געזאָגט. עס איז לא מיט אַ ספּאָדיק. עס איז ניט גענוג. ערקלער איך אַז דאָס איז אַלעס וואָס איך פאַרמאָג. רעדט מען שוין נישט מער צו מיר, נאָר מען נעמט מיך אַראָב פון דער באַן און מען זאָגט מיר דאָס אין דעם שטעדטעל איז דאָ אַ הילפס פאַראיין און מ'וועט מיר שוין געבען אַ שיפס־קאַרטע. איז דאָך פאַרפאַלען, מוז איך שוין בלייבען אין דעם שטעדטעל, און פרעג מיך נאָך וואו עס געפינט זיך דער הילפס פאַראיין. דערווייל טרעף איך זיך שוין מיט נאָך אידען און אידישע פרויען מיט קינדער, און זיי דערציילען מיר דאָס זיי וואַלגערען זיך שוין דאָ אין דעם שטעדטעל וואָכען לאַנג, ווייל זיי האָט צוגעפעלט אַ קלייניקייט צום באַצאָלען פאַר דער שיפס־קאַרטע, און וואָס אַ טאָג פעלט זיי דאָך צו מער.

ווער עס ווייסט נישט צי עס געפינט זיך אַ גיהנום, האָט באַדאַרפט צו זיין אַט אין דעם קליינעם האָלענדיש שטעדטעלע וואָלט ער געוואוסט וואָס עס הייסט אַ גיהנום.

עלטערע אידען און יונגעלייטלעך און מיידלעך און פרויען מיט פּיצלעך קינדער אויף זייערע הענט; עלטערן פאָרען צו זייערע קינדער, פרויען צו זייערע מענער און קינדער צו עלטערן, און אַלע וואַרטען זיי מ'זאָל זיי צושיקען נאָך געלד און דערווייל ווערט וואָס אַ טאָג ווייניגער, ווייל מ'מוז דאָך לעבען,

ווערט מיט יעדען טאָג נישט מער נאָר ווייניגער, און מ׳וואַלגערט זיך אַרום כדי נישט אויסצוגעבען קיין סך. דרייען זיי זיך אַרום אַזוי ווי שאָטענס מיט אויסגעלאָשענע אויגען און מ׳גייט אַלע טאָג צו דעם אויפזעהער פון דעם הילפּס פאַראיין, און עס העלפּט ווי אַ טויטען באַנקעס.

די וואָס האָבען אויף וואָס צו וואַרטען איז נאָך נישט געווען אַזוי שלעכט. זיי האָבען געהאַט אויף וואָס צו האָפען, אַז מען וועט זיי צושיקען נאָך געלד, איז נישט היינט איז מאָרגען. אָבער די יעניגע וואָס האָבען נישט געהאַט פון וועמען עפּעס צו ערוואַרטען, זיי האָבען אויספאַרקויפט אַלעס און געמאַכט צו געלד כדי צו קענען פאַרען, און אַצינד האָט זיי צוגעפעלט עפּעס אַ קלייניקייט, לאָזט מען זיי זיך אַרומוואַלגערען, און וואָס אַ טאָג פעלט מער און מער. זיי פאַרגינען זיך ניט אַפילו עפּעס צו עסען, אָבער שלאָפען מוז מען דאָך, גייען זיי אַרום און קוקען אין הימעל אַריין עס זאָל אַ נס געשען.

אַז איך האָב זיך אָנגעהערט די אַלע מעשיות פון די אַלע מענשען וואָס איך האָב דאַרטען געטראָפען, טראַכט איך מיר אַז עס איז גאָר נישט היימליך. אפשר האָב איך נאָך ווייניג זיך אָנגעליטען, וועט מען מיר אַצינד צושמעלצען.

מיט דעם אַלעמען וואָס איך האָב שוין געוואוסט גיי איך מיר אַריין צו דעם אידישען פאַרזאָרגער, און וויַיז אים מיין פאַרמעג און זאָג אים נאָך אַז איך האָב נישט פון וועמען עס איז עפּעס צו ערוואַרטען, נאָר אַז איך האָב אַ קרוב אין ראָטערדאַם, זיין נאָמען איז הילדעבראַנט. קען ער ביי אים אָנפרעגען, און אויב עס איז ניט גענוג וועט ער אים געוויס צושיקען דאָס איבעריגע געלד.

אויסגעהערט אַלעס וואָס איך האָב אים געזאָגט, מאַכט דער אויפזעהער צו מיר איך זאָל קומען צו מאָרגענס וועט ער זען וואָס ער קען טון פאַר מיר. האָב איך אים אויף דערוויַיל אָבגעלאָזט און בין אַרויס אויף דער גאַס און טרעף מיך מיט די אַנדערע ליידענדע, און זיי זאָגען מיר דאָס זיי צאָלען צוויי מאַרק פאַר נאַכטלעגער. טראַכט איך אַז עס איז ניט קיין פּלאַן פאַר מיר צו צאָלען צוויי מאַרק פאַר איין נאַכט שלאָפען. גיי איך מיר אַזוי אַרום און קוק זיך אַרום וואו איך בין דאָ ערגעץ אין דער וועלט אַריינגעפאַלען. גייענדיג אַזוי בין איך באַלד אויף דעם שאָסעי און כאַטש עס איז שוין געווען צום סוף דער־צעמבער איז אָבער דאַרטען אַלעס געווען גרין ווי עס וואָלט געווען זומער צייט און די לופט האָט געשמעקט אַ מחיה. זיך איבערשפּאַצירען אויף׳ן גוטען אופן איז אַ תעניג אָבער ניט ווען מען זוכט וואו דעם קאָפּ אַנידערצולייגען אָן געלד. אָט אַזוי גייענדיג דערזע איך דאָס אין דער זייט פון שאָסעי שטייט עפּעס אָן אייזערנער קויבער, אַ גרויסער, אויף פיסלעך, זער אַ טיפער. קלער איך נישט לאַנג און מאַך מיר פון דעם קויבער אַ געלעגער און שלאָף אַדורך די גאַנצע נאַכט געשמאַק אַזוי ווי אין אַ בעט.

אין דער פרי נעם איך מיך אַרומקוקען צי עס געפינט זיך עפּעס אין דעם שטעדטעל אידישע פאַמיליעס. קומט מיר פאַר אַ הויז ווי עס וואָלט געווען אַ אידישעס. קלאַפּ איך אָן אין טיר און עס עפענט מיר אַ עלעגאַנטע מאַדאַם. איך ענטפער איר אויף איר פראַגע וואָס איך פאַרלאַנג, צי זי ווייסט וועגען דעם הילפּס פאַראיין עפּעס, און איך פאַרצייל איר מיין לאַגע און וואָס עס טוט זיך

אין שטעדטעל מיט דעם פּאַראַיין. עס זעט אויס דאָס זי נעמט אַ אינטערעס אין דעם וואָס איך דערצייל איר. דאַן רופט זי מיר אָן דעם נאָמען פון דעם מאַן וואָס איז דער אויפזעהער פון פּאַראַיין, און זי גלויבט דאָס ער איז טאַקע דער פאַרטרעטער פון אַ הילפס פּאַראַיין. נו, דערצייל איך איר ערשט ריכטיג וואָס עס טוט זיך אין דעם שטעדטעל מיט דעם הילפס פּאַראַיין און וועגען די ליידען וואָס די אָרימע עמיגראַנטען האָבען אויסצושטיין. נישט אַנדערש עס איז אַ שווינדעל. עס איז אַ פּאַרשטעלטער נאָמען און אין אמת׳ן איז דאָס בלויז אַזאַ מין געשעפט אָבצוציען די אומגליקליכע עמיגראַנטען. ווען זי האָט אַלעס אויסגעהערט פון מיר ראָט זי מיך איך זאָל נאָכאַמאָל רעדען מיט דעם אויפ־זעהער, און אויב ער וועט נישט עפּעס טון פאַר מיר זאָל איך קומען צו איר וועט זי שוין זען וואָס עס קען געטון ווערען. דערוויל פרעגט זי ביי מיר אויב איך וואָלט געוואָלט אַ פוטער שניט, האָב איך דאָך איר נישט געקענט אָבזאָגען. זי האָט מיר געמאַכט אַ פּעקעל האָב איך שוין געהאַט אויף אַ גאַנצען טאָג צו עסען. נאָכהער אַז איך האָב שוין געהאַט אַזאַ מין צוזאָג פון דער מאַדאַם דאָס זי וועט שוין זען וואָס עס קען געטון ווערען, בין איך שוין אַריין צו דעם אויפ-זעהער מיט מער שטייפקייט אין מיין האַלטונג. רייד איך צו אים פריער גאַנץ געלאַסען און ווייז אים מיין געלד דאָס עס פעלט נישט קיין פעניג דערפון. הויבט ער אָן קלערען און דאַן זאָגט ער צו מיר איך זאָל קומען צומאָרגענס וועט ער זען וואָס ער קען טון פאַר מיר. זאָג איך צו אים, אַז אויב ער וועט מאָרגען נישט געבען מיין שיפס־קאַרטע וועל איך אים מאַכען אַ סקאַנדאַל אַז דאָס גאַנצע שטעדטעל וועט זיך צונויפלויפען.

איך בין אַוועק צו דער מאַדאַם איר אָבצוגעבען דעם ראַפּאָרט. ראָט זי מיך ווייטער נאָך צו וואַרטען ביז מאָרגענס. דאַנק איך איר און גיי מיר אַוועק צו פאַרברענגען מיט די אַנדערע אומגליקליכע עמיגראַנטען, און ווען עס איז געוואָרען נאַכט האָב איך דאָך שוין געהאַט מיין נעכטיגען האָטעל וואו צו שלאָפען. האָב איך פאַרברענגט נאָך אַ נאַכט אין דעם שטעדטעל און אין דער פרי וואַש איך מיך אַרום און קוק שוין אויס צו קענען אַריינגיין צו מיין פאַר־זאָרגער. עס איז געווען אַרום צוויי אַזייגער. איך קום אַריין הויבט אָן דער הילפס פאַראַיין אויפזעהער צו מיר צו רעדען זער איידעל. עס טוט אים לייד. איך האָב אָבער אים נישט געלאָזט ענדיגען נאָר איך האָב געגעבען אַ געשריי אַזוי ווי איך האָב תמיד געקענט, ווען מ׳האָט באַדאַרפט. איז דער פאַרזאָרגער געבליבען מיט׳ן מויל אָפען אַ דערשראָקענער, און איך האָב אָנגעהויבען אים צו געבען אין טאַטען אַריין, געסטראַשעט אויפצודעקען וואָס דער הילפס פאַר־איין איז, און אַז מער וועט דאָס שוין נישט אָנגיין אַזוי.

עס האָט געווירקט. ער האָט זיך אויף ריכטיג דערשראָקען און זיך גענומען פאַרענטפערען פאַר מיר. די אונטערשטע שורה איז געווען דאָס ער האָט מיר געגעבען מיין שיפס־קאַרטע און ער האָט מיר איבערגעלאָזט אַ שלעכטען גריי־צער, וויל ווען דער גרייצער וואָלט געווען אַ גוטער וואָלט ער אים ביי מיר נישט איבערגעלאָזט, און איך לויף געשווינד צו כאַפּען די באַן צו פאָרען נאָך ראָטערדאַם.

## לד.

# אין ראָטערדאַם

אָנגעקומען אין ראָטערדאַם איז שוין געווען אַרום צוועלף אַזייגער ביי־נאַכט, טרעף איך קיינעם נישט, מיך אָבצונעמען, פרעג איך מיך אויף הילדע־בראַנדען, זאָגט מיר אַ באַן אָנגעשטעלטער דאָס געוועגליך איז תמיד ווער פון אים דאָ אָבצונעמען די עמיגראַנטען, נאָר אַזוי ווי עס איז שוין שפּעט דאַרום איז קיינער נישט דאָ. עס איז אָבער נישט וייט, איך קען גיין צופוס, און ער וויזט מיר דעם וועג צו הילדעבראַנדען.

הילדעבראַנד אַליין האָט מיר געעפענט די טיר. איך האָב פאַרשטאַנען אַז ער איז דאָס. אין שטוב פרעגט ער מיך וואָרום איך בין געקומען אַזוי שפּעט, אַלע שלאָפען שוין, נאָר ער האָט געוואַרט אויף דער לעצטער באַן. דערווייל גיב איך אים אַ זאָג דאָס איך בין אבא מארענבילד׳ס אַ אייניקעל, און מיין זיידע אבא מאַרענבילד איז געווען זיין פאָטער׳ס אַ ברודער. מאַכט ער זיך גאָר נישט הערענדיג גלייך עס גייט אים גאָרנישט אין אויער אַריין, נאָר וויזט מיר אַן וואו צו שלאָפען.

ווען ער וואָלט מיר אָנגעוויזען וואו עפּעס צו עסען וואָלט ער זיך מער מצוה געקויפט ווייל איך האָב אַ גאַנצען טאָג גאָרניט געהאַט אין מיין מויל, און קיין צו גרויסען באַגאַזש האָב איך אויך נישט געהאַט איך האָב בלויז געהאַט מיט מיר וועש אויף איינמאָל איבערצוטון און אַ פּאָר תפילין, גאָר קליינטשיקע, וואָס מען האָט פאַר מיר געקויפט עקסטרע פאַר דער אַרמעע, ווייל מיינע תפילין וואָלטען געווען צו גרויס פאַר דער אַרמעע. פרעגט ער מיך גאָרניט אויף מיין באַגאַזש נאָר וויזט מיר וואו צו שלאָפען, און צוליב זיין קאַלטע אויפנאַמע האָב איך אים שוין גאָרניט געוואָלט דערציילען נאָר בין געגאַנגען שלאָפען מיט אַ הונגעריגען מאַגען. דאָס געלעגער איז געווען זער ניט גוט. עס איז געווען אַ קליין קאַמעריל אָן פענסטער. פאַרשטייט זיך, איך בין געלעגען אַ גאַנצע נאַכט אין געהאַקטע צרות, הונגעריג און אָן לופט. אויב די אַנדערע עמיגראַנטען האָבען געהאַט בעסערע געלעגערס, האָב איך ניט געוואוסט. בין איך אַזוי געלעגען אַ גאַנצע נאַכט און קוים דערלעבט עס זאָל שוין אָנהויבען צו טאָגען.

ווען איך האָב געהערט ווי עס רודערט זיך שוין, האָב איך מיך אויפגעהוי־בען און זיך אַרומגעקוקט וואו איך בין דאָ ערגעץ. זע איך שוין דאָס איך בין נישט איינער. אין אַ גרויסער שטוב שטייט אַ לאַנגער טיש וואו עס קענען זיצען צוואַנציג מענשען און עסען. מען מאַכט טאַקע גרייט אויף פרישטיק.

דריי איך מיך אַזוי אַרום און עס קומט צו מיר צו די מאַדאַם הילדעבראַנד און רופט מיך אַריין אין איר פּריוואַטען צימער. דאָרט פרעגט זי מיך אויס ווי אַזוי איך בין אבא מארענבילד׳ס אַן אייניקעל. האָב איך איר געזאָגט אַז מיין מאַמע איז אבא מארענבילד׳ס עלטסטע טאָכטער און איר דערציילט אַלעס וואָס

איך האָב געוואוסט. דאָס האָט געווירקט. עס האָט זיך באַלד אַלעס איבערגע־ביטען. קודם כל האָט זי מיך אַוועקגענומען פון די אַנדערע עמיגראַנטען און האָט מיר געמאַכט אַ פיינעם פרישטיק ביי איר אין צימער, און האָט זיך מיט מיר אונטערהאַלטען אַזוי ווי מיט אַן אייגענעם. זי האָט מיך אויך געבעטען בלייבען אַ פּאָר טעג, איך זאָל זיך אויסרוען און אַביסעל צו זיך קומען נאָך מיין לאַנגער אַרומבלאנקעניש און אין איין וועגס זאָל איך טאַקע אַרומקוקען זיך ווי ראַטערדאַם זעט אויס.

האָב איך מיך טאַקע געלאָזט אויף אַ שפּאַציר און בין שוין געקומען אַבי־סעל צו זיך, ווייל נאָך אַזאַ שלאָפלאָזע נאַכט אַן לופט, שיער דערשטיקט צו ווערען, האָב איך געקענט טון מיט אַביסעל פרישע לופט. איך האָב אין ראָ־טערדאַם געזען גאָר חדושים, ווייל ביז איך בין אַוועק צו די סאָלדאַטען, האָב איך נישט געזען קיין שום זאַך אויסער וואַרשאַ. איך בין קיינמאָל פריער נישט אַריבער די ראגאטקע פון וואַרשאַ. איך האָב מער נישט געזען חוץ דאָס בית המדרש און דאָס חסידים שטיבל, און אַ גאַנצע וואָך געאַרבייט אום צו קאָנען מאַכען שבת

ווען איך בין אויף מיין וועג צו סעוואַסטאָפּעל דורכגעפאָרען לובלין, בער־דיטשעוו אָדער גאָר אָדעס, און איך בין אַרומגעלאָפען ווי מ׳לויפט זען גרויסע וואונדער, איז, ווער שמועסט, אַז איך האָב דערזען אַ שטאָדט מיט בלויז וואַ־סער פון איין זייט גאַס און אַריבערצוגיין אויף דער צווייטער זייט האָט מען געמוזט גיין איבער אַ בריק און אין מיטען וועג פון גאַס איז געווען דער ים, איז דאָס טאַקע געווען ביי מיר גאָט׳ס וואונדער און איך האָב גאָר פאַרגעסען אין גאַנצען מיינע צרות, וואָס איך בין אַדורכגעגאַנגען. איך האָב שוין גערע־כענט דאָס פון איצט אָן וועט שוין ביי מיר אַלעס גיין גלייך. בפרט איך קום דאָך שוין צו דעם גאָלדענעם ענגלאַנד, און נאָך דערצו האָב איך ביי מיר אַן אַדרעס צו אַ אייגענעם מענשען, אברהם שטיינוואָרצעל, נו, וועל איך דאָך גע־וויס באַלד פאַרדינען געלד. אַ קלייניקייט אַן אַרבייטער פון זיידען נפתלי, וועלכער האָט ביי אים חתונה געהאַט און אַצינד פירט ער אַליין אַ פאַבריק פון מיין אַרבייט, וועל איך דאָך זיין אַזוי ביי זיך אין דער היים. געוויס וועט ער זיך מיט מיר אַרומכאַפּען, ער קען מיך דאָך זינט איך בין נאָך גאָר אַ קליין קינד געווען, און ער וועט מיר העלפען איך זאָל קענען מיין ליבע פרוי מיט די קינ־דער אַריבערברענגען.

הכלל, איך בין געוואָרען גאָר אויפגעהייטערט, ווייל חוץ אים האָב איך נאָך אַ אייגענעם אין לאָנדאָן, שמואל מרדכי קאדליק, וועלכער האָט אויך גע־אַרבייט ביים זיידען און נאָכער ביים טאַטען, און מיט מיר איז ער געווען גאָר באַפריינדעט. וועל איך דאָך נישט זיין אַזוי עלענד אין לאָנדאָן.

עס האָט זיך אָבער נישט אַזוי אויסגעלאָזט ווי איך האָב געדענקט. נאָר דערוויל בין איך שוין געוואָרען גאָר אויפגעלייגט, און איך האָב פאַרברענגט אין ראַטערדאַם אַ חי שעה.

ווען איך בין צוריק געקומען פון מיין שפּאַציר צו די הילדעבראַנדס, איז שוין געווען פאַר מיר גרייט אַ פיינער מיטאָג צו עסען, נאָר איך האָב באַדאַרפט

זיין זער אָבגעהיט אַכטונג צו געבען ווי אַזוי צו נוצען מיין מעסער און גאָפּעל, ווייל מיין קוזין איז געווען זער אָבגעהיט און שטרענג אין הלכות עסען־עטיקעט. איך האָב געדערכענט דאָס ער טרייבט שוין איבער אַביסעל צו פיל, ער איז אַריבער די מאָס, נאָר איך האָב מיר געטראַכט אפשר איז אַזוי אין ראָטערדאַם. אָבער וואָרום איז ער נישט געווען אָבגעהיט אין הלכות שלאָפען, אין אַ קאַמער אָן פענסטער, וואָס איז מער שעדליך ווי ניט צו האַלטען דעם גאָפּעל ריכטיג.

מילא, האָב איך אַ זאָרג, איך פאָר דאָך אַוועק, טאָ וואָס האָט דאָס מיך צו אַרען, זאָלען זיך אַנדערע זאָרגען.

נאָך די פּאָר טעג זיין אין ראָטערדאַם האָב איך מיך געזעגענט, און די מאַדאַם הילדעבראַנד, מיין קוזינע, האָט מיר מיטגעגעבען אַ פיין פּעקעל מיט פאַרשידענע וועש. זי האָט געוויס געזען מיין באַגאַזש מיט וואָס איך בין געקומען, האָט זי געקענט פאַרשטיין דאָס עס קען אין פּעקעל קיין סך וועש נישט זיין. ווען זי וואָלט זען מיין קעשענע מיט דעם שלעכטען גרייצער וואָלט זי מיר נאָך אודאי מיטגעגעבען טאַשען געלד אויך אום איך זאָל נישט דאַרפען אַריינפאַרען אין דער גאָלדענער מדינה מיט אַזאַ פאַרמעגענס ווי אַ שלעכטער גרייצער. איך האָב געהאַט אין מיר גענוג שטאָלצקייט איר נישט צו ווייזען מיין קעשענע מיט מיין פאַרמעגען.

זיי האָבען מיך באַגלייט ביז אויפ'ן שיף וואָס איז אָבגעגאַנגען ביינאַכט, און אין דער פרי האָב איך שוין געזאָלט זיין אין לאָנדאָן.

איך וויל נאָך באַמערקען דאָס ווען מיין ליבע פרוי מיט די קינדער זענען מיט זעקס מאָנאַטען שפּעטער אָנגעקומען אין ראָטערדאַם אויפ'ן וועג צו מיר אין לאָנדאָן, האָט זי שוין געהאַט אַ בעסערע אויפנאַמע ווי איך האָב געהאַט. עס איז אָבער באַשערט געווען דאָס ווען איך בין שוין געווען אין לאָנדאָן אַ בעל הבית, זענען די הילדעבראַנדס געקומען צו מיר אויף באַזוך, ווייל זיי האָבען חתונה געמאַכט אַ טאָכטער פאַר אַ לאָנדאָנער חזן.

אַזוי בין איך אַוועק פון ראָטערדאַם אַביסעל פרישער ווי איך בין געקומען און מיט מער האָפנונג. ווי נאָר איך בין אַרויף אויפ'ן שיף האָב איך מיך געלייגט שלאָפען און בין אַדורכגעשלאָפען די גאַנצע נאַכט, נישט וויסענדיג דאָס איך שלאָף אין מיטען ים, ביז איך האָב מיך אויפגעכאַפּט אַ שטיק אויפ'ן טאָג, ווען מען האָט שוין געקענט אָנזען פון דער וויטענס ענגלאַנד.

אַרום צען אַזייגער אין דער פרי איז די שיף צוגעקומען צו די לאָנדאָן דאָקס, און עס איז אויפ'ן שיף אַרויפגעקומען אַ מאַן געקליידעט אין אַ יוניפאָרם פון אידישען שעלטער, און ער האָט מיך אַראָבגענומען פון שיף צום שעלטער אין לעמאַן סטריט.

ווען איך האָב אים געוויזען מיין אַדרעס צו אברהם שטיינוואַרצעל, וואָס איז געווען נעבען דעם לאָנדאָן האָספּיטאַל, האָט מיר דער מאַן פון שעלטער געזאָגט דאָס עס איז נישט וויט פון לעמאַן סטריט און איך וועל אַליין קענען טרעפען דעם וועג צו דעם אַדרעס.

פון לעמאַן סטריט בין איך צוגעגאַנגען צו ווייטשעפּעל און בין באַלד געוואָרען אַ לאָנדאָנער.

# צווייטער טייל

## א.

### דער איינדרוק וואס לאנדאן האט אויף מיר געמאכט

דאָס ערשטע וואָס האָט אויף מיר געמאַכט אַן איינדרוק, ווען איך בין געקומען צו ווייטשעפּעל זענען געווען די לאָנדאָנער פּאָליציי לייט און די פערד, וואָס האָבען געשלעפּט די וועגענער מיט סחורות.

אַזעלכע גרויסע פערד און אַזעלכע גרויסע פּאָליציי לייט האָב איך, ביז לאָנדאָן, קיינמאָל פריער ניט געזען.

איך האָב אָבער באַלד דערפילט אַז איך בין אין אַ פרייער מדינה.

מיט דעם ערשטען טראָט וואָס איך האָב געמאַכט בין איך געוואָרען אַ ליב־האָבער פון ענגלאַנד. איך האָב באַלד דערזען דאָס עס איז ווערט געווען מיין פלאָגעניש אָבי צו קומען צו אַזאַ לאַנד ווי ענגלאַנד.

דער פּאָליסמאַן צו וועלכען איך בין צוגעגאַנגען מיט מיין אַדרעס, כאָטש ער האָט געקענט זען דאָס איך בין נאָר וואָס אַראָב פון דער שיף, האָט גענומען אַזאַ מין אינטערעס און האָט מיר מיט זיינע הענד געמאַכט פאַרשטייך וואו איך זאָל גיין אַז איך בין געווירט געוואָרען פון זיין העפליכקייט.

גאָר באַזונדער איז מיר געפעלען געוואָרען די פּאָליציי, וואָס האָט רעגו־לירט דעם טראַפיק. דאָס איז ביי מיר אויך געווען אַ נייעס. אַלע קריסטען וואָס זענען מיר אַנטקעגען געקומען האָבען ביי מיר אויסגעקוקט גאָר אַנדערש ווי אין וואַרשאַ. אין וואַרשאַ האָט ביי מיר יעדער פּאָליאַק אויסגעקוקט ווי אַ הי־צעל, און דאָ האָבען אַלע אויסגעזען ווי פיינע מענשען. אַפילו יענע קריסטען וועלכע זיינען געשטאַנען ביי די ביר שענקען, „פּאַבליק הייזער", מיט די ליי־מענע פּיפּקעס אין מויל און געהאַלטען אין איין שפּייען, אַפילו זיי האָבען ביי מיר אויך אויסגעקוקט מענשליכער ווי די וואַרשאַווער שכורים.

גיי איך מיר אַזוי איבער ווייטשעפּעל און באַקוק אַלעס מיט נייגעריגקייט ביז עס קומט מיר אַנטקעגען אַ אידענע מיט אַ שייטעל אויפ'ן קאָפּ. איך האָב מיך דערפרייט צו זען אַ היימישע אידענע, און פרעג שוין ביי איר אויף אידיש און ווייז איר מיין אַדרעס זי זאָל מיר זאָגען וואו איך זאָל גיין. ענטפערט זי מיר ניט די אידענע נאָר קוקט און קוקט אַזוי אויף מיר און פּלוצלינג גיט זי אַ זאָג:

— אַ גרינער, נאָך גאָר אַ גרינער, נעבאַך.

איך בלייב שטיין ערשטוינט און קוק אָן די אידענע און טראַכט וואָס טוט זיך דאָ עפּעס. דוכט זיך גאָר אַ פּראָסטע, איינפאַכע אידענע זאָל טרעפן אויף מיר קוקענדיג דאָס איך האָב געהאַט אַ גרינעם בילעט. פון וואַנען קען זי דאָס דערקענען דאָס איך בין אַ גרינער. איך האָב דאָס גאָרניט געקענט פאַרשטיין ביז איך בין צו זיך געקומען, און די אידענע האָט מיר געגעבען צו פאַרשטיין, אויף אידיש נאַטירליך, ווי אַזוי איך זאָל צוגיין ביז צום לאָנדאָן האָספּיטאַל, און דאַן זאָל איך מיך אַריינדרייען אין דער גאַס נאָכ׳ן האָספּיטאַל, וועל איך צוקומען צו איסט מאונט סטריט.

נו, איז שוין ביי מיר געווען גרינג צו טרעפען, און אַריינקומענדיג צו איסט מאונט סטריט איז שוין ביי מיר געווען גרינג צו געפינען דעם נומער פון הויז.

צוגעקומען צו דער טיר, נעם איך עפענען און שטופען די טיר און עס גייט נישט. קוק איך מיך אום, זע איך אַז עס הענגט עפּעס אָן אייזען. פאַרשטיי איך אַז דאָס מוז זיין צום קלאַפּען. אויך דאָס איז ביי מיר געווען גאָר אַ נייעס, ווייל אין וואַרשאַ אַז מ׳האָט באַדאַרפט צו איינעם, זיינען נישט געווען אַזעלכע הייזער פאַר יעדען באַזונדער, אַז מ׳זאָל דאַרפען קלאַפּען מיט אַן אייזען. אין וואַרשאַ ווען מען האָט באַדאַרפט צו איינעם אַריינגיין איז מען צו צום סטרוזש פון הויף, און ער האָט שוין געזאָגט וואו יענער וואוינט. איז מען גלייך אַריין צו יענעם מיט די שטיוועל „גוט מאָרגען, איך בין דאָ,״ און מען האָט נים באַדאַרפט קלאַפּען מיט קיין אייזען. און דאָ, — נאָדיר גאָר אַ קלאַפּען פריער איידער מ׳קען אַריין. נאָר זאָל מיינס איבערגיין. אַז עס הענגט אַ קלאַפּער מסתמא דאַרף מען קלאַפּען.

האָב איך געגעבען אַ קלאַפּ אַז מען האָט געוויס געקענט הערען אין וואַרשאַ. די טיר האָט זיך טאַקע געגעבען אַ עפען אויף און עס איז געוואָרען אַ געלויפעריי פון אַלע זייטען. ווען איך האָב געוויזען מיין אַדרעס איז באַלד אויך מר. שטיינוואָרצעל אַליין צוגעקומען, און ווען ער האָט מיך אָנגעקוקט האָט ער אָנגעהויבען אַזוי הויך צו שרייען אַז אַלע אין הויז זיינען געקומען צו לויפען, און אַפילו פון דער פאַבריק די אַרבייטער. מר. שטיינוואָרצעל האָט מיך פאַר אַלעמען פאָרגעשטעלט און ספּעציעל פאַר זיין פרוי. מ׳האָט מיך אויפגענומען אַזוי ווי אַ אייגענעם פאַמיליאַנט, וועלכען מען האָט נישט געזען פאַר אַ לאַנגער צייט.

ווען ער וואָלט מיך געווען אַזוי באַהאַנדעלט ווי ער האָט מיך אויפגענומען צום ערשטען מאָל וואָלט איך גאָרניט געהאַט וואָס צו „גראַמבלען.״ עס איז אָבער געווען בלויז דער הו־האַ פון אויפנאַם און נישט מער.

ב.

## ביי אברהם שטיינוואַרצעל

דעם ערשטען טאָג וואָס איך בין אָנגעקומען צו מיין לאַנדסמאַן האָט מען מיך זער פיין באַהאַנדעלט, און ספּעציעל האָט מיין לאַנדסמאַנ׳ס פרוי גענומען אַ גרויסען אינטערעס און מיר געזאָגט איך זאָל גאָרניט זאָרגען און איך וועל קענען ביי זיי אַרבייטען און אויך ביי זיי וואוינען. דאָס הייסט איך וועל קענען ביי זיי זיין אין גאַנצען מיט עסען און שלאָפען און זיי וועלען זען דאָס מיין פרוי מיט די קינדער זאָלען קענען באַלד אַהער קומען.

ווען איך האָב געהערט אַזעלכע רייד, פאַרשטייט זיך, בין איך געווען גאָר אַ גליקליכער, און מ׳האָט מיר געוויזען דאָס איך וועל האָבען אַ פיינע שלאָף שטוב פאַר זיך אַליין. דאָס הויז איז געווען פון צוויי שטאָק. בלויז די קיך און עס־צימער זענען געווען אין קעלער פון הויז און דאָ וואו מען איז אַריין פון דער גאַס איז געווען די אויפגעפוצטע שטוב, וואָס האָט געהייסען די פאַרלע. עס איז געווען ריכטיג אַ טאָפּעלטע שטוב. אויף דעם ערשטען און צווייטען שטאָק ווידער זענען געווען בלויז די שלאָף צימערען, און אַנטקעגען די טיר פון הויז וואו מען איז אַריינגעקומען פון גאַס איז מיט שטיגלעך אַראָבצוגיין געווען די פאַבריק וואו מ׳האָט געאַרבייט הענטלעך צו פאַראַסאָלען.

עס איז דאַן געבליבען דאָס אויב איך וויל קען איך באַלד צו מאָרגענס פרי אָנפאַנגען צו אַרבייטען. איז דאָך אודאי גוט, איז דאָך שוין בעסער ווי אין וויען, וואו איך האָב נישט געקענט קריגען קיין אַרבייט. איך בין גאָר צופרי־דען געווען און אויסגעקוקט עס זאָל שוין זיין צומאָרגענס פרי, און ווען איך בין אויף מאָרגען אַריין צו דער אַרבייט האָב איך געזען דאָס די אַרבייט איז אַביסעל אַנדערש ווי אין וואַרשאַ. מ׳האָט געמאַכט בלויז שוואַרצע הענטלעך און עס האָט אויך געאַרבייט אַ קריסט אַ „מאַונטער”, וואָס האָט אַרויפגעפּאַסט זילבערנע באַפּוצונגען אויף די הענטלאַך.

מיין אַרבייט איז געווען צו גראַווירען די הענטלעך נאָך דעם ווי זיי זענען שוין געווען שוואַרץ געוואַרנישט. איך האָב אָבער באַלד איבערגענומען און געמאַכט אַזוי געשווינט ווי דער אַנדערער גראַווירער, און גראַדע איז דער גראַווירער געווען אַ שוואָגער פון שטיינוואַצלען. איך האָב באַלד דעם ערשטען טאָג אויסגעפונען דאָס דער שוואָגער איז אַן אַנאַרכיסט. ביז דאַמאָלט האָב איך פון דעם נישט געהערט. אין וואַרשאַ האָב איך געהערט אַז עס געפינען זיך ניי־היליסטען, וועלכע קעמפען צו שטירצען דעם רוסישען צאַר, אָבער אַנאַרכיס־טען איז ביי מיר געווען אַ נייעס. די רייד וואָס איך האָב געהערט רעדען ביי דער אַרבייט איז פאַר מיר געווען גאָר שרעקליך צוצוהערען. איך האָב דאָס גאָרנישט געקענט איבערטראָגען. איך האָב אָבער געוואוסט איין זאַך, דאָס פאַר־לויפיג דאַרף איך הערען, זען און שווייגען. האָב איך מיך נישט געמאַכט הע־רענדיג און בין געוואָרען מיט אַלע אַרבייטער גאָר שמעלקע פונקט ווי איך

האָב געטון אין דער אָרמעע פון פּאָניע חזיר. איך האָב מיטגעטאַנצט און מיט־געזונגען כדי אַלעמען צו געפעלען און איך זאָל קענען גיכער מיין פּלאַן אויס־פירען. נו, האָב איך זיך געטראַכט, עס וועט דאָ אויך צונויץ קומען. אַזוי האָב איך אָבגעאַרבייט דאָנערשטאָג און פרייטאָג און צום אויפהערען האָט מיר מיין לאַנדסמאַן געגעבען אַ גאַנצען שילינג טאַשען געלד, און איך בין געגאַנ־גען האָבען אַ וואַנע און זיך געמאַכט שבת׳דיג. שפּעטער בין איך אַוועק זען ווי עס זעט אויס אַ לאָנדאָנער שוהל. מיר איז געפעלען געוואָרען דער קבלת שבת מיט דעם יגדל נאָכ׳ן דאַוונען.

שבת אין דער פרי בין איך געגאַנגען זען אַן אַנדערע שוהל. האָב איך שוין קיין נייעס ניט געהערט. האָט מיך אָנגעהויבען צו ציהען צו מיינע חסידים די זוואָלינער, בין איך געוואויר געוואָרען דאָס מיין לאַנדסמאַנ׳ס שווער דאַ־וועגט ביי חסידים טאַקע. האָב איך אים אָנגעהויבען בעטען ער זאָל מיך אויך מיטנעמען צו די חסידים. אַליין איז ער געוועזן אַ איד אַ הויכער, אַ לאַנגער, מיט אַ לאַנגער שוואַרצער באָרד, און ווען ער האָט זיך שבת אָנגעטון דעם צילינדער הוט מיט דער לאַנגער געפּאַסטער קאַפּאָטע, עס הייסט אַ פּראַקאוט, האָט מען געקענט מיינען דאָס ער איז אַ רב.

די גאַנצע צייט וואָס איך בין געוועזן ביי מיין לאַנדסמאַן האָט ער מיר ניט געוואָלט ווייזען אָדער אַפּילו זאָגען וואו דאָס חסידים שטיבעל געפינט זיך. ביי די אַרבייטער האָב איך דאָך געוויס נישט געקענט געוואויר ווערען וואו עס געפינט זיך ערגעץ דאָס חסידים שטיבעל. האָב איך דאָס דערווייל געמוזט אי־בערלאָזען.

אַזוי האָב איך אָבגעאַרבייט נאָך אַ וואָך און אַז עס איז געקומען דאָנער־שטאָג האָט מיך מיין לאַנדסמאַן געבעטען דאָס אַזוי ווי פרייטאָג איז אַ קורצער טאָג און ער איז גראָדע „ביזי״ זאָל איך אים אַרויסהעלפען און אויפזיין דאָ־נערשטאָג ביינאַכט כדי עס זאָל פאַרטיג ווערען די אַרבייט. טראַכט איך זיך אַז מען באַהאַנדעלט מיך אַזוי ווי אַן אייגענעם טאָ וואָרום זאָל איך אים נישט אַרויסהעלפען. האָב איך אים צוליב געטון און דורכגעאַרבייט די גאַנצע נאַכט. און אין דער פרי בין איך אַריין אין שטוב און מיך אַרומגעוואַשען, געדאַוונט און געגעסען פרישטיק און בין באַלד צוריק אַריין צו דער אַרבייט. ווען מען האָט אַוועקגעלעגט די אַרבייט האָט מיר מיין לאַנדסמאַן געגעבען אַ שילינג טאַשען געלד אַזוי ווי דאָס ערשטע מאָל, און מיר אויך צוגעגעבען אַ גאַנצען שילינג פאַר דעם וואָס איך האָב אָבגעאַרבייט אַ גאַנצער נאַכט און אים אַרויס־געהאָלפען.

האָב איך שוין דערזען מיט וועמען איך האָנדעל, און אַז מיט די אַרבייטער בין איך דאָך שוין געוועזן באַפריינדעט, איז נאַטירליך, אַז ווען זיי האָבען מיר געפרעגט ווי אַזוי מיין לאַנדסמאַן באַהאַנדעלט מיך, האָב איך זיי געוויזען די צוויי שילינג, איינעם פאַר דער וואָך אַרבייט און איינעם עקסטראַ פאַר דער גאַנצער נאַכט וואָס איך האָב אָבגעאַרבייט. האָבען די אַרבייטער איך גענומען שוין העצען געגען מיין לאַנדסמאַן. זיי האָבען דאָס גאָר ניט געקענט פאַרשטיין

וי מען קען דאָס געבען פאַר אַ גאַנצער נאַכט אַרבייטען איין שילינג, און איך האָב שוין דערזען ווער מיין בעל טובה איז.

ג.

## די מרס. שטיינוואָרצעל

מיין „לאַדזשע מיסעס״, מיין לאַנדסמאַנ׳ס פרוי, איז געווען אַ טיפּ וואָס איך האָב נאָך ביז דאַמאָלט נישט באַגעגענט. זי איז ניט געווען גאָר קיין שיינע אָבער אויך נישט קיין מיאוסע, נאָר זער אַ ריידעוודיגע. זי האָט פּאַקטיש גע־הערשט איבער דעם הויז און אַלעמען.

ווען איך בין געוואָרען אַביסעל היימישער האָב איך דערזען אַז קיין עסען פעלט דאָרט ניט. די קאַמערען פון די קעלער שטובען זיינען געווען גאַנצע שפּייכלער מיט עסענוואַרגען. דאָרט איז געווען אָנגעשטעלט מיט פאַרשידענע שווייצער קעזען, סאַרדינען, בעסטעלס מילך און אַנדערע שפּייזען.

צו מיר האָט מיין לאַנדסמאַנ׳ס פרוי אַרויסגעוויזען גרויס פריינדשאַפט, נאָר איך האָב גערעכענט אַז עס איז שוין אַביסעל אַריבער די מאָס. איך האָב אַלע מאָל געוואוסט אַז אַלעס וואָס צופיל איז נישט געזונד.

זי האָט מיך איינמאָל איינגעלאַדען איך זאָל מיט איר מיטגיין צו דעם פּאַ־וויליאָן טעאַטער. עס איז דאַן געווען אין אָנפאַנג יאַנואַר. מ׳האָט נאָך געשפּילט „פאַנטאָמיינס״. עס איז דאַן נאָך נישט געווען קיין אידיש טעאַטער. זי האָט געוואָלט אַז איך זאָל מיט איר גיין זען וואָס דאָס איז אַזוינס. איך האָב איר אָבער געזאָגט אַז אַזוי לאַנג ווי מיין פרוי איז נאָך ניט דאָ וועל איך אין קיין טעאַטער נישט גיין. זי האָט אָבער אַזוי לאַנג גערעדט און מיך געהאַלטען אין איין מוטשען ביז עס איז מיר פאַרמיאוסט געוואָרען דער גאַנצער עסק.

איך האָב מיך געהאַלטען אין איין בעטען מ׳זאָל מיר געבען די אַדרעס פון מיין לאַנדסמאַן שמואל מרדכי קאַדליק, און מ׳האָט מיר נישט געוואָלט זאָגען. דאָס איז ביי מיר געוואָרען אויפאַלענד. עפּעס מוז דאָ זיין. מען וויל מיר אויך נישט זאָגען וואו דאָס חסידים שטיבעל געפינט זיך. וויפיל מאָל איך האָב אַלץ געבעטען דעם הויכען לאַנגען חסיד מיט דער גאָר לאַנגער באָרד ער זאָל מיך מיטנעמען צום שטיבעל, האָט אַלץ נישט געהאָלפען. האָב איך אָנגעהוי־בען טראַכטען אַז עס איז נישט אומזיסט, עפּעס מוז דאָ זיין. אויב אַזוי מוז איך דאָס אַליין אויסגעפינען. איך האָב אָנגעהויבען בעטען ביי די אַרבייטער זיי זאָ־לען פאַר מיר קריגען די אַדרעס פון שמואל מרדכי קאַדליק און זיי האָבען דאָס מיר צוגעזאָגט. זיי האָבען מיר געבראַכט די אַדרעס פון מיין לאַנדסמאַן און ווען ער האָט מיך דערזען האָט ער זיך מיט מיר אמת׳דיג אַרומגעכאַפּט.

געוואוינט האָט ער אין פּלאַמערס רויד, און ווען ער האָט דערהערט דאָס איך בין ביי אברהם שטיינוואָרצלען, האָט ער מיר אָנגעהויבען צו דערציי־

לען ווער די מאַדאַם שטיינוואָרצעל איז, כאָטש איר פאָטער שטעלט זיך פאַר פאַר אַ גרויסען חסיד. ער אַליין, שטיינוואָרצעל, איז אַן אָרענטליכער מענש, ער קען זיך אָבער ניט העלפען ווייל זיין פרוי טראָגט די הויזען און ניט ער. ווען כ'האָב אים געזאָגט אַז פאַר אַ גאַנצער נאַכט אַרבייטען האָט ער מיר ניט מער געגעבען ווי איין שילינג, האָט מיר שמואל מרדכי ערקלערט דאָס איך מוז אַוועק פון שטיינוואָרצלען. עס איז נישט פאַר מיר קיין פלאַן ביי אים צו זיין, און ער וועט מיר שוין שאַפען אַ פלאַץ וואו צו אַרבייטען.

דערווייל האָט זיך געמאַכט אַ סטרייק אין דער פאַבריק פון שטיינוואָרצ־לען און מ'האָט זיך צוליב דעם סטרייק גוט צוקלאַפּט ביז מ'האָט זיך שוין גע־מוזט צוזאַמענקומען אין הארבאור סקווער פאָליס קאָורט.

ווען איך בין געווען בלויז פיר וואָכען אין לאָנדאָן בין איך שוין געווען אַן עדות אין אַן ענגלישען פאָליס קאָורט. איך האָב אָבער עדות געזאָגט צו גונסטען די אַרבייטער, ווייל זיי זענען ביי מיר געווען גערעכט און נישט שטיינוואָרצעל. דאָס איז שוין אַזוי געווען מיין טבע צו האַלטען תמיד פאַר דעם וואָס איז ביי מיר געווען גערעכט. דאָס איז געווען מיין ערשטע ערפאַ־רונג פון לאָנדאָנער אַרבייטער און מייסטער־רייבונגען.

אַזוי האָב איך שוין צו די פיר וואָכען איבערגעלאָזט מיין ערשטען בעל טובה אויף וועלכען איך האָב געלייגט אַזוי פיל האָפנונגען ביי מיין קומען קיין לאָנדאָן, און מיט איינינע יאָר שפּעטער האָב איך געהערט דאָס די פאַמיליע שטיינוואָרצעל זענען אַוועק נאָך אַמעריקאַ. וואָס עס איז געוואָרען פון זיי האָב איך מער נישט געהערט.

## ד.

## מיין ערשטער פּאַטש אין לאָנדאָן

אין דער צייט ווען איך בין געקומען, אָנפאַנג יאַנואַר, 1896, האָט לאָנדאָן אויסגעזען אַנדערש ווי עס זעט אויס איצט. וואו מ'איז געגאַנגען און געשטאַ־נען האָט זיך אַלץ געוואָרפען אין די אויגען די אַנאַרכיסטישע אַפּישען מיט פאַרשידענע לאָזונגען, ווי צום ביישפּיל פּאַראַזיטען, בלוט צאַפּערס, און נאָך אַזעלכע גאָר „איידעלע" אויסדרוקען. מען האָט געהאַלטען אָפענע מיטינגען אין גאַס וואו עס איז נאָר געווען אַבּיסעל אַ ברייטער ווינקעל. ווער שמועסט אַז עס איז געקומען די צייט פון ראש השנה און יום כפור, דאַמאָלט איז גאָר געווען אַ טאַראַראַם ביי די דאָזיגע גרופּען וואָס האָבען געוואָלט מיט זייערע פּוסטע העצעס גרייכען אַזש צום הימעל. אַלע וועגט זענען געווען באַקלעפּט מיט אַפּישען וואו מ'האָט נאָך צו וויסען געטון דאָס בעלער וועלען געהאַלטען ווערען „כל נדרי" נאַכט, און וואו זיי וועלען זיך פאַרמעסטען מיט גאָט און וועלען ווייזען ווי מ'קען פרעסען „כל נדרי" נאַכט.

באַזונדער זענען יעדען זונטאָג געהאַלטען געוואָרען מיטינגען פון די דאָזיגע מויל העלדען. עס האָט אַזוי אָנגעהאַלטען ביז דר. הערצל, ז״ל איז אַרויף אויף דער אַרענאַ און די חברה זענען ביסלעכוויז שטיל געוואָרען און מיט דער צייט כמעט אין גאַנצען פאַרשוואונדען פון אידישען ווייטשעפּעל.

צו יענער צייט אָבער איידער דער ציוניזם איז אַריין אין די אידישע גאַסען, אין דער צייט ווען איך בין געקומען קיין לאָנדאָן, האָבען די אַנאַרכיסטען געאַרבייט מעשים. עס איז דאָך געווען עפּעס אַ פרייע מדינה, מ׳האָט געמעגט רעדען וואָס נאָר מ׳האָט געוואָלט און קיינער האָט נישט געשטערט.

עס איז געווען דער דריטער זונטאָג וואָס איך בין געווען אין לאָנדאָן בעת איך בין מיר אַזוי איבערגעגאַנגען זיך אַביסעל זען ווי די שטאָדט זעט אויס. גייענדיג אַזו קום איך צו פּלאַמערס רויד און זע אַ גרויס געזעמעל מענשען. אין דער מיט שטייט איינער אַביסעל העכער און נישט ער רעדט נאָר ער שרייט. עס איז ביי מיר געווען אַ חידוש צו הערען איינעם רעדען אין גאַס, און נאָך מער, מען רעדט גאָר אויף פּראָסט אידיש, און אַרום זענען אויך געשטאַנען בלויז אידען. שטיי איך אויך און הער זיך צו וואָס מען רעדט, ווער איך ערשטוינט מ׳זאָל גאָר קענען אַזעלכע ווערטער פאַר דעם מויל ברענגען, און אידען שטיין און הערען זיך איין צו אַזעלכע רייד און לאָזען דאָס צו.

איז נאָך נישט גענוג, גייט נאָך אַרום איינער מיט ביכלעך צו פאַרקויפען און שרייט אויס:

— ווער קויפט די חטאים פון גאָט!

ווען ער איז צו מיר אויך צוגעקומען איך זאָל ביי אים קויפען דאָס ביכעל מיט די „חטאים פון גאָט״, האָב איך מיך שוין מער נישט געקענט באַהערשען און האָב אים אַראָבגעלאָזט איינעם פון מיינע פּעטש, און נאָך צו אים צוגעשריען:

— ביזטו קראַנק צו זוכען דיינע אייגענע חטאים, ניט דו גייסט זוכען די חטאים פון גאָט.

איך האָב נאָך דאַמאָלט געקענט געבען אַ פּאַטש עס זאָל ווערט זיין דעם נאָמען, און באַלד האָט ער זיך געגעבען אַ דריי איבער אַזוי ווי אַ קונצען מאַכער, און געמאַכט אַ קאַזשעליק. איך בין שטיין געבליבען ווי מען מיינט מיך גאָרנישט. קומט אָבער באַלד צו לויפען ווילי, מיין לאַנדסמאַנ׳ס שוואָגער, אַן אַנאַרכיסט און ער זאָגט צו מיר אַז דאָ איז אַ פרייע מדינה, אין ענגלאַנד מעג מען רעדען וואָס נאָר מען וויל, אָבער מען טאָר נישט פּאַטשען.

ער האָט מיך אַוועקגענומען און מיר אויך געזאָגט דאָס איך מעג גומל בענשען ווייל ווען ער וואָלט ניט געקומען וואָלט מען מיר דאָס נישט פאַרשוויגען.

איך האָב נישט געוואָלט זיך אויסטענה׳ן מיט אים און בין מיר ווייטער געגאַנגען קוקען ווי לאָנדאָן זעט אויס.

ווען איך האָב שוין געהאַט געדאַוועט אין בלעק לייאָן יאַרד שטיבעל און איך האָב דערציילט צו ר׳ שמואל יעקב מאנקארש, ע״ה, פון דעם אינצידענט,

האָט ער מיר געזאָגט דאָס איך האָב דאָס ניט באַדאַרפט צו טון ווייל אין לאָנ־דאָן מוז מען זיך לערנען צו קענען אַוועק קוקען פון אַזעלכע זאַכען. איך האָב מיך טאַקע מיט דער צייט אָבגעקילט, און זיך צוגעוואוינט צו קענען הערען, זען און שווייגען. פאַר דעם אָבער האָב איך זיך געגוג אָנגעזען מיט פעטש אין בלעק לייאָן יאַרד שטיבעל, אויף אַ חסידישען אופן, נאָר וועגען דעם וועט מיר נאָך אויסקומען צו שרייבען.

ה.

## שמואל מרדכי קאַדליק

ווען דער זיידע נפתלי האָט געוואוינט אין די „צען פענסטער" אויף געגנ־שע גאַס און געפירט דאָס גרויסע געשעפט פון די פּאַראַסאָלען צוזאַמען מיט די הענטלעך, האָט דאָן שמואל מרדכי אויך געאַרבייט ביים זיידען, און נאָכהער, ווען מיר האָבען געוואוינט אין טאַבע־כישע׳ס הויף אויף ניסקע גאַס, דאָרט וואו איך האָב חתונה געהאַט, האָט שוין שמואל מרדכי געאַרבייט ביי אונז און ער איז דאַמאָלט געווען דער אויפזעהער איבער די לערען אינגלעך צווישען וועלכע עס איז אויך געווען פּרץ אַקערמאַן, וועלכער איז שפּעטער אויך געקו־מען קיין לאָנדאָן. שמואל מרדכי איז דאַמאָלט געווען אַ חתן פאַר זיין פרוי און זיי זענען געווען אויף מיין חתונה.

ווען מיר האָבען זיך אַוועקגעצויגען פון טאַבע כישע׳ס הויף און פאַר־קלענערט די פאַבריק איז שמואל מרדכי, נאָך דעם ווי ער האָט חתונה געהאַט מיט זיין פרוי זיסעלע, אַוועק קיין לאָנדאָן.

ווען איך בין געקומען אין לאָנדאָן האָט שמואל מרדכי געאַרבייט ביי אַ דייטש מיט דעם נאָמען זילעס. דאָרטען האָט מען געאַרבייט בלויז פון העבע־נע האָלץ די הענטלעך. די פאַבריק איז געווען אין אַ געסעל פון פיטפילד סטריט. שמואל מרדכי איז געווען אַ וואָרנישער און עס האָט דאָרטען געאַר־בייט אַ גראַווירער, אַ מר. בלענק, אַ זער אָבגעהיטענער איד און אויסגעפירט נישט צו אַרבייטען אום שבת. ער איז געווען דער איינציגער איד צו יענער צייט נישט צו אַרבייטען אום שבת ביי דעם פאַך פון שטעקלעך. איך האָב מיך דערנאָך געטראָפען מיט דעם איד מר. בלענק. ווען איך האָב זיך געצויגען נאָך רעקטאָרי רויד איז בלענק אַביסעל שפּעטער געוואָרען גבאי פון מאָנטאַגיו רויד בית המדרש. צו ווערען גבאי אין אַזאַ בית המדרש האָט מען געמוזט זיין אַ זער פרומער איד. נאַטירליך, שמואל מרדכי האָט זיך נישט געקענט אָבהי־טען פון שבת אַרבייטען, אָבער ער איז געווען אַ אידיש געזאָגענער און זיין פרוי זיסעלע האָט געפירט אַ אידיש אָרטאָדאָקס הויז.

אַז איך בין דורכגעפאַלען מיט שטיינוואָרצלען צו די פיר וואָכען, וואָס איך בין געווען אין לאָנדאָן, איז שמואל מרדכי מיט מיר אַרומגעגאַנגען צו געפי־

נען אַ פּלאַץ וואו איך זאָל קענען אַרבייטען און האַלטען שבת ביז ער האָט פאַר מיר געקראַגען אַ מרס. אייזיקס. אָט די מרס. אייזיקס האָט אַליין געפירט אַ פאַבריק אין גרייט גאַרדען סטריט. זי איז מיר פאָרגעקומען פונקט אַזוי ווי מיין באָבע, חוה. זי האָט געטראָגען אַ שייטעל און האָט אַליין געקענט שטיין ביי די דרייבאַנק און אַרבייטען. זי האָט אָבער פאַר מיר קיין סך אַרבייט צו גראַווירען נישט געהאַט. זי האָט ס׳מערסט געמאַכט זילבער מאונטס צו די הענטלעך. האָב איך אָנגעפאַנגען ביי איר צו אַרבייטען אויף שטיק אָבער איך האָב דאַן זעלטען געאַרבייט אַ גאַנצען טאָג, אַמאָל אַ האַלבען טאָג און אַמאָל בלויז אַ פּאָר שעה. איך האָב אַזוי אָבגעאַרבייט די ערשטע וואָך און פאַרדינט צוועלף שילינג. בין איך געווען זער צופרידען, און אַזוי האָב איך געאַרבייט ביז פּסח. און אַז איך האָב זיך איבערגערעדט מיט שמואל מרדכי׳ן האָט ער מיך געראַטען דאָס איך זאָל אויפגעבען די שטעקלעך און זיך לערנען עפּעס אַנדערש וואו איך זאָל קענען מאַכען אַ לעבען, און וואו עס איז גיכער צו גע־פינען פלעצער אויף נישט צו אַרבייטען אום שבת. עס איז דאַמאָלט געווען די מאָדע פון שניצערייען ביי די מעבעל סטאָלאַרעס, און אַזוי ווי איך בין גע־וואוינט צו שניצען די הענטלעך, וועט ביי מיר גרינג זיין איבערצונעמען דאָס שניצעריי פון מעבעל. איז געבליבען דאָס באַלד נאָך פּסח זאָל מיר שמואל מרדכי שאַפען אַ פלאַץ ביי אַ שניצער, דאָס הייסט ביי אַ „וואוד קאַרווער״, און ביז פּסח זאָל איך אָנהאַלטען דעם פּלאַץ ביי דער מרס. אייזיקס צו גראַווירען די הענטלעך.

ו.

## מיין ערשטע „לאַדזשע״ אין לאָנדאָן

ווען איך האָב אָנגעהויבען צו אַרבייטען ביי מרס. אייזיקס האָב איך דאָך באַדאַרפט וואו צו שלאָפען, איך זאָל קענען אָוועק פון שטיינוואָרצלען. איך האָב נישט געוואָלט מיט אַזאַ קליינינקייט באַלעסטיגען מיין לאַנדסמאַן, שמואל מרדכי׳ן. באַזונדער איז דאָס געווען ביי מיר איינס פון די גרינגסטע זאַכען צו קריגען אַ דירה ווייל וואו מען איז נאָר געגאַנגען האָט זיך געוואָרפען אין די אויגען אַ מודעה אַז מען זוכט אַ „לאָדזשער״. די אַרבייטער קלאַס אין די איסט ענד האָבען געהאַט אַ צוגאָב צו זייערע שכירות פון דעם דאָזיגען סאָרט גע־שעפט, צו פאַרדינגען לאָדזשעס פאַר די פּריש אָריבערגעקומענע, און טייל האָבען שוין גאָר אַ גרויס געשעפט געמאַכט פון דעם. זיי האָבען אָריינגענומען צו זעקס אָדער נאָך מער אַזעלכע לאָדזשערס. קיין גרינע האָט צו יענער צייט נישט געפעלט. עס זענען יעדען טאָג צוגעקומען מער און מער און די גרינע מענשען האָבען נישט געקענט איינשטיין אין האָטעלען. עס איז געווען פאַר ביידע זייטען אַ גוטע זאַך. דער גרינער אַרבייטער האָט פאַר אַ האַלבע קרוין אַ וואָך געהאַט וואו איינצושטיין. עסען איז אויך געווען גרינג צו קריגען. עס

האָט אין די אידישע געסלעך נישט אויסגעפעלט קיין קיכען וואו מען האָט גע־קענט קריגען אַ טעלער מיט הינערשע יויך מיט לאָקשען פאַר צוויי פעניס און אַ לאָקשען קוגעל פאַר דריי פעניס. אַ אָנגעפילטע שטיק קישקע אָדער אָנגע־פילטע שטיק מילץ איז געווען דריי פעניס. אַרום און אַרום האָט מען פאַר ניין פעניס געקענט זיך אָנעסען עס זאָל זיין גענוג ביז אויף צו מאָרגענס. און ווען אַ גרינער האָט זיין אייגענס פאַרדינט אַ פונט אַ וואָך האָט אים נאָך גע־קענט בלייבען צען שילינג אָבצושפּאָרען אויף קליידונג.

בריק ליין און אַלע געסלעך אַרום זענען געווען פול מיט גאַרקיכען.

נעבען מיין לאַנדסמאַן אין פלאַמערס רויד האָב איך געזען אַזאַ מין קווי־טעל אין אַ פענסטער „דאָ איז צו קריגען אַ לאָדזשע פאַר אַ סינגעלמאַן". בין איך גלייך אַריין און אַז מען האָט מיר געוויזען דאָס שלאָף־צימער, אַ מין „באָקס רום", מיט אַ קליינעם פענסטערל, האָט מען פאַר דעם פאַרלאַנגט אַ האַלבע קרוין אַ וואָך. האָב איך געזאָגט מזל ברכה און האָב באַצאָלט פאַר אַ וואָך אין פאָראויס. איך האָב מיך נאָך באַרימט דאָס אין דעם צווייטען הויז וואוינט טאַקע מיין לאַנדסמאַן קאַדליק. איז געגליבען דאָס איך קען באַלד ביינאַכט שלאָפען. דאָס איז געווען דער פירטער זונטאָג וואָס איך בין געווען אין לאָנ־דאָן, און דינסטאָג האָט געזאָלט זיין די „ספּראַווע" אין הארבאור סקווער פאָ־ליס קאורט וואו איך האָב באַדאַרפט צו זיין אַן עדות.

ווען איך בין דעם זעלבען זונטאָג געקומען צו די שטיינוואָרצעלס און זיי געזאָגט דאָס איך ציה מיך אויס פון זיי, און אַז איך האָב שוין וואו צו אַרביי־טען, האָבען זיי ביידע, מר. און מרס. שטיינוואָרצעל, אַרויסגעלאָזען אַ געשריי גלייך ווי איך וואָלט זיי געווען אָבגעבריט מיט קאָכעדיגע וואַסער. אַט דאָס איז געוויס שמואל מרדכי׳ס אַרבייט, און דאָך האָבען זיי גענומען אַרומטאַנצען אַרום מיר ווייל זיי האָבען דאָך געוויס גערעכענט דאָס איך וועל עדות זאָגען זיי צו גונסטען. זיי האָבען מיך געבעטען איך זאָל זיך נישט האַלטען פרעמד פון זיי און איך זאָל נישט פאַרגעסען צו קומען דינסטאָג פרי צו דער „ספּראַווע" אין קאורט אַריין. עס האָט זיך זיי גאָר ניט גע׳חלומ׳ט דאָס איך, אַ געבוירענער מייסטער, זאָל גאָר טראַכטען זיך צו שטעלען אויף דער זייט פון די אַרבייטער. האָבען זיי דערווייל אַרויסגעוויזען גרויס פריינשאַפט צו מיר, און די מאַדאַם שטיינוואָרצעל האָט מיר געוואָלט מיטגעבען פון איר עסענוואַרג לאָגער איך זאָל האָבען וואָס איבערצובייסען. איך האָב מיך אָבער באַדאַנקט פאַר איר און איר געזאָגט דאָס איך גיי אַריין אין אַ פּלאַץ מיט עסען און שלאָפען. האָבען מיר זיך פריינדליך געזעגענט. איך בין מיר געגאַנגען צו מיין נייער וואוינונג און אין איין וועגס האָב איך אָבגעטראָטען אין אַ אידישען שפּייז געוועלב און מיר איינגעהאַנדעלט אַ ברוין ברויט מיט אַ גוטען שמאַלץ הערינג איך זאָל האָבען עפּעס איבערצוקייען איידער איך לייג זיך, ווייל איך האָב דאָך שוין געהאַט די פּראַקטיק דאָס ווען מען לייגט זיך מיט אַ הונגעריגען מאַגען שלאָפט זיך נישט אַזוי געשמאַק און באַזונדער האָב איך געוואָלט זיין או־[illegible] מיין איי־גענע קעסט.

זיץ איך מיר אַזוי אין מיין נייע דירה און שנייד מיר אָב אַ שטיקעל ברויט

און פאַרבייס מיט אַ שטיקעל הערינג, וואָס איך האָב מיך איינגעהאַנדעלט, ווען פלוצלינג גיט זיך אָן עפען אויף די טיר און עס קומט אַריין אַ איד מיט אַ קאָזע בערדעל. אַ קוק געבענדיג אויף זיינע הענד האָט מען גלייך געקענט דערקע־נען אַז ער איז אַ סטאָלאַר. קוקט אַזוי דער איד אויף מיר ווי איך שנייד מ־ר אָב אַ שטיקעל ברויט און עס, און איך, ווידער, קוק אויף דעם אידען, אַזוי ווי צוויי הענער, ביז איך האָב אים אַ פרעג געטון וואָס ער פאַרלאַנגט. דער איד ענטפערט נישט נאָר קוקט ווייטער אויף מיר און פרעגט שוין גאָר ביי מיר פון וואַנען איך קום. בלייב איך שוין גאָר מיט׳ן מויל אָפען און מיט דעם שטי־קעל ברויט אין האַנד און קוק גוט אָן דעם אידען. אַ וואָרט צו אַ וואָרט, זאָגט מיר דער איד דאָס ער וואוינט דאָ אין דעם צימער. בלייב איך שוין גאָר שטיין, וואָס הייסט ער וואוינט דאָ, איך האָב מיך היינט ערשט אַריינגעצויגען, און ווען איך האָב אין דער פרי געדונגען די דירה האָט מיר די פרוי גאָרניט געזאָגט.

מאַכט צו מיר דער איד דאָס ער וואוינט שוין דאָ צוויי מאָנאַטען, נאָר ווען ער האָט געדונגען דאָס צימער האָט אים די פרוי געזאָגט אַז דאָס בעט איז צו שלאָפען פאַר צוויי, נאָר אַזוי לאַנג ווי זי וועט נישט קריגען אַ צווייטען צום בעט קען ער אַליין שלאָפען. זאָג איך צו דעם אידען:

— אייך האָט די פרוי געזאָגט, אָבער מיר האָט זי קיין שום זאַך נישט גע־זאָגט דאָס איך וועל האָבען אַ ביישלעפער.

זי האָט געוויס פאַרגעסען מיר צו זאָגען, האָט דער איד איר פאַרענט־פערט. זי איז, זאָגט ער, אַ וואויל ווייבעל. נו, וואָס האָב איך געקענט טון, וואו זאָל איך ביינאַכט לויפען זוכען אַן אַנדערע דירה?

איך האָב שפּעטער געפונען אַ „לאָדזשע" אין קאַד סטריט, צווישען פּלאַ־מערס רויד און מאַלבערי סטריט, נעבעטער צו קאָמערשעל רויד צו. דאָס איז שוין געווען אַ פראַנטאַוונע שטוב מיט אַ קליין בעטעל נאָר פאַר מיר אַליין צו שלאָפען, אויף דעם ערשטען שטאָק. עס איז אויך געשטאַנען אַ קאַנאַפּע, אַ קיילעכיגער טיש מיט געבעטע שטולען און אַ קאַמאָד. בין איך שוין געווען ווי אַ לאָרד. דאָס געסעל איז אויך געווען לעבעדיג. יעדע נאַכט ווען איך בין אַהיים געקומען פון דער אַרבייט איז אין דער גאַס געשטאַנען אַ קאַטערינקע און געשפּילט. קריסטליכע מיידלעך האָבען געטאַנצט און געהויבען מיט די פיס צום טאַקט פון דער קאַטערינקע און אַלע קינדער האָבען מיטגעהאָלפען מיט געוואַלדען און געשרייערײ.

האָב איך טאַקע אַהיים געשריבען וואָס פאַר אַ פריילעכע מדינה ענגלאַנד איז. מען טאַנצט אין די גאַסען, מוז דאָך זיין פריילעך אויפ׳ן האַרצען, און נישט נאָר דאָ, וואו איך האָב געוואוינט, נאָר וואו מען איז געגאַנגען האָט מען גע־הערט די קאַטערינקעס און טענצערייען.

וואו זענען זיי אַהין געקומען די אַלע קאַטערינקעס?

היינט זעט מען זיי נישט מער.

אין דער נייער דירה מיינע האָב איך שוין געוואוינט ביז מיין ליבע פרוי מיט די קינדער זיינען אַריבערגעקומען.

ז.

# ר׳ אברהם שוגערווייט

אברהמ׳טשע שוגערווייט אָדער ווי מען האָט אים גערופען ביי די חסידים, אברהם וואַרשאַווער, האָט געהאַט נאָך אַ נאָמען, דער פּראַגער חזן, ווייל ימים נוראים איז ער געווען אַ חזן און געדאַווענט פאַר דער וואַרשאַווער שוהל, אין אַ גרויסער האַלל וואָס זיי פלעגען דינגען צום דאַווענען ימים נוראים, און ווייל ער האָט אַלס אינגעל געזונגען ביים פּראַגער חזן, האָט מען אים גערופען מיט דעם נאָמען פּראַגער חזן.

אַז עס איז געקומען אַ זעקס וואָכען פאַר ראש השנה האָט ער אָנגעפאַנ־גען אַזוי גוט ווי אַלע חזנים איינצוזינגען מיט זיינע משוררים פיינע קאָמ־פּאָזיציעס.

די ערשטע ימים נוראים וואָס איך בין געווען אין לאָנדאָן האָב איך אויך ביי אים געזונגען, און איך בין ביי אים געווען דער באַס.

אָט דער אברהמ׳טשע איז געווען דער ערשטער איד מיט וועלכען איך האָב מיך באַקענט, און וועלכען איך האָב באַטראַכט אַלס מיינס גלייכען. דאָס איז געווען ווען מען האָט מיר פון דער היים צוגעשיקט זיין אַדרעס, דאָס איך זאָל צו אים גיין. ביז איך האָב מיך מיט אים באַקענט האָב איך מיך אַרומגע־דרייט אַזוי ווי אויפ׳ן עולם התוהו. איך האָב נישט געהאַט קיין שום מענש מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדען. ביי די שטיינוואַרצעלס, כאָטש איך האָב מיך געהאַלטען פריינדליך מיט די אַרבייטער, איז דאָס נאָר געווען ביי דער אַרבייט, אָבער גלייך ווי מען האָט נאָר אויפגעהערט אַרבייטען, האָבען זיי מיר שוין גאָר ניט אָנגעקערט, און נאָכער מיט שמואל מרדכי׳ן, האָט ער אַליין געוואוסט דאָס איך שטיי מיט אַ קאָפּ העכער און דאָס ער איז נישט מיין חבר. בין איך די גאַנצע וואָך, ווי נאָר כ׳בין פאַרטיג געוואָרען מיט דער אַרבייט, אַרומגעגאַנ־גען און האָב אויסגעמאָסטען וואו נאָר אַ ווינקעל. פון דער וועסט ענד ביז מייל־ענד בין איך געווען קלאָר אין יעדער גאָס. שבת פלעג איך גיין יעדעס מאָל צו אַ אַנדערער שוהל. די אַלע שוהלען האָבען צו מיר נישט אַפּעלירט, ווייל איך האָב נישט געקענט פאַרנעמען די שניידער מייסטערס מיט די גראָבע בייכער און גראָבע גאָלדענע קייטען זייערע, מיט די הענד פאַרלייגט אויף די בייכער ווי די גאַנצע שוהל וואָלט געווען זייערס.

אַ גאַנצע וואָך האָבען זיי פון די אידישע אַרבייטער די קישקעס אַרויסגע־יאָגט, און אַפילו שבת האָבען די אַרבייטער געמוזט יאָגען די מאַשינען און שוויצען און צו דער זעלבער צייט זענען די מייסטערלעך געשטאַנען אין שוהל און געטיילט עליות צו די אָרימע אידעלעך און האָבען דערביי געגאָסען כבוד.

נאָך דער שוהל האָט זיך דער זעלבער מייסטעריל אַריינגעכאַפּט אין פאַ־בריק זיינע און אַליין צוגעהאָלפען צו דער אַרבייט. נאָך דער אַרבייט האָבען זיך די מייסטערלעך מיט די גראָבע גאָלדענע קייטען אַרויסגעזעצט פאַר די טירען פון זייערע הייזער, אָן די רעקלעך, מיט די ווייסע העמדער אַרבעל

פאַרקאַטשעט, און די ווייבער זייערע אויך מיט שווערע רינגען אויף יעדען פינגער האָבען זיך באַוויזען פאַר דער גאַס מיט זייער רייכקייט.

ווען איך האָב די זעלבע מייסטערלעך געזען דעם צווייטען שבת און האָב זיי דערקענט זיצענדיג אין שוהל אונטער דעם באלעמער, האָבען זיי ביי מיר אַרויסגערופען אַ אומ׳חן צו דער שוהל אין גאַנצען. ביז איך האָב אָנגעהויבען באַזוכען די חברה ש״ס אין אָלד מאָנטאָגיו סטריט, און אויך די מחזיקי הדת אין בוט סטריט. דאָרטען האָט מען שוין באַמערקט אמת׳ע אידען, בעלי הבתים, עס איז שוין געווען אַ טיפּ פון אידען בני תורה, זענען זיי אָבער געווען אַלע ליטוואַקעס, און איך האָב מיך ניט געקענט צוגעוואוינען צו זיי.

איך האָב מיך דערפאַר דערפרייט, ווען איך האָב מיך געטראָפען מיט אברהם שוגערוויט, און ער האָט מיר געזאָגט וואו דאָס חסידים שטיבעל געפינט זיך.

דעם צווייטען שבת וואָס איך האָב באַזוכט אברהמ׳טשען האָב איך מיך שוין געפונען אין דעם שטיבעל מיט די אַלע חסידים צו יענער צייט. אַזוי ווי עס איז שוין געווען גאָר נאָענט צו פסח, האָב איך גערעדט מיט אברהמ׳טשען וועגען דעם וואו איך זאָל קענען האַלטען יום טוב. האָט ער מיך פריער פאַר־געשטעלט פאַר זיין פרוי און איר געבעטען פאַר מיר צו מאַכען פסח, האָט זי אים אָבער אָבגעזאָגט ווייל זי האָט מורא געהאַט דאָס עס וועט איר נישט לוי־נען ווייל וויפיל איך זאָל איר באַצאָלען וועל איך אַלץ פאַר מער אויפעסען.

אָט די זעלבע חוה׳לע, ווען זי וואָלט דאַמאָלט געווען וויסען דאָס זי וועט ווערען מיין ברודער ראובנ׳ס אַ שוועגערין וואָלט זי אפשר אַנדערש געווען געהאַנדעלט צו מיר.

איז אברהמ׳טשע מיט מיר אַרומגעגאַנגען צו נאָך אַזעלכע חסידי׳סטעס און זיי האָבען זיך געהייסען באַצאָלען מער ווי איך בין אימשטאַנד געווען. האָב איך געמוזט האַלטען פסח ביי מיין לאַנדסמאַן שמואל מרדכי קאדליק, און פאַר צוועלף שילינג האָט מיר זיין פרוי געמאַכט אַ פסח אויפ׳ן שענסטען אופן. דאָס איז געווען אַ כשר׳ער פסח, אַזוי גוט ווי ביי די אַלע גרויסע חסידי׳סטעס, וואָס האָבען מורא געהאַט עס וועט זיך זיי נישט לוינען.

דאָס איז געווען דער איינציגער פסח וואָס איך בין געווען פאַרוואגעלט פון מיין היים.

## ה.

# איך ווער א „וואוד קארווער"

באַלד נאָך פסח, 1896, האָט מיר מיין לאַנדסמאַן שמואל מרדכי געפונען אַ פלאַץ וואו איך זאָל אָנפאַנגען שניצערייַ צו אַרבייטען. דאָס איז געווען ביי אַ מר. געלמאַן. געוואוינט האָט ער אין דעם ראגאווע הויז פון בעטנאַל גרין און טשארטש סטריט, אַנטקעגען פאַקסעס דער כעמיקער. גלייך ווי מען איז אַריינ־

געקומען זענען געשטאַנען צוויי „מאַלדינג" מאַשינען. ביי זיי האָבען געאַר־ בייט געלמאַנ'ס אַ זון, באַרנעט, מיט נאָך איינעם אַ פראַנצויז. זיי האָבען גע־ מאַכט די „מאַלדינגס" פאַר די סטאָלאַרעס. אויף דעם ערשטען שטאָק, וואו אַלע ווענט זענען געווען פון בלויז גרויסע פענסטער, אַחוץ איין וואַנט וואו די שטיגען זענען געווען אַרויפצוגיין צו אַלע שטאָקען, איז אַרום די אַלע ווענט געשטאַנען בענטשעס, וואו עס זענען געשטאַנען די אַרבייטער און אויך לערען אינגלעך און האָבען געאַרבייט די שניצערייען אויף פאַר די מעבעל סטאָלאַ־ רעס. אויף דעם צווייטען און דריטען שטאָק האָט געוואוינט מר. געלמאַן. עס איז אַלץ געווען צו איינצעלנע שטובען. שטענדיג פלעגט ער אַרומגיין אין ווייַ־ כע שטעק שיך, און ווען ער איז אַראָבגעקומען וואו מען האָט געאַרבייט, האָט מען אים קיינמאָל ניט געהערט קומען ביז מ'האָט אים דערזען נעבען זיך שטיין, אַזוי ווי ער וואָלט פון הימעל אַראָבגעפאַלען.

ווען איך האָב אים דערזען איז ער מיר פאָרגעקומען ווי דער ליטוואַק, וואָס מיין טאַטע האָט מיט אים געמאַכט אַ שותפות געשעפט אויף צו עפענען אַ פאַבריק פון פאַראַסאָלען אין אַדעס. ווען ער האָט מיך גוט באַטראַכט האָט ער מיך געגעבען אַ פרעג צי איך האָב עפּעס אַ ידיעה אין שניצעריי. איך האָב אים געזאָגט וואָס איך קען, האָט ער שוין צו מיר געזאָגט, אַז אין בלויז אַ פּאָר וואָ־ כען וועל איך קענען די גאַנצע תורה און איך וועל קענען פאַרדינען אַזוי ווי יעדער אַרבייטער. ער האָט מיר אויך ערקלערט דאָס שבת ווערט ניט געאַר־ בייט ביי אים נאָר זונטאָג ביז פיר אַזייגער, און אַלע טאָג פון אַכט ביז אַכט אַזייגער. נאָר ווען איך האָב אים געגעבען אַ זאָג דאָס פרייטאָג מוז איך אויפ־ הערען איידער שבת קומט אַריין, מאַכט ער צו מיר:

—אַאַאַזשאַ כאַשיד בישט דו?

זאָג איך, יאָ, אַזאַ חסיד.

— נו, דאָ וועשט זשיך קאָנען אויפהערען.

איז געבליבען, אַז איך קען באַלד צומאָרגענס, מאָנטאָג, אָנפאַנגען אין דער פרי, און איך זאָל זיך אויף אים פאַרלאָזען. ער וועט מיר קיין עוולה נישט טון!

האָב איך מיך גענומען מיט חשק צו דער אַרבייט, און אַז עס איז געקומען פרייטאָג, איידער שבת איז אַריינגעקומען, הויב איך מיך אויף אַהיים צו גיין גיט שוין מיין ליטוואַק אַ זאָג צו מיר:

— וואָש, מעצשינד שען לעכט.

האָב איך מיך געמאַכט ניט הערענדיג, און בין מיר אַהיים געגאַנגען.

אַז עס איז געקומען זונטאָג, דריי אַזייגער, ווייל איך האָב דורכגעאַרבייט די מיטאָג שעה, האָב איך מיך אויפגעהויבען אַהיים צו גיין, האָט ער מיר דער־ לאַנגט זעקס שילינג און געזאָגט צו מיר:

— אָט איז זעקס רובעל, דו וועסט דיר מוזען קויפען טולס, כלים, צו דער אַרבייט, הייסט עס.

איך האָב שוין אַליין פאַרשטאַנען דאָס איך וועל מוזען האָבען כלים צו דער אַרבייט, און וואָס געשווינדער וועט אַלץ בעסער זיין פאַר מיר, ווייל כל

זמן איך וועל נישט האָבען אייגענע טולס מיט וואָס צו אַרבייטען, וועל איך נאָר זיין אַ לערען אינגעל, אָבער ווען איך וועל האָבען מיין אייגענע טולס וועל איך זיין אַן אַרבייטער אַזוי גוט ווי יעדער אַרבייטער.

האָב איך גענומען איינקאַרגען און כ׳האָב גאַנצע צוויי וואָכען געגעסען בלויז ברויט מיט הערינג. ווען עס איז געקומען מיטאָג שעה בין איך מיר אַהיים געגאַנגען אויף דער לאָדזשע און האָב אָבגעגעסען אַז קיינער זאָל נישט וויסען וואָס איך עס.

אויף דער צווייטער וואָך, ווען מיין „באָס" האָט מיר געגעבען אַליין אַ שילינג מער ווי די ערשטע וואָך, האָב איך מיין ליטוואַק געגעבען אַ זאָג דאָס אויב ער וועט מיר ניט מער געבען ווי איין שילינג העכערונג וועט נעמען צו לאַנג ביז איך וועל קענען מאַכען אַ לעבען. האָט ער געגעבען אויף מיר אַזאַ קוק און געזאָגט צו מיר, אויב איך וואָלט געהאַט טולס וואָלט ער מיר געגעבען צען שילינג אַ וואָך. האָב איך אים געענטפערט דאָס מאָרגען מאָנטאָג, מיטאָג צייט וועל איך גיין און מיר קויפען טולס. און אַזוי איז געווען. כ׳האָב נישט געקענט קויפען אַלעס וואָס מ׳האָט באַדאַרפט אָבער די נויטיגסטע טולס האָב איך מיר געקויפט וואָס מען האָט געמוזט האָבען.

אַז עס איז געקומען זונטאָג האָט מיר מיין „באָס" טאַקע געגעבען צען שילינג. האָב איך ביי אים אָבגעאַרבייט די פירטע וואָך, און ווען ער האָט מיר ניט מער געגעבען ווי די זעלבע צען שילינג, האָב איך מיך שוין גאַרניט ווי־סענדיג געמאַכט. טולס האָב איך געהאַט, האָב איך אים איבערגעלאָזט און מיר שוין אַליין געפונען אַן אַנדערען פּלאַץ ביי אַ לאַנדסמאַן, אַ מר. אַלעקסאַנדער. ער האָט מיר באַלד די ערשטע וואָך געגעבען פופצען שילינג, און די צווייטע וואָך אַכטצען שילינג. אַז כ׳האָב שוין פאַרדינט אַכטצען שילינג אַ וואָך האָב איך שוין אָנגעפאַנגען קלערען וועגען אַ תכלית און אָנגעהויבען אַהיים צו שרייבען מ׳זאָל מיר זען צו שיקען מיין פרוי מיט די קינדער ווייל איך קען שוין מאַכען אַ לעבען. עס זענען מיר שוין נמאס געווען די לאָדזשעס, און באַזונדער איז מיין בענקשאַפט זער גרויס. צום סוף האָב איך באַקומען אַ בריף פון טאַ־טען אַליין דאָס מען טוט שוין אַלעס מיר צו שיקען מיין ווייבעלע און די קינ־דער. בין איך שוין גאָר געוואָרען אויפגעהייטערט.

דערווייל האָב איך דערזען דאָס ביי מיין לאַנדסמאַן, כאָטש ער גיט מיר אַכטצען שילינג אַ וואָך איז פאַר מיר ניט קיין פּלאַץ צו פאַרבלייבען ווייל איך לערען זיך דאָרט גאַרנישט צו. איך שטיי אַלץ ביי דער זעלבער אַרבייט. בין איך מיר אין אַ שיינעם זונטאָג נאָך דער אַרבייט געגאַנגען זען, וואָס מיין ליט־וואַק מאַכט. האָט ער זיך מיט מיר אַרומגעכאַפּט, און אַ וואָרט צו אַ וואָרט זאָגט ער צו מיר דאָס ער וואָלט מיך צוריק גענומען צו דער אַרבייט, אויב איך זאָל מאַכען מיט אים אַ קאָנטראַקט אויף אַ יאָר צייט. ער וועט מיר געבען פינף און צוואַנציג שילינג אַ וואָך די ערשטע דריי מאָנאַטען, און אַלע דריי מאָנאַטען אַ האַלבע קרוין העכערונג. וועט אויסקומען אַז נאָכ׳ן יאָר וועל איך פאַרדינען פינף און דרייסיג שילינג אַ וואָך.

האָב איך טאַקע מיט אים געמאַכט אַ קאָנטראַקט אויף אַ יאָר און איך האָב שוין ביי אים אַזוי געאַרבייט ביז ער איז געגאַנגען געבראָכען מיט איינ־גע יאָר שפּעטער.

ווען איך האָב שוין געאַרבייט פאַר זיך די שטעקלעך, טאַקע אין בעטנאַל גרין רויד, בעת איך האָב דאָרטען געוואוינט אין נומער 102, אַנטקעגען פּאַקס, דער כעמיקער, איז דער ליטוואַק געקומען צו מיר איך זאָל אים געבען עפּעס וואָס צו טון אום ער זאָל עפּעס פאַרדינען.

איך האָב אים צוגענומען צו דער אַרבייט, אָבער איך האָב געהאַט אַ סך צרות אויסצושטיין פון אים, נאָר וועגען דעם אין ווייטערדיגע קאַפּיטלאַך.

ט.

## מיין פרוי און קינדער קומען צו מיר

ווי נאָר מען האָט דערהאַלטען מיין בריף מיט דעם וואָס איך האָב גע-שריבען, אַז אויב מען שיקט מיר נישט מיין פרוי, פאָר איך גאָר אַוועק נאָך וויטשעפּעל, האָט דער טאַטע איינגעזען דאָס מיט מיר שפּילט מען זיך נישט. באַלד נאָך דעם בריף וואָס איך האָב ערהאַלטען, אַז מען טוט וועגען דעם, האָב איך שוין אויף דער צווייטער וואָך באַקומען אַ צווייטען בריף דאָס מ׳האָט שוין אַלעס ערליידיגט און זי איז שוין גרייט מיט מזל אַרויסצופאָרען.

ווען מיין פרוי האָט זיך געזעגענט מיט׳ן זיידען נפתלי האָט ער צו איר אַזוי־געזאָלט זאָגען:

— זאָלסט וויסען זיין, אַז כאָטש דו פאָרסט צו מיין טייער אייניקעל, זאָלסטו זען, אַז טאַמער חס ושלום אַרבייט ער אום שבת; זאָלסטו אים דאָרט לאָזען אַליין און צוריק קומען נאָך וואַרשאַ.

און ווען איך האָב דערהאַלטען דעם בריף, אַז מיין פרוי פאָרט שוין אַרויס האָב איך מיך געפרייט. זי איז געפאָרען מיט איינעם אַ לאַנדסמאַן, אַ מר. גריצהענדלער, וואָס דער חזן האָס פון דיוקס פּלייס שוהל איז געווען זיין פרוי׳ס אַ פעטער, און ער איז געווען אַ שוואָגער פון חזן דייוויס פון שעקוועל ליין שוהל. אַזוי ווי ער האָט געהאַט אַ פּאַס צו פאָרען נאָך לאָנדאָן מיט זיין פרוי און געפאָרען איז ער אַליין, האָט מען מיין פרוי אים מיטגעגעבען זי זאָל פאָרען אויף זיין פּאַס. דאָס איז געווען גרינגער ווי צו מאַכען אַליין אַ פּאַס. אויך האָט מען גערעכענט דאָס עס וועט זיין פאַר מיין פרוי און קינדער לייכ־טער צו פאָרען, ווען זי וועט האָבען איינעם אַ מאַן ער זאָל איר קענען ביי־הילפיג זיין מיט די געפעק.

צום סוף האָט זי געהאַט אַ צוהעלפער וועלכען זי האָט גאָר באַדאַרפט אויף אים אַכטונג צו געבען, און יעדער מינוט האָט ער געהאַלטען אין איין זו־כען זיינע פּעקלעך. וואו ער האָט געלייגט אַ פּעקעל האָט ער באַלד פאַרגעסען.

ווען מ׳האָט אים געפרעגט אויף זיין נאָמען איז ער צוטומעלט געוואָרען און יעדעס מאָל האָט ער פאַרגעסען ווי ער הייסט אַליין. האָט מיין פרוי געהאַט אויף אים צו שרייען, ווי פאַרגעסט דאָס אַ מאַן מיט אַ גרויסער באָרד זיין אייגענעם נאָמען, ווען מען פרעגט ביי אים. עס האָט געקענט אַרויסקומען אַ גרויסע צרה, ווייל מיין פרוי האָט דאָך געזאָלט הייסען, אַז זי איז זיין פרוי ווי אויף זיין פּאַס און דורך דעם איז ער דאָס אַזוי צוטומעלט געוואָרען. ער האָט דאָך געקענט זאָגען אַז מיין פרוי׳ס נאָמען איז אַבערמאַן.

מען האָט באַדאַרפט אַ שלום עליכם צו באַשרייבען אָט די רייזע. זי איז געוואָרען אַזוי אויסגעשעפּט פון אירע כחות מיט דעם העלפער אירען, אַז ווען זי איז געקומען נאָך ראָטערדאַם צו דעם קוזין הילדעבראַנד, האָט מען דערקענט אין איר ווי זי איז אויסגעשעפּט פון דער רייזע, און מ׳האָט איר געהאָלפען קומען צו זיך.

ווען מיין פרוי האָט מיר אָנגעהויבען צו דערציילען פון דעם אַרויסהעלפער אירען, וואָס זי האָט זיך אָנגעליטען, האָט מען זיך געמוזט האַלטען ביי די זייטען פון געלעכטער.

ווי נאָר כ׳האָב זיך דערוואוסט, אַז מיין פרוי פאָרט אַרויס, האָב איך דאָך באַדאַרפט אָנצוגרייטען אַביסעל בעל הבית׳ישקייט. איך האָב נאָך דאַן געאַרבייט ביי דעם מר. אַלעקסאַנדער. איך האָב נאָך ניט געהאַט געמאַכט דעם קאָנטראַקט מיט מר. געלמאַן און בלויז פאַרדינט אַכטצען שילינג אַ וואָך. איך האָב צוגעאַרבייט אַביסעל נאָך דער צייט. אַזוי אַרום האָב איך פאַרדינט נאָך פינף שילינג דורך דער וואָך.

ביי מיר האָט געאַרבייט אַ באַי לואי און זיין פאָטער האָט געהאַט געהאַנדעלט מיט אַלטע מעבעל אין העגבורי סטריט. האָט ער מיך גענומען צו זיין פאָטער און איך האָב איינגעהאַנדעלט אַן אייזען בעט מיט מעשענע גאַלקעס באַפּוצט, און אַ קליין קאַנאַפּקעלע מיט אַ טישעל און עטליכע בענקלעך, און דאָס אַלעס פאַר צוויי פונט. נאָר אַזוי רייך בין איך נאָך נישט געווען צו פאַרמאָגען אַזאַ סומע, האָט מיר לואי׳ס פאָטער צוגעבאָרגט אַ פונט איך זאָל אים אָבצאָלען פינף שילינג אַ וואָך, בין איך שוין געווען גוט אָב.

אַז איך האָב שוין באַזאָרגט דאָס בעל הבית׳ישקייט, דאַרף איך דאָך האָבען וואו דאָס אַלעס צו שטעלען. האָב איך מיך אַרויסגעלאָזט זוכען אַ דירה, און גאָט האָט געהאָלפען און מיר צוגעשיקט אַ גאַנצע פּראַנטאַוונע שטוב אין אַ געסעל פון מאַלבערי סטריט, וואו מ׳האָט ניט מער פאַרלאַנגט ווי דריי שילינג אַ וואָך. דאָס איז געווען נאָך מיין רעכענונג גאַנץ ביליג און גוט, ווייל פאַר מיין לאָדזשע האָב איך דאָך געצאָלט אַ האַלבע קרוין אַ וואָך. פאַר איין זעקס פּעניס מער וועל איך האָבען אַ דירה פאַר מיר מיט מיין פרוי און קינדער. דאַרף מען דען נאָך בעסער? עס איז טאַקע אַ גליק. איי, די שטוב איז אפשר אַביסעל צו קליין, נו, האָב איך דאָך נאָך גאַנץ גוט געדענקט וואָס איך האָב געלערענט, וואָס די הייליגע חז״ל זאָגען, אַז ווען מאַן און ווייב לעבען בשלום צווישען זיך, קענען זיי שלאָפען אַפילו אויף אַ שאַרף פון אַ שווערד,

און ווען זיי זענען צוקריגט איז איין בעט פון זעכציג איילען אויך נישט גענוג פאַר זיי צו שלאָפען. האָב איך זיך געטראַכט באַדאַרף מען דען בעסער צו לע־בען בשלום ווי מיר, דאָס הייסט איך מיט מיין ווייבעלע. מיר האָבען דאָך גע־לעבט פונקט ווי צוויי טייבעלעך. וועט דאָך די דירה געוויס גוט זיין.

נאָר ווען מיין ווייבעלע איז טאַקע מיט מזל געקומען און איך האָב איר געצומען ווייזען מיין גרויס מלכות, האָט זי מיר גאָר פשוט געגעבען אַ זאָג, אַז די שטוב וועט נישט טויגען, ווייל עס דאַרף אָנקומען אַ גרויסער קויבער מיט זאַכען, וואָס מען מוז האָבען צו פירען אַווירטשאַפט, אַזוי ווי ביי בעלי בתים. נישט נאָר וועט דער קויבער ניט אַריין אין שטוב, נאָר ער וועט אַפילו נישט אַדורכגיין דורך דער טיר.

עס איז שוין איינמאָל געווען פון די ריכטיגע הייזער מיט וועלכע די איסט־ענד איז געווען געבענשט. נאָר איך בין דאָך ניט שולדיג געווען, ווייל מען האָט דאָך מיר נישט געשריבען דאָס עס וועט קומען אַזאַ גרויסער קויבער. האָב איך מיך ווייטער געמוזט אַרויסלאָזען זוכען אַ דירה און דאָס מאָל האָב איך שוין אַכטונג געגעבען, איידער איך גיי באַקוקען די דירה גופא, אויב עס איז דאָ אַ ברייטע טיר פאַר דורכצוגיין. האָב איך שוין דאָס מאָל מצליח געווען, געקראָגען אַ פיינע דירה אין קינג עדוואַרד סטריט, נעבען הענבורי סטריט. ווען דער קויבער איז געקומען איז ער טאַקע גרינג אַדורכגעגאַנגען, און איך האָב באַדאַרפט צו צאָלען דריי שילינג מיט זעקס פעניס אַ וואָך דירה געלד, און דער קויבער איז מיר גאָר גוט צונוץ געקומען, ווייל איך האָב אים גענוצט פאַר אַ בעט צום אויסבעטען אויף אים צו שלאָפען, אַחוץ דאָס אייזען בעט. באַ־זונדער זענען די מענשען געווען זער פיינע. דער מאַן, מר. פיליפּס, איז געווען אַ „באָקס מייקער״, און כאָטש ער האָט געמוזט אַרבייטען שבת, האָט ער אָבער זיך דערמיט געשעמט, און ווען ער פלעגט שבת אַהיים קומען איינס אַזייגער האָט ער זיך געהיטען און באַלד זיך געמאַכט שבת׳דיג. אויך די מרס. פיליפּס האָט געפירט אַ אידיש הויז און אָבגעהיט שבת ווי מ׳דאַרף. זי איז געווען זער איבערגעגעבען צו מיין פרוי אַזוי ווי אַ מאַמע, און פאַר אַ יונגיטשקע ווייבעלע ווי מיינע איז געווען, איז טאַקע אָט די מרס. פיליפּס געווען אַ גרויסע הילף ביז זי איז געוואָרען איינגעוואוינט מיט׳ן לאַנדאַנער לעבען. מיר האָבען דאָר־טען געוואוינט ביז איך האָב מיר שוין געדונגען אַן אייגען הויז.

געקומען איז מיין פרוי אין אָנפאַנג יולי, 1896, דאָס הייסט מיט זעקס מאָ־נאַטען שפּעטער פון מיר. איך האָב אָבער געהאַט גרויס עגמת נפש ווייל זי האָט געמוזט איבערלאָזען מיין מאיר׳לען אין די ה׳יים ביי מיין טאַטען, ווייל פונקט ווען זי איז שוין געווען גרייט צום פאָרען איז מאיר׳ל קראַנק געוואָרען אויף די קינדער קראַנקהייטען און מ׳האָט אים געמוזט כאַפּען אין שפּיטאָל אַריין. ער איז דאַמאָלט געווען צוויי יאָר, און מיט צוויי יאָר שפּעטער האָט אים מיין טאַטע אַהער געבראַכט. זי איז בלויז געקומען מיט דעם עלטסטען און מיט דעם פיצעלע קינד אפרים מנשה ווי מיין טאַטע האָט אים אַ נאָמען געגע־בען ווייל עס איז דאַמאָלט געגאַנגען די סדרה ויחי. און איך בי׳ן אָנגעקומען

מיט אַכט טאָג נאָכ'ן ברית, ווי איך האָב עס באַשריבען אין ערשטען טייל. אַזוי איז, הייסט עס, פּיליפּ, אַלט געווען זעקס מאָנאַטען ווען ער איז אַהער געקומען. האָבען מיר זיך אין דער דירה גאַנץ פיין איינגעשטעלט און מיר האָבען זיך געפילט גליקליך, וואָס ענדליך זענען מיר ווידער צוזאַמען.

י.

## דאס בלעק לייאַן יארד שטיבעל

ווען איך האָב דאָס ערשטע מאָל באַזוכט דאָס חסידים שטיבעל איז דאָס געווען אין אַלד מאַנטעגיו סטריט, נעבען פּראָסטיג פּלייס. געווען איז דאָרטען אַ געוועגליך הויז און שאָפּ פון זאַקען, אַ האַרטאַוונע געשעפט. אויפ'ן לעצטען שטאָק איז אַמאָל געווען אַ ווערקשאָפּ פון שניידעריי, מיט אַ פענסטער אויפ'ן דאַך עס זאָל זיין ליכטיג צו אַרבייטען. פון דער ווארקשאָפּ האָט מען געמאַכט אַ חסידים שטיבעל. עס איז נישט געווען קיין וואונדער וואָס איך האָב דאָס אַלייך נישט געקענט געפינען, ווייל פון אונטען איז קיין שום צייכען נישט געווען מ'זאָל קענען דערקענען וואָס אויפ'ן בוידעם טוט זיך, און קיין שום שילד פון אַ שוהל אַזוי ווי ביי אַלע שוהלען איז אויך נישט געווען. אַז מ'האָט נישט געוואוסט האָט מען טאַקע נישט געקענט טרעפען.

ווען איך האָב דאָרטען אָנגעפאַנגען צו דאַוונען האָבען זיך אָבגעטיילט איי־ניגע עסטרייכער לאַנדסלייט און האָבען פאַר זיך געמאַכט אַ באַזונדער שטיבעל אין פּילדגייט סטריט. נאָכער האָבען זיך די איבעריגע, ס'מערסט פּוילישע אי־דען, זיך געצויגען נאָך גרייט גאַרדען סטריט, וואו די גרייט גאַרדען סטריט תלמוד תורה איז געווען. אין דער זייט פון דער תלמוד תורה, אויפ'ן ערשטען שטאָק איז געווען אַ גרויסער פּלאַץ, אַזוי ווי מען רופט דאָס דאָ „אַ ביג פלאָר". אין דער זייט אַרויפקומענדיג מיט די שטיגען איז געווען אַ קליין צימעריל וואו עס זענען געשטאַנען איניגע ש"ס'ן און אויך אַ סך אַנדערע ספרים, דאָס רוב חסידישע ספרים.

די חסידים צו יענער צייט זענען געווען ר' יוסף כהן, ע"ה, מיט זיינע דערוואַקסענע בחורים שואל און שלמה כהן, און ר' שמואל יעקב מאַנקאַרזש מיט זיינע זיהן, מענדל און זישע. די אַנדערע זיינען געווען שמחה מיהל, חנא מלמד, אשר זייגערמאַכער, אברהם מרדכי שניידער, ישראל יצחק שוסטער, אברהם יצחק סטאָלאַר, מיכאל פלאַם, יאָסעלע הינער הענדלער, יודיל מילכ־מאַן, דער לומער מרדכי, דער קליינער דייוויס'ל, דוד'ל מיט די הויזען, שמואל בעקער, נתן דוד מיט'ן פינגער, מענדעל רויטערקאָפּ, מיכאל ראַזעפקע, בעריל קאַרפּ, אברהם וואַרשאַווער, און דוד פראָסט. איך האָב אויך דאָרטען געטראָ־פען דעם לאַנגען חסיד, די מרס. שטיינוואַרצעל'ס טאַטען וואָס האָט מיר נישט געוואָלט אויסזאָגען וואו דאָס חסידים שטיבעל געפינט זיך, ווען איך בין גע־ווען ביי זיין טאָכטער.

ווי מען קען זען פון די נעמען האָט מען זיך גערופען חבר'יש, לויט די

נעמען מיט וואָס איינער האָט געהאַנדעלט. בלויז אַ דריי אָדער פיר פון די אי־דען האָט מען געקענט אָנרופען חסידים. די איבעריגע אָבער האָבען אַזוי גע-וואוסט וואָס עס הייסט צו זיין אַ חסיד ווי זיי האָבען געוואוסט וואָס עס הייסט אַ יאַפּאַנער. נאָר פשוט, זיי זענען געווען שומרי שבת, און אַזוי אָבגעהיטענע אידען, האָבען זיי געגרינדעט פאַר זיך אַ בית המדרש און דאָס אַ נאָמען גע־געבען קהל חסידים, ווייל זיי האָבען געדאַווענט נוסח ספרד.

איך בין צו אַזעלכע חסידים נישט געוואוינט געווען. איך בין פון מיין קינדהייט אָן אויפגעבראַכט געוואָרען צווישען חסידים און כ׳האָב קענען גע־לערענט וואָס עס הייסט צו זיין אַ חסיד. איינער האָט ליב געהאַט דעם צווייטען מיט אמת׳ער ליבשאַפט, איינער פאַר׳ן צווייטען האָט געקענט גיין אין פייער און אין וואַסער. ווען עס איז געווען ביי איינעם אַ שמחה אָדער ח״ו אַ קראַנק־הייט, זענען אַלע געווען אַזוי ווי איין פאַמיליע. עס איז געווען אַלעמענס שמחה אָדער אַלעמענס טרויער, ח״ו. עס האָט איינער אויף׳ן צווייטען ניט גע־זוכט צו געפינען קיין חטאים, און עס איז ניט געווען קיין וואונדער, ווייל אַלע זענען זיי צוזאַמען אויפגעוואַקסען. דאָ, אין לאָנדאָן, זענען זיך אָבער צונויפגע־קומען אידען פון פאַרשידענע שטעדט און שטעדטלאַך, חסידים און אַזוי גע־וועגליכע פרומע אידען, וואָס קיין רבי׳ן האָבען זיי קיינמאָל פאַר די אויגען ניט אָנגעזען. כאָטש אַלע זיינען געווען פוילישע אידען זיינען אָבער די געגענדען פון וואַנען זיי זיינען געקומען געווען מיט באַזונדערע געוואוינהייטען. האָט דערפאַר געפעלט דער אמת׳ער אחדות, ווי ביי די וואַרשאַווער חסידים. דאָ האָט איינער אויף׳ן אַנדערען נאָר געזוכט חטאים. אָט די מידות פון די חטאים זוכעניש איז נאָר געווען אום אַליין צו הייסען דער שיינער חסיד. עס איז געקו־מען אַזוי ווייט דאָס עס האָט אונטערגעגראָבען די גאַנצע חבר׳שאַפט, וואָס דאָס איז דער הויפט יסוד פון חסידות, ביז מ׳איז געקומען אויף דעם געדאַנק צו גרינדען אַ חברה „ביקור חולים וגמילת חסדים״.

כאָטש איך בין געווען דער יונגסטער פון אַלעמען בין איך געוואָרען דער ראש המדברים. איך האָב אויפגעוויזען ווי נויטיג אַזאַ חברה איז, ווייל אין וואַרשאַ האָט מען אין חסידים שטיבעל ניט באַדאַרפט צו דערמאָנען צו האַל־טען ביקור חולים. מען איז פון זיך אַליין געגאַנגען מבקר חולה זיין, און אין וואָס דער קראַנקער האָט זיך נאָר גענויטיגט איז באַלד באַשאַפען געוואָרען. אָבער דאָ אין לאָנדאָן איז נויטיג צו האָבען אַ חברה, און עס מוז זיין מיט אַ בענעפיט אויך, אַז ווען איינער זאָל ח״ו קראַנק זיין זאָל ער באַקומען הילף צו דער פּרנסה. אַזוי אַרום וועט מען זיין געצוואונגען צו גיין אויף אַ משמר.

האָט זיך באַלד אָנגעהויבען אַ סדרה תקנות מיט דינים, און איינס פון די הויפט יסודות איז געווען דאָס יעדער מיטגליד מוז זיך פירען בדרך הישר. איז מען ווייטער שוין געווען פאַרנומען מיט דעם פלפול וואָס עס הייסט בדרך הישר. ווען איינער זאָל חס ושלום טראָגען אַ נאָז טיכעל אין זיין קעשענע שבת, צי הייסט שוין דאָס געבראָכען דעם דין פון בדרך הישר?

איך האָב זיך שוין געהאַט אַרומצורייסען איבער דעם דרך הישר אַלע מיי־נע יאָרען וואָס איך האָב געדאַווענט אין בלעק לייאַן יאַרד שטיבעל, וועגען

יאָ, אָדער ניט ריכטיג, איך מיין בלויז מיט׳ן מויל נישט מיט די הענד ח״ו. דאָס האָבען שוין געטון פאַר מיר אַנדערע, און ספּעציעל האָב איך זיך תמיד אַרומגעריסען מיט דעם פאַרשטאָרבענעם דוד פראָסט, ע״ה, איבער דער שטרענגקייט, וואָס זיי האָבען פאַרלאַנגט פון אַנדערע. עס זענען דאָרטען געווען אייניגע אידען וואָס איך האָב זער ליב געהאַט, ווייל איך האָב געפּילט דאָס זיי האָבען מיך ליב געהאַט. ווי צום ביישפּיל, ר׳ אשר זייגערמאַכער. ער איז געווען שמעון וויינגארטענס פאָטער, אַזוי שיין ווי ער איז געווען, אַזוי גוט איז ער געווען. דאָס גוטסקייט האָט זיך אָבגעשפּיגעלט אויף זיין פּנים. ער האָט תמיד געהאַט אַ שמייכעל דורך וועלכען עס איז געקומען צום אויסדרוק זיין איידעלער כאַראַקטער. ער איז נעבאַך זער יונג געשטאָרבען, ווען זיין זון שמעון איז געווען אַ חתן מיט ר׳ שמואל יעקב מאנקארזש׳עס טאָכטער, לאה.

איך האָב נאָך אין מיין לעבען נישט אַזויפיל געוויינט נאָך אַ פריינד ווי נאָך ר׳ אשר וויינגארטען, ע״ה. ווען איך בין אָנגעקומען אין שטיבעל אַריין איז ער דאַן געווען גבאי מיט ר׳ חנא מלמד פישמאַן. זיין זון שמעון איז נאָך דאַמאָלט נישט געווען אין לאָנדאָן. דער צווייטער איד איז געווען ר׳ חנא פּישמאַן, ע״ה. ער איז צו מיר געווען אַזוי ווי אַ טאַטע, אַ זעלטענער צוגעלאָזטער איד. דער דריטער איז געווען ר׳ יוסף כהן, ע״ה. אויך ער איז געווען אַ זעלטענער טיפּ. ער האָט קיינמאָל קיין הויך וואָרט נישט געקענט ריידען, אַ איד אַ תלמיד חכם און זער אַ גוט האַרציגער. מיט זיין זון שלמה האָב איך מיך גע׳חבר׳ט. ר׳ שמחה מיהל גאָלדשטיין, ע״ה, איז אויך געווען אַ וואוילער מענש און אַ אידען אַ טובה צו טון איז ער תמיד געווען דער ערשטער. ר׳ שמואל יעקב מאנקארזש, ע״ה, איז געווען אַ רבי׳שער טיפּ. ער איז תמיד געזעסען, געלערענט און געקרעכצט.

אָבער די מערסטע זענען געווען אידען נישט נאָך מיין געשמאַק. איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסען וואָס עס איז געווען מיט מיין טאַטען. ווען ער האָט שוין אויך געדאַווענט אין דעם שטיבעל האָב איך געקראָגען אַ בריף פון וואַרשאַ דאָס דער זיידע נפתלי איז געשטאָרבען. דאָס איז געווען אין אַ פרייטאָג. דער טאַטע איז שוין געווען אַוועק אין שטיבעל צו קבלת שבת. איך בין דערנאָך געקומען אין שטיבעל אַריין און איבערגערעדט מיט אייניגע וועגען דעם פאַרלוסט וואָס דער טאַטע האָט געהאַט און ווי אַזוי אים דאָס צו זאָגען.

נאַטירליך האָט קיינער ניט געוואָלט דעם טאַטען איבערגעבען די טרויעריגע נייעס, און דערווייל האָט מען שוין געדאַווענט. ביז עס איז אָנגעקומען צו ר׳ אברהם מרדכי שניידער, וועלכער איז דאַמאָלט געווען גבאי. כאָטש ער איז שוין געווען אַן אַלטער מאַן, אַ שטיקעל בעל קורא, איז ער פּלוצלינג צוגעגאַנגען צום טאַטען. מען האָט שוין געזאָגט „עלינו״ און ער גיט אַ געשריי צום טאַטען:

— שלמה צבי גייט זאָגען קדיש!

דער טאַטע בלייבט שטיין אַ דערשראָקענער און זאָגט אַז ער האָט עלטערען און דאַרף ניט זאָגען קיין קדיש. גיט שוין דער אַלטער גבאי אַ געשריי:

— איך הייס אייך זאָגען קדיש!

ער נעמט אָן דעם טאַטען ביי דעם אַרבעל און פירט אים אַרויף אויבען־אָן. דער טאַטע איז שיער אומגעפאַלען פאַר שרעק, און האָט געזאָגט קדיש מיט אַזאַ מין געוויין דאָס עס האָט צובראָכען יעדערענס האַרץ.

אָט אַזאַ מין איד איז געווען אַ חסיד און אַ גבאי אין אַ חסידים שטיבעל.

עס איז אויך געווען אַ איד אברהם יצחק סטאָלאַר, אַ וואוילער מענש נאָר אַ פּראָסטער חי וקים. ער איז געווען אַ שטיקעל בעל תפילה. ווען ער איז געשטאַנען ביים עמוד און געדאַוונט איז געווען ווי מען וואָלט געווען זעגען ברעטער, און ווען ער האָט געזונגען אַ חסידישען ניגון ביי דעם טיש צו שלש סעודות, האָט דאָס געקלונגען אַזוי ווי מען זאָל הובלעווען ברעטער.

איך בין געווען געוואוינט ביי די זוואָלינער חסידים אין וואַרשאַ צו הערען דאַוונען אַ דוד קאַמאשען מאַכער. עס איז געווען וואָס צו הערען, איינפאַך אַ פאַרגעניגען. ער פלעגט טאַקע נעמען פינף און זיבעציג רובעל פאַר די ימים נוראים צו דאַוונען מוספים אין אַ שוהל. טאָ ווי האָט מיר געקענט שמעקען אַזאַ מין דאַוונען פון אברהם יצחק סטאָלאַר?

נאָך איינעם מוז איך באַשרייבען, דאָס איז געווען שמואל בעקער. ער האָט געהאַט צוויי זין, וואָס האָבען געקענט לערנען אַ בלאַט גמרא. ער האָט זיך משדך געווען מיט רבי שמואל קלמן מעלניק, אַ זער וואוילער און באַליבטער מגיד און דערצו אַ גרויסער חסיד. ווען ר׳ שמואל בעקער׳ס זון, דער עלטערער, אברהם, איז געוואָרען אַ חתן פאַר שמואל קלמנ׳ס אַ טאָכטער, איז שבת פאַרגעקומען דאָס אויפרופען. דער דאַמאָלטדיגער טשיף רבי דר. הערמאַן אדלער איז געקומען דאַוונען אין שטיבעל אַריין. עס איז דאַן געווען גבאי יאָסעלע הינער הענדלער רייכער. האָט יאָסעלע געמאַכט פאַר דעם טשיף רבי׳ן אַ גרויסע אויפנאַמע דאָס דער גאַנצער הויף פון גרייט גאַרדען סטריט וואו דאָס שטיבעל איז געווען, איז געוואָרען אויסגעלייגט מיט געלע זאַמד און דאָס גאַנצע שטיבעל איז געוואָרען אויסגעפּוצט אַזוי ווי פאַר אַ קייזער.

רבי שמואל קלמן מעלניק האָט דאַמאָלט געדאַוונט פאַר׳ן עמוד. עס איז געווען וואָס צו הערען. ער האָט געדאַוונט מיט אַזאַ מתיקות אַז עס איז צו־גאַנגען אין יעדען אבר. אַזאַ זיס דאַוונען האָב איך שוין לאַנג ניט געהערט. עס האָט מיך דערמאָנט אין די זוואָלינער חסידים מיט זייער דאַוונען, נאָר שמואל קלמנ׳ס דאַוונען האָט אין זיך געהאַט מער מתיקות. די וואָס האָבען אים אַמאָל געהערט דאַוונען וועלען צוגעבען דאָס איך בין ניט מגזם.

יא

## איך הויב אָן פאַרזוכען צער גדול בנים

געווען איז דאָס באַלד נאָך סוכות, און איך האָב שוין געהאַט צוריק געאַר־בייט ביי מר. געלמאַן אַריבער דריי מאָנאַטען אויף מיין קאָנטראַקט. איך האָב שוין געקראָגען אַ האַלבע קרוין העכערונג און האָב נאָך צוגעאַרבייט אַביסעל

איבער־שטונדען. אַזוי אַרום האָב איך שוין פאַרדינט אַריבער דרייסיג שילינג אַ וואָך. און מיין דירה איז שוין געווען בעל הבית׳יש איינגעשטעלט. דאָס איי־זען בעט מיט די מעשענע גאָלקעס באַפּוצט איז געשטאַנען אַנטקעגען דער טיר, נעבען דעם פענסטער, און פון בעט ביז דעם טיר איז געשטאַנען דער גרויסער קויבער, און עס איז נאָך געבליבען גענוג פּלאַץ אויף אַריינצוקומען. אַנטקעגען בעט איז געווען דער קוילען פייער, וואָס האָט גענוצט אויף דריי זאַכען: ערש־טענס אויף צו קאָכען און צו הייצען צו האַלטען וואַרים די שטוב, און עס איז אויך צונוץ געקומען פאַר פיליפּ׳לען צום שפּילען זיך מיט די קוילען. נישט איינמאָל האָט ער אַזוי ווי משה רבינו, ווען ער האָט געוואָלט כאַפּען די ני־ט ברענענדיגע קוילען האָט אים דער מלאך געגעבען אַ שטופּ דאָס הענטעל ער זאָל כאַפּען די ברענענדיגע קוילען, און ווען עס האָט אים געברי־ט האָט ער אַריינגעכאַפּט זיין האַנד אין מויל. אַזוי האָט אויך פיליפּ׳ל געטון ווען ער האָט געכאַפּט אַ ברענענדיגע קויל, נאָר אַ דאַנק גאָט ער איז נישט געוואָרען אַ כבד־פה וכבד־לשון אַזוי ווי משה רבינו.

איןביידע זייטען פון אויווען זיינען געווען צוויי אַריינגעפּאַסטע שענקלעך מיט פאַכען וואו עס זיינען געשטאַנען פאַרשידענע טעפּלעך און טעלערלעך און אַזוי קיך געשיר. נעבען דעם ברייטען פענסטער איז געשטאַנען אַ קאַנאַפּקע און דערנעבען אַ טישעל מיט איי־ניגע שטולען. לעבענס מיטלען איז געווען זער ביליג. פאַר צוויי פּעניס האָט מען געקראָגען אַ גאַנץ בערגעל מיט פיש, וואָס מען האָט צוגעברענגט צו דער טיר און עס איז געווען אויף אַ גאַנצען שבת איבער־גענוג צו עסען. פליייש איז געווען זעקס פּעניס אַ פונט. נו, האָט מיין ווייבעלע באַוויזען איר בריה׳אישקייט מיט׳ן קאָכען אַזוי ווי זי קען נאָך אַצינד ב״ה, און ווען מען האָט געהאַט דעם היימישען אַפּעטיט, האָט זיך געגע־סען זער געשמאַק.

נאָך דעם ווי מען האָט אַוועקגעצאָלט דריי שילינג מיט זעקס פּעני־ס דירה געלד און פאַר אַנדערע קלייניגקייטען וואָס מען דאַרף אין אַ שטוב, איז נאָך אַלץ איבערגעבליבען צען גאַנצע שיל־ינג אָבגעשפּאָרטע. טאָ וואָס האָט מיר דען געפעלט ? האָבען מיר זיך טאַקע געפילט גליקליך. מאַכט זיך אָבער, איינמאָל ביינאַכט גיט דאָס פּיצעל קינד פיליפּ׳ל עפּעס אַזאַ הייזעריגען הוסט, אַז ער איז מיר באַלד נישט געפעלען געוואָרען. רוף איך שוין אַרויף דער מרס. פיליפּס און זי הייסט מיר גלייך רופען אַ דאָקטאָר. לויף איך צו בריק ליין און רוף דעם דאָקטאָר סנאומען, און ווען ער איז געקומען מאַכט ער צו מיר, נאָך דעם ווי ער האָט דאָס קינד באַטראַכט, אַז איך זאָל עס גלייך נעמען און לויפען צום לאָנדאָן האָספּיטאל. נעמט מען שוין דאָס קינד און מיר לויפען ביידע צו דעם האָספּיטאל, און אַז מיר האָבען געוואַרט אַ שטיקעל צייט קומט צו אונז צו די קראַנקען שוועסטער און זאָגט אונז אַז דאָס קינד מוז האָבען אַן אָפּעראַציע און אַז מיר זאָלען צוקומען מאָרגען צען אַזייגער. האָבען מיר קוים דערלעבט דעם אין דער פריה און מיר זענען געלאָפען צום לאָנדאָן האָספּיטאל. מ׳האָט אונז געהייסען צוואַרטען נעבען דעם אָפּעראַציע לאָקאַל. מיר האָבען אַזוי

געוואָרט ביז אַרום צוועלף אַזייגער, ווען עס איז צו אונז צוגעקומען דער דאָק־טאָר און האָט צו אונז געזאָגט: „הי איז אַלרייט". מיר האָבען נישט געוואוסט וואָס דאָס מיינט ביז די נוירס איז שוין אַרויסגעקומען צו אונז און ערקלערט „הי וויל בי בעטער". האָבען מיר שוין פאַרשטאַנען אַז ער וועט זיין בעסער. מיר האָבען געדאַנקט זיין ליבען נאָמען און מ'האָט אונז געהייסען קומען צו־מאָרגענס אים באַזוכען.

מאַכט זיך אָבער ווייטער באַלד צומאָרגענס ביינאַכט אַז דער עלטערער, משה'לע, הויבט אָן עפּעס ברענען. לויף איך שוין ווידער צום דאָקטאָר סנאָו־מאַנ'ען וועלכער האָט אונז געלאָזט וויסען, אַז דאָס קינד האָט געקראָגען פיבער און מען מוז אים נעמען אין אַ האָספּיטאַל. ער וועט שוין אַליין צושיקען ווען מען זאָל אים נעמען צום האָספּיטאַל. צום סוף האָט מען אים גאָר גענומען צו אַ האָספּיטאַל אין האַמערטאַן.

קום איך אַהיים דעם צווייטען טאָג ביינאַכט פון דער אַרבייט און מיר זי־צען אַזוי ביידע טרויעריג. איך טראַכט, וואָס איז פון אונז מיט אַמאָל געוואָרען, אַליין פאַרוואָרפען אין אַ פרעמד לאַנד, וואָס מיר קענען נאָך צומאָל די שפּראַך ניט, מיר זיינען אַוועק פון טאַטע־מאַמע און זיידעס מיט באָבעס, פעטערס מיט מומעס און אַליין זענען מיר געבליבען אין דער גרויסער וועלט. איין קינד, מאיר'לען האָט מען געמוזט איבערלאָזען אין וואַרשאַ און דאָס קליינטשיקע שיינע קינד מיט די גאָלדענע לאָקענלעך ליגט אַצינד אין אַ שפּיטאָל מיט אַ גע'שוחט'ען העלזעל און אַ רערעל שטעקט אַרויס ביי אים. איצט ווידער האָט מען נאָך אַוועקגענומען דאָס עלטסטע קינד אין אַזאַ מין שפּיטאָל וואָס מיר וויסען גאָר נישט וואו דאָס שטעדטעל האַמערטאָן געפינט זיך ערגעץ. נאַדיר גאָר אַ האַמערטאָן!

מיר זענען געבליבען מיט אַמאָל אַזוי עלענד אין דער וועלט.

אַזוי זיצענדיג הויב איך אָן פרעגען אַ קשיה ביים רבונו של עולם:

— פאַרוואָס, טאַטעניו, קומט מיר אַזוי פיל צו ליידען? ווייניג בין איך שוין פאַרשוואַרצט געוואָרען? איך בין נאָך אַזוי יונג. כ'בין דאָך צומאָל קיין דריי און צוואַנציג יאָר נישט אַלט. אַנדערע אין מיינע יאָרען זענען דאָך נאָך אינגלעך און לויפען אַרום נאָך וואוילטאָגען, און איך, וואָס פאַר אַ וואוילטאָ־גען האָב איך דאָס געהאַט? מיין גרעסטער וואוילטאָג איז גאָר געווען צו פאַר־ברענגען אין בית המדרש אָדער ביי די חסידים, און אַ גאַנצע וואָך האָב איך זיך נאָר געפּילט גליקליך דאָס איך קען אַרבייטען אום צו האָבען אויף צו מאַ־כען שבת און אַכטונג צו געבען אויף די קינדערלעך אונזערע. מילא, אפשר האָב איך אַמאָל געזינדיגט. מען איז דאָך נאָר אַ מענש, אָבער פאַרוואָס, גאָטעניו, קומט דאָס מיין ווייבעלע אַזוי פיל צו ליידען? זי איז דאָך אַזאַ כשר ווייבעלע און אַזאַ גוטע נשמה, און וואָס פאַר אַ גוטס האָט זי דאָס געהאַט ביי מיר זינט מיר האָבען חתונה געהאַט?

דעם נדן וואָס זי האָט מיר געגעבען איז נאָך פאַר דער חתונה צורונען געוואָרען דורך דעם טאַטענס פּלענער. גאַנצע יאָרען האָט זי באַדאַרפט צו זיין

מיט אַ קראַנקער שוויגער, און אויסצושטיין אירע קאַפּריזען, און דערצו נאָך אַכטונג צו געבען אויף אַ קראַנק קינד, ווייל זינט דאָס דינסטמיידעל האָט גע־לאָזט אַראָבפאַלען משה׳לען, ווען מיר האָבען געוואוינט אין אלקארזש אויף אונטער די פּאלארען, וואו דער זיידע נפתלי האָט געוואוינט, ביז זי איז מיט אים געקומען נאָך לאָנדאָן, האָט זי געמוזט מיט אים גיין יעדען טאָג אין שפּי־טאָל צו פאַרבאַנדאַזשירען זיין פוס.

דאָס איינציגע פאַרגעניגען וואָס מיין וויבעלע האָט געהאַט איז דאָך נאָר געווען, ווען איך בין געגאַנגען לערנען פרייטאָג צו נאַכט נאָכ׳ן עסען צו יאַר־שעווקעס בית המדרש. אַ גאַנצע נאַכט וואָלט זי ניט מיד געוואָרען זיצענדיג אַליין אַבי נאָר זי האָט געוואוסט דאָס איך זיץ און לערען. זי וואָלט ניט אָוועק־געגעבען די צאינה וראינה ווען מען וואָלט איר געוועז אָנבאָטען דעם גרעסטען פאַרגעניגען. קיין גרעסערער פאַרגעניגען איז ביי איר נישט געווען ווי נאָר צו ליינען דעם טייטש חומש.

— טאָ פרעג איך דיך, גאָטעניו, טאַטע זיסער אין הימעל, וואו איז יושר ?

נאַטירליך האָב איך קיין תירוץ אויף מיין קשיה ניט געקראָגען. איך האָב אָבער געפילט דעם תירוץ נאָך דעם וואָס איך האָב מיך אַזוי אויסגע׳טענה׳ט און מיר איז גרינגער געוואָרען אויפ׳ן האַרצען. איך האָב מיך אָנגערופען צו מיין וויבעלע:

— לאָמיר ניט זינדיגען צו השי״ת, אַלעס וועט זיין צוריק גוט. ער, אין הימעל, שטראָפט נאָר אָביסעל אָבער ס׳וועט ווערען באַלד בעסער. זעסט דאָך אַז פיליפ׳ל גייט אָן בעסער, און לאָמיר ניט אַראָבפאַלען ביי זיך, נאָר לאָמיר האָפען צו דעם וואָס לעבט אייביג, אַז ער טוט נאָר אַלעס צום גוטען

מיט דריי וואָכען שפּעטער איז פיליפ׳ל נאָך געווען אין לאָנדאָן האָספּי־טאַל, אָבער ער איז שוין געווען אַרויס פון יעדער געפאַר.

איינמאָל, ווען איך בין געשטאַנען ביי מיין אַרבייט קומט פּלוצלינג צו לוי־פען מיין וויבעלע מיט אַ טעלעגראַמע פון האָספּיטאל אין האָמערטאָן, וואו משה׳לע איז געווען, דאָס מיר זאָלען גלייך קומען. זענען מיר ביידע שיעור ניט אומגעפאַלען פון שרעק. מיר זענען גלייך צוגעגאַנגען צו דער באַן סטאַנציע פון קינגסלאַנד רויד אין אַלד סטריט, און מיר זענען צוגעפאָרען צו דעם שטעדטעל האָמערטאָן, קוים זיך דערפרעגט צו דעם פיבער האָספּיטאל און ווען מיר זענען אַהין אריין און געוויזען די טעלעגראַמע, האָט מען אונז באַלד געזאָגט דאָס „מאַזעס״ גייט אָן גאַנץ גוט נאָר דער דאָקטאָר וויל אונז זען.

מען האָט אונז אַריינגעפירט אין אַ באַזונדערע שטוב וואָס איז אויף צום וואַשען זיך און מ׳האָט אונז געזאָגט מיר זאָלען זיך גוט אַרומוואַשען די הענד. האָבען מיר זיך געוואַשען ריכטיג ווי ביי חסידים גייט צו. פאַרטיג געוואָרען מיט דעם וואַשען האָט מען אונז אָנגעטון אין ווייסע כאַלאַטען און פאַרוויקעלט די קעפ אַזוי ווי די טערקען, אויך אין ווייסען, און דאַן האָט מען אונז ערשט געפירט ווייזען משה׳לען.

צו אונזער פרייד האָט ער אויסגעקוקט בעסער און שענער ווי אין דער

היים און האָט שוין גערעדט ענגליש. נאָכער האָט דער דאָקטאָר אונז געזען און האָט אונז געזאָגט אַז אַזוי ווי מען האָט ביי אים באַמערקט עפּעס אַ שטי־קעל פאַרזעצונג, וואָס מען וועט דאַרפן אויפשניידען, האָט ער דאָס ניט גע־וואָלט טון אָן אונזער באַשטעטיגונג. עס איז אַ גאַנץ גרינגע אָפּעראַציע און אַ קלייניקייט.

— נו, זעסט, האָב איך דערנאָך געזאָגט צו מיין ווייבעלע, אַז מ'טאָר ניט באַלד אַזוי פאַלען איבער די הענד.

מיר זענען שוין געוואָרען אַביסעל פרייליכער און אָנגעהויבען צו לעבען מיט מער האָפנונג דאָס דער רבונו של עולם וועט אונז פאַרגיטיגען פאַר דעם צער וואָס מיר האָבען איבערגעטראָגען מיט בטחון און האָפנונג...

## יב.

# מיין ערשטער גאַסט

עס האָט גענומען דריי מאָנאַטען ביז מיר האָבען צוריק געהאַט אונזערע קינדער אין דער היים פריש און געזונד, און מיר האָבען שוין באַלד פאַרגעסען די צרות וואָס מיר זענען אַדורכגעגאַנגען. מיט אַמאָל קומט צו אונז אַריין אַ גאַסט פון וואַרשאַ אומגעריכט. דאָס איז געווען דער פעטער משה, דער מאַ־מעס אינגסטער ברודער. ער איז געווען דער איינציגער פעטער וואָס מיר קינ־דער האָבען קיינמאָל ניט שטאַרק ליב געהאַט. קיין שום זאַך איז אים ניט גע־פעלען געוואָרען. באַזונדער האָט קיינמאָל ניט געטראָפען ער זאָל געבען אַ קינד אַ גראָשען.

ווען ער האָט געהערט דאָס איך פאַרדין דרייסיג שילינג אַ וואָך און ווען די היגע מייסטערלעך האָבען געצאָלט די שכירות צו די גרינגע אַרבייטער, האָ־בען זיי די שילינגס אָנגערופען מיט דעם נאָמען פון רובעלס, עס זאָל הייסען ביי די אַרבייטער דאָס זיי פאַרדינען אַ סך געלד, האָט דאָך מיינע דרייסיג שי־לינג געהייסען דאָס איך פאַרדין דרייסיג רובעל אַ וואָך, מוז איך דאָך שוין זיין אַ גרויסער גביר. האָט מיין פעטער משה אויך חשק באַקומען צו ווערען אַ נגיד און איז געקומען נאָך לאָנדאָן. ער איז אָבער קיינמאָל קיין אַרבייטער ניט געווען, שטענדיג איז ער געווען אַ אָנגעשטעלטער אין אַ געשעפט. ווען מיר האָבען געפירט דאָס גרויסע געשעפט האָט ער אויך ביי אונז געאַרבייט אין קאָנטאָר.

ווען ער איז אַהער געקומען האָט ער אָנגעהויבען צו זוכען עפּעס אַן אַר־בייט. ער האָט אַזוי לאַנג געזוכט ביז ער האָט זיך גאָר גענומען גיין מיט אַ „בעראָו“, אָבער ביז ער האָט זיך גענומען צו דער „בעראָו“, האָט ער דאָך באַדאַרפט עסען און שלאָפען. טאָ וואָס האָב איך געקענט טון, ער איז דאָך פאָרט געווען אַ פעטער! האָט ער געמוזט מיט מיר מיט־עסען און מיט נאַכט־

לעגער האָט מען זיך אויך אַן עצה געגעבען. איך האָב דאָך געהאַט שטיין דעם גרויסען קויבער אויף וועלכען איך פלעג מיר אויסבעטען ביינאַכט צו שלאָפען. האָט ער זיך מיט מיר צוזאַמען געלייגט אויף דעם קויבער און אַזוי אַרום איז געלייזט געוואָרען דאָס פּראָבלעם פון שלאָפען. עס האָט אויסגעוויזען דאָס אים איז ליב די סטאַנציע, ווייל ווען ער האָט שוין אַנגעפאַנגען צו פאַרדינען האָט אים אויך נישט געגלוסט צו זוכען זיך אַ פלאַץ אַנדערשוואו איינצושטיין.

אַזוי ווי עס איז געווען אַ זעקס וואָכען פאַר פסח איז געוואָרען אַ גאַנצער יאַריד מיט אַזעלכע „בערַאוס" מיט פאַרשידענע געפּעסען צאַצקעס אויסצופּוּ־צען די זער גרויסע דרעסערס.. זענען אַזעלכע אידעלעך אַרומגעגאַנגען מיט די „בעראוס" מיט געפּעסען איבער די גאַסען פון דער איסט ענד צו פאַרקויפען די צאַצקעדיגע געפּעסען אויף יום טוב, און דער עולם האָט געקויפט ווייל עס זענען צו יענער צייט תמיד געווען פרישע גרינע, וואָס האָבען אַנגעקויפט פאַרשידענע אַנטיקען, און וויפיל מען זאָל ניט האָבען געקויפט איז אַלץ ניט געווען גענוג אויף אָנצופילען די דאָזיגע ריזיגע דרעסערס. האָבען טאַקע אַזעלכע גרינע אידעלעך ווי דער פעטער משה געמאַכט גוטע געשעפטען.

איך אַליין האָב מיין פעטער געמאַכט אַ גוטען פאַטשאַנטיק, און ער האָט גאַנץ שיין פאַרדינט, פונדעסטוועגען איז ער אַלץ געקומען מיט מיר שלאָפען אויף דעם גרויסען קויבער אין איינוועגס אויך מיט אונז מיטצועסען, ער וואָלט געקומען אַפילו מיטאָג עסען אויך נאָר עס איז אים אַ שאָד געווען צו פאַרלי־רען אַ לייזונג.

אַ גאַנצען טאָג איז ער אָבגעקומען מיט וואָס עס איז, אָבער ביינאַכט צו דער וויטשערע האָט ער געהאַט שוין גאָר אַ גרויסען אַפּעטיט, אַז וויפיל מען האָט אָנגעגרייט איז אַלץ ניט געבליבען פאַר מיר גענוג וואָס צו נעמען אין מויל אַריין. איך האָב אים ניט געקענט עפּעס זאָגען וועגען דעם. ער איז דאָך פאָרט געווען אַ פעטער. מיינע פאַרדינסטען זענען ניט געווען גענוג פאַר אַלע.

אַזוי איז ער ביי מיר אָבגעוועזען אַ צען וואָכען ביז איבער פסח.

מרס. פיליפּס ביי וועמען מיר האָבען געוואוינט האָט אַזאַ מין גאַסט גאָר־ניט געקענט פאַרשטיין. ווי נעמט דאָס אַ מענש, נאָך אַ פעטער דערצו, און לייגט זיך צוקאָפּענס ביי אַ יונג פאַר פאַלק. זי האָט אים איינמאָל געגעבען אַ פרעג ביז ווי לאַנג ער רעכענט צו זיין אונזער קעסט קינד. דאָס האָט אים שטאַרק פאַרדראָסען, און באַזונדער זיינען נאָך פסח די „בעראו" געשעפטען שוואַכער געוואָרען. האָט ער זיך גאָר אויפגעהויבען און אַוועקגעפאָרען נאָך באַנגאָר אין ווילס און איז דאָרט געוואָרען אַ „פעדלער" און געגעבען די מיי־נערס אויף אויסצוצאָלען פאַרשידענע הויז זאַכען. ער האָט גאַנץ גוט געמאַכט.

דערווייל האָב איך געהאַט צו דאַנקען מרס. פיליפּס, און מיר האָבען זיך אַנגעהויבען אויסצוגלייכען פון דעם גאַסט. ווען ער איז צוריק געפאָרען נאָך וואַרשאַ האָט ער מיך באַרעדט ווי שלעכט איך האָב אים באַהאַנדעלט. דאָס איז געווען דער דאַנק פאַר מיין גאַסטפריינדליכקייט און געלעגען אויף אַ קויבער מיט אַביישלעפער אַזאַ צייט און אָבגעשפּאָרט פון מיין מויל דעם ביסען אַבי דער פעטער זאָל האָבען גענוג.

איך האָב מיך אָבער נישט אָבגעשראָקען. איך בין תמיד געווען גרייט אָריינצונעמען יעדען גאַסט אַבי זיי זאָלען נאָר אַוועק פון פוילען. ביי מיר איז אַלעס ליב געווען כאָטש יעדער האָט מיר אָבגעדאַנקט אַזוי ווי מיין ערשטער גאַסט, פעטער משה.

יג.

## איך ווער א הויז באזיצער

פופצען מאָנאַטען האָב איך געוואוינט אין דער איינער שטוב אין קינג עדווארד סטריט, און איך האָב שוין ביי מיין ליטוואַק פאַרדינט צוויי פונט אַ וואָך. איך האָב מיך שוין אַביסעל באַקליידט. די קינדער זענען אַביסעל אונ־טערגעוואָקסען און ס׳האָט אָנגעהויבען ווערען אַביסעל שווערליך אין דעם איי־נעם צימער צו וואוינען. האָט מיר מיינער אַ לאַנדסמאַן פאָרגעשלאָגען אַ קליין הייזעל אין בראַמסאַנס קאורט, גרייט עלי סטריט, נעבען דזשואיש וואָרקמענס קלוב ווי ס׳האָט אַמאָל געהייסען דער פּלאַץ וואָס באַלאַנגט איצט צו ברוך מרדכי וואלקאָוויטש. דאָרטען אין דעם קלוב פלעגען שטענדיג געהאַלטען ווערען די מיטינגען פאַר כלל זאַכען וועגען לאַנדאָנער און אַלגעמיינע אידישע באַדערפעניששען.

נעבען דעם קלוב איז געווען אַ קאורטעל דורך אַ טויער אַריינצוגיין, און אינעווייניג פון טויער וואָס האָט געהייסען בראַמסאַנס קאורט זענען געווען אַ צוועלף הייזלעך פון צו צוויי צימערען מיט אַ קליין יאַרדעל. מען האָט זיך גע־הייסען געבען צוויי פונט שליסעל־געלד, אַזאַ מאָדע איז דאַמאָלט געווען. אָן שליסעל-געלד האָט מען ניט געקענט קריגען קיין שום דירה.

דאָס הייזעל איז באַשטאַנען פון אַ שטוב גלייך אַריינצוגיין, און פון דער שטוב איז מען מיט שטיגלעך אַרויף צו אַ צווייטען צימער. גלייך אַנטקעגען דער טיר, וואו מען איז אַריינגעקומען איז געווען דאָס יאַרדעל, וואו עס איז געווען דאָס וואַסער און די אַנדערע באַקוועמליכקייטען.

אָט דאָס איז מיר געפעלען געוואָרען און איך האָב באַצאָלט די שליסעל־געלד. די דירה געלד איז געווען זיבען שילינג מיט זעקס פעניס אַ וואָך פאַר דעם גאַנצען הויז. האָבען מיר זיך איינגעשטעלט. אויף דעם ערשטען שטאָק איז געווען צום שלאָפען בלויז און אונטען איז געווען די קיך און אויך צו פאַר־ברענגען אַ גאַנצען טאָג. מיר האָבען נאָך אַריינגעשטעלט אונטען אַ שלאָף־באַנק, וואָס אַ גאַנצען טאָג האָט מ׳געקענט זיצען דערויף, און ביינאַכט האָבען געקענט שלאָפען אין דער שלאָף-באַנק צוויי גרויסע.

באַלד האָט זיך אָבגעזוכט אַ לאָדזשער פאַר דער שלאָפבאַנק, און מיר האָבען געהאַט אַ הכנסה און נאָך אַ האַלבע קרוין אַ וואָך. נעבען אונז האָט גע־וואוינט אַ פאַמיליע מיט דעם נאָמען באמגארדען, האָבען זיי געהאַט זייער אייגענס פינף טעכטער און איין זון. ווען זיי האָבען זיך געקענט מוטשען אין

דעם הייזקעלע, האָב איך דאָך אודאי געקענט אַריינגעמען אַ לאָדזשער. האָבען זיי טאַקע אונז באַלד נאָרייעט זייערס אַ לאַנדסמאַן פאַר אַ לאָדזשער. זיי זענען געווען עסטרייכער און האָבען געהאַט אַ סך לאַנדסלייט. פאַר מיין פרוי איז מרס. באמגארדען געווען איינפאַך אַ ברכה, ווייל זי איז געווען זער אַ פיינע פרוי, זי איז געווען צו איר איינפאַך ווי אַ מאַמע. עס האָט מיר אָבער נישט געפעלט קיין אומזיסטע לאָדזשערס ווייל ניט לאַנג נאָך דעם ווי איך האָב זיך אַריינגעצויגען, האָב איך בייגעוואוינט אַ מיטינג, וואָס איז געהאַלטען געוואָרען טאַקע נעבען מיר אין דעם דזשואיש ווארקמענס קלוב. עס זיינען דאָן געווען די פאַגראָמען אין רומעניען. עס זענען אָהער געקומען רומענישע אידען אין די טויזענדער. דער שעלטער האָט ניט געקענט אַלעמען פאַרזאָרגען מיט נאַכט לעגערס. דאַמאָלט איז געווען דער פּרעזידענט פון אידישען שעלטער מר. הערמאַן לאנדאו. ער איז טאַקע געווען דער גרינדער פון שעלטער, אַליין אַ וואַרשאַווער, וועלכער איז אַהער געקומען גאַנץ יונג און איז רייך געוואָרען. ער איז אויך געווען אַ וואוילטעטיגער און גענומען אַ גרויסען אינטערעס אין די צוגערייזטע אידען.

מר. הערמאַן לאנדאו איז געווען פאַרזיצער ביי דעם מיטינג, און דער הויפּט רעדנער איז געווען דער חכם דר. גאַסטער. מען האָט אויף דעם מיטינג געבעטען ביי אַלע שכנים פון אַרום דאָס מ׳זאָל אַריינגעמען אויף נאַכט לעגער אַט די אומגליקליכע אידען וואָס זענען אַנטלאָפען פון פייער און האָבען ניט וואו דעם קאָפּ אַנידערצולייגען. ביַן איך דאָך אויך געווען גאָר אַ נאָהענטער שכן, נו, האָב איך ניט מער ווי זעקס אידען אַריינגענומען צו מיר אויף נאַכט לעגער פאַר אייניגע נעכט, ביז מ׳האָט פאַר זיי געפונען פון שעלטער וואו צו זיין.

אַ סך פון די אידען האָב איך מיט אַ צייט שפּעטער דערקענט, ווען זיי זענען שוין געווען בעלי הבתים.

אַזוי האָב איך תמיד געהאַט עפּעס צו טון וועגען פּראָבלעם פון אַריבער־געקומענע אימיגראַנטען, און ווען איך האָב שוין געהאַט מיין אייגען הויז בין איך דאָך שוין געווען אַ לאַנדאָנער בעל הבית, און אין דעם חסידים שטיבעל האָט מען מיך שוין געהאַלטען פאַר אַ שטיקעל נגיד, ווייל איך האָב ליב געהאַט צו שטעלען זיך ברייט. צום ביישפּיל, אַז מען האָט מיך שבת אויפגערופען צו האָבען אָן עליה האָב איך גע׳שנד׳רט חי באַש, ניט אַזוי ווי די אַנדערע חסידים, וואָס האָבען נאָר גע׳שנדר׳ט שישי באַש. אַז מען האָט מיך שוין געהאַלטען פאַר אַ בעל הבית אַ נגיד, האָט דאָך שוין נישט געפּאַסט פאַר מיר צו גיין שבת אין שטיבעל אַריין אין אַ פּראַסטען הוט, ווייל עס איז געווען די עטיקעט דאַמאָלט שבת צו גיין אין אַ צילענדער הוט. איז מען אַוועק צו די ליין, אין ווענטוואָרט סטריט, און דאָרטען פאַר זעקס פּעניס האָט מען געקענט קריגען אַן אַלטען צי־לינדער הוט. פאַר מיר אָבער האָט עפּעס ניט געפּאַסט אָנצוטון אַן אַלטען צי־לינדער, האָב איך טאַקע געמוזט קויפען אַ נייעם. און אַז איך האָב שוין גע־האַט אַ צילינדער האָב איך דאָך ווייטער געמוזט האָבען אַלעס צום רימיל עס

זאָל נישט אויסקוקען ווי חוזק, האָב איך מיר טאַקע געמוזט לאָזען מאַכען אַ פּראַקאוט.

ווי אַזוי גייט מען אָבער אַרויס אויף דער גאַס אין אַזאַ שטאַט, מיט אַ ציליַנדער אויפ׳ן קאָפּ ?

דאָס איז געווען ביי מיר אַ געוואַלטיגע אַנשטרענגונג. אפשר דריי אָדער פיר מאָל בין איך שוין געווען ביי דער גאַס און בין צוריק אין שטוב אַריין. איך האָב מיך גאָר פּשוט געשעמט אַרויסצוגיין צווישען מענשען, ביז איך האָב מיך אָנגענומען מיט קוראַזש און בין אַרויס אויף דער גאַס.

ביז איך בין אָנגעקומען צום שטיבעל אין גרייט גאַרדען סטריט האָב איך אַלץ געמיינט דאָס מען קוקט מיר נאָך...

יד.

## איך האלט א רעדע אין גאס

געווען איז דאָס אָנהויב 1898, איך בין שוין געווען אין לאָנדאָן צוויי יאָר און אַ בעל הבית פון אַ הויז. עס זיינען שוין אַוועק אַ פּאָר מאָנאַטען זינט איך האָב זיך איינגעשטעלט אויף אַ פיינעם אופן. אויבען אין שלאָף צימער האָב איך שוין געהאַט אַ ברייטער בעט מיט מער מעשוואַרג, און אויך אַ ברייטערע קאַנאַפּע וואו איך זאָל זיך קענען אויסבעטען, און האָב געהאַט שטיין אַ טיש מיט געפּאַסטע שטולען מ׳זאָל קענען אַמאָל אויפנעמען געהויבענע געסט. איבער׳ן טיש איז געהאַנגען אַ בליץ לאָמפּ, ווייל דאַמאָלט האָט מען נאָך אין די איסטענדער קליינע געסלעך ניט געהאַלטען פון גאַז רעכענונגען. פאַר איין פּעני נאַפט האָט געקענט ברענען אַ צוויי-דריי טעג. טאַ צו וואָס האָט מען באַדאַרפט גאַז ? פאַר עלעקטריק האָט מען גלאַט מורא געהאַט מ׳זאָל חס ושלום ניט עלעקטריזירט ווערען.

האָט דער בליץ-לאָמפּ טאַקע צוגעפּאַסט צום בעט ווייל ער איז אויך געווען פון מעש, און האָט געברענט זער ליכטיג, און הינטען אין דעם כל בו צימער, וואו מען האָט פאַרברענגט אַ גאַנצען טאָג איז אויך געווען אַזאַ בליץ-לאָמפּ, נאָר ער איז געשטאַנען אויפ׳ן טיש מיט אַ לאַנגען פוס.

דעם גרויסען קויבער אויף וועלכען איך פלעג שלאָפען מיט מיין ערשטען גאַסט, דער פעטער משה, האָב איך פאַרקויפט. איך בין געווען געצוואונגען אים צו פאַרקויפען ווייל ער האָט ניט געקענט אַדורכגיין דער טיר. אין בראָמסאָנס קאָורט איז געווען אַ מר. פרידמאַן, וואָס האָט געהאַט אַ פאַבריק פון מאַנטלען, האָט ער ביי מיר דעם קויבער אָבגעקויפט און איך האָב פאַר דעם געלד געקויפט אַ שלאָף-באַנק. פאַר דעם לאָדזשער מיינעם האָב איך נאָך צוגעקויפט אַ אייזען בעט, וואָס מען האָט געקענט צונויפלייגען אַזוי ווי אַ פאָטער-שטול צום זיצען. און ווען דער טאַטע האָט מיר אַריבערגעבערענגט מיין מאיר׳לען איז ער

שוין אַלט געווען פיר יאָר. דאָן האָבען אַלע קינדער געקענט שלאָפען אין דער שלאָף־באַנק מיט דעם טאַטען און עס איז געווען גאַנץ באַקוועם.

מיט דער דאָזיגער שלאָף באַנק איז געשען אַ מעשה נורא. ווען איך האָב אַהיים געקראָגען די שלאָף־באַנק האָב איך דערזען וואָס דער הויכער איד מיט דער לאַנגער געלער באָרד האָט זיך נעבאַך ביי דעם פאַרקויפען מיר די שלאָף־באַנק אין גאַנצען אָבגענאַרט. איך האָב אין דעם שלאָף־באַנק געפונען אַ גאַנץ גרויסען אוצר וואָס איז באַשטאַנען אין וואַנצען. קיין פוילער בין איך קיינמאָל ניט געווען האָב איך זיך גענומען צו דער חברה וואַנצען. איך האָב נאָך אין דער היים, אין וואַרשאַ, געזען ווי מ׳נעמט אַ חזיר און מ׳וואַרפט אים אַריין אין אַ קאָכעדיגען קעסעל מיט וואַסער. האָב איך טאַקע געקאָכט גאַנצע טעפּ מיט וואַסער און געהאַלטען אין איין גיסען אין דער שלאָף־באַנק און געמאַכט פון דער חברה אַ סוף עולם.

צוליב אָט די וואַנצען טאַקע האָב איך זוכה. געווען צו האַלטען אַ רעדע אויף דער אָפענער גאַס. געווען איז דאָס דורך די אידישע ווירטלייט, דאָס הייסט די לענדלאָרדס, וואָס האָבען דאָן אין דער איסט־ענד גע׳בעל׳הבית׳עוועט מיט דעם אָרימען אידישען אַרבייטער קלאַס. אָט די ווירטלייט פלעגען אויפקוי־פען וואו נאָר אַ כאַלופּקעלע, עס איבערגעשמירט, מיט אַ ביליגען פאַפּיר פאַר־קלעבט אַלע צרות אויף דעם פאַפּיר וואָס איז שוין געווען אָנגעקלעבט איינס אויפ׳ן אַנדערען, ווייל אַראָבצורייסען דאָס אַלטע פאַפּיר איידער מען קלעבט אַרויף דאָס פרישע וואָלט דאָך געקאָסט צו טייער, אַזוי אָבער ווי מען האָט אַרויפגעקלעבט פרישע פאַפּיר אויף די ווענט האָט דאָך אויפ׳ן קוק דאָס אויס־געזען גאַנץ שיין.

דער אַרבייטער וואָס האָט געדונגען אַזאַ מין כאַלופּקעלע האָט נאָך געמוזט געבען שליסעל געלד דעם ווירט. דער אַרבייטער האָט דאָך נישט געקענט ווי־סען וואָס עס טוט זיך אונטער דעם שיינעם פאַפּיר. ווען עס איז מיט מזל געקומען זומער וואָס מען האָט שוין אויסגעקוקט כדי צו האָבען אַביסעל זונען־שיין, האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ סדרה וואַנצען. מ׳האָט ניט געקענט אַ נאַכט דורכשלאָפען. מ׳האָט זיך געוואַלגערט און געפירט מלחמה מיט די אומגעבעטענע געסט. אין דער פרי איז מען געווען נישט אויסגערוט פון נישט שלאָפען און מיד און מאַט פון מלחמה האַלטען מיט אַזאַ שונא וואָס האָט זיך געקענט גוט אויסבאַהאַלטען אונטער די צענדליגער פאַפּירען אָנגעקלעבט איינס אויף ס׳אַנדערען אויף די ווענט.

האָט זיך דאָן געגרינדעט אַ פאַראיין צו באַשיצען די אָרימע אַרבייטער אי־דען פון די אידישע בלוט־צאַפּערס וואָס האָבען קיין כבוד דעם אידישען נאָמען ניט פאַרשאַפט. פאַרקערט עס איז געווען אַ חילול השם, וואָס די דאָזיגע ווירט־לייט, „לענדלאָרדס״, האָבען געהאַט נאָר איין פּרינציפּ, וואָס איז בלויז געווען צו מאַכען געלד. ווייטער איז זיי נישט אָנגעגאַנגען. די אַרבייטער האָבען צוליב דעם פאַרנאַכלעסיגט זייער אַרבייט ווייל ווען מען שלאָפט נישט קיין שום נאַכט און מען איז באַשעפטיגט מיט׳ן כאַפּען דעם שונא, איז מען צו מאָרגענס נישט

אויסגעדרוט און ווען מען איז נישט אויסגערוט, פאַרשטייט זיך, קען מען נישט אַזוי גוט אַרבייטען. דאָס האָט זיך אָבגערופען אויף די שכירות, „ווײדזשעס״. **האָט זיך טאַקע געטון אין די איסט־ענד חושך מצרים.**

דער אָנפירער פון דעם שכנים באַשיצונג פאַראיין איז געווען מר. יוסף חיים כהן לאַסק וועלכען יעדער לאָנדאָנער איד האָט געקענט. ער איז געווען פון די משכילים, און ער מיט מר. סאַוואלסקי, אַ וואַרשאַווער איד, האָבען דאָ אַרויסגעגעבען אַ העברעאישע צייטונג מיט דעם נאָמען „היהודי״. ער האָט אויך געשריבען אין אַ אידישער צייטונג וואָס איינער אַ מר. בריל האָט אַרויס־געגעבען אַחוץ דעם אידישען „עקספּרעס״ וואָס פלעגט קומען פון לידז.

איך האָב מיך באַקענט מיט כהן לאַסק, ווייל ער איז אויך געווען אַ מלמד און האָט געוואוינט אין אַ געסעל פון לעמאַן סטריט, וואָס איז געווען אונטער בראָמסאָנס קאורט, אין גרייט עלי סטריט, וואו איך האָב געוואוינט. הייסט עס דאָך דאָס ער איז געווען מיינס אַ שכן. איך האָב ביי אים אָנגעדונגען מיין משה׳לען אין זיין חדר. האָט מר. כהן לאַסק מיך געבעטען צו די מיטינגען וואו עס זיינען געהאַלטען געוואָרען פייערדיגע רעדעס וועגען דעם אומרעכט פון די דאָזיגע „לענדלאָרדס״, וועלכע האָבען געשונדען די הויט פון דעם אַר־בייטער קלאַס מיט די שליסעל געלד און הויכע דירה געלד, און באַזונדערס וואָס זיי האָבען קיינמאָל ניט געוואָלט עפּעס אויפטון אין אַזאַ מין כאַטקעלע, ביז עס איז דעם איינוואוינער מיאוס געוואָרען צו וואוינען אין אַזאַ חזיר׳ריי, זיך אַרויסגעצויגען און פאַרפאַלען געלאָזט דאָס שליסעל געלד.

האָבען די דאָזיגע „לענדלאָרדס״ ווידער דאָס כאַטקעלע איבערגעשמירט עס זאָל אויסקוקען לייטיש און ווידער גענומען שליסעל געלד. דער סקאַנדאַל איז געוואָרען זער גרויס און מ׳האָט אָנגעפאַנגען צו האַלטען רעדעס אין די גאַ־סען אונטער׳ן פרייעם הימעל וועגען דעם. ספּעציעל יעדען זונטאָג זיינען אויף אַ סך פלעצער געהאַלטען געוואָרען די רעדעס אין די גאַסען, און איך בין אויך געוואָרען איינער פון די דאָזיגע רעדנערס.

מ׳האָט אַזוי לאַנג גערעדט ביז עס איז אָנגעקומען צו אונזערע וועסט־ענ־דער אידען, און זיי האָבען געגריינדעט אַ קאָמיטעט צו באַשיצען די שכנים. דער קאָמיטעט האָט אָנגעשטעלט אַ סאָליסיטאָר וואָס זאָל זיצען אין טאונבי האָלל, קאָמערשעל סטריט, און יעדער שכן וואָס האָט געהאַט אַ קלאַגע געגען זיין ווירט האָט זיך געהאַט צו ווענדען צו טאונבי האָלל, און מ׳האָט אים געגע־בען אַ עצה, און אויב מ׳האָט באַדאַרפט האָט מען אים געגעבען אַ קאָונסיל, אַלץ אומזיסט, וואָס זאָל פאַר דעם שכן גיין אין קאָורט און זיך אָננעמען זיין עוולה.

אָט אַזוי האָב איך געמאַכט מיין רעדנער בייטראַג אין אַזאַ וויכטיגער זאַך ווי צו באַשיצען די אָרימע אַרבייטער קלאַס פון דעם אָנגעוויטאָגטען „לענד לאָרד״ און שכנים פּראָבלעם.

טו.

## די מחלוקה איבער אידישען חינוך

עס איז מיר באַשערט געווען צו נעמען אַן אַנטייל, ווען איך בין נאָך גאָר אַליין געווען אַ גרינער, אין אַ מחלוקה וועגען אַ תלמוד תורה. וואָס איז ניט לאַנג געגרינדעט געוואָרען. דאָס איז געווען די בריק לייז תלמוד תורה.

ווען די מחזיקי הדת האָט זיך געצויגען פון בוט סטריט נאָך בריק לייז, ראָג פארניער סטריט, וואו זי איז נאָך ביז היינטיגען טאָג, איז דאָרט געווען אַ „טשעפעל", וואָס דער בוט סטריט בית המדרש האָט אָבגעקויפט און געמאַכט דערפון אַ תורה ועבודה צענטער. דער רב זייערער איז דאַן געווען רבי אבא ווערנער, ז"ל, זער אַ וואוילער רב און אַ לב טוב. כאָטש ער איז שוין געווען זער אַן אַלטער מאַן האָט ער גענומען אַ גרויסען אינטערעס אין דער ציוניסטי־שער באַוועגונג, וואָס איז דאַן ענטשטאַנען, און עס איז ניט געווען קיין שום גרויסער מיטינג וואו ער זאָל ניט זיין דער פאָרזיצער צו יענער צייט.

נעבען דעם „טשעפעל" איז אויך געווען אַ איינפאַכע הויז צו דעם בילדינג, האָט מען אין דעם הויז געגרינדעט די תלמוד תורה וואָס איז באַקאַנט אַלס די בריק לייז תלמוד תורה. דער כלל טוער צו יענער צייט איז געווען ר' יצחק סיימאנס. ער האָט געהאַט אַ שפייז געוועלב אין בריק־לייז, גאָר אַ פיינער איד און אַ גרויסער תלמיד חכם. דאַן איז געווען אַ מגיד גאַליבאָווסקי. ער האָט גע־האָט צו זיין מגידות אַ מעבעל געשעפט אויך. דאַן איז געווען מר. צינקין, אויך אַ איד אַ תלמוד חכם, און אויך ער האָט געהאַט אַ מעבעל געשעפט אין ווענט־וואָרט סטריט, און מר. מעטשיק, דער סעקרעטאַר פון דער מחזיקי הדת. ואחרון אחרון חביב ר' חיים מענדל לוין, וואָס כאָטש זיין פרנסה איז געווען וואָס ער האָט געהאַט אַ יאטקע, אַ „בוטשער שאָפּ" אין בריק לייז, איז ער אָבער געווען אַזוי ווי אַ רבי מיט זיין פירונג, און אונטער דער שטוב פון דער יאטקע האָט ער געהאַט זיין פריוואַט בית המדרש, וואו יעדער איינער האָט געקענט אַריינ־גיין און לערנען אַפילו אַ גאַנצען טאָג, און ס'מערסט כלל זאַכען מיטינגען זיינען טאָקע געהאַלטען געוואָרען אין זיין בית המדרש. דער זון זיינער איז געווען מר. ראובן לוין, אַ שרייבער אין דער אידישער צייטונג אונטער דעם נאָמען איש לוי. אַן אייניקעל זיינס בן לוין איז איצט באַוואוסט אַלס איזי באָן דער קאָמידיען און זינגער. כאָטש אַן אַקטיאָר, ווי עס הייסט, פונדעסטוועגען פילט זיך אין אים זיין זיידענס השפעה דערמיט וואָס ער איז אַ שטאָלצער איד, און ווייזט אַרויס זיין אידישקייט צווישען די גוים.

אָט צו די אַלע וואָס איך האָב אויסגערעכענט איז נאָך צו זיי צוגעשטאַנען מר. כהן לאַסק און נאָך איינער אַ מלמד, וועלכער האָט געהאַט אַ חדר אין אַ קאָורטעל פון ווייטשעפּעל, נישט ווייט פון בריק לייז. כ'האָב פאַרגעסען זיין נאָמען, ווייל ער איז אַוועק נאָך אַמעריקאַ אַ שטיקעל צייט שפּעטער. ער איז אויך געווען אַזוי ווי כהן לאַסק פון די משכילים, און איז געגאַנגען זער געפוצט. ער האָט גיכער אויסגעקוקט ווי אַ סוחר און ניט ווי אַ מלמד.

די לעצטע צוויי, כאָטש זיי זיינען געווען מלמדים און געוויינליך זיינען זיי נישט קיין ליב האָבער פון תלמוד תורות, וואָס האָבען אָנגעפאַנגען צו יענער צייט געגרינדעט צו ווערען, פונדעסטוועגען האָבען די צוויי מלמדים גענומען אַ גאָר גרויסען אַנטייל אין דער מחלוקה, ווייל די מחלוקה האָט דאָך זיי אָנגע־רירט פונקט אַזוי ווי דער תלמוד תורה.

די מחלוקה איז ענטשטאַנען צוליב דעם וואָס די „דזשואיש פרי סקול" האָט פּלוצלינג געוואָלט איינפירען מ"זאָל לערנען מיט די קינדער אַביסעל מער „היברו". האָבען די פירער פון דער תלמוד תורה מורא געהאַט דאָס אויב די דזשואיש פרי סקול זאָל לערנען אַביסעל מער „היברו" מיט די קינדער, וועלען זיך שוין די עלטערען מיט דעם באַנוגענען און ניט וועלען שיקען די קינדער צו חדר אָדער תלמוד תורה. אין דער אמת'ן וואָלט דאָס ניט געווען קיין אי־דישקייט. וואָס מען וואָלט געלערענט אין דער פרי סקול וואָלט ניט גענוג גע־ווען אויף איינצופלאַנצען אידישע ערציהונג אין די קינדער. מען האָט אין דעם געזען אַ געפאַר פאַר דער גאַנצער אידישקייט, וואָס איז אַזוי אויך ניט גע־שטאַנען צו הויך.

האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ סדרה מיט מיטינגען ווי אַזוי מען קען שטערען דעם גאַנצען פּלאַן פון דער פרי סקול. היות ווי צוויי פון מיינע קינדער זיינען געגאַנגען אין דער פרי סקול האָב איך ערהאַלטען אַ איינלאַדונג אויף צו באַזו־כען אַ מיטינג פון עלטערען אין פרי סקול וועגען דעם פלאַן. האָבען די וואָס זיינען געווען דאַגעגען גערופען אַ מיטינג פריער און מ'האָט באַהאַנדעלט די פראַגע ווי אַזוי צו שטערען דעם פלאַן פון פרי סקול. נאָך אַ סך מייגונגען איז מען געקומען אויף אַ איינפאַכען באַשלוס דאָס מען מוז האָבען אייניגע שרייערס אויף צו קענען שטערען דעם פרי סקול מיטינג. דאָס האָבען געמוזט זיין אַזעלכע מענשען, וואָס האָבען דאָרטען קינדער, ווען ניט וואָלטען זיי דאָך ניט געקענט אַנטייל נעמען אין דעם פרי סקול מיטינג.

בין איך אויך אויסגעקליבען געוואָרען פאַר אַ שרייער, ווייל מר. כהן לאָסק האָט מיך פאַרגעשטעלט דאָס מ'קען זיך פאַרלאָזען אויף מיר.

ווען מען איז זיך צונויפגעקומען אויף דעם פרי סקול מיטינג וועמענס העד מאסטער עס איז דאַן געווען מר. אייבראַהמס, שוין אַן אַלטער מאַן, ווען איך בין שוין געווען אין האָלל פון פרי סקול, איז אַריינגעקומען דער העד־מאַסטער מיט אַ קוואַדראַטנעם הוט. (היינט וויס איך דאָס עס הייסט אַ „קאַפ ענד סאָוסער" הוט, אָבער דאַמאָלט האָב איך דאָך נאָך ניט געהאַט געזען אַזאַ משוגענעם הוט, האָט דאָס ביי מיר אויסגעקוקט אַזוי אויסטערליש און נאַריש). דער העד־מאַסטער האָט גענומען דעם אויבען־אָן, און עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ סדרה מיט רעדעס נאָך דעם ווי דער העד־מאַסטער האָט געגעבען אַן ער־קלערונג וועגען דער טובה וואָס מען וויל טון פאַר די „פּור טשילדרען", פאַר די אָרימע קינדער.

נו, נו, האָט זיך אָנגעהויבען אַ רידעריי, איינער העכער פון אַנדערען, און מ'האָט זיך געקאָכט גאָר אויף אַ הויכען אופן. האָב איך זיי געוויזען אַלעמען,

אַז שרייען קען איך העכער, און אַז מען איז אים מוחל זיין גוטסקייט וואָס ער וויל טון די אָרימע קינדער.

דער סוף איז געווען דאָס דער העד־מאַסטער, מר. אייבראַהמס, האָט נאָכ־געגעבען און זיך פאַרענטפערט. ער האָט געזאָגט אַז דער פּלאַן וועט אויפגע־געבען ווערען, אַז ער פאַרשטייט וואָס מען מיינט. ער האָט נאָר געוואָלט די טובה פון די קינדער נאָר ער זעט איין דאָס מיט דעם ביסעל צייט וואָס מען וועט צונעמען ביי די קינדער, וועט דאָס אַוועקנעמען דעם חשק שוין צו גיין אין אַ ריכטיגען „היברו“ חדר.

אַזוי האָט זיך געענדיגט די מחלוקה מיט אַ זיג פאַר דער תלמוד תורה און חדר וועגען אידישען חינוך אין לאָנדאָן...

טז.

# איך קריג ווידער א גאסט

ווען דער טאַטע האָט מיר אַהער געברענגט מיין מאיר׳לען, וואָס איז אי־בערגעבליבען אין וואַרשאַ דורך דעם וואָס ער איז פּונקט קראַנק געוואָרען, ווען מיין ליבע פרוי איז שוין געווען גרייט צו פאָרען צו מיר אין לאָנדאָן, איז דער טאַטע דאָ שוין פאַרבליבען איניגע מאָנאַטען. איך האָב אים געשאַפט אַ פּלאַץ וואו צו אַרבייטען, דאָס איז געווען ביי אַ מר. סאָלאָמאָנס אייזיק קרו׳ס אַ שוואָגער. ער האָט טאַקע געאַרבייט שניצערייַ פאַר זיין שוואָגער אייזיק קרו. נאָר עס איז ניט געווען קיין תכלית און דער טאַטע איז צוריק געפאָרען נאָך וואַרשאַ.

דערווייל איז מיין ברודער ראובן שוין געווען אין צוואַנציגסטען יאָר, האָט ער אָנגעפאַנגען צו זאָרגען זיך וועגען דעם מיליטער, און דער עלטערער ברו־דער לייב איז שוין געווען אין דער אַרמעע. האָט ראובן ניט געוואָלט וואַרטען ביז ער וועט ווערען איין און צוואַנציג יאָר אַלט, און מוזען גיין זיך צושטעלען צום פּריזיוו, האָט ער זיך געאיילט און איז אַהער געקומען. עס איז געווען פּונקט אין ערשטען טאָג ראש השנה, ווען איך האָב געהאַלטען ביים גיין צום דאַווענען אין שטיבעל, באַווייזט זיך פּלוצלינג מיין ברודער ראובן. האָב איך שוין צוגעוואַרט ביז ער האָט זיך אָרומגעוואַשען און איז מיט מיר באַלד מיט־געגאַנגען צום דאַווענען אין שטיבעל אַריין. עס האָט דאַמאָלט געדאַווענט מוספים מענדעל רויטקאָפּ, און איך האָב אים צוגעהאָלפען. האָט באַלד ראובן זיך געלאָזט הערען אויף זיין שטייגער, העכער און העכער און גאָר הויך. און נאָך ראש השנה האָב איך אים אַריינגענומען צו דער אַרבייט ביי מיין ליטוואַק, מר. געלמאַן, און ער איז ביי אים געווען ביז איך האָב אָנגעפאַנגען פאַר זיך צו אַרבייטען.

אַז ראובן איז שוין דאָ געווען האָט שוין דער טאַטע אַליין ניט געקענט

פירען זיין אַרבייט, און באַזונדער האָט ער אָנגעהויבען מורא האָבען פאַר די שטראָף פון דריי הונדערט רובעל וואָס מען וועט ביי אים מאָנען פאַר דעם וואָס ראובן האָט זיך ניט צוגעשטעלט צום פּריזיוו. האָט ער שוין געמוזט אַהער קומען אויף גוט און איך האָב פאַר אים געקראָגען דאָס מאָל אַ פּלאַץ שוין ביי אונזער אַרבייט ביי איינעם אַ מר. פרידענטאל, וועלכער האָט דעם טאַטען באַהאַנדעלט מיט דרך ארץ.

פאַר מיין ליבע פרוי דערווייל איז אַלץ שווערער געוואָרען די הויז אַרבייט. זי האָט דאָך באַדאַרפט נאָכצוקוקען ניט איין מאָן נאָר דריי מענער און די קינדער האָט מען אויך באַדאַרפט אויפפאַסען. מיר האָבען נאָך ניט געהאַט קיין טאָכטער צו העלפען אין הויז. האָט גאָט געהאָלפען און צו די פיר יאָר, וואָס איך בין געווען אין לאָנדאָן, איז געבוירען געוואָרען אונזער טאָכטער הענעלע, נאָך מיין עלטער באָבע, טאָקע אין בראָמסאָנס קאָורט. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט פאַר מיין טייערע פרוי נאָך שווערער געמאַכט די אַרבייט. ווען איך נעם זיך איצט באַרעכענען איר אַרבייט, ווייס איך גאָרניט ווי אַזוי זי האָט דאָס אַלץ געקענט באַוויזען, ווייל קיין שטאַרקע פרוי איז זי קיינמאָל ניט געווען. דער איינציגער גליק איז געווען וואָס מיר האָבען געהאַט אַ גוטע שכנה אין דער מרס. באַמגאַרדען. זי האָט גאָר איינפאַך מיין פרוי ביים לעבען דערהאַלטען. זי איז געווען אַזוי ווי אַ געטרייע דינסט צו איר און אַזוי ווי אַ מאַמע. איך וועל אייביג פילען אַ דאַנקבאַרקייט צו מרס. באַמגאַרדען.

באַלד נאָך דעם האָט זיך נאָך געמאַכט דאָס מיין ליטוואַק, מר. געלמאַן, וואו איך האָב געאַרבייט די גאַנצע צייט האָט אָנגעהויבען גיין שלעכט און עס איז אים שוין שווער געווען צו צאָלען די אַרבייטער זייערע שכירות. האָב איך מיר געפונען אַן אַנדערען פּלאַץ ביי אַ מאָריס רובין אין קערטען רויד, סיטי. דאָרט האָב איך געאַרבייט ניט מער ווי צוויי מאָנאַטען, ווייל אַזוי ווי עס איז געווען אַ גוי אַן אויפזעהער, דער נאָמען זיינער איז געווען ברוס, איז ער ניט געווען קיין אידען פריינד, האָב איך מיט אים ניט געקענט אויסקומען. צוליב דעם בין איך אַוועק פון פּלאַץ, און אַזוי ווי קיין סך פּלעצער אויף צו קריגען ניט צו אַרבייטען שבת איז ניט געווען, האָב איך זיך באַרעכענט דאָס עס איז שוין צייט, אַז איך זאָל אָנפאַנגען אַרבייטען פאַר זיך אַליין. עס איז אויך ניט געווען קיין פּלאַן און קיין תכלית דער טאַטע זאָל דאַרפען אַרבייטען ביי אַזעלכען ווי פרידענטאל איז געווען.

ראובן האָט נאָך אַלץ געאַרבייט ביי מר. געלמאַן און ניט געקראָגען קיין געצאָלט. עס איז אים טאָקע פאַרפאַלען געוואָרען זיינע פונטען. האָב איך באַשלאָסען אָנצופאַנגען איינפירען אַ אייגענער פאַבריק, און דער טאַטע און ראובן זאָלען אויפהערען צו אַרבייטען אין פרעמדע פּלעצער.

יז.

## איך הויב אן ארבייטען פאר זיך

איך האָב זיך גענומען אויספירען מיין פּלאַן אָנצוהויבען אַרבייטען פאַר זיך. דאָס איז געווען אין 1901. איך האָב געפונען אַ פּלאַץ אין קענאַן סטריט, קאַמערשעל רויד, ביי אַן אַלט פּאָר פּאָלק מיט דעם נאָמען הערמאַן. ביי זיי אין יאַרד פון הויז איז געווען אַ עקסטראַ פאַבריק לאָקאַל מיט אַ גלעזערנעם דאַך. דאָס איז מיר געפעלען און עס געדונגען פאַר זעקס שילינג אַ וואָך דירה געלד.

איך בין דאַן אַוועק אין קאַמערשעל סטריט צו אַ אייער סוחר און געקויפט זעקס לאַנגע אייער קאַסטענס און זיי אַליין מיט אַ „בעראָו" אַהיים גענומען.

דער טאַטע און ראובן האָבען אויפגעגעבען זייערע פלעצער וואו זיי האָבען געאַרבייט און מיר האָבען די קאַסטענס צונומען אויף ברעטער און געמאַכט אַ באַזונדער צימער פון די ברעטער מיט אַ טיר אַריינצוגיין אויף צו וואַרנישען, און דאַן האָב איך געקויפט אַ צוויי דרייבענק, און די אַנדערע כלים, וואָס מען האָט באַדאַרפט צו דער אַרבייט און אַלעס איינגעשטעלט.

אַזוי ווי דער טאַטע איז געווען דער איינציגער, וואָס האָט דאָ געאַרבייט ביי אונזער מלאכה, האָט ער געהאַט מער באַגריף ווי אַזוי עס גייט אַן די אַרבייט אויף אַן אַנדערען אופן ווי אין וואַרשאַ. איז געבליבען מיר זאָלען ניט מאַכען די זעלבע אַרבייט וואָס די אַנדערע האָבען געמאַכט. עס זענען געווען נאָר איניגע אידישע מייסטער פון די שטעקלעך, האָבען זיי נאָר געמאַכט שטעקלעך צו די פּאַראַסאָלען. מיר האָבען אָבער באַשלאָסען זיך צו נעמען מאַכען שפּאַציר שטעקענס פון די זעלבע פּאָרטריטש קיינס פון וואָס די אַנדערע האָבען גענומען שטיקלעך און זיי „צוגעדזשוינט" מיט „וויזעבול דזשוין" אויף ביטש שטעקלעך פאַר די „אַמברעלערס, און מיר וועלען די זעלבע פּאָרטרידזש קיינס בייגען און מאַכען פון זיי שפּאַציר שטעקענס, וועט מען קענען גיכער אַרויפאַרבייטען אַ גרויס געשעפט.

פאַרמאַגט האָב איך אין גאַנצען פיערציג פונט, וואָס איך האָב מיר אָנגעזאַמעלט. האָט מען זיך געשטעלט צו דער אַרבייט און אָנגעפאַנגען מאַכען מוסטערען. איך האָב אויך געמוזט צונעמען אַ פרעמדען אַרבייטער, וואָס זאָל קענען וואַרנישען, ווייל ראובן האָט דאָס קיינמאָל ניט געזען, אין וואַרשאַ האָט מען דאַך נישט געוואַרנישט נאָר געפּאַלעטורט.

הכלל, „כל התחלות קשות", יעדער אָנפאַנג איז שווער. איז טאַקע ניט אַזוי גרינג געווען. דער איינציגער וואָס האָט געהאַט אַ שטיקעל ידיעה אין דעם איז נאָר געווען דער טאַטע. האָט מען זיך גוט געמאַטערט און מען האָט דאַך באַדאַרפט לעבען אויך. דער קאַפּיטאַל מיינער איז באַלד צוקראַכען געוואָרען, און איך האָב געפונען אַ פּאָליאַק וואָס איז געווען אַ בייגער, האָב איך צו אים גענומען נעמען די אַרבייט און גיין נאָך דער אַרבייט ווען ער האָט דאָס געהאַט פאַרטיג. ווען איך בין ביי אים געווען און געזען ווי אַזוי ער בייגט, האָב איך

מיר באַלד געגומען אַליין צום בייגען. געוויינלעך מוז מען באַצאָלען פאַר פּראַק־טיקע. ביז עס איז געוואָרען אַזוי שלעכט דאָס איך האָב ניט געהאַט צו באַצאָ־לען דעם אַרבייטער מיינעם זיינע שכירות. האָט ער נישט געוואָלט וואַרטען ביז עס וועט זיך פאַרבעסערען, נאָר ער האָט אַרויסגענומען אַ קלאָגע אין פּאָ־ליס קאָורט און איז אַוועקגעגאַנגען. בין איך געבליבען גאָר פאַרצווייפעלט, און עס האָט זיך געשטעלט די פראַגע „אם כן מה נאכל״. עס האָט שוין געהאַלטען ביי דעם עס זאָל ניט זיין וואָס צו פאַרקאָכען, און איין גאָט ווייסט ווי אַזוי מיין אשת חיל האָט זיך געראַנגעלט אַנצופילען אונזערע מאָגענס. ביז עס איז מיר איינגעפאַלען אַוועקצושיקען דעם זיידען נפתלי אַ בריף דאָס ער זאָל זיך באַ־מיען ביי דער משפחה צו קריגען עפּעס געלד פאַר מיר איך זאָל זיך קענען אַדורכשטופען. איך בין געווען אַזוי נאַאיוו צו גלויבען אין דעם. האָב איך דען ניט באַדאַרפט צו וויסען דאָס פון נעמערס קען ניט זיין קיין געבערס, ווייל ענגלאַנד האָט געהאַט אַ נאָמען פאַר אַ גאָלדענער מדינה, און יעדער פּוילישער איד האָט געהאָפט צו קריגען געלד וואָס וואַלגערט זיך דאָ אין די גאַסען, אָבער ניט זיי זאָלען גאָר אַהער שיקען נאָך לאָנדאָן געלד.

דער רעזולטאַט איז געווען דאָס מיט צוויי וואָכען שפּעטער האָב איך ער־האַלטען די טרויעריגע ידיעה דאָס דער זיידע נפתלי איז געשטאָרבען, און כאָטש דער זיידע איז שוין אַלט געווען אַריבער פינף און זיבעציג, בין איך גע־ווען זיכער דאָס מיין בריף האָט אים פאַרקירצט זיינע יאָרען.

אָרימער זיידע נפתלי. ער איז דאָך געווען אַזוי איבערגעגעבען צו זיינע קינדער, דאָס פאַר זיך האָט ער גאָרניט באַדאַרפט נאָר צו אַרבייטען דאָס די קינדער זאָלען האָבען, און דאָ האָט ער ניט געקענט העלפען.

בקיצור עס איז געוואָרען גאָר שלעכט, נאָר ווי זאָגט מען עפּעס, אַז ווען עס איז שוין גוט פינסטער, הויבט ערשט אָן צו טאָגען. אַזוי איז אויך געווען ביי מיר. מען איז אַרויס פון קריזיס בשלום. ראובן האָט דורך דער צייט, וואָס דער אַרבייטער, דער וואַרנישער, האָט געאַרבייט, איבערגענומען די גאַנצע תורה, און נאָך אַביסעל בעסער אויך ווי דער וואַרנישער, און איך בין געוואָרען אַ פאַלקאָמענער בייגער. האָב איך מיר געשאַפט אייניגע גמילות חסדים, און מיר האָבען אַלע דריי געאַרבייט ביז איך האָב געקראָגען חן מיט מיין אַרבייט, און אַזוי ווייט, דאָס איך האָב באַקומען צוויי גרויסע געשעפטען, וואָס יעדער איינער האָט פון מיר געוואָלט דאָס איך זאָל נאָר פאַר אים אַליין אַרבייטען, איך זאָל גאָרניט זוכען קיינע אַנדערע געשעפטען, און אַז וויפיל איך וועל קענען מאַכען וועלען זיי ביי מיר אָבנעמען. האָב איך יעדען פון זיי צוגעזאָגט, אַז איך וועל נאָר פאַר אים אַליין אַרבייטען, און ווען איך האָב נאָר באַדאַרפט אַרבייט האָב איך נאָר באַדאַרפט צו זאָגען, אַז מיר פעלט אַרבייט, האָבען זיי שוין גע־זען צו געפינען פאַר מיר וואָס צו טון

און אַזוי האָב איך ביסלעכווייז געגומען קומען צו זיך.

באַלד דערנאָך האָט זיך געמאַכט ביי מרס. הערמאַן, וואו איך האָב געהאַט די ווערקשטאַט אין דער יאַרד, אַז ביי איר אויפ׳ן ערשטען שטאָק זיינען לעדיג

געוואָרען צוויי צימערען. האָט זי מיר נאָך צוגעגעבען די צוויי קעלער שטובען, וואו איך האָב איינגעריכטעט איינע אַלס קיך און די גרעסערע שטוב זאָל זיין צו פאַרברענגען און עסען און אויף דעם ערשטען שטאָק זאָלען זיין די שלאָף־צימערען, און איך האָב מיך אַהין געצויגען. מיר האָבען דאַן געשיקט נאָך דער מאַמען מיט ביילען. איז שוין דער טאַטע אויך געוואָרען אַ בעל הבית, און מיי־נע קונדען האָבען וואָס אַמאָל אַלץ מער צוטרויען געקראָגען צו מיר. איך האָב פאַר זיי געמאַכט אַלץ און אין וואָס זיי האָבען זיך גענויטיגט. צום ביישפּיל, עס פלעגט זיין ביים אַריינגאַנג צו די געוועלבער אַ גרויסער שטעקען מיט אַ גע־שניצטען קאָפּ עס זאָל זיין פאַר אַ שילד, אַז עס איז אין דעם געשעפט דאָ צו פאַרקויפען שפּאַציר שטעקענס און אויך אַמברעלערס.

האָט מיר דער סוחר מיינער געגעבען די פאָטאָגראַפיען פון דעם נאָכצו־שניצען אויף די שטעקענס, איז איין פאָטאָגראַף געווען פון „דען לינאָ״, אַ גרויסער ענגלישער קאָמיקער צו יענער צייט, און איינער איז געווען פון דעם געוועזענעם פּרעזידענט קרוגער פון אַפריקאַ, ווייל עס איז דאַן געווען די באָערן מלחמה אין אַפריקאַ. הייסט עס האָב איך אויסגעשניצט פּינקטליך די קעפּ, אַזוי ווי די פאָטאָגראַפיעס, אויף די זער גרויסע שטעקענס.

איך בין תמיד געווען שטאָלץ מיט מיין אידישקייט און אויך מיט מיין מענשליכקייט. ווען אימיצער זאָל מיך האָבען אַמאָל באַליידיגט, האָט ער גע־מעגט זיין ווער עס איז, האָב איך צוריקגעגעבען מיט פּראָצענט, און ביז היינ־טיגען טאָג אַז אַ גוי זאָל מיך באַליידיגען, וועל איך דאָס ניט פאַרשווייגען. עס האָט אַמאָל געטראָפען איך בין געקומען צו מיינעם אַ פאַבריקאַנט, עס איז גע־ווען גאָר אַ גרויס געשעפט, אין גאַזוועל רויד, און עס האָבען דאָרטען געאַרבייט אַ סך ענגלישע מיידלעך, פאַקערס. ווען איך בין אַריינגעקומען זען דעם „בייער״ האָבען די מיידלעך אויפגעהויבען זייערע הענט און געשריען: „אַי, אַי אַי״, און דער אונטער „בייער״ איז געווען דערביי. האָב איך מיך אויפגעהויבען און צו־ריק אַוועק און ניט מער אַהין געגאַנגען וועגען געשעפטען ביז דער אייגענטי־מער פון דער פירמע איז צו מיר געקומען אַהיים, און מיך געפרעגט וואָרום מען זעט מיך ניט און קום ניט נאָך קיין אַרבייט. האָב איך אים דערציילט וואָס עס איז פאָרגעקומען און צו אים געזאָגט:

— געדענקסט, האָסט מיר אַמאָל צוגעשיקט אַ טשעק מיט צען פונט מער ווי דער רעכנונג איז געווען און איך האָב דיר באַלד צו וויסען געטון דעם טעות. איך בין שטאָלץ מיט דעם וואָס איך בין אַ איד און איך וויל ניט ווערען באַליידיגט, און פאַרגעס ניט איך בין אויך אַ בריטישער.

האָט מיר דער אייגענטימער פון געשעפט געקלאַפּט אויף די פּלייצעס און געזאָגט:

„איי עם פּראוד אָוו יו״, איך בין שטאָלץ מיט דיר, און אַזוי דאַרף זיין. „גוד לאַק טו יו״, מען דאַרף זיך ניט לאָזען באַליידיגען.

ער האָט פאַרלאַנגט איך זאָל ווייטער קומען און דעם אונטער „בייער״ וועט ער אַוועקשיקען, ווייל ער האָט שוין געהאַט פון אים איי׳ניגע אויסריידען

פון דעם וואָס ער באַליידיגט זיינע מענשען מיט ווען ער מאַכט געשעפטען. דאָס איז ניט קיין ענגלישער וועג. מ׳דאַרף יעדען מענשען צו באַהאַנדלען מיט רעספּעקט, און צו מיר וועט שוין קומען אַן אַנדערער איינקויפער.

נאָך אַ זאַך איז מיר פאַרגעקומען אַמאָל מיט אַ „מאונטער״, דאָס הייסט אַזעלכער וואָס האָט געקויפט ביי די שטעקעל מאַכער די שטעקלעך. דער מאונטער האָט באַפּוצט די שטעקלעך מיט זילבער און ער האָט דאָס דערנאָך פאַרקויפט צו די געשעפטען. ווען איך בין אַמאָל אַריין צו אַזאַ מאונטער, וואָס איך פלעג שוין מיט אים האַנדלען פאַר אַ לאַנגער צייט און אים געוויזען נייע מוסטערען, האָט ער יעדען שטעקען באַקוקט און אַנידערגעוואָרפען אויף דער פאָדלאָגע. ער האָט דאָס געטון צו דערנידעריגען די אַרבייט, אום איך זאָל דורך דעם אפשר פאַרקויפען ביליגער. איך האָב אָבער דאָס אָנגענומען פאַר אַ באַליידיגונג און בין אַוועק און מער שוין צו אים ניט געגאַנגען.

אַזוי שטאָלץ בין איך ביי מיר געווען. איך האָב נישט ערלויבט קיינע ער־נידערונגען. אַזוי האָב איך מיך תמיד געהאַלטען. דאַרום האָבען די ריכטיגע געשעפטסלייט מיך געגליכען און אויך געהאַט צו מיר מער צוטרויען ווי צו די אַנדערע, וואָס האָבען זיך געשעמט מיט זייער אידישקייט און האָבען אַוועקגע־מאַכט מיט׳ן שבת, ווייל זיי האָבען געזאָגט מ׳קען זיך ניט העלפען. דאָס איז אָבער געווען אַ ליגען. דער ענגלישער סוחר האָט ליב בעסער אַ ריכטיגען פרומען אידען ווי די פרייערע, וואָס די הויפּט זאַך האָט ביי זיי נאָר געשפּילט געשעפט און צוליב געשעפט האָט מען געמעגט אַלעס טון.

איך האָב געוואוינט אין קענאָן סטריט ביז 1903, ווען איך האָב מיך גע־צויגען נאָך עשפאָרד סטריט, פיטפילד סטריט, און אין קענאָן סטריט איז גע־בוירען געוואָרען מיין נייטי, נאָך דעם זיידען נפתלי׳ס נאָמען, און אַ ברית איז געווען זער אַ שיינער. נאָר איך וויל איבערגעבען פון דעם ברית אַ טשיקאַווע זאַך וואָס האָט צו טון מיט מיר פערזענליך, און ביז היינטיגען טאָג ווייס איך ניט וואָס עס איז אַזוינס. דוכט זיך, איך האָב זיך באַדאַרפט צו פילען אין אַ גע־הויבענער שטימונג, ווייל עס איז דאָך געווען דער ברית נאָך דעם ווי איך בין איבערגעקומען אַ קריזיס, אַזוי ווי איך האָב דאָס באַשריבען אין אַ פריערדיגען קאַפּיטעל, און געקענט קוקען מיט האָפנונג צו דער צוקונפט. האָב איך דאָך באַדאַרפט זיין פריילין, צום סוף האָב איך ביי דעם ברית געפילט זער שלעכט. עס איז מיר געווען אַזוי שלעכט דאָס איך בין אַרומגעלאָפען פון איין שטוב צו דער אַנדערער און געפילט ווי איך ענדיג. נאָר איך האָב מיך מיט אַלע קרעפטען געשטאַרקט און נישט איבערגע׳חזר׳ט פאַר אימיצען ווי שלעכט איך פיל מיך, ביז איך בין איבערגעקומען די שווערע מאָמענטען ערשט נאָכ׳ן ברית.

און ביז היינטיקן טאָג פאַרשטיי איך ניט וואָס עס איז אַזוינס געווען.

## יח.

# איך ווער א „שער-קלוב“ אליין

אין דער צייט ווען איך האָב נאָך געאַרבייט ביי מר. געלמאַן איז געוואָרען אַ גאַנצע אויפלעבונג מיט דאָקטאָר הערצעל׳ס יודענשטאַט. עס איז געווען דער ערשטער קאָנגרעס און איך בין געוואָרען באַגייסטערט פון דער אידעע. איך האָב באַלד אָנגעפאַנגען צו באַזוכען די בני ציון חברה, וואָס האָט זיך גע־גרינדעט אין קינגס האָלל, קאָמערשעל רויד. די הויפט אָנפירער זיינען דאַן געווען מר. יעקב דעהאס, וואָס איז מיט איניגע יאָר שפּעטער אַוועק קיין אַמע־ריקאַ, מר. לאזאוואָסקי און מאָריס כהן.

ווען עס איז נאָך דעם צווייטען קאָנגרעס באַשלאָסען געוואָרען צו גרינ־דען די אידישע באַנק האָט זיך די בני ציון גענומען צו דער אַרבייט פון גרינ־דען „שער קלובס“, ווייל די רייכע אידען זיינען דאָך געשטאַנען פון דער ווייטענס פונקט אַזוי ווי מיינע חסידים וואָס האָבען ניט געוואָלט הערען פון אַ ציון באַוועגונג. איז דאָס נאָר געווען פאַר די איסט־ענדער אַרבייטער קלאַס אידען און אַזוי בעל הבית׳ישע, ניט קיין רייכע אידען, צו סובסקרייבען די „שערס“ פון דער אידישער באַנק.

פאַר די אידען איז געווען צו שווער אַרויסצונעמען פונטען מיט אַמאָל, האָט מען דורך דעם געגרינדעט די „שער קלובס“ אַזוי דאָס דער גרעסטער אָרימאַן האָט געקענט די שערס אויסצאָלען מיט קליינע וועכענטליכע צאָלונ־גען.

האָט זיך אָנגעהויבען אַ סדרה מיט מיטינגען אין די שוהלען צו אַגיטירען פאַר דעם פּלאַן צו העלפען די אונטערנעמונג פון די קלובס אום די באַנק זאָל קענען געגרינדעט ווערען. די יונייטעד שוהלען זיינען ניט געווען אין כלל, ווייל דער דאַמאָלסדיגער טשיף רבי, דר. הערמאַן אדלער, איז געווען אַ געגנער פון דעם ציון געדאַנק, איז שוין ממילא די גאַנצע קהלה, וואָס איז געווען אין די הענד פון גאַנצע אָדער האַלבע אַסימילאַטאָרען נאַטירליך געשטאַנען אַוועק פון דער אַרבייט. היינט צו טאָג איז אַנדערש. עס איז ניט די זעלבע יונייטעד שוהל ווי דאַמאָלט, און טאָמער כאַפּט זיך אַרויף אויפ׳ן בענקעל אַן אַסימילאַ־טאָר מוז ער שווייגען, אַז ניט קען מען אים ווייזען וואו די טיר איז. איבער־הויפט ווען דער טשיף רבי דר. הערץ, ע״ה, איז געווען אַן איבערגעגעבענער ציוניסט איז ביסלעכווייז די גאַנצע יונייטעד געוואָרען ציוניסטיש. נאָר צו יענער צייט זיינען ניט מער געווען ווי אַ דריי־פיר ענגלישע אידען, וואָס האָבען גע־נומען אַ גרויסען אַנטייל אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. אַ שטייגער, ווי דזשאָזעף קאָווען און מר. גרינבערג, וואָס איז שפּעטער געוואָרען דער רע־דאַקטאָר פון דער „דזשואיש קראָניקעל“, יעקב דעהאס און נאָך אַ צוויי־דריי ענגלישע אידען.

איך אָבער, האָב ניט געקוקט אויף דעם טשיף רבי׳נס הכשר, און אויך

ניט אויף מיינע חסידים. איך האָב געגרינדעט אַ „שער קלוב" און טאַקע אין חסידים שטיבעל גופא. עס רעדט זיך אַזוי, געגרינדעט, ווייל אויף צו גרינדען אַ „שער קלוב", צו קריגען די מאַרקען הייסט עס, האָט מען באַדאַרפט אַ פאַרמאַלנעם קאָמיטעט מיט אַ פרעזידענט, אַ סעקרעטאַר און אויך אַ קאָלעק־טאָר. נאָר גיי, קריג ביי מיינע חסידים דאָס אַלעס, אַז זיי זיינען געגען דער גאַנצער חתונה, אָבער אַז עס איז דאָ דער ווילען קומט מען איבער אַלע שוועֿ־ריקייטען, און עס גילטען ניט קיינע תירוצים. איך האָב אויסגעפילט אַ ליסטע מיט האצמעכען פאַר פרעזידענט, גרוינעם פאַר סעקרעטאַר און מיך אַליין האָב איך געמאַכט פאַר דעם סעקרעטאַר, און אויך אַ קאָמיטעט. און אַז איך האָב שוין געהאַט די ביכלעך מיט די סטעמפּס האָב איך אויסגעשריבען אַ מודעה און אויפגעקלעבט אין שטיבעל דאָס עס האָט זיך געגרינדעט אַ שער־קלוב און אונטערגעשריבען זעליג אבערמאַן פאַר סעקרעטאַר. ווי נאָר איך האָב די מודעה אויפגעקלעבט איז זי באַלד אַראָבגעריסען געוואָרען. אויב אַזוי, קלער איך, וועל איך אייך שוין ווייזען, חסידימ'לעך. איך וועל מיך שוין אַן עצה געבען וואָס איך האָב צו טון.

איך האָב מיר אָנגעגרייט אַ גרעסערע מודעה, מיט גרויסע ווערטער, און מיט אַ גוטען קלעבעכץ עס זאָל האַלטען גוט און איך האָב אָבגעוואַרט ביז עס איז געקומען פרייטאָג. ווי נאָר מען האָט אָבגעזאָגט דעם קדיש פון מנחה, נאָך עלינו, איז די מודעה שוין געווען אָנגעקלעבט, און שריי חי וקים. עס איז שוין געווען שבת, און מ'האָט די מודעה מער ניט געקענט אַראָברייסען.

אַט אַזוי איז באַוואוסט געוואָרען דאָס עס האָט זיך געגרינדעט אין חסידים שטיבעל פון בלעק לייאָן יאַרד אַ שער קלוב, און איך קען ניט זאָגען דאָס אַלע חסידים זענען געווען אַזעלכע געגענער. אייניגע האָבען טאַקע ביי מיר אַליין גענומען די שערס אויסצוצאָלען נאָר ס'מערסט האָב איך ביי מיינע לאַנדסלייט פאַרקויפט די שערס. און אַזוי האָב איך שוין געהאַט יעדען זונטאָג נאָך דער אַרבייט אַרומצוגיין איינקאַסירען די אויסצאָלונגען פאַר די שערס. אויף אַזאַ אופן האָב איך אַריינגעבראַכט אַריבער פופציג שערס אויסגעצאָלטע. דאָס האָב איך אַזוי אָנגעהאַלטען ביז איך האָב אָנגעפאַנגען צו אַרבייטען פאַר זיך און איך בין שוין אַזוי פאַרקויפט געוואָרען דאָס איך האָב מער ניט געקענט געפינען קיין צייט זיך אָבצוגעבען מיט כלל זאַכען.

צו יענער צייט האָב איך געהאַט נאָך אַ כלל אַרבייט, דאָס איז געווען דער אידישער האָספּיטאַל, וואָס אַ באַרבער מיט'ן נאָמען בערלינער, מיט אַ אידיש האַרץ, האָט פאַרגעשלאָגען געגרינדעט צו ווערען. דער צוועק איז געווען, אַז אידען, וואָס קענען ניט די ענגלישע שפּראַך זאָלען זיין אין אַ אידישער סביבה און זיך ניט פילען פרעמד.

האָט מר. בערלינער באַלד געקראָגען אַזעלכע אידען ווי מיין טאַטע אַלס אָנהענגער פון זיין פּלאַן, און ביי ר' חיים מענדעל לוין וועלכער האָט געהאַט זיין פריוואַט בית המדרש אונטער דער יאַטקע זיינער אין בריק ליין, זיינען טאַקע געהאַלטען געוואָרען אַלע מיטינגען וועגען דעם האָספּיטאַל. עס זיינען

אויך געגרינדעט געוואָרען אַזעלכע חברות אויף צו זאַמלען פעניס, ווייל די רייכע אידען זיינען אויך געווען געגען דעם אַז מ׳זאָל גרינדען אַ אידישען האָספּיטאַל. צווישען די געגנער איז אויך געווען לאָרד ראָטשילד. זייער טענה איז געווען דאָס אויב מען וועט גרינדען אַ אידישען האָספּיטאַל וואָס זאָל זיין בלויז פאַר אידען וועט דאָס מאַכען אַנטיסעמיטיזם, און אַז אין דעם לאָנדאָן האָספּיטאַל איז דאָ אַ אידישע ווארד, איז דאָס שוין גענוג.

האָבען בלויז די אָרימע קלאַסען אידען זיך אָנגעכאַפּט אין דעם פּלאַן מיט דעם האָספּיטאַל און מיט פעני צאָלונגען געלייגט דעם פונדאַמענט פון דעם אידישען האָספּיטאַל. מען האָט געהאַלטען רעדעס אין די פעדערייישאָן שוהלען פון די איסט־ענד. אַז מען האָט באַדאַרפט צו האָבען רעדנער צו אַגיטירען פאַר דעם פּלאַן, איז, כדי צו העלפען מיין טאַטען, בין איך אויך געוואָרען איינער פון די רעדנער. איך האָב געהאַלטען רעדעס אין פאַרשידענע שוהלען פון דער איסט־ענד.

עס איז מיר נאָר אַ שאַד וואָס דער טאַטע מיינער האָט ניט זוכה געווען צו זען וואָס פון אַזעלכע אידלעך מיט זייערע פעניגע אָרגאַניזאַציעס איז אויס־געוואַקסען אַזאַ פּראַכטפולער בנין פון אַ אידישען האָספּיטאַל מיט אַזעלכע גרויסע דאָקטוירים, און אַז ניט בלויז די אידען נאָר אויך גוים האָבען אַ נוצען פון דעם האָספּיטאַל, און קיין אַנטיסעמיטען איז צוליב דעם האָספּיטאַל נישט געוואָרען, אַ באַוויז אַז די גאָר רייכע אידען זיינען צום סוף יאָ צוגעשטאַנען צום אידישען האָספּיטאַל.

יט.

## די רעוואָלוציע אין בלעק לייאָן יאַרד שטיבעל

ווי עס פירט זיך בכלל אין אַלע אידישע פאַראיינען אָדער שוהלען צי אַזוי־עפּעס אַ חברה׳לע, קומען תמיד אַרויס מחלוקת איבער קלייניקייטען. אַזוי איז אויך געוואָרען אַ מחלוקה אין שטיבעל איבער אַ שמש, ווייל דער אַלטער שמש, הערש־יצחק, איז שוין געוואָרען צו אַלט אַרומצוגיין קאָלעקטען. מען האָט באַדאַרפט אַ נייעם שמש, איז געוואָרען צוויי פּאַרטייען. איין פּאַרטיי האָט גע־וואָלט האָבען דעם קליינעם שאול׳כעל וואָס האָט געהאַט אויף זיין זייט די מערהייט מיטגלידער, און דער צווייטער, משה יאַקיל, וועלכער האָט בלויז געהאַט אויף זיין זייט אַ קליינע גרופּע, דוד פראָסט מיט אַ פּאָר אונטערלעקערס זיינע.

דוד פראָסט איז אַהער געקומען מיט זיין פאָטער, ר׳ נתן, ווען ער איז נאָך געווען אַ קליין אינגעל, און איז דאָ געגאַנגען אין סקול. ער איז אויפגעוואַקסען אַ ענגלישער באַי אַזוי ווי אַלע באָיס, נאָר דער פאָטער זיינער איז געווען איי־נער פון די ערשטע, וואָס האָבען געגרינדעט דאָס בית המדרש „קהל חסידים.“ איז ממילא דוד אויפגעוואַקסען צוזאַמען מיט די פּאָר חסידים און אַזוי אַרום

איבערגענומען דאָס גאַנצע חסידות, און געוואָרען דער גאַנצער פירער פון די חסידים. ווען ער האָט געזאָגט אַז ער וויל עפּעס האָט אַזוי געמוזט זיין און ניט אַנדערש.

ווען עס איז געקומען צום שמש האָט דוד פראָסט געזאָגט משה יאַקיל, נאָר דער גאַנצער עולם האָט געזאָגט אַז עס זאָל זיין שמש דער קליינער שאול־בעל. איז געוואָרען אַ געוואַלד־געשריי ביז עד לב השמים. עס זיינען שוין דאַמאָלט צוגעקומען פיינע אידען, ווי ר׳ אבא אדלער, וואָס האָט געהאַט אַ ספרים געשעפט אין בריק ליין, און ר׳ וואָלף ביבער, וואָס האָט געהאַט אַ יאַט־קע אין הענבורי סטריט פון מחזיקי הדת פלייש, און אויך ר׳ מאיר זיגמאנט און הנך בלומשטיין, און נאָך פיינע חסידישע אידען.

האָט דוד פראָסט זיך ניט געוואָלט מיט קיינעם רעכענען, איז דאַן ר׳ שמואל יעקב מאנקארזש, ע״ה, שמעון ווינגארטען׳ס שוואָגער, אַרויס געגען דוד פראָסט׳ען, און אַזוי ווי ר׳ שמואל יעקב איז ניט געווען קיין רעדנער, האָט נאָר געקענט בלויז קרעכצען אָדער וויינען, האָט ער מיך גענומען צו הילף, איך זאָל זיין פאַר אים דער רעדנער. ער האָט מיך ניט באַדאַרפט צו לאַנג בעטען, ווייל איך האָב קיינמאָל ניט געקענט פאַרטראָגען קיין עוולה פון וועמען עס איז. בין איך צוגעשטאַנען צו די געגנער. און אַז מען האָט גאָרניט געקענט פּועל׳ן אַז דוד פראָסט זאָל נאָכגעבען דעם עולם, איז געבליבען מיר זאָלען אי־בערלאָזען דוד פראָסט׳ן מיט זיינע פאַר אונטערלעקערס און מ׳זאָל מאַכען אַ באַזונדער שטיבעל.

אַלס פאָלגע פון אַ מחלוקה זיינען אויך אַרויס אייניגע עסטרייכער אידען און זיך געמאַכט אַ באַזונדער שטיבעל מיט דעם נאָמען די דזשיקאוער. איצט האָבען מיר זיך געמאַכט אַ באַזונדער שטיבעל אין יוניאָן סטריט, וויטשעפּעל, און אַלע וואָס זיינען אַריין אין יוניאָן סטריט שטיבעל זיינען געווען זער באַ־גייסטערט, ווייל עס האָט זיך געפילט אמת׳ע ברידערליכקייט. איך האָב שוין דאַמאָלט געוואוינט אין קענאָן סטריט און בין שוין געווען אַביסעל אין די פּע־דערען, און פונדעסטוועגען האָב איך מיך אַ סך אָבגעגעבען מיט דעם נייעם שטיבעל. איך האָב צום ארון קודש אויסגעשניצט אַ געזימס מיט צוויי לייבען אין די זייטען, וועלכע אַלע האָבען באַוואונדערט, און דאָס ארון קודש איז אי־בערגעגאַנגען צו די וואָס האָבען זיך געמאַכט אַ שטיבעל אין פלאַמערס רויד.

אַז דוד פראָסט האָט דערזען וואָס ער האָט דאָ פאַראַרבייט, ווייל עס זיינען מיט אים איבערגעבליבען גאַנץ ווייניג מענשען, איז ער געפאַלען אויף אַ פּלאַן און האָט געקויפט דעם פריהאָלד פון בלעק לייאָן יאַרד שטיבעל, וואָס איז געשטאַנען ביז היטלער, ימח שמו, האָט דאָס חרוב געמאַכט.

ווען דאָס שטיבעל איז דאַמאָלט פאַרטיג געוואָרען איז געוואָרען אַביסעל אַ באַגייסטערונג צווישען די וואָס האָבען דאָרטען פריער געדאַווענט, און עס איז באַשלאָסען געוואָרען מיר זאָלען צוריקגיין צו בלעק לייאָן יאַרד. די אידען וואָס זיינען צוגעקומען צו יוניאָן סטריט שטיבעל זיינען איבערגעבליבען, און זיי האָבען זיך געצויגען נאָך פלאַמערס רויד נאָר אָנגעהאַלטען דעם נאָמען „יוניאָן סטריט שטיבעל״.

ווען מיר זיינען צוריק אַריין אין בעלק לייאָן יאַרד שטיבעל, זיינען דאָ־מאָלט צוגעקומען וואָלף וואַכמאַן, יוסף ברוך ראָזענשטיין, שפּעטער דוד טשע־כענאָווער און אויך ברוך מרדכי וואָלקאָוויטש און נאָך אייניגע חס״דישע אידען. איז ווידער דוד פראָסט געוואָרען שטאָלץ ביי זיך און האָט גלאַט אָנגעהויבען צו פּאַטשען, און דאָס שטיבעל איז באַוואוסט געוואָרען דורך דעם פּאַטשען. אַזוי ווי דאָס שטיבעל איז נישט געווען באַהאַלטען אַזוי ווי פריער, נאָר עס איז גע־ווען אַן אָפענע דורכגאַנג סטריט, זיינען אידען אַמאָל פאַרבייגייענדיג בייגעריג געווען צו זען צו ווי עס גייט צו ביי חסידים.

איז אַמאָל אין אַ שבת אריינגעקומען אַ איד מיט אַ שטעקען, האָט באַלד דוד פראָסט דערזען און דעם אידען מכבד געווען מיט פּעטש. אָדער ווער שמועסט אַ שמחת תורה, ווען מען האָט געהוליעט, האָט זיך אידען פאַרגלוסט צו זען ווי חסידים פרייען זיך אין שמחת תורה, זיינען זיי אָבער ניט געווען גע־נוג פאַרזיכטיג וואָס זיי האַלטען אין האַנד אריינקומענדיג, ניט וויסענדיג פּי־לייכט צי מען מעג אָדער ניט, איז שוין דאַמאָלט געווען גאָר היימליך. דאָס ערג־סטע איז געווען ווי מען האָט באַהאַנדעלט דאָרטען די באָיס. עס איז איינפאַך געווען אַ סקאַנדאַל צוצוזען ווי מען האָט די באָיס פאַרטריבען. צום ביישפּיל, ביי אַ באָי האָט אַרויסגעשטעקט אַ שטיקעל נאָזטיכעל פון קעשענע, האָט מען גאָרניט געפרעגט, נאָר גלייך געפּאַטשט, ווייל שבת האָט מען ניט געטאָרט טראָגען אַ נאָזטיכעל. דאָרום איז ביי די באָיס פאַר׳מיאוס׳ט געוואָרען ניט נאָר דאָס חסידות, נאָר דאָס גאַנצע אידענטום.

ווען די אַלע פּאַטשערס וואָלטען איצט געלעבט און זיי וואָלטען געזען וואָס זיי האָבען אויפגעטון מיט זייער פּאַטשען פאַר דער מינדסטער קלייניקייט וואָל־טען זיי זיך געוויס געקלאַפּט על חטא אין הארצען, און שטאַרק געקלאַפּט.

איך וואָלט געוואָלט פרעגען וואו זיינען די אַלע קינדער פון די קלאַפּערס, די דאַמאָלסדיגע חסידים?

מען קען מיר אָנווייזען אויף אַ גאַנץ קליינעם פּראָצענט וואָס זיינען גע־בליבען ריכטיגע אידען. און עס איז ניט קיין וואונדער. זיי האָבען געמאַכט דעם אידענטום אַזוי שווער און פאַנאַטיש דאָס די יונגע לייט האָבען דאָס ניט גע־קענט מיטמאַכען.

האָבען דען אונזערע חז״ל ניט געזאָגט, אַז מען טאָר ניט אָנוואַרפען אויף אַ ציבור אַזעלכע שווערקייטען וואָס דער ציבור אַליין וועט ניט קענען האַל־טען? און נאָך דערצו ענגלישע באָיס, האָט מען פון זיי פאַרלאַנגט ניט צו טראָגען אַ נאָזטיכעל אום שבת, נאָר זיי האָבען זיך באַדאַרפט אָבווישען מיט דעם אַרבעל אַזוי ווי די פאַר־צייטישע חסידים בטלנים פּלעגען טון. אין וואָס פאַר אַ שולחן ערוך האָבען זיי דאָס געלערענט?

און ערגער איז געווען וואָס זיי האָבען באַקעמפט דעם ציוניסטישען גע־דאַנק. דאָס האָט געווירקט אויף די קינדער נישט צו קריגען דעם נאַציאָנאַלען גייסט, וואָס אָן דעם קען מען קיין שטאָלצער איד ניט זיין. און ווען מען איז ניט שטאָלץ מיט דעם אידישקייט איז דאָס אידישקייט אַן אָפּקומעניש און מיט דער צייט ווערט מען אַ קנאָפּער איד.

דאָס זעלבע קומט פאָר ביי די אגודה׳ניקעס וואָס האָבען תמיד באַקעמפט דעם ציוניזם. וואָרום האָט מען קיינמאָל ניט געזען אַט די פרומע קנאים אין אַ וואָס פאַר עס איז תלמוד תורה אָנפירונג ? קוקט דורך די אַלע תלמוד תורות אין לאָנדאָן און ווייזט מיר אַז איינער פון זיי זאָל האָבען גענומען אַן אַנטייל אין אַ תלמוד תורה פירונג. ניט נאָר האָבען זיי ניט גענומען קיין אַנטייל, נאָר זיי האָבען ניט צו מאָל געשטיצט די וועלכע האָבען זיך יאָ אָבגעגעבען מיט אַ תלמוד תורה פירונג. זיי האָבען געהאַלטען אין איין שיקען געלד נאָך פוילען, אַזוי האָבען זיי געזאָגט, און די היגע תלמוד תורות האָבען זיך געראַנגעלט מיט זייער עקזיסטענץ און די פרומאַקעס האָבען קיינמאָל זיך ניט גענומען די מיה צו אינטערעסירען זיך אין אַ וועלכע עס איז תלמוד תורה.

איך האָב זיך אַלע מיינע יאָרען וואָס איך האָב געדאַוועט אין בעלק לייאַן יאַרד שטיבעל, אַרומגעריסען זיך איבער דער שטרענגקייט, וואָס זיי האָבען אַרויסגעצייגט צו די באָיס, און איך זע איצט אַז דאָס מיין פרינציפּ איז געווען דער ריכטיגער. איך בין שטאָלץ מיט איין זאַך און דאָס איז וואָס איך קען מיך באַרימען מיט מיינע קינדער דאָס זיי פירען אידישע הייזער און זיינען נאַציאָנאַל אַזוי ווי איך און שטאָלצע אידען, און אַפילו דער וואָס האָט אויך אַמאָל אַריינגעכאַפּט פּעטש אין בלעק לייאַן יאַרד שטיבעל, און איז אפשר ניט אַזוי פרום ווי די אַנדערע קינדער, אָבער אַ שטאָלצער איד איז ער. זאָל ער הערען ווי מען באַליידיגט אַ אידען וועט ער דאָס נישט פאַרשווייגען. דאָס איז ביי מיר אַ סך וויכטיגער ווי די וואָס האָבען זיך געקוועטשט און געהאַלטען זייערע גראָבע פינגער אין די גאַרטלען.

דאָס אידענטום האָט פון זיי גאַנץ וויינינג נוצען געהאַט, און פון זייערע קינדער נאָך אַ סך ווייניגער נוצען פון זייער פרומקייט און מיט זייער גאַנצער פירונג...

כ.

## איך ווער אַ מיטגליד אין בעטנאל גרין שוהל

ווען איך האָב זיך געצויגען נאָך עשפאָרד סטריט האָב איך באַלד צוגע־קראָגען אַ סך אַרבייטער, און אַלץ אייגענע. מיין ברודער לייב, ווען ער איז אַרויס פון דער רוסישער אַרמעע וואו ער איז איבערגעבליבען אַביסעל לענגער דינען אום ער זאָל העלפען רוסלאַנד אין איר באַקסער מלחמה, האָט נאָך אַהיים קומען אין וואַרשאַ חתונה געהאַט, און דערנאָך גלייך צו מיר אַהער גע־קומען נאָך איידער איך האָב זיך געצויגען צו עשפאָרד סטריט. אַביסעל שפּע־טער איז מיין שוואָגער אברהם פינער אַהער געקומען מיט מיין שוועסטער שרה׳לע, האָב איך אים געמאַכט פאַר אַ בייגער. דאַן ווידער איז אַהער געקומען מיין פרוי׳ס פעטער, אַלטער גרינשטיין. ער איז קיינמאָל קיין אַרבייטער ניט געווען, ווייל אַ בעל מלאכה, האָט זיך בכלל ניט געפונען אין מיין פרוי׳ס

משפחה, און איבערהויפּט איז דער פעטער אַלטער געווען בלויז אַ זער פרומער און אַ לערנער. האָב איך אים געמוזט אַריינגעמען צו דער אַרבייט און אים עפּעס אויסגעלערענט ביז די לובלינער לאַנדסלייט האָבען אים געשאַפט אַ פּלאַץ פאַר אַ שמש אין דער סטעפּני אָרטאָדאָקס שוהל, און מען איז פון אים זער צו־פרידען געווען. מיט אַ פּאָר וואָכען שפּעטער איז געקומען מיין פעטער יאָסעלע. ער איז דאָך געווען שוין אַ פאַרטיגער בעל מלאכה און האָט זיך באַלד צוגע־כאַפּט צו דער אַרבייט. דערווייל איז פאַר מיין ליבע פרוי ווידער שווערער גע־וואָרען. זי האָט דאָך באַדאַרפט נאָכצוקוקען די גרינע ביז זיי האָבען געקענט גיין אויף זייערע אייגענע קעסט. אין דער זעלבער צייט איז נאָך צו מיר גע־קומען צו דער אַרבייט מיין לאַנדסמאַן שמואל מרדכי קאַדליק, און ער איז געווען צופרידען דאָס ער דאַרף ניט מער צו אַרבייטען אום שבת. און דאַן ווי־דער האָב איך צוגעקראָגען אַ סך גרינע וואָס האָבען געוואָלט עפּעס אַן אַרבייט אום צו פאַרדינען אויף צום לעבען, און דאָס בלעק לייאָן יאַרד שטיבעל האָט זיי צו מיר צוגעשיקט.

עס זיינען דאַן אונטערגעקומען די ימים נוראים און מיין פרוי האָט באַ־דאַרפט אַ שוהל. אין בלעק לייאָן יאַרד שטיבעל איז סיי ווי ניט געווען קיין ווייבער שוהל, נאָר אין די איסט־ענד האָט ניט אויסגעפעלט פאַר פרויען וואו צו דאַווגען, אָבער פון עשפּאַרד סטריט איז פאַר איר געווען צו ווייט. פּונקט דאַמאָלט האָבען די הארןאדנער פון ווילק סטריט שוהל געדונגען דעם „טשע־פּעל,״ די קירכע הייסט עס, וואָס איז געווען אין בעטנאַל גרין, אויף צו דאַווי־נען ימים נוראים און אַזוי ווי דאָס איז געווען נאָענט פון עשפּאַרד סטריט בין איך אַהין געגאַנגען אָנפרעגען וועגען אַ פּלאַץ פאַר מיין פרוי צו דאַווגען. האָב איך דאַן געפרעגט די פראַגע וואָס עס וועט זיין נאָך די ימים נוראים, וועט דער פּלאַץ ווערען צוריק אַ קירכע? האָבען מיר די הארןאדנער געענטפערט אַז זיי רעכענען דעם פּלאַץ צו קויפען אָדער צו דינגען אויף אַ שטענדיגער שוהל. האָב איך צו זיי געזאָגט, דאָס אויב זיי וועלען מאַכען פון דעם פּלאַץ אַ שוהל, וועל איך ווערען ביי זיי אַ מיטגליד. אַזוי איז טאַקע געווען. אויף דעם צווייטען יאָר ראש השנה, דאָס איז געווען אין 1905, האָבען זיי שוין געהאַט אָבגעקויפט דעם טשעפּעל און געמאַכט דערפון אַ שוהל, וואָס איז באַקאַנט געוואָרען אַלס די בעטנאַל גרין שוהל, וואָס איז ליידער חרוב געוואָרען אין אָנפאַנג פון היט־לער׳ס מחבלים, ימח שמם, מיט זייער וואַרפען באָמבעס אויף לאָנדאָן.

באַלד ווי מען איז פאַרטיג געוואָרען מיט די אַלע איינריכטונגען אַרום דער שוהל האָט מען זיך גענומען גרינדען די תלמוד תורה אונטער׳ן נאָמען „עברית בעברית״, צו לערנען ענגלישע קינדער רעדען לשון קודש.

מיך פאַרדריסט נאָך איצט אויף מיינע מלמדים וואָרום זיי זיינען נאָר גע־ווען פאַרנומען מיט גמרא און ווידער גמרא, און מער האָט מען ניט געוואָלט לערנען. דאָרום בין איך דאַמאָלט געוואָרען אַזוי גליקליך דאָס איך וועל קענען העלפען מיט וואָס עס איז צו אַזאַ הייליגע אַרבייט. איך האָב באַלד אויסגעפונען וואָס מיר האָט געפעלט. כאָטש איך האָב מיך אין בלעק לייאָן יאַרד שטיבעל

גאַנץ פיין אונטערהאַלטען מיט דעם שטענדיגען קריגעריי און אויך מיט די פעטש וואָס זיינען געפלויגען, מוז איך דאָ באַמערקען, דאָס איך אַליין האָב אויך אַמאָל געפּאַטשט. איך האָב אָבער דאָס נאָר געטון צו דעם יעניגען, וואָס האָט מיך פערזענליך באַליידיגט, און דאָס איז שוין אַזוי ביי מיר געווען אַן אַלטע געוואוינהייט. נאָך דעם לעצטען פּאַטש האָב איך שוין געגעבען אין דער דאָלסטאָן תלמוד תורה אַ קורצע צייט פאַר דער איצטיגער מלחמה. עס איז געווען ווען איך בין געווען אין פאָרזיץ און געפירט אַ מיטינג פון דעם קאָמיטעט. מיינס אַ טרעזשורער האָט זיך פאַרלוירען, ווייל ער איז געווען פאַרליבט אין העלפען אויפשטעלען אַ מאָדערנעם בילדינג פאַר דעם מאָנטעגיו רויד בית המדרש און אַ בית המדרש וואָס האָט געשמעקט מיט הייליקייט אַזוי ווי אין וואַרשאַ איז אים ניט געפעלען. עס האָט זיך אים פאַרגלוסט אַ עלעגאַנט בית המדרש, וואו מ'זאָל זיך קענען פירען מיט דער ווייב צו דער שוהל. האָט דער שיינער יונגערמאַן געוואָלט מקריב זיין די תלמוד תורה פאַר דעם בית המדרש וועגען, ווייל דאָס בילדינג וואָס זיי האָבען אויפגעשטעלט איז געווען אַריבער זייערע קרעפטען. ווען ער האָט ניט געקענט ביי מיר פועל'ן איך זאָל אויך וועלען מקריב זיין די תלמוד תורה צוליב דעם בית המדרש, האָט ער מיר גענומען זער באַליידיגען מיט אַזעלכע זידעל ווערטער וואָס זיינען געווען אַ שאַנדע פאַר דעם גאַנצען קאָמיטעט. בין איך אַראָב פון דעם אויבען־אָן, צוגעגאַנגען צו אים, און אים אַראָבגעלאָזט אַ פּאַטש פון פּאַטשען לאַנד. ער האָט מיר באַלד צוליב געטון און האָט זיך אָבגעזאָגט פון צו זיין טרעזשורער. בין איך פטור געוואָרען פון אַ געגנער צו דער תלמוד תורה.

איך האָב דאָך נאָר געפּאַטשט פאַר אַ צוועק, אָבער דאָרטען, אין בלעק לייאָן יאַרד שטיבעל, האָט מען זיך געפּאַטשט גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין, איבער גאָרנישט, בלויז קליינליכקייטען. און ווען אַפילו עס איז געקומען אַ שמחת תורה, און מען האָט געטאַנצט אין דער גאַס, ווען מען איז געגאַנגען פון איין גבאי צום צווייטען, און דוד'ל האָט זיך געלאָזט מיט אַ טענצעל אין מיטען וועג פון גאַס מיט די פאָלעס זיינע צושפרייט, האָט דאָס מיך אויך ניט באַפרידיגט, ווייל איך בין געוואוינט געווען אין וואַרשאַ ביי די זוואָלינער חסידים צו זען זיך פרייען מיט דער תורה אַנשטענדיג און מ'האָט ניט גע'שיכור'ט אַזוי ווי דאָ, נאָר נאָך דעם ווען מען האָט אויסגעטרונקען אַ פלאַש ווייַן האָט מען די זעלבע פלאַש אָנגעפילט מיט וואַסער און מ'האָט געזאָגט אַ יהי רצון, עס זאָל זיין אַזוי ווי ווייַן און מען האָט זיך משמח געווען ברידערליך און מיט רעספּעקט איינער צום צווייטען אַזוי ווי אידען דאַרפען זיך משמח זיין.

אָבער דאָ אין בלעק לייאָן יאַרד שטיבעל האָט מען געמוזט שיכור'ן, מען האָט זיך ניט געלאָזט אָבנאַרען, פלעגט טאַקע אין דער גרעסטער חדוה אויסברעכען מחלוקת, מען האָט זיך פלוצלינג גענומען זידלען און שרייען „שייגאַץ, דרך ארץ“!“ האָט דאָס דאָזיגע פירעכץ מיך ניט צופרידענגעשטעלט, ביז איך האָב מיך גענומען צו דער תלמוד תורה אַרבייט, און ווען עס איז געלונגען רעווערענד י. ק. גאָלדבלום און מר. אייזען צו עפענען נאָך אַ קלאַס בין איך גע־

ווען גליקליך דאָס איך קען מיט עפּעס צוהעלפען. איך האָב באַלד געברענגט נתן דוד'ן פון בלעק לייאָן יאַרד שטיבעל, ער איז געווען אַ „קאַרפּענטער", און פאַר דרייצען פונט האָט ער געמאַכט נאָך צווי קלאַסען פון פיינע ברעטער מיט גלאָז פענסטער, אַז עס איז געווען אַ מחיה צו קוקען, גאָר נישט ווי אַ פּאַטשער.

געווען זיינען די קלאַסען אין קעלער פון דער שוהל, און אַז עס איז געקו־מען ימים נוראים האָט מען צונומען די ווענט פון די קלאַסען און עס איז גע־וואָרען אַ גרויסער האַלל וואו מען האָט געדאַווענט, און די הכנסה איז געגאַנגען לטובת דער תלמוד תורה. אין שוהל האָב איך געדאַווענט מסופים.

לערער האָט מען געהאַט ריכטיגע פּעדאַגאָגען, ניט קיין היימישע מלמדים וואָס האָבען געקענט שלאָגען די קינדער מער ווי זיי האָבען געקענט לערנען מיט די קינדער. די לערער זיינען געווען מר. בריסקמאַן און מר. ראַם. ביידע האָבען זיך אויסגעצייכענט. איך ווייס דאָס פון ערפאַרונג. מיין נייטי האָט דאָר־טען געלערענט ניט מער ווי ביז פערצען יאָר, האָט ער באַקומען דעם אמת'ן אידישען גייסט, און איך מוז צוגעבען, דאָס כאָטש מיין עלטערער זון, מאיר, האָט געלערענט אין דער ישיבה עץ חיים אַ יאָר באַלד ווי ער איז אַרויס פון חדר און דערנאָך האָט ער נאָך געלערענט ביי אַ לערער אין דער היים ביז זי־בעצען יאָר, פונדעסטוועגען האָט ער ניט מער אידישען גייסט. אויך מיין טאָכ־טער זאָל לעבען, האָט אַ סך צו פאַרדאַנקען מר. בריסקמאַן וואָס זי פלעגט צו אים אַהיים גיין לערנען, כאָטש זי האָט זיך צוגעהערט צו מער הוסטען ווי צו לערנען. נאָר דאָס איז אַ באַזונדערער ענין וואָס אונזערע פאַרזאָרגערס פאַר־נאַכלעסיגען און זען נישט מ'זאָל קענען אונזערע לערער געבען אַ שכירות זיי זאָלען ניט דאַרפען פאַרלירען זייערע הערצער פון לערנען אָן נויטיגע פלעגע און דורך גיין יונגערהייט פון דער וועלט. דאָס איז איינע פון די גרעסטע סקאַנ־דאַלען פון לאָנדאָנער אידישען לעבען, און דאָס איז אויך דער סוד וואָס פאַר־טרייבט יונגעלייט, וואָס וואָלטען געקענט אַ סך אויפטון אין דעם היגזיכט פון חינוך, ווען מען וואָלט געצאָלט צו די לערער גוטע שכירות אום זיי זאָלען קענען האָבען צו מאַכען אַ לעבען. דאָס האָט באַדאַרפט אין זינען האָבען די גאַנצע לאָנדאָנער קהלה.

אפשר וועט נאָך קומען אַ צייט וואָס מען וועט דעם אומרעכט גוט מאַכען. לאָמיר האָפען.

## כא.

## ווידער מר. געלמאַן

ער איז שוין איינמאָל געווען אַ ליטוואַק, איך מיין ניט צו זאָגען אַז איך האָב עפּעס געגען ליטוואַקעס. בטבע האָב איך ליב יעדען אידען ווער עס זאָל ניט זיין, אַבי נאָר אַ איד. אָבער דעם אמת מעג מען זאָגען. צום ביישפּיל, מען

טרעפט אַמאָל אַ אידען וואָס אויפ׳ן קוק קען מען מיינען, אַז ער איז אַ רבי׳לע, צום סוף איז ער בלויז נאָר אַזוי פאַרשטעלט.

ביי אונז אין וואַרשאַ איז געווען אַ ליטוואַק אַ דזשאַנצע אין הויף, וואו מיר האָבען געוואוינט. ווען ער פלעגט צו אונז אַריינקומען, האָט ער ליב געהאַט מיך צו פאַרהערען אין לערנען. איך בין נאָך געווען גאָר אַ קליין אינגעל און דאָך האָב איך ניט געקענט ליידען ווי ער פאַרהערט מיך די גמרא אַן דעם הי־טעל אויפ׳ן קאָפּ. ער פלעגט שבת גיין צום דאַווענען, נאָכער האָט ער געמאַכט קידוש און געגעסען אַ פעטען קוגעל און פאַרביסען מיט אַ מאָגערען סיגאַרע־טעל. ער האָט גאָרניט געמאַכט קיין סוד דערפון, פאַרקערט ער האָט זיך נאָך אַליין באַרימט דערמיט.

מיין ליטוואַק ווידער, מר. געלמאַן, האָט טאַקע געקענט דאָס גאַנצע דאַווענען אויף אויסווייניג און אויך תהלים און אַביסעל תנ״ך. ווען מען האָט אים געפרעגט ווי עס קומט ער זאָל קענען אויף אויסענווייניג, ווען ער באַ־נוצט דאָס ניט, האָט ער געקענט ענטפערען דאָס אַ נאַרישקייט געדענקט זיך.

ער האָט ליב געהאַט צו מאַנדערעווען און מאַכען אַנטיקען. אַמאָל האָט ער געמאַכט אַ געשניצטען עמוד און דאָ וואו מען האָט באַדאַרפט אַריינצושטעלען דעם שויתי, האָט ער אַריינגעשטעלט זיין פאָטאָגראַפיע. ער האָט פאַרלאַנגט דאָס די בעטנאַל גרין שוהל זאָל ביי אים אָבקויפען דעם אַנטיק. און אַז די שוהל האָט געזאָגט, מוחל, מ׳קען זיך באַגיין אַן דעם אַנטיק, איז ער געוואָרען דער שוהל אַ שונא.

איך האָב דאַן געהאַט אַ לאַנדסמאַן פון מיינע חסידים, ישעיה אליוועגשטיין, וועלכער איז געווען אַ שוחט און אַ קאַרפּענטער צו דער זעלבער צייט. וואָס נאָר מען האָט געוואָלט האָט ער געקענט, אָבער צו דעם אַלעמען האָט ער ניט געהאַט וואָס צו עסען.

אַז מען האָט געגרינדעט די בעטנאַל גרין שוהל האָט מען דאָך באַדאַרפט אַ שמש, האָב איך געזען צו דעם אַז מ׳זאָל ישעיה אליוועגשטיין צונעמען פאַר אַ שמש און ער וואָלט געקענט מאַכען אַ פיין לעבען. האָט זיך אָבער אונזער מר. געלמאַן צו אים צוגעשאַרט, און אַ כח הדיבור האָט ער געהאַט, אַז מ׳האָט געקענט מיינען עס איז תורת משה, און ער האָט דעם שמש פאַר אַ שותף צו־גענומען און האָט אָנגעהויבען צו האַלטען מלחמה מיט דער בעטנאַל גרין שוהל און געשריבען בריף צו די צייטונגען. ער האָט נאָך געהאַט אַזאַ כח דאָס מען האָט זיינע בריף געדרוקט.

איך בין געווען דאַן טראַסטי צו דער שוהל און אויך אין דער קאָמיטע פון דער תלמוד תורה. מיט אַמאָל האָט מאַרקס אָדער מרדכי געלמאַן געשריבען אַ בריף מיט קריטיק צו דער שוהל אין צייטונג, און אונטערגעשריבען מיין נאָ־מען, מיך ניט פרעגענדיג צומאָל.

ווען דער קאָמיטעט האָט דערזען אַ בריף אין צייטונג פון מיר איז גע־וואָרען אַ גאַנצער שטורם. עס איז אַ סקאַנדאַל, אַז אַ טראַסטי זאָל שרייבען אין צייטונג געגען זיין שוהל. עס איז ווירקליך געווען זער מיאוס. אָבער וואָס האָב

איך געקענט טון? עס איז דאָך ניט געווען מיט וועמען זיך צו לודענען, ווייל ער איז געווען אַ קבצן. טאָ וואָס וואָלט איך געוואונען ווען איך גייז אויף דאָס ער האָט אונטערגעשריבען מיין נאָמען? אַ סך וואָלטען מיר נישט געגלויבט, ווייל עס איז געווען שווער זיך דאָס פאָרצושטעלען, אַז אַ ליטוואַק אפילו זאָל קענען טון אַזאַ זאַך. און אפשר וואָלטען אייניגע מיר יאָ געגלויבט, אָבער די מערהייט האָט ניט געקענט גלויבען.

עס איז פאָרגעקומען אַ זער שטורעמדיגער מיטינג. איך האָב מיך געמוזט צוהערען ווי מען קאָכט זיך איבער מיר, איינער שטאַרקער פון אַנדערען און איך האָב ניט מער געקענט טון ווי נאָר דאָס אַלעס צו מאַכען צו קליין געלד.

דער רעזולטאַט איז געווען דאָס איך האָב זיך געמוזט אָבזאָגען פון צו זיין אַ טראַסטי צו דער שוהל, און דעם שמש האָט מען טאַקע אין גאַנצען אָוועק־געשיקט, און ער איז געבליבען אָן פּרנסה. זיי האָבען זיך אָבער מיט דער צייט איבערצייגט דאָס איך בין געווען אין גאַנצען אומשולדיג.

אָט דאָס איז געווען מר. מאַרקס געלמאַן, וואָס פון אַלע ליטוואַקעס, וואָס געפינען זיך, האָב איך אים באַדאַרפט צו קריגען איך זאָל ביי אים דאַרפען צו אַרבייטען אַריבער פיר יאָר צייט.

נאָר דרך ארץ האָט ער תמיד געהאַט פאַר מיר, און איך האָב אים נאָך דער געשיכטע נאָך צוגענומען צו דער אַרבייט, נאָר לאַנג האָב איך ניט גע־קענט מיט אים אויסקומען.

כב.

## דאס רעדעל האט זיך גענומען דרייען בארג אראב

געווען איז דאָס אין יאָר 1907, ווען איך האָב זיך געצויגען פון עשפאָרד סטריט צו בעטנאַל גרין רויד, נומער 102. אַזוי ווי דער שטייגער איז ביי יעדען איינעם, דאָס ווען מען אַרבייט זיך אַביסעל אַרויף, הויבט מען אָן ווערען ענגליך די וואוינונג און עס ווילט זיך שוין אַביסעל גרעסער און שענער; אַזוי איז אויך געווען ביי מיר.

אין עשפאָרד סטריט האָב איך מיך אַרויפגעאַרבייט און האָב שוין געהאַט ליגען שיינע הונדערטער פונטען אין באַנק. האָט זיך געגלוסט אַביסעל צו פאַר־גרעסערען די אַרבייט און אויך אַ שענערע דירה. האָב איך דאַן געדונגען אין 102 בעטנאַל גרין רויד אַ הויז מיט אַ זער גרויסער שאָפּ און אַ קעלער, און אי־בער דער שאָפּ איז געווען פיינע גרויסע צימערען אויף צו וואוינען. האָב איך טאַקע באַלד צוגעקראַגען נאָך אַרבייטער און מיין שוואָגער וואָלף טייערשטיין איז אויך דאַמאָלט אַהער געקומען. האָט שוין מיין פרוי ווידער געהאַט נאָכצו־קוקען אַ פרישען גאַסט ביז איר שוועסטער גוטשע איז אַהער געקומען מיט זעקס מאַנאַטען שפּעטער און זי האָט אויך מיטגעבראַנגט איר מוטער, דאָס הייסט מיין שוויגער, וועלכע איז געווען זער פאַנאַטיש פרום און אויך געליטען

אויף אסטמא. זי פלעגט שלאָפֿן אויפֿ׳ן ערשטען שטאָק און איך האָב געהאַט מיין שלאָף־צימער אויפֿ׳ן צווייטען שטאָק.

איינמאָל אין מיטען דער נאַכט הער איך אַ טרעוואָגע מיט אַ קלאַפּעריי, אַזוי ווי ביט גוטע וואָלטען געקלאַפּט. בין איך ניט טויט ניט לעבעדיג אַראָבגע־לאָפֿען זען וואָס דאָס איז אַזוינס, ביז איך האָב אויסגעפֿונען דאָס עס איז מיין שוויגער, אַ ליבטיגען גן־עדן זאָל זי האָבען, וואָס קלאַפּט דאָס אַזוי, און זי זאָגט צו מיר דאָס עס שטיקט איר אין האַלז און קען ניט שלאָפֿען ווייל זי קען דעם אָטעם ניט כאַפּען. איך זאָל פֿאַר איר אויפֿקאָכען אַביסעל הייסע וואַסער צום שלינגען וועט איר בעסער ווערען. האָב איך שוין געהאַט אַ געשעפּט כסדר יע־דער נאַכט צו קאָכען הייסע וואַסער צום שלינגען, מיין שוויגער זאָל קענען שלאָפֿען. איך האָב מיך נאָר ביי איר געבעטען דאָס זי זאָל ניט אַזוי שטאַרק קלאַפּען ווייל זי וועקט אויף די קינדער. צו דעם מאַכט זיך אויך דאָס איך פֿאַר־ליר מיין ישראל׳יקלען צווישען אַ יאָ און ניין.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט אין מיטען נאַכט מיט אַ בויך־ווייטאָג און דער דאָקטאָר פֿון איבער׳ן וועג איז גלייך געקומען און געהייסען אים כאַפּען אין לאָנדאָן האָספּיטאַל, וואו מען האָט אים אָפּערירט, נאָר אום צוועלף אַזייגער האָט ער זיך געזעגענט. ער איז אַלט געווען זעקס יאָר.

ווי משה׳לען האָט מען פריער געמוזט אָפּערירען אין באַרטאָלאָמיוס האָס־פּיטאַל, נאָר צו די אַכט טעג האָט ער זיך מיט אונז געזעגענט. ער איז אַלט גע ווען צוועלף יאָר. עס איז פֿאַר אונז געווען אַ געוואַלטיגער גרויסער קלאַפּ, ווייל ער האָט זיך געוויזען דאָס ער וועט אויפוואַקסען אַ גרויסער געלערנטער.

באַלד נאָך דעם אונגליק איז געקומען דער אַנדערער קלאַפּ מיט ישראל׳יקען. עס האָט ניט מער גענומען ווי אַ פּאָר שעה און מיר האָבען פֿאַר־לוירען אַזאַ שיין און קלוג קינד. דאָס מעסטעל פֿון אונזער וויי און צער איז נאָך ניט געווען פֿאַרפֿולט, ווייל מיט אַנדערטהאַלבען יאָר שפּעטער, איז ווידער גע־קומען אַ שרעקליכער קלאַפּ. מיין פּנחס׳ל, דאָס יונגסטע, נעמט און קריכט אַדורך דעם פֿענסטער און קריכט אַרויף אויף דעם „סקיילייט" פֿון דעם שאַפּ, וואו די ווערקשטאַט איז געווען, און ער פֿאַלט גלייך אַרויף אויף אַ דרייבאַנק. עס איז געווען אום שבת, ווען איך בין געווען ביים דאַווענען. ווען מען האָט מיך אַהיים גערופֿען איז שוין ניט געווען וואָס צו טון.

יעדעס מאָל איז געקומען דער קאַמעניצער מגיד און גע׳דרשנ׳ט. ער האָט אויפגעוויזען מיט ראיות פֿון דער תורה דאָס אַזוי ווי משה׳לע איז געווען אַ גלגול פֿון אַ גרויסער נשמה און איז צו צוועלף יאָר אַוועק פֿון אונז, האָט אונז דער רבונו של עולם געגעבען צוויי קינדער מיר זאָלען זיך מיט זיי אָנפרייען די זעלבע יאָרען, וויילביידע זיינען געווען צו זעקס יאָר אַלט. צוויי מאָל זעקס איז צוועלף.

און אַז דער קאַמעניצער מגיד האָט אַזוי געזאָגט און האָט געבראַכט נאָך באַווייזע פֿון דער תורה, פֿאַרשטייט זיך אַז איך האָב נאָך געמוזט צושטימען און געדאַנקט זיין ליבען נאָמען וואָס ער האָט זיך מיט מיר געטיילט. נאָר דער ווייטאָג איז פֿאָרט געבליבען אויף לאַנגע יאָרען.

יאָ, יאָ, אַמאָל איז געווען אַ פּעדערײשאַן מיט אַ גרויסען רב און מיט אַ גרויסען מגיד, יאָ, אַמאָל איז געווען, אָבער היינט איז דאָ אַ פּעדערײשאַן מיט שוהלען אַן אַ גאון און אַן אַ מגיד. מען נעמט בלויז געלד אויף צו באַגראָבען אידען, און צו ערציען אידען, וואָס זאָלען פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון די באַ־גראָבענע האָט מען איבערגעלאָזט עס זאָל זיך אַליין פירען.

דערווייל האָט מען דאָך געמוזט אין זינען האָבען די אַרבייט. איך האָב דאָך געהאַט אויף מיינע פּלייצעס גאַנצע צען פאַמיליעס אַלץ אייגענע משפחה וואָס האָבען באַדאַרפט צו מאַכען אַ לעבען, איז מיר איינגעפאַלען אַ פּלאַן צו מאַכען פאַראַסאָלען, עס הייסט אַמברעלאָוס צוזאַמען מיט די שטעקענס אַזוי ווי אין וואַרשאַ. און אַזוי ווי דער טאַטע איז דאָך עפּעס געווען אין וואַרשאַ אַ גאַנ־צער מעכאַניק ביי די פאַראַסאָלען, ער האָט געקענט אַליין מאַכען די פּאַרמעס אויף צו שניידען די דעקען צו די פאַראַסאָלען, און טאַקע אַליין שניידען און אויך מאַכען פון די דראַטען גאַנצע געשטעלען פאַר די פאַראַסאָלען, האָט זיך מיר פאַרגלוסט צו טאַנצען אויף צוויי חתונות מיט אַמאָל.

איך האָב אָנגעהויבען באַלד גרויס, גענומען קרעדיט, ווי אין פּסוק שטייט, און איך האָב אַזוי לאַנג געדרייט ביז דאָס רעדעל האָט זיך אַביסעל פאַרהאַקט און עס האָט מיר אָנגעהויבען פעלען קאַפּיטאַל. איז געקומען עפּעס אַ איד און האָט מיר געוויזען שוואַרץ אויף ווייס, אַז אַזוי שטייט געשריבען אין דער אידי־שער צייטונג, דאָס מען וועט מיר באַרגען וויפיל געלד איך דאַרף. דאָס איינצי־גע וואָס איך דאַרף נאַר טון איז אונטערצושרייבען אַ קוויטעל און אַלעס איז פאַרטיג.

איך בין דאָך נאָך דאַמאָלט געווען אונטער די יאָרען, ווי דער פּרק זאָגט „בן ארבעים לבינה”, טאָ האָב איך געגלויבט דעם אידען וואָס האָט מיר גע־זאָגט דאָס עס וועט זיין אַ סוד פאַר גאַנץ בראַד און קיינער וועט ניט אָנהויבען צו וויסען דאָס איך האָב מיר געבאָרגט געלד. האָב איך זיך געטראַכט דאָס מיט דעם געלד וואָס איך וועל מיר באָרגען וועל איך קענען דורכדרייען דאָס רעדעל ביז איך וועל אָרויפאַרבייטען אַ גרויס געשעפט, אַזוי ווי מיין נאָמען שטייט דאָך גאָר הויך, און מען האַלט מיך פאַר אַ גביר.

האָב איך מיך געלאָזט איינרעדען און האָב אונטערגעשריבען אַ קוויטעל און גענומען דאָס געלד.

דער סוף איז געווען דאָס די צווייטע וואָך, ווי נאָר איך בין געקומען, האָט מען מיך געפרעגט צי איך שטיי אַזוי שלעכט דאָס איך וויל מיך באַוואָרענען פאַר מיינע בעלי חובות. בין איך דאָך אָבער אַלע מיינע יאָרען געוואוינט גע־ווען צו לעבען פון „יגיעת כפי”, בין איך מיר געשטאַנען ברייט און ווער עס האָט נאָר מיר געשטעלט אַ פראַגע האָב איך יענעם געענטפערט דאָס אויב ער האָט מורא, קען ער זיך צוריק נעמען זיין סחורה. האָט יענער זיך גאָר ניט איבערגעשראָקען און טאַקע צוריקגענומען זיין סחורה. מיט אַנדערע ווידער האָב איך זיך געמאַטערט און באַצאָלט ביז איך בין געבליבען שטיין מיט מיין גוטען נאָמען און איינגעזען אַז איך מוז אָנהויבען נאָך אַמאָל פון אָנהויב.

דאַן איז שוין מיין מאיר מיט מזל געווען אַ חתן, און ווען איך האָב אים איבערגעגעבען מיין פלאַן האָט דאָס אים נעבאַך ניט אַזוי געשמעקט, אָבער איך האָב מיר אַנדערש ניט געקענט העלפען.

בין איך אין אַ שיינעם טאָג אַדורכגעגאַנגען פיטפילד סטריט און איך בין גאָר דערפרייט געוואָרען צו זען דאָס מיין דירה אין עשפאָרד סטריט, איז נאָך זיבען יאָר וואוינען אין בעטנאַל גרין, פונקט געשטאַנען ליידיג, בין איך גלייך אַריין צו דעם איידזשענט פון דעם עסטייט און האָב צוריק געדונגען מיין דירה פון פריער וואו איך האָב געוואוינט.

איך האָב אַלעס ווידער איינגעשטעלט אויף אַ מאָדערנעם אופן, מיט עלעקטריק און אויך אַלעס אויפגעטון.

אַזוי אַרום האָב איך ווידער אָנגעהויבען צוריק אויפסניי נאָר בלויז אויף אַ קלענערען פאָרמאַט, און גאָט האָט געהאָלפען, איך האָב אָנגעהויבען צו קומען צוריק צו זיך און האָב זיך אָנגעפאַנגען גאַנץ שיין אַרויפצואַרבייטען, נאָר מיט אייניגע מאָנאַטען שפעטער האָט אויסגעבראָכען די מלחמה פון 1914.

## כג.

## א אינצידענט וואס איך האב געהאט

אַ קורצע צייט איידער איך האָב מיך אַוועקגעצויגען פון בעטנאַל גרין צו עשפאָרד סטריט, קומט צו מיר אַריין אַ קריסט און זאָגט מיר דאָס אַזוי ווי ער אַרבייט אין די דאָקס, איז שטענדיג דאָ צונויפצוקלייבען אַזעלכע זאַכען, וואָס קענען מיר צונוץ קומען. צום ביישפיל, ער קען צונויפקלייבען פאַרטריזש קיינס און אויך אַנדערע קיינס. מאַך איך צו אים דאָס אויב ער וועט מיר געבען אַ רעסיט מיט זיין אַדרעס וועל איך פון אים קויפען וואָס ער וועט מיר ברענגען. זאָגט ער יאָ, ער וועט מיר געבען יעדעס מאָל אַ רעסיט פאַר דעם וואָס איך וועל קויפען. האָט ער מיר אָנגעהויבען צו ברענגען אַלע צוויי טעג אַנדערע שטעקענס, אַמאָל פאַרטריזש קיינס אָדער מאלעקעס און מיר יעדעס מאָל טאַקע געגעבען אַ רעסיט פאַר דער סחורה וואָס איך האָב ביי אים געקויפט.

מיט אַמאָל קום איך אַריין צו מיינס אַ סוחר, וואָס איך פלעג פאַר אים אַרבייטען, און אַ סך מאָל פלעג איך פון אים קויפען פאַרטריזש קיינס. דאָס איז געווען מר. דזשייקאָבס, פון טאבערנאקעל סטריט. ווען איך בין אַריינגעקומען עפעס קויפען, נעמט מיך זיין מענש, מר. פיין, אַריבער דעם וועג צו אַ הויז, וואו עס פלעגט געהאַלטען ווערען דער לאַגער, מיר צו ווייזען סחורה פון פאַרטריזש. ווי נאָר איך קום אַריין דאָרטען דערזע איך דעם גוי וואָס האָט מיר פאַרקויפט די סחורות. טאָ אויב אַזוי איז דאָך זיין געשיכטע מיט די דאָקס אַ ליגען, עס איז דאָך גאָר גע'גנב'עטע סחורה. צי דער גוי האָט מיך אויך דער־זען, האָב איך ניט געקענט וויסען, ווייל איך האָב שוין גאָרניט געוואָלט באַקו־

קען, נאָר האָב מיך באַלד אָבגעטראָגען איידער ער דערזעט מיך, און איך גיי גלייך צוריק צו מר. דזשייקאָבס און פרעג ביי אים ווי לאַנג דער שייגעץ אַרבייט ביי אים. איך דערצייל אים די גאַנצע מעשה מיט די דאָקס. איז באַלד מר. דזשייקאָבס מיט זיין מענש מיט מיר אַהיים געגאַנגען, און איך האָב זיי געוויזען אַלעס וואָס איך האָב געקויפט. האָט טאַקע מר. דזשייקאָבס דערקענט אַז עס איז זיין סחורה, און ער האָט מיר געזאָגט איך זאָל צונויפקלייבען אַלע מיינע רעסיטס, און ער וועט מיר צוריק געבען דאָס געלד וואָס איך האָב באַצאָלט, און אויסער די פּאָר פּאַרטריזש קיינס וואָס איך האָב פּאַרנוצט וועט ער מיר דאָס שענקען. נאָר פריער מוז ער אַריינרופען די פּאָליציי. איז זיין מענש, מר. פיין, באַלד אַרויס און געברענגט צוויי דעטעקטיווס, און מען האָט זיי אַלעס געוויזען וואָס איך האָב געקויפט. איך האָב זיי געצייגט מיינע רעסיטס און זיי געזאָגט וואָס מר. דזשייקאָבס האָט מיר געזאָגט, אַז ער וועט מיר צוריק געבען אַלעס וואָס איך האָב באַצאָלט. די דעטעקטיווס האָבען אַלעס באַשטעטיגט, און זיי האָבען פון מיר פאַרלאַנגט צו זיין אַן עדות. האָב איך באַדאַרפט מיט זיי גיין צו אַן אַדוואָקאַט און אים איבערגעבען אַלעס וואָס עס האָט פּאַסירט.

די דעטעקטיווס האָבען אַרעסטירט ניט נאָר איין גוי נאָר גאַנצע פיר. עס איז געווען אַ גאַנצער „קליק" פון זיי, און איך בין געווען דער הויפּט עדות אין אָלד סטריט פּאָליס קאורט. איינער פון זיי האָט געקראָגען צוועלף מאָנאַטען תפיסה, אַ צווייטער ניין מאָנאַטען, און די אַנדערע צוויי שקצים צו זעקס מאָנאַטען תפיסה.

דאָס האָב איך געהאַט אַ צולאָג צו דעם וואָס איך האָב געהאַט איבערצוטראָגען שרעקליכע איבערלעבענישען אין דער דירה פון בעטנאַל גרין, נאָר מען טאָר ניט זינדיגען....

## כד.

## איך צי זיך איבער צו רעקטארי רויד

ווען די מלחמה פון 1914 האָט אויסגעבראָכען בין איך מיט מיין פאַמיליע ווי אויך מיין מאיר'ס כלה געווען אַוועק אויף פרישע לופט. עס איז גראָדע געווען „בענק האָלידעיס". מיר זיינען אַלע געווען אין שובערינעס. דאָס איז דאַמאָלט געווען אַ געהויבענע ים שטאָדט.

ווען מ'האָט זיך אין אַ שיינעם פרימאָרגען אויפגעכאַפּט, האָט מען דערהערט די נייעס, אַז עס האָט אויסגעבראָכען מלחמה. עס איז געוואָרען אַ שרעקליכע מהומה. דער עולם האָט אָנגעהויבען צו לויפען צו זיין היים, און באַלד האָבען זיך די געשעפטען אין גאַנצען אָבגעשטעלט. די רעגירונג האָט אַרויסגעגעבען אַ מאָריטאָריום דאָס קיינער טאָר ניט מאָנען ביי דעם צווייטען קיין חובות. עס האָט אויסגעקוקט ווי די וועלט זאָל זיך אויסלאָזען. אַזוי האָט דאָס אָנגעהאַלטען גאַנצע דריי מאָנאַטען. עס איז ניט געווען קיין שטאָך אַרבייט ביי קיינעם, ביז עס האָט זיך גענומען איינשטעלען צו ביסלעך.

ביי מיר האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט אַביסעל „סוועגערס“, דאָס איז געווען אַזעלכע קורצע שטעקלעך פאַר די סאָלדאַטען, וואָס זיי פלעגען האַלטען אין האַנד ווען זיי זיינען געגאַנגען אין גאַס. נאָכער האָט מען זיך אָנגעהויבען צו באַרוהיגען און עס האָט זיך איינגעשטעלט די געוויינליכע אַרבייט, יעדער אין זיין פאַך. עס האָט זיך באַלד אָנגעהויבען אַ פאַרלאַנג נאָך סחורה. דער עולם האָט אָנגעפאַנגען מאַכען געלד, ווייל עס האָבען אָנגעהויבען שטייגען די פרייזען פון סחורות מיט יעדען טאָג. איך האָב באַלד געמאַכט אַ נייעס, איך האָב געמאַכט אַ אימיטאַציע העבענע געפיגערט האָלץ, און אַזוי ווי דער האַנדעל מיט דייטשלאַנד האָט אין גאַנצען אויפגעהערט, האָב איך טאַקע געמאַכט פיינע געשעפטען מיט מיין נייע ערפינדונג, ווייל מיין אַרבייט פלעגט פריער אַריינקומען פון דייטשלאַנד זער אַ סך. היינט, אַז עס האָט אויפגעהערט דער האַנדעל מיט'ן דייטש, האָט מען טאַקע ביי מיר געריסען פון די הענד, און מיט אַ יאָר שפּעטער האָב איך מיין מאיר'ן חתונה געמאַכט בכבוד גדול.

באַלד דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבען אַ סדרה מיט'ן מיליטער, און בחורים האָבען געשווינט חתונה געהאַט, ווייל באַווייבטע זיינען געווען פריי פון מיליטער כדין המדינה, און מיט אַ צייט שפּעטער האָט מען ערשט חתונה געהאַט כדת משה. אָבער עס האָט ניט לאַנג געדויערט, ווייל מיט אַ יאָר שפּעטער האָט מען שוין גענומען אַלעמען, אַפילו „פּאָרענע„ אויך, און די וואָס האָבען נישט געוואָלט דאָ זיין קיין סאָלדאַטען האָבען געמוזט אַוועק נאָך רוסלאַנד דאָרטען צו דינען. נאָר מיין פיליפּ האָט באַלד אַליין זיך צוגעשטעלט צום מיליטער, און ער איז דורכגעגאַנגען די גאַנצע מלחמה ביז צו דער ענדע, און מיט מאיר'ן האָב איך געהאַט אַ סך מיטצומאַכען.

מיין ערשטער אייניקעל בערט, בעריל, איז געבוירען געוואָרען פונקט ווען מען האָט געוואָרפען באָמבעס פון די צעפּעלינס, און אַ צעפּעלין איז דאַמאָלט אַראָבגעשאָסען געוואָרען אין קאָפּלי, נעבען לאָנדאָן.

אַז איך בין ווייטער געקומען צו זיך האָט שוין עשפאָרד סטריט נישט געטויגט אָדער ניט געפּאַסט צו וואוינען, האָב איך שוין געקויפט אַ אייגען הויז אין נומער זעכציג רעקטאָרי רויד, און די דירה פון עשפאָרד סטריט האָב איך פאַרדונגען צו אַ אָרענטליכען קריסט פון מיין פאַך, וועלכער פלעגט אַהיים קומענדיג פון זיין אַרבייט מיר העלפען.

ביז איך האָב מיך געצויגען צו רעקטאָרי רויד האָב איך אַלץ געדאַוועגט אין בלעק לייאָן יאַרד שטיבעל, נאָר אַזוי ווי אַציגד איז שוין געווען צו ווייט צו גיין צום דאַווענען אין בלעק לייאָן יאַרד שטיבעל, האָב איך זיך געטראַכט דאָס איך וועל שוין אין גאַנצען אָבלאָזען מיט די חסידים. איך האָב שוין געהאַט גענוג. איך וועל ליבערשט זיין אַ בעל הבית אין אַ שוהל, און איך וועל שוין ניט דאַרפען צו זען ווי מען גיט זיך פעטש, און תמיד יאַרידעם און קריגערייען.

האָב איך אָבגעמאַכט מיין מיינונג יעדען שבת צו גיין צו אַן אַנדער שוהל, און זיך צופּאַסען וואו עס וועט פאַר מיר זיין בעסער וואו צו דאַווענען. קום איך אַריין אין אַ שבת צו שעקעוועל ליין יונייטעד שוהל, געפעלט מיר באַלד דער

אַרייַנגאַנג און איך באַמערק אַ פּלאַץ וואו מ׳קען אַוועקהענגען די מלבושים און אויך די היטלעך. נעם איך און מאַך מיר באַקוועם און הענג אויף מיין צילינדער הוט, ווייל איך בין נאָך געוואוינט געווען צו טראָגען שבת דעם שבת׳דיגען הוט, אַזוי ווי עס איז נאָך דאַמאָלט געווען די מאָדע.

הכלל, אַוועקגעהאַנגען דעם ראָק און דעם צילענדער הוט, גיי איך מיר בּרייט אַריין אין שול מיט דעם קאַפּעל, שטעלט מיך אָבּער אָב דער שמש ביי דער טיר, און פרעגט ביי מיר וואו מיין הוט איז. אין פלוג האָב איך געמיינט אַז אפשר האָב איך חס ושלום פאַרגעסען דאָס קאַפּעל. נו, גיב איך מיר אַ טאַפּ ביים קאָפּ און געפין דאָס איך גיי אין קאַפּעל. גיב איך שוין אַ זאָג צום שמש, אַז איך גיי דאָך אין קאַפּעל אויפ׳ן קאָפּ, גיט דער שמש אַ קוק אויף מיר און זאָגט צו מיר אויף ענגליש:

— באַט, יו קענאָט גאָ אין לייק דעט !

גיב איך שוין אויך אַ זאָג צום שמש אויף ענגליש:

— ווײַ, וואָצעמעדער ?

ענטפערט מיר דער שמש:

— יו וויל לוק לייק משוגע !

טראַכט איך זיך, עס איז פאַרפאַלען, איך מוז צוריק נעמען מיין הוט. קיין משוגענער וויל איך נישט אויסקוקען.

ווען איך האָב מיך דערנאָך אַרומגעקוקט אין שוהל האָב איך געזען ווי די אידען אין די צילענדערס האָבען געהאַלטען אין איין הויבען די הוטען, ווייל עס איז זיי געווען שווערליך צו טראָגען די צילינדערס אַזאַ לאַנגע צייט אויפ׳ן קאָפּ. האָב איך שוין פאַרגעסען אין מיינע צרות און געהאַט רחמנות אויף די מתפללים.

עס איז אָבער אונטערגעגאַנגען דער צילינדער מנהג, ווייל עס איז געוואָרען אַ מאָדע אַרומצוגיין אָן הוטען אין גאַנצען, נאָר ווען מען קומט צו דער שוהל האָט מען ביי זיך גרייט אַ קאַפּעל צו נעמען אויפ׳ן קאָפּ.

אַזוי אַרום האָב איך דערלעבט נקמה אין דעם שמש, וואָס האָט מיר געזאָגט אַז אויב איך וועל אַריינגיין אין שוהל מיט אַ קאַפּעל וועל איך אויסקוקען ווי משוגע.

כה.

## איך ווער ווידער אַ מאַכער ביי חסידים

אַז איך בין געוואָרען אונצופרידען מיט די שוהלען, בין איך אין אַ שבת אַריין דאַווענען אין סאַנדרינגהאַם רויד בית המדרש. אויף דעם ערשטען קוק איז מיר געפעלען געוואָרען, ווייל דער בית המדרש איז געמאַכט געוואָרען פון אַ פלאַץ וואָס איז פריער געווען אַ טאַנץ זאַל. עס איז אויך געווען פאַר פרויען צו דאַווענען מיט אַ באַזונדערען אַריינגאַנג צו אַ פרויען אָבטיילונג. מיר איז אָבער נים געפעלען געוואָרען די האַלטונג פון די מתפללים. מיט דעם אויסנאַם פון אַ דריי־פיר אידען, זיינען אַלע געווען עסטרייכער און זיי האָבען זיך געהאַלטען ווי זיי אַליין וואָלטען געווען די אמת׳ע „אתה בחרתנו׳קעס״.

איך ווייס נישט וואָס עס איז אַזוי די גדולה מיט זיי. אין בלעק לייאָן יאַרד שטיבעל האָב איך דאָס נישט געמערקט ווייל דאָרטען זיינען געווען בלויז אַ קליינע צאָל עסטרייכער, ס׳מערסט זיינען געווען פוילישע אידען, האָבען זיי זיך געהאַלטען ווי מען דאַרף. דאָ אָבער איז געווען פאַרקערט, ס׳מערסט עסט־רייכער. דעם אמת מעג מען זאָגען, די פוילישע אידען זיינען תמיד געווען גרע־סערע למדנים און גרעסערע יחסנים, פונדעסטוועגען האָבען די עסטרייכער גע־קוקט אויף די פוילישע אידען מיט אַזאַ ביטול, ווי מען קוקט אויף נידעריגע באַשעפענישען.

כאָטש איך האָב דאָרטען געטראָפען אידען, וועלכע האָבען אויך פריער געדאַווענט אין בלעק לייאָן יאַרד שטיבעל און האָבען מיך גאַנץ גוט געקענט, אַ שטייגער ווי יאָסעלע הינער הענדלער, וועלכער האָט שוין איצט געהייסען מר.

, איז ער אויך שוין ניט געווען דער זעלבער יאָסעלע ווי אין בלעק לייאָן יאַרד שטיבעל. האָב איך דאָס ניט געקענט פאַרנעמען, און איך האָב איין שבת באַזוכט דעם מנין אין קעזענאָוו רויד, נומער דריי און צוואַנציג, ביי מר. גאָלד־בערג. דאָס איז מיר שוין געפעלען געווען. עס זיינען דאָרטען אויך געווען איי־ניגע עסטרייכער, אָבער דאָס רוב זיינען געווען פוילישע אָדער רוסישע אידען. איבערהויפט איז דער בעל הבית, מר. גאָלדבערג געווען אַ פוילישער איד, האָט זיך שוין געפילט אַ ברידערליכע אַטמאָספערע, און די קינדער פון מר. גאָלד־בערג׳ן האָבען צו יעדען איינעם אַרויסגעוויזען אַזאַ מין ווערלקאָם, וואָס האָט געמאַכט יעדען איינעם זיך פילען היימיש. האָב איך טאַקע שוין דאָרטען כסדר געדאַווענט.

מאַכט זיך אָבער איינמאָל אין אַ שבת איז אין מיטען דאַווענען געוואָרען אַ וואָרנונג פון אַ לופט אָנפאַל. דער רבי בלאַך איז אַרויפגעלאָפען אויפ׳ן ערש־טען שטאָק און זיך באַהאַלטען אין אַ שלאָף צימער. דער גאַנצער עולם איז זיך צולאָפען, יעדער צו זיך אַהיים. און אַז איך בין דעם צווייטען שבת געקומען צום דאַווענען האָב איך שוין קיינעם נישט געטראָפען, ווייל אַלע זיינען זיי אַוועק פון לאָנדאָן. דער מנין האָט זיך צוריקגעקערט נאָך דעם ווי די מלחמה האָט זיך געענדיגט. מען האָט געקויפט דעם „פריהאָלד" און מען האָט געגרינדעט דאָס גראָוו לייין בית המדרש.

אין דער צווישען צייט האָב איך געזאָגט קדיש נאָך מיין טאַטען, ע"ה, וועלכער איז דורך אַ סיבה מיט דעם טרעמוויי געפאַלען און איז אָבגעלעגען צוועלף וואָכען און זיך געזעגענט. האָב איך געמוזט צוריקגייען צו דעם סאַנד־רינגהאַם רויד בית המדרש. מיט אַ קורצער צייט שפּעטער האָט זיך דאָרטען געמאַכט אַ מחלוקה, און אַרויסגעקומען איז די מחלוקה טאַקע צוליב דער פירונג פון דעם אַלטען משה שמואל שיף. כאָטש יעדער איינער האָט געצאָלט צו דעם אויפהאַלט פון בית המדרש און מר. שיף האָט נישט קיין שום זאַך מער געגע־בען פון יעדען איינעם, פונדעסטוועגען האָט ער זיך געהאַלטען פאַר דעם גאַנ־צען בעל הבית, ווייל ער האָט געהאַט גענומען דעם פּלאַץ אויף זיין נאָמען. האָט מען אין דער שטיל אָנגעהויבען צו רופען מיטינגען, אויף איינעם פון זיי האָט מען מיך אויך געבעטען. דער מיטינג איז געהאַלטען געוואָרען ביי מר.

רייך אין שטוב, ער האָט געוואוינט נעבען דעם בית המדרש. מר. רייך׳ן האָב איך געגליכען, ער איז געווען אַ זעלטענער גוטער בעל תפילה און בעל מנגן. האָב איך זיך אויף דעם מיטינג אַנגעהערט מיט זאַכען, וואָס איך האָב גאָר ניט געקענט פאַרשטיין ווארום עס איז גאָר באַלד פון אָנהויב צוגעלאָזט געוואָרען צו אַזאַ מין פירעכץ, בין איך צוגעשטאַנען צו דער אָפּאָזיציע. שפּעטער איז פאָרגעקומען אַ פאָרמאַלנער מיטינג אין בית המדרש מיט מר. מייקעל שיף, דעם אַלטען שיף׳ס אַ ברודער אין פאַרזיץ. עס איז אויך געווען דעם אַלטענ׳ס זון וואָלף שיף, וועלכער האָט נאַטירליך געהאַלטען מיט זיין פאָטער און קיינער פון די אַלע העצערס האָט אַ מויל ניט געעפענט צו זאָגען עפּעס. נאָר עס איז געבליבען פאַר מיר צו זאָגען איינעגע ווערטער, און איך רוף זיך אָן צו מר. שיף:

— איר פירט זיך דאָך גאָר מאָדנע. איר זענט פּרעזידענט, גבאי און טרעזשורער, טאָ ווי קענט איר ערוואַרטען אַז דער עולם זאָל ניט מורמלען? זייט זיך בלויז פּרעזידענט, זיצט טאָקע אויבען־אָן, דאַן וועט איר קענען האָבען כּבוד. פון דריי אַמטען קענט איר קיין כּבוד ניט ערוואַרטען. אויב איר נעמט ביי איינעם צען שילינג אָדער אַ פונט אויף אַ דבר מצוה, קענט איר דאָס נישט אָוועקשיקען בלויז אין אייער נאָמען אַליין.

הכלל, נאָך דעם ווי איך האָב אָבגערעדט האָט זיך שוין אָנגעהויבען אַ רעדעריי. מען האָט שוין געקראָגען קוראַזש צו רעדען, האָט שוין יעדער גערעדט ביז דער אַלטער שיף האָט נאָכגעגעבען און געמאַכט יאָסעלע רייכער פאַר גבאי. אַז עס איז געקומען שבת נאָכ׳ן מיטינג, מאַכט מיר דער אַלטער שיף אַ מי שברך און מען דערלאַנגט זיך די הענד גאָר פריינדליך. מיין איך דאָך אַז אַלעס איז שוין אין אָרדנונג, איז דאָך אודאי גוט. צום סוף לאָזט זיך אויס, אַז עס איז געווען בלויז אַזאַ אָנשטעל. יאָסעלע הינער הענדלער נעמט מיר גאָר אָנטון צו להכעיס שטיקלעך, ביז עס איז מיר נמאס געוואָרען דער גאַנצער עסק.

עס איז שוין פריער מיט אַ שטיקעל צייט צוריק אויך אַרויס אַ מחלוקה און מר. לואיס ריקעל האָט צוליב דעם איבערגעלאָזט שיף׳ן זיין בית המדרש, און צוזאַמען מיט אַלע פּוילישע אידען, וואָס זיינען געקומען פון בעלגיען, ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכען, און געדאַווענט אין דעם בית המדרש, געגרינדעט אַ אַנדער בית המדרש אין צוויי און זעכציג קאַלוועסטאָן קרעסענט. בין איך אויך אַהין אַוועק צו זיי מיט מיינע פּאָר אַדיוטאַנטען און אויך איבערגעלאָזט יאָסעלע הינער הענדלער מיט שיף׳ס בית המדרש...

כו.

## דער בית המדרש אין קעלוועסטאָן קרעסענט

ווי איך האָב שוין באַמערקט איז דער קאַלוועסטאָן קרעסענט בית המדרש געגרינדעט געוואָרען פון מר. לואיס ריקעל. אַליין איז ער געווען אַ עסטרייכער איד און האָט פאַרמאָגט זיין אייגענס עטליכע עלטערע טעכטער. אַזוי ווי

די מלחמה האָט אָהער געברענגט אייניגע פוילישע יונגעלייטלעך פון בעלגיען, האָט זיי מר. ריקעל געגומען פאַר איידעמס. איינער פון זיי איז געווען ישראל ארלינסקי, דער צווייטער קליינמאַן. מר. ריקעל האָט זיי געגעבען אַ שיינעם נדן און ביידע שוואָגערס זיינען געוואָרען קליידער פאַבריקאַנטען אונטער דעם נאָמען אָרלינסקי און קליינמאַן.

ווען איך בין אַריין אין נייעם בית המדרש האָט מיך מר. ריקעל גאַנץ שיין אויפגענומען, און מיך באַלד געמאַכט פאַר גבאי מיט נאָך איינעם אַ עסטרייכער, ר׳ אברהם. האָט מען מיך גערופען גבאי און ר׳ אברהם׳ן האָט מען אויך גערופען גבאי. איך האָב זיך באַלד גענומען איינפירען דאָס דער בית המדרש זאָל זיך פירען ריכטיג, ווי עס דאַרף זיך פירען, מיט ריכטיגע ביכער און אויך חסידיש, נישט בטלניש, נאָר דעמאָקראַטיש.

צום סוף לאָזט זיך גאָר אויס דאָס זעלבע ווי אין שיף׳ס בית המדרש. עס איז געקומען צו מחלוקה. דאָס האָט געפירט צו דעם אַז מר. ריקעל מיט זיינע איידעמס און די פאָר עסטרייכער אידען זיינען אַרויס פון דעם בית המדרש, און זיך געמאַכט אַ מנין אין הויז פון מר. ריקעל, וואָס איז ניט געווען ווייט פון דעם בית המדרש אין קאַלוועסטאָן קרעסענט. אַלע פוילישע אידען זיינען געבליבען מיט מיר. דאַן האָבען מיר געמאַכט פיר טראַסטיס, וואָס זיינען באַשטאַנען פון ר׳ זעליג שעמיען, מרדכי כהן, בערל וויספאַגעל און איך אַליין. מיר האָבען יעדער אויסגעבאָרגט צו פופציג פונט און מ׳האָט געקויפט דאָס הויז און מר. סאיע, כהן׳ס איידעם, האָט געגעבען דעם מאָרטגיידזש.

אין אַ קורצער צייט זיינען צוגעקומען גאַנץ פיינע אידען, ווי ר׳ משה פלאָצקער, דוד טשעכאנאווער, און נאָך אייניגע חסידישע אידען פון בלעק לייאָן יאַרד שטיבעל.

דאָס קאַלוועסטאָן קרעסענט בית המדרש האָט געקראָגען אַ נאָמען אין גאַנצען דאַלסטאָנער געגענד. מיר האָבען זיך אויך פאַראייניגט מיט דעם מאָנ־טעגיו רויד בית המדרש און מיר האָבען געמאַכט ביישטייערונגען פאַר דעם אויפהאַלט פון רבי יעקב ראַבינאָוויטש, ז״ל. יעדען יום טוב פלעגט קומען דער רב האַלטען אַ דרשה, און ווי נאָר עפּעס אַ אדם חשוב פלעגט אַריבערקומען און געפינען אַ היימישע סביבה וואו צו פאַרברענגען. ביי ר׳ זעליג שעמיען, ע״ה, איז תמיד געווען פאַר אַזעלכע אידען וואו צו שלאָפען און עסען, ווי לאַנג נאָר זיי האָבען געוואָלט זיין. ווען עס איז געקומען אַ יום טוב, ספּעציעל אַ שמחת תורה, איז דער גאַנצער געגענד באַגייסטערט געוואָרען ווי מ׳האָט פאַרברענגט און זיך געפרייט אמת ברידערליך, און אויך געטרונקען ווי אידען דאַרפען צו טרינקען.

דאָרטען האָב איך שוין די גאַנצע צייט געדאַווענט ביז די תלמוד תורה פון דאַלסטאַן האָט פון מיר געפאָדערט דאָס איך זאָל דאַווענען אין תלמוד תורה מנין. אַזוי ווי איך בין שוין געווען אייניגע יאָר דער פרעזידענט פון דער ת״ת, האָב איך געמוזט צוליב טון דעם קאָמיטעט און אָנגעפאַנגען צו דאַווענען אין דער דאַלסטאַן תלמוד תורה.

דער קאַלוועסטאָן קרעסענט בית המדרש האָט עקזיסטירט ביז היטלער, ימח שמו, האָט אַהער געשיקט זיינע מחבלים, און מיט אַ באָמבע אויף אַ שעל־טער איז אומגעקומען ר׳ זעליג שעמיען מיט זיין משפחה, און דער בית המדרש איז, ליידער, אונטערגעגאַנגען.

## כז.

# מיין שוואָגער וואָלף טייערשטיין

ווען איך בין אַוועק פון וואַרשע איז מיין שוועגערין גוטשע אַלט געווען אַרום צוועלף יאָר. זי איז געווען אַ פיין קינד און זי פלעגט העלפען מיין ליבע פרוי, איר שוועסטער, ווען זי האָט נאָר געקענט. ווען מיין פרוי איז געווען אין קינפעט איז גוטשעלע אין גאַנצען געווען ביי מיר. מיט שלאָפען איז קיינמאָל ניט געווען קיין דאגה אין וואַרשע, מ׳האָט זיך געלייגט וואו נאָר מ׳האָט גע־קענט. אויף דעם בעסטען פּלאַץ איז געווען ביי מיר אין בעט צופוסענס אין דער ברייט פון בעט. האָב איך טאַקע אַ גאַנצע נאַכט געמוזט אין זינען האָבען איך זאָל ניט געבען אַ צו שטאַרקען צי אויס מיינע פיס, ווייל דאַן וואָלט איך דאָך מיין גוטשעלען געגעבען אַ שטאַרקען קלאַפּ. האָב איך איר זער געגליכען און ווען זי האָט חתונה געהאַט און באַלד דערנאָך געוואָלט קומען צו מיר אין לאָנדאָן בין איך זער צופרידען געווען. איך בין תמיד געווען גרייט יעדען פון דער פאַמיליע צו העלפען, ווער עס האָט נאָר געוואָלט אַהער קומען נאָך לאָנ־דאָן. עס איז ביי מיר געווען ווי אַרויסצוראַטעווען פון גיהנום. איך האָב ניט געהאַט קיין חשק צו שיקען געלד נאָך פוילען אָבער העלפען אַהערצוקומען איז פאַר מיר קיין שום זאַך נישט צו שווער געווען.

מיין שוואָגער איז פריער אַליין אַהער געקומען, און אַזוי ווי ער איז געווען אַ איינבינדער, איז פאַר אים געווען שווער צו קריגען אַ פּלאַץ, ווייל די איינ־בינדעריי אין לאָנדאָן איז געווען אין גוי׳אישע הענד, און קיין איד האָט ניט געקענט צוקומען צו דעם פאַך, כאָטש ענגלאַנד איז דאָך אַ פרייע און דעמאָ־קראַטישע מדינה. די פאַכען אין וועלכע אידען זיינען געווען באַשעפטיגט האָבען זיי דאָ אַליין איינגעפירט, אַ שטייגער ווי שניידעריי אָדער סטאָלעריי. האָט מיין שוואָגער געמוזט אַרבייטען ביי מיר, און אַז מיט זעקס מאָנאַטען שפּעטער איז אַריבערגעקומען מיין שוועגערין גוטשע, האָב איך דאַן איינגעזען, אַז עס וועט ניט זיין קיין תכלית פאַר מיין שוואָגער צו אַרבייטען ביי מיר. האָב איך מיך באַמיט און געפונען פאַר אים אַ פּלאַץ ביי מיינס אַ לאַנדסמאַן, אַ מר. פעלד, וואָס האָט געמאַכט רייזע קאָסטענס.

מאַכט זיך אַ מעשה צו יענער צייט, דאָס אַזוי ווי די פעדערייטעד שוהלען האָט אויפגענומען אַ ביי׳עם רב אויף דעם פּלאַץ פון הרב חייקין, וועלכער איז אַוועקגעפאָרען נאָך ארץ ישראל און דאָס איז געווען רבי דר. יאַנג, אַ זעלטע־נער רב מיט גרויסע ידיעות, האָט ער דאָ געגומען איינפירען אַזאַ סקול אויף צו

לערנען די היגע קינדער אַ פאַך צו קענען פאַרדינען און אויך צו לערנען אי־דישקייט צו דער זעלבער צייט. דאָס איז געווען אַ זער וויכטיגע אונטערנעמונג, אַ קליינינקייט, מען האָט געלערענט קינדער צו זיין שניידער אָדער סטאָלאָ־רעס, גוטע אַרביטער, און דערביי אויך געלערענט די קינדער צו זיין גוטע און געלערענטע אידען. ווען דאָס וואָלט זיך געווען איינגעגעבען וואָלט מען איצטער געהאַט אַ בעסערע יוגענט. ליידער האָבען אונזערע גדולים דאָס ניט געוואָלט איינזען און האָבען דעם גרויסען רבי יאנג נישט געוואָלט שטיצען אין זיין אונטערנעמונג. פלעגט דער רב אַליין מוזען אַרומגיין קלייבען נדבות פאַר דעם צוועק, און אַזוי ווי איך בין שוין געווען אַ באַקאַנטער בעל הבית, איז ער צו מיר אויך געקומען וועגען שטיצע. האָב איך מיך מיט אים צורעדט און ער האָט מיר דערציילט דאָס ער גייט עפענען אַ קלאַס פון רייזע קעסטלעך אויך אין זיין סקול, און ער זוכט אַ אידישען מענשען צו זיין דער אויפזעהער און וואָס זאָל קענען לערנען די קינדער דאָס פאַך. האָב איך אים געזאָגט דאָס איך האָב אַ שוואָגער, וואָס אַרבייט ביי די רייזע קעסטלעך און ער וואָלט פונקט גוט געווען פאַר אים, ווייל ער איז אַ פרומער איד און אַ גוטער אַרבייטער.

דאָס איז דעם רב יאנג געפעלען געוואָרען, און ער האָט טאַקע צוגענומען מיין שוואָגער ער זאָל זיין דער גאַנצער בעל הבית איבער דער קלאַס. אַזוי אַרום האָט זיך מיין שוואָגער באַקענט מיט דעם גאַנצען פאַך פון די רייזע קאַס־טענס, וואו מען קויפט די אַלע מאַטעריאַלען און שלעסער און אַלע צודאַטען..

דר. יאנג האָט ליידער געמוזט אויפגעבען זיין גאַנצען פלאַן, ווייל די לאַנ־דאָנער גדולים האָבען ניט געוואוסט גענוג אָבצושאַצען אַזאַ וויכטיגע אונטער־נעמונג. די אידישע פאַבריקאַנטען זיינען אויך געווען דאַגעגען. זיי האָבען מורא געהאַט דאָס עס וועט זיי שאַדען. דער סוף איז געווען אַז מיין שוואָגער איז געבליבען אָן אַ פלאַץ ביז וואַנען ער האָט אָנגעפאַנגען צו אַרבייטען פאַר זיך אַליין.

געוואוינט האָט ער דאַמאָלט אין די שאָרדיטש קאונטי קאונסיל פלעטס. ער האָט געהאַט אַ פיינע דירה, אָבער דאָך האָט ער ניט געקענט דאָרטען אַר־בייטען. ער האָט זיך געמוזט ציהען אין אַ קליין הייזקעלע ערגעץ אין אַ געסעל פון בעטנאַל גרין, וואו ער האָט זיך געמוטשעט, נאָר ווען איך האָב זיך צוריק־געצויגען נאָך עשפאָרד סטריט פון בעטנאַל גרין, האָב איך פאַר אים אויך גע־קראָגען אַ הויז אין קראַנדעל סטריט, האָקסטאָן סטריט, ניט ווייט פון מיר. דאָרט איז געווען אַ הויז מיט קעלערס צו אַרבייטען, האָט מיין שוואָגער שוין געהאַט זיך וואו צו רירען גראַם צו דער אַרבייט, און אויך וואו צו מאַכען ברית׳ן, ווייל מיין שוועגערין גוטשע איז ניט געווען ווי די היינטיגע מאָדערנע ווייבלעך, וואָס האָבען מורא פאַר אַ קינד.

מיט אַ קורצער צייט נאָך דעם האָט אויסגעבראָכען די מלחמה פון 1914, האָט ער זיך אָנגעהויבען אַרויפצואַרבייטען, און ווען איך האָב זיך געצויגען נאָך רעקטאָרי רויד, סטאָק ניואינגטאָן, האָב איך מיט זעקס מאָנאַטען שפּעטער אויך געקראָגען אַ הויז אין נומער 73 רעקטאָרי רויד, וואָס ער האָט שוין גע־

קויפט אויף צו וואוינען, און פאַר דער פאַבריק זיינער האָט ער געקראָגען אַ גרויסען פּלאַץ אין טשארטש סטריט, בעטנאַל גרין. אַביסעל שפּעטער האָט ער שוין געקויפט אַ גרויסע פאַבריק אונטער דעם מעטראָפּאָליטאַן האָספּיטאַל אין קינגסלאַנד רויד, און ער פלעגט תמיד מיט מיר גיין דאַוונען וואו נאָר איך האָב געדאַוונט.

מיט אייניגע יאָר נאָך דעם האָט ער געקויפט צוויי פּריהאָלד הייזער אין אַמהורסט רויד, העקני, און צוליב אָט די צוויי הייזער האָב איך מיך צוואָרטעלט מיט מיין שוואָגער, ווייל דאָס זיינען די צוויי הייזער, וואָס די דאַלסטאַן תלמוד תורה האָט ביי אים אָבגעקויפט, ווען ער האָט זיך געצויגען צו סטווען סיסטערס רויד, וואו ער האָט געקויפט גאָר אַ שיינע מאָדערנע פּריהאָלד הויז. און ער האָט שוין געהאַט פריער געקויפט אַ פּלאַץ אין טאָטענהאַם, וואו ער האָט געבויט אַ זער גרויסע פאַבריק אויף צו אַרבייטען.

כח.

## איך העלף געווינען די מלחמה פאַר ענגלאַנד

עס איז געווען צום סוף 1916, ווען די מלחמה האָט נאָך געהאַלטען שלעכט און רוסלאַנד איז שוין געשטאַנען ביים אַרויספאַלען, און אַמעריקאַ האָט נאָך נישט באַוויזען קיין וואונדער. מען האָט דאַן אָנגעפאַנגען צו רופען צום מיליטער ביז פינף און פערציג יאָריגע מענשען. זייענדיג שוין אַ ענגלישער דרייצען יאָר האָב איך אָנגעהויבען צו צאָלען פאַר דעם נאָך ווען איך האָב געוואוינט אין בראַמסאַנס קאָורט, גרייט עלי סטריט. עס איז דאַן געווען דער מעמבער אָף פּאַרלאַמענט פאַר ווייטשעפּעל סיר סעמיול מאָנטאַגיו, וועלכער איז שפּעטער געוואָרען לאָרד סוויטלינג, וועלכער האָט געהאַט אַ לאַנגער באָרד, און מ׳האָט דערציילט דאָס ער דאַווענט מנחה אין פּאַרלאַמענט. סיר סעמיול מאָנטאַגיו האָט געוואָלט קריגען וואָס מער שטימען פאַר די ליבעראַלען, האָט ער געגרינדעט אַ פאַראיין אויף צו נאַטוראַליזירען די ווייטשעפּעלער „פאָרענע״ אידען דאָס זיי זאָלען קענען שטימען. פון דעם פאַראיין איז אַרומגעגאַנגען אַ קאָלעקטאָר, און באַזונדער האָט מען שטאַרק אַגיטירט דאָס די אידען זאָלען זיך נאַטוראַליזירען, זאָלען ווערען ענגלישע בירגער. מ׳האָט געצאָלט איין שילינג מיט צוויי פעניס יעדער וואָך, דאַן האָט מען געצויגען אַ לאָטערי און וועמענס נומער עס איז אַרויסגעקומען איז געוואָרען נאַטוראַליזירט, אַפילו ווען ער האָט נאָך געהאַט גאַנץ ווייניג איינגעצאָלט. און אַז מען איז שוין געווען אַ בירגער האָט מען געהאַט נאָך צו צאָלען ביז מ׳האָט אויסגעצאָלט די גאַנצע סומע פון זיבען פונט, וואָס עס האָט דאַמאָלט געקאָסט פאַר די אויסגאַבען. אַזוי אַרום בין איך אויך געוואָרען אַ ענגלישער בירגער. נאַטירליך האָט מען אין מיר ניט פאַרגעסען און איך האָב אויך געקראָגען אַ „קאָלאַפּ״ צעטעל, דאָס הייסט מען האָט מיך אויפגערופען איך זאָל ווייזען וואָס איך קען טון פאַר דער מלחמה. ווי

פּאַטריאָטיש איך בין געווען פונדעסטוועגן האָב איך דאָס נישט אַזוי גרינג אויפגענומען, ווייל ערשטענס האָב איך דאָך שוין געהאַט געגוג פון מיינע קינדער. ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכען איז פיליפּ ניט געווען אין דער היים. ער האָט ניט געקענט איינזיצען אויף אַן אָרט און איז גאָר אַוועקגעפאָרען נאָך מאַנשעסטער, און זיך דאָרטען געלערענט צו זיין אַ מאַשינער. ער איז נאָך קיין אַכצען יאָר ניט אַלט געווען. איך האָב מיט אַמאָל באַקומען אַ בריף פון מייקל שוגערוויט דאָס אויב איך וועל נישט אַהיים נעמען פיליפּ'ן וועט ער זיך אָבגעבען פאַר אַ סאָלדאַט. נו, וואָס טוט ניט אַ טאַטע, בין איך גלייך געפאָרען נאָך מאַנשעסטער און פיליפּ'ן אַהיים געבראַכט און מיט צוויי וואָכען שפּעטער זאָגט ער דאָס ער האָט „געדזשוינט" די אַרמעע. פרעג איך אים:

— ווי אַזוי האָסטו „געדזשוינט", ווען דו ביזט נאָך קיין אַכצען יאָר ניט אַלט?

ענטפערט מיר פיליפּ:

— איך האָב זיי אָבגענאַרט. איך האָב זיי געזאָגט אַז איך בין שוין אַכצען יאָרט אַלט, און זיי האָבען מיר געגלויבט.

האָב איך דאָך אויך שוין געמוזט גלויבען, עס איז שוין, הייסט עס, געווען פאַרפאַלען.

מיט מאיר'ן האָב איך אויך געהאַט אַ סך צו ליידען. איז נאָך ניט גענוג געווען, און מען רופט מיך אויך. באַזונדער האָב איך דאָך געפירט אַ פאַבריק און מיט אַ סך אייגענע משפחה, האָב איך דאָך ניט געהאַט צו זאָרגען בלויז פאַר זיך אַליין נאָר פאַר אַ סך פאַמיליעס.

איך האָב קודם כל געוואָלט וויסען ווי איך זע אויס, צי איך וועל טויגען פאַר אַ סאָלדאַט, האָב איך זיך געטראַכט אַז עס וואָלט ניט געשאַט איך זאָל געבען אַ גיי צו צו אַ האַרלי סטריט ספּעציאַליסט ער זאָל מיך באַטראַכטען און מיר זאָגען צי איך וועל טויגען פאַר אַ זעלנער. בין איך טאַקע אַוועק צו אַ גרויסען ספּעציאַליסט, אָבער גאָר פון די הויכע פענסטער, און ווען ער האָט מיך באַטראַכט פון אַלע זייטען האָט ער מיר געזאָגט אַז ער וועט מיר געבען אַ בריף צו די דאָקטוירים פון דער „מעדיקעל באָרד" דאָס איך טויג ניט פאַר אַ סאָלדאַט. דערביי האָט ער מיר אויסגערעכענט אַ צעטעל מיט פעלערען מיינע, וואָס איך האָב מיך טאַקע אויף אַן אמת דערשראָקען. טאָ גיי און זיי באַשעפטיגט מיט מאַכען אַפּיעלס אויף באַפרייט צו ווערען, ווען איך בין דאָך פּטור פון דעם גאַנצען עסק. אַז איך האָב אַזוי פיל פעלערען און טויג ניט, איז דאָך ניטאָ וואָס צו רעדען. פון דער צווייטער זייט אָבער האָב איך זיך געזאָרגט דאָס אויב איך האָב אַזוי פיל פעלערען און בין טאַקע אַ קראַנקער מענש, אַזוי ווי דער ספּעציאַליסט האָט מיר געזאָגט, איז דאָך נאָך ערגער ווי צו זיין אַ סאָלדאַט טאַקע. הקיצור, מען מוז שוין וואַרטען און הערען וואָס די דאָקטוירים וועלען זאָגען.

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער בין איך מיך איבערגעגאַנגען צו ווערען באַטראַכט פון די „מעדיקעל באָרד" דאָקטוירים. איך האָב זיי נאַטירליך איבערגעגעבען דעם בריף פון דעם האַרלי סטריט ספּעציאַליסט, זיי האָבען דעם בריף

טאַקע איבערגעלייענט נאָר זיי האָבען מיך אויך גוט באַטראַכט פון אַלע זייטען. ווען זיי זיינען פאַרטיג געוואָרען מיט דעם באַטראַכטען געבען זיי מיר אין האַנד אַריין אַ צעטעל מיט אַ „גרייד 2" און ווען איך דערזע דעם „גרייד 2" בלייב איך שטיין און ווייס שוין גאָרניט וואָס צו קלערען, ווייל „גרייד 2" האָט געהייסען דאָס עס פעלט מיר גאָרניט און איך קען זיין אַ גוטער סאָלדאַט. אויב אַזוי איז דאָך ראשית ניטאָ צו זאָרגען דאָס איך בין חס ושלום שטאַרק קראַנק, נאָר צוריק געשמועסט, אויב אַזוי דאַרף איך דאָך מאַכען אַן אַפּיעל וועגען געשפּטס אַנגעלעגענהייטען, און טאָמער זיצען דאָרטען אין דער קאָמיטעט ניט קיין גרויסע אידען פריינד און זיי ווילען אַזאַ אידעל ווי מיר נישט געבען קיין שום צייט טאָ וואָס וועט ווערען פון דער גאַנצער פאַבריק מיינער און פון וואַגען וועלען אַלע לעבען?

איז ביי מיר געבליבען איך זאָל צוגיין צו אַ לאָקאַלען דאָקטאָר און זיך מיט אים אַן עצה האַלטען. איך האָב אים אַלעס דערציילט און אים געבעטען ער זאָל מיר זאָגען ווער עס איז גערעכט. מאַכט דער דאָקטאָר צו מיר דאָס אויב איך וועל אים באַצאָלען פאַר דער עצה אַזוי ווי גאָר צו אַ גרויסען ספּעציאַליסט, וועט ער מיך באַטראַכטען און מיר געבען אַן עצה. האָב איך טאַקע באַשטאַנען, אַ ברירה האָב איך געהאַט? נאָך דעם ווי ער האָט מיך אונטערזוכט זאָגט מיר דער דאָקטאָר דאָס ער וועט מיר געבען אַ בריף צו אַ גרויסען ספּעציאַליסט. ער האָט מיר פאַרזיכערט דאָס מיט יענעמס בריף צו די דאָקטוירים וועט מען מיך מאַכען גרייד 4, אָבער וועניגער ווי גרייד 3 געוויס נישט. בין איך אַוועק צו דעם גרויסען נייעם ספּעציאַליסט אין האַרלי סטריט, און דערווייל האָב איך אַפּעלירט דאָס איך באַשטיי ניט אויף דעם עקזאַמען פון די דאָקטוירים, נאָר מען זאָל מיך נאָך אַמאָל באַטראַכטען ביי אַן אַנדערען „מעדיקעל באָרד".

ווען דער נייער ספּעציאַליסט האָט מיך גאָר גוט באַטראַכט זאָגט ער צו מיר אַז מיר פעלט גאָרניט נאָר אויף צו געווינען די מלחמה וואָלט מען באַדאַרפט צו האָבען בעסערע סאָלדאַטען ווי איך וועל זיין. ער האָט מיר אויך געגעבען אַ בריף צו די דאָקטוירים פון דער „מעדיקאַל באָרד" און מיט דעם בריף אין דער האַנד בין איך ווידער אַ צווייטען מאָל אַוועק צו דער „מעדיקאַל באָרד" זיי זאָלען מיר שוין געבען דעם גרייד 4 צעטעל און פּטור אַן עסק. אָבער נאָך דעם ווי די פרישע דאָקטוירים האָבען מיר באַטראַכט און אַרומגעדרייט אין אַלע זייטען, אַראָב און אַרויף, און געמאָסטען און געוואויגען גלייך איך וואָלט געווען אַ שטיק גאָלד, האָבען זיי אויך ניט פאַרגעסען איבערצולייענען דעם בריף פון דעם ספּעציאַליסט, וואָס האָט מיר געזאָגט אַז אויף צו געווינען די מלחמה וואָלט מען באַדאַרפט צו האָבען בעסערע סאָלדאַטען. צום סוף בין איך ערשטווינט געוואָרען צו זען ווידער אַ צעטעל מיט דעם גרייד 2, אַזוי ווי די ערשטע, נאָר איצט בין איך גאָר אַרויס פון די כלים, סטייטש, וואו איז יושר? אַזוי נישט צו האָבען דרך ארץ פאַר די האַרלי סטריט ספּעציאַליסטען! אויב אַזוי מוז מיר דער דאָקטאָר צוריקגעבען דאָס וואָס ער האָט ביי מיר גענומען פאַר דעם וויזיט, און מיר צוגעזאָגט דאָס איך וועל קריגען אַ גרייד 4 צעטעל.

גייענדיג אַהיים בין איך פריהער אַריין צו דעם דאָקטאָר, און ווען ער

האָט מיך דערזען האָט אים גאָרניט געשמעקט. ער האָט געזאָגט אַז די דאָק־טוירים האָבען מיך ניט ריכטיג „געגריידעט״, איך בין ניט קיין גרייד 2. זאָג איך צו אים ער זאָל דאָס מיט די דאָקטוירים אַליין אַרגומענטירען צי ס׳איז ריכטיג אָדער ניט, איך מיש מיך מער ניט, און בעט ביי אים צוריק וואָס ער האָט ביי מיר גענומען. ווען איך האָב אים געלאָזט הערען ווי אַזוי איך קען גע־בען אַ געשריי דאָס מ׳זאָל זיך צוזאַמענלויפען פון אַלע זייטען, איז ער בעסער געוואָרען און מיר צוריק געגעבען מיינע פּאָר פונט.

הכלל, האָב איך שוין געמוזט מאַכען אַן אַפּיעל וועגען געשעפטס אַנגעלע־גענהייטען, און ווען איך בין געווען ביי דעם קאָמיטעט אין שאָרדיטש טאַון האָלל האָבען זיי איינגעזען דאָס אַזוי ווי מיין פיליפּ האָט געוואונען אַ מעדאַל פאַר אויסצייכנונגען געגען די דייטשען, און איך מאַך וויכטיגע אַרבייט פאַר די סאָלדאַטען, האָבען זיי מיר געגעבען אַ צייט פון פיר מאָנאַטען, מיט אַ צווייט מאָנאַטען שפּעטער איז די מלחמה געוואונען געוואָרען, און אַזוי אַרום האָב איך געהאָלפען פאַר דעם זיג פון ענגלאַנד אין אַ מלחמה וואָס האָט געזאָלט זיין צו ענדיגען מלחמות...

## כט.

## איך מוז ווייטער אנפאנגען פון אנהויב

ווען די מלחמה איז געוואָרען צו ענדע איז געווען אַ שמחה, אַ פרייד און אַ טאַנצעריי אין די גאַסען. די געשעפטען זיינען ווייטער אָנגעגאַנגען ווי פריער, און די פּרייזען זיינען אַלץ ווייטער געשטיגען. אַזוי האָט דאָס אָנגעהאַלטען אַ גאַנץ יאָר און באַלד אין סוף פון 1919 איז פּלוצלינג געוואָרען זער שטיל. מען האָט געמיינט דאָס עס איז נאָר אויף דערווייל אַזוי ווי עס פלעגט אַלעמאָל פאַר קריסטמאַס ווערען אַביסעל שטיל. עס איז אָבער וואָס אַמאָל אַלץ ערגער און ערגער געוואָרען. עס האָט זיך איינפאַך אַלעס אָבגעשטעלט. די אידען וואָס האָבען געמאַכט געלד און זיינען ניט צו הויך געשפּרונגען נאָר געלעבט מיט רעכנונג, זיינען געבליבען שטיין. די אָבער וואָס האָבען געהאַלטען אין איין שפּרינגען, האָבען זיך געצויגען אין טייערע דירות אין רייכע געגענדען, מיט גרויסע מאָטאָר קאָרס און דינסטען, האָבען איינער נאָכ׳ן אַנדערען אָנגעהויבען צו פּלאַצען, אַזוי ווי זייפען־בלאָזען. אַלעס איז צופאַלען געוואָרען, די רייכע דירות מיט די גרויסע מאָטאָר קאָרס.

מיט מיר איז דער פאַל ניט געווען אַזוי, ווייל איך האָב געלעבט אויסגע־רעכענט, ניט בעסער ווי פריער, און ווען איך האָב נאָר געמאַכט אַביסעל געלד האָב איך דאָס אַוועקגעלייגט אום איך זאָל קענען מיינע קינדער מגדל זיין בכבוד. איך האָב פיינט געהאַט צו שפּרינגען צו הויך, און דאַך האָב איך אויך געליטען ווייל מיין פאַך פון די שטעקענס איז אונטערגעגאַנגען, צוליב צוויי אורזאַכען: ערשטענס האָט זיך דער פּובליק זיך צוגעוואוינט צו פאָרען מיט מאָטאָרקאָרס איז ממילא אַוועקגעפאַלען די מאָדע פון צו טראָגען אַ שפּאַציר שטעקען אין האַנט, און צווייטענס האָבען די געשעפטסלייט ניט געהאַלטען

קיין וואָרט נישט מער צו האַנדלען מיט דייטשלאַנד. עס איז געוואָרען אויס מאָדע צו טראָגען אַ שפּאַציר שטעקען אין האַנד. די געשעפטסלייט האָבען ניט געהאַלטען קיין וואָרט, פּונקט אַזוי ווי מר. ללאָיד דזשאָרדזש, וועלכער האָט אין דער צייט פון דער מלחמה געהאַלטען אין איין שרייען דאָס מען וועט דעם קייזער הענגען. ווי נאָר די מלחמה האָט זיך געענדיגט האָט ער אין גאַנצען פאַרגעסען וואָס ער האָט פאַרשפּראָכען, מען האָט באַלד אָנגעפאַנגען צו האַנדלען מיט דייטשלאַנד, ווייל עס איז דאָך געווען אַ סך ביליגער. צוליב אָט די סחורות פון דייטשלאַנד האָב איך געמוזט אָבשטעלען מיין אַרבייט. מיין ברודער ראובן האָב איך צוזאַמענגעפּאָרט מיט מיין שוואָגער אברהם פינער זיי זאָלען צוזאַמען אָנפאַנגען צו אַרבייטען, ווייל נאָר אויף אַ קליינעם פאָרמאַט האָט מען נאָך געקענט געפינען עפּעס צו טון. איך האָב אָנגעהויבען צו קלערען צו וואָס מען קען זיך נעמען, איך האָב דאָך געהאַט צו זאָרגען אויך פאַר מיין פיליפּ׳ן, ווייל אַזוי ווי די מלחמה האָט זיך געענדיגט איז ער באַפרייט געוואָרען. ער איז שוין סיי ווי געווען אין דער היים נאָך מיט אַכט מאָנאַטען פריער איידער די מלחמה האָט זיך געענדיגט. ער איז אין די „טרענטשעס“ פאַרוואונדעט געוואָרען און מ׳האָט אים איבערגעשיקט צו אַ האָספּיטאַל אין קיטלי, נעבען לידז. ער האָט מיר געשיקט צוויי „פּאַסעס“ איך זאָל קומען אים באַזוכען מיט זיין כלה, בעקי, וועלכע איז פריער געווען מיין טאָכטער׳ס פריינדין.

ווען איך האָב ביי איר געפרעגט צי זי מיינט ערענסט ווייל זי דאַרף פאַרשטיין דאָס פיליפּ איז אין די טרענטשעס, האָט זי מיר געענטפערט, אַז זי ווייסט דאָס, און זאָל חס ושלום פיליפּ אַהיים קומען מיט עפּעס וויניגער, וועט זי אים אויך נעמען. ווען איך האָב פון איר געהערט אַזעלכע רייד, האָב איך איר שוין גערעכענט פאַר פיליפּ׳ס כלה, און בין מיט איר געפאָרען אים באַזוכען. מיר זיינען פרי אַרויסגעפאָרען נאָך קיטלי, און מיר זיינען אַהין געקומען אַרום זיבען אַזייגער אויף דער נאַכט, האָבען מיר זיך נאָכגעפרעגט צו דעם האָספּיטאַל און מיר האָבען דאָרט פאַרברענגט אַריבער צוויי שעה צייט. מען האָט אונז געמאַכט אַ פיינע טיי מיט פאַרבייסען. ערשט ניין אַזייגער אין דער פרי זיינען מיר צוריק געקומען קיין לאָנדאָן. שפּעטער האָט מען פיליפּ׳ן איבערגעשיקט קיין לאָנדאָן צו דעם העקני האָספּיטאַל, און אַזוי איז ער שוין געווען אין לאָנדאָן ביז די מלחמה האָט זיך געענדיגט. ער האָט געמוזט האָבען אַלעס נייע זאַכען פון קאָפּ ביז די פיס. באַזונדער האָט ער זיך געקליבען צו ווערען אַ חתן, האָט ער ווידער באַדאַרפט האָבען מתנות פאַר זיין כלה און קיין געלד האָט ער פון דער אַרמעע ניט געבראַכט. ער איז בלויז געווען שטאָלץ מיט זיינע מעדאַלען און ער האָט ניט געזוכט קיין באַלוינונג פאַר זיין פּאַטריאָטיזם און פאַר זיינע דינסטען צום לאַנד. אויב ער איז געווען געענגט אין קליין געלד האָט דאָך דער טאַטע זיינער געקענט צושיקען ווען נאָר ער האָט געשריבען פאַר עפּעס און אויך זיין כלה פלעגט אים שיקען פּעקלעך, טאָ צו וואָס זיך זאָרגען און פאָדערען פון דער רעגירונג ?

אָבער ווען מיין געשעפט האָט זיך אָבגעשטעלט, איז טאַקע ניט געווען אַזוי פריילעך. מילא, פאַר מיין בייטי׳ן האָב איך ניט געהאַט קיין סך צו זאָר־

גען, ער איז נאָך געווען יונג. און באַזונדער האָט ער געקענט שטיין גאַנצע טעג מיט זיין פידעלע און גרימפּלען. ער האָט טאַקע געקענט גאַנץ שיין שפּי־לען אָבער צו רעכענען דערפון אויף אַ תכלית איז נישט געווען, איבערהויפּט צוליב דאָס היטען שבת וואָס איז גאַנץ שווער מיט אַ פידעלע צו היטען. צו דעם אַלעמען איז נאָך מיין טאָכטער׳ס חתן, מיין מאַרי, אויך געבליבען ווי אויפ׳ן וואַסער. ער האָט שוין געהאַט געהאַנדעלט פאַר זיך אַליין מיט זיינע „וואו־לענס״, און די „וואולענס״ האָבען זיך אויך אָבגעשטעלט. האָב איך אים אויך באַדאַרפט טרייסטען, אַז די וועלט גייט נאָך ניט אונטער.

פון אַ סך קלערען איז געבוירען געוואָרען אַ פּלאַן דאָס איך זאָל זיך נע־מען צו מאַכען „בלאוזעס״, וועט פיליפּ און נייטי קענען אַרומגיין „טרעוולען״ מיט די „בלאוזעס״, און מאַרי ווייסט אַלע פּלעצער וואו צו קויפען די סחורות וואָס מען וועט דאַרפען, און איך וועל שוין קענען איינפירען די גאַנצע אַרבייט. דער פּלאַן איז אַלעמען געפעלען געוואָרען, און אַזוי אַרום האָב איך געמוזט אָנהויבען ווידער אויפסניי פון אָנהויב...

ל.

## איך ווער א „בלאוז״ און דרעס מאַנופעקטשורער

עס רעדט זיך אַזוי איך ווער, וויל ווי אַזוי קריכט מען אַריין אין אַ נייער זאַך וועגען וועלכער איך האָב קיין שום באַגריף ניט? דאָס איינציגע וואָס איך האָב געוואוסט איז געווען וואָס איך האָב נאָך געדענקט פון ווארשאַ, אַז ווען מיר האָבען געמאַכט די פּאַראַסאָלען האָט מען דאַן צוגעשניטען די זיידענע סחורה פאַר די דעקען.

קודם כל האָט מען אַריינגעשטעלט אין ציטונג דאָס מען דאַרף האָבען „אַ ליידי קאַטער״ פאַר בלאוזעס. זיינען געקומען טאַקע איניגע אָבער ווען זיי האָבען דערזען אַ פּריוואַט הויז וואו מען וויל ערשט איינפירען אַ פרישע זאַך, האָבען זיי געזאָגט, אַז אויב אָנפאַנגען פאַר יענעם קענען זיי דאָך אָנפאַנגען פאַר זיך אַליין. האָט מיין שנור, בעקי, פיליפּ׳ס ווייב, באַרייעט אַ מיידעל מיט דעם נאָמען סערע פאגי, אַ מאַשיניסטקע פון בלאוזעס, וועלכע האָט אויך גע־קענט צושניידען די בלאוזעס. זי פאַרדינט צוויי פונט די וואָך, און אויב מען זאָל איר צוזאָגען צוויי פונט מיט צען שילינג וואָלט זי אַריינגעקומען אַרבייטען צו מיר. זי וואָלט שוין איינגעפירט די אַרבייט. איז געבליבען מ׳זאָל רעדען מיט דער מיידעל זי זאָל אויך מיטברענגען אַ צווייטע מאַשינערקע.

דאָס איז געווען פאַר פסח 1920, און באַלד ווי דער יום טוב איז אַריבער האָט מען זיך גענומען צו דער אַרבייט, געקויפט צוויי מאַשינען און סערע פאגי האָט אָנגעהויבען צו ווייזען וואָס זי קען אויפטון. צום ערשטען האָט מען דאָך באַדאַרפט מאַכען מוסטערען, סאַמפּעלס הייסט דאָס, האָב איך אויסגעליידיגט

אַ שלאָף צימער און אַריינגעשטעלט די מאַשינען און סערע פאגי האָט זיך גע־נומען צו די סאַמפּעלס פאַר מיינע צוויי „טרעוולערס״. מאַרי האָט געקויפט אייניגע לענגען סחורה און סערע האָט געשניטען. איך האָב דאָך ניט געהאַט וואָס צו טון, בין איך אַזוי געשטאַנען און צוגעקוקט זיך ווי סערע פאַגי שניידט. בין איך מיר אַזוי געשטאַנען און געקוקט איין טאָג און נאָך אַ טאָג ביז איך האָב באַגריפען די גאַנצע תורה פון שניידען די בלאוזעס.

אַז סערע פאַגי איז פאַרטיג געוואָרען מיט די סאַמפּעלס זיינען מיינע צוויי טרעוולערס אַרויס אין גאַס צו קריגען באַשטעלונגען, האָבען זיך די אייגענטי־מער פון די געשעפטען ניט געפוילט און האָבען אָנגעמאָסטען די בלאוזעס צו זען ווי זיי פּאַסען. איז גאָר לא מיט אַ ספק אָדיק און זיי זאָגען צו מיינע צוויי טרעוולערס דאָס די בלאוזען קענען נאָר גוט זיין פאַר דער קאַץ און ניט פאַר פרויען אָדער מיידלעך. קומען נעבעך מיינע צוויי טרעוולערס אַהיים מיט זויע־רע פּנים׳ער און זאָרגען זיך שטאַרק, נאָר איך האָב זיי געטרייסט און זיי גע־זאָגט ניט צו זיין געפאַלען ווייל ווען איך בין געשטאַנען און געקוקט ווי מען שניידט האָב איך באַמערקט וואו עס ליגט דער פעלער און איך וועל זיי ווייזען ווי אַזוי מען שניידט בלאוזעס.

איך האָב געזאָגט צו סערע פאַגי דאָס זי זאָל זיך אַוועקזעצען ביי דער מאַשין און מאַשינען, און איך וועל שוין אַליין צושניידען. קוקט זי מיך אָן און פרעגט וואו איך האָב מיך דאָס געלערענט שניידען, ענטפער איך איר דאָס איך בין געגאַנגען אין אַ שולע וואו מען לערענט שניידען, און אויב עס וועט ניט גוט זיין וועט דאָך דאָס נישט זיין איר שולד נאָר מיין אייגענע. איך האָב ביי איר געפּועל׳ט און איך האָב געשניטען, סערע פאגי האָט גענייט, און ווען עס זיינען ווידער פאַרטיג געוואָרען די נייע סאַמפּעלס, זיינען מיינע צוויי טרעווי־לערס ווידער אַרויס צו די זעלבע סוחרים און שוין אַהיים געקומען מיט אַ שמחה, אַז די בלאוזעס זיינען געפעלען געוואָרען, און מען האָט זיך ערשט גע־נומען מיט חשק צו דער אַרבייט.

געהאַט האָב איך אין מיין הויז אויפ׳ן צווייטען שטאָק אַ שכן וואָס האָט געהאַט די „פּראָנט און בעק״ צימערען. דאָס איז געווען אַ זער אָרענטליך פּאָר פאָלק. דער מאַן האָט געהייסען משה׳לע בראון, זעליג שעמיען׳ס אַ איידעם. ליידער מוז איך איצטער ביים שרייבען מיינע זכרונות דערמאָנען, אַז די גאַנצע פאַמיליע, משה׳לע בראון, זיין פרוי און איינציגע טאָכטער, ווי אויך זיין שווער, ר׳ זעליג שעמיען מיט זיין פרוי און אויך משה׳לעס אַ שוואָגער, וועלכער איז געווען אַ מלמד אין דער דאַלסטאַן תלמוד תורה, זיינען אַלע אומגעקומען אין אַ „בליץ״ איבער לאָנדאָן, וואָס האָט געטראָפען זייער שעלטער וואו זיי זיינען אַלע געווען באַהאַלטען באַלד אין אָנפאַנג פון די „בליצען״ פון היטלער׳ס משחיתים, ימח שמם.

אָט דער משה׳לע בראון, ע״ה, האָט ביי מיר געדונגען די דירה איידער זיי זיינען געגאַנגען חתונה האָבען, פּונקט ווען איך האָב מיך אַריינגעצויגען צו נומער זעכציג רעקטאָרי רויד. ער איז געווען זער אַ פרומער יונגערמאַן און

פלעגט זיצען און לערנען ווען נאָר ער האָט געהאַט צייט, און צייט האָט ער שוין געהאַט צופיל, ווייל ער איז געווען אַ פּעריער און האָט זיך געלערענט זיין אַ שוחט און איז טאַקע געוואָרען אַ שוחט מיט איינציגע יאָר שפּעטער. ער פלעגט מיט מיר מיטגיין דאַוונען און זיי האָבען געוואוינט ביי מיר אַריבער פיר יאָר.

ווען זיי האָבען געזען ווי איך פּלאָג מיך אַזוי, ווייל עס האָט מיר געפעלט פּלאַץ צו דער אַרבייט, זיינען זיי אַליין צוגעקומען צו מיר און געזאָגט דאָס זיי זען ווי נויטיג איך דאַרף זייער דירה. זיי וועלען נעמען אַ הויז און דערווייל וועלען זיי זיך קווענלען אין איין צימער און מיר אָוועקגעבען דאָס אַנדערע ביז וואַנען זיי וועלען זיך אַרויסציען. עס איז ווירקליך פון זיי געווען אַ גוטסקייט און פאַר מיר אַ גרויסע הילף. האָב איך אין דער שטוב אַריינגעשטעלט איינציגע מאַשינען און עס האָט נישט לאַנג גענומען האָבען זיי זיך געצויגען צו דאונס פּאַרק רויד. איך האָב דאַן די צימערען פאַרוואַנדעלט אין אַ ריכטיגע ווערק־שטאַט, אַריינגעשטעלט זעקס מאַשינען אויף עלעקטריק און ביי די פענסטער האָב איך געהאַט שטיין אַ גרויסען טיש וואו עס זיינען געזעסען אַ סך מיידלעך און האָבען ענברוידערט די בלאוזעס. עס איז דאַמאָלט געגאַנגען אַ סך האַנד־עמברוידערי. עס איז מיר טאַקע אויך צונוץ געקומען וואָס איך בין אַמאָל גע־ווען אַ מעבעל שניצער און האָב געקענט אַביסעל צייכענען. איך האָב דאָס איצט אויסגענוצט פאַר די בלאוזעס און געמאַכט פאַרשידענע צייכנונגען פון בלומען און רויזען און אַפילו פויגעלעך אויף צו עמברוידערען, און די קונדען האָבען דאָס געגליכען. מיר האָבען שוין אָנגעהויבען אַרויפצואַרבייטען אַ פיינעם גע־שעפט. דערווייל איז מיין מאַרי אויך ניט ליידיג געזעסען און געזוכט צו קריגען אַן אַגענט פאַר דער פּראָווינץ. מען האָט טאַקע געקראָגען אַ פיינעם קריסט וועלכען אַ סך פאַבריקאַנטען זיינען נאָכגעלאָפען אים צו קריגען פאַר זייער איידזשענט, נאָר אים איז געפעלען געוואָרען אונזער אַרבייט, ספּעציעל די עמ־ברוידערי, און מען האָט מיט אים געמאַכט אַ קאָנטראַקט, דאָס ער זאָל נאָר פאַרקויפען אונזער סחורה, די בלאוזעס און דזשאמפּערס, און ער האָט אָנגע־הויבען צו שיקען גרויסע באַשטעלונגען. דאַן האָט שוין פיליפ ניט געהאַט קיין צייט אָנצוגיין מיט דעם פּרעסען און פּאַקען די בלאוזעס.

דאָס געשעפט האָט זיך אָנגעהויבען ריכטיג צו ענטוויקלען, מען איז געוואָ־רען זער אויפגעלעבט און פול מיט האָפנונג פאַר דער צוקונפט מיט דער בלאוזע פאַבריקאַציע.

## לא.

## איך גיב אין גאַנצען אויף די שטעקענס

ווען דער „סלאַמפּ" איז געקומען און איך האָב זיך גענומען צו די בלאו־זעס, האָב איך דאָך ניט געקענט וויסען צי עס וועט זיין אַן ערפאָלג פלוצלינג זיך נעמען צו אַזאַ מין זאַך וועגען וואָס איך האָב קיין שום ידיעה ניט געהאַט.

איך האָב גערעכענט אַז וואָס עס זאָל ניט זיין וועט דאָס קענען אפשר זיין אַ שטיקעל געשעפט פאַר די קינדער און איך וועל מיך האַלטען ביי מיינע שטעקענס און הענטלעך וואָס איך בין ביי דעם פאַך געבוירען געוואָרען.

אָבער ווען איך בין אַריינגעצויגען געוואָרען אין דער אַרבייט מיט דעם שניידען די בלאוזעס און נאָך אויך צו מאַכען מוסטערען פון עמברוידערען, און אַליין די עמברוידערי צו צייכענען פאַר די מיידלעך גרייט צו דער אַרבייט, בין איך געוואָרען פאַרנומען אַ גאַנצען טאָג אָן אויפהער, און דער „סטאָק" פון די שטעקענס האָט אָנגעהויבען מיר שטערען צו דער אַרבייט, ווייל מיין גאַנצער געדאַנק האָט זיך געפאָדערט צו די בלאוזעס. צום סוף האָב איך מיר געמוזט צייט נעמען פטור צו ווערען פון די שטעקענס. איך האָב געקראָגען אַ מאַן וואָס האָט ביי מיר אָבגעקויפט אַלע דרייבענק מיט די אַנדערע כלים, דעם עלעקטריק מאָטאָר, און האָב מיך אין גאַנצען געזעגענט מיט די שטעקענס, ביי וועלכע איך האָב אָבגעאַרבייט אַריבער צוואַנציג יאָר מיט פאַרשידענע איבערלעבונגען. ערשט דאַן האָב איך מיך געקענט נעמען מיט אַ רוהיגען קאָפּ צו מיין נייער באַשעפטיגונג, און איך האָב געהאַט זער אַ סך צו טון, ווייל וואָס מער דאָס געשעפט איז געוואַקסען אַלץ מער האָב איך געהאַט צו שניידען סחורה. עס איז געקומען אַ צייט, ווען איך האָב געהאַט צו שניידען אויסער פאַר די מיידלעך, וואָס האָבען געאַרבייט אין הויז אויך פאַר מער ווי צוואַנציג מאַשינערקעס, וואָס האָבען אַרויסגענומען די אַרבייט צו זיך אַהיים. איך האָב אויך געמוזט געפינען צייט אויף צו צייכענען די עמברוידערי. חוץ דעם האָט מען אָנגעפאַנגען מאַכען דזשאמפערס פון סטאַקינעט, איז שוין געווען פאַר מיר צו מאַכען אַנדערע שטייגער צייכענונגען עס זאָל פאַסען פאַר „בידען".

איך האָב געהאַט פיינע לאַנדסלייט און ווי נאָר איך האָב אָנגעפאַנגען די בלאוזעס האָבען זיי מיר געברענגט זייערע טעכטער מיר צוצוהעלפען. איינע איז געווען פאָלי לוי, האָט זי מיר געוויזען ווי אַזוי מ'צייכענט די „סקאָלאָפּס". עס איז געווען גאַנץ איינפאַך: זי האָט גענומען אַ פעני און דערמיט אָנגעצייכענט יעדען „סקאָלאָפּ" באַזונדער. אַז איך האָב געגעבען אַ קוק ווי אַזוי זי צייכענט די „סקאָלאָפּס" האָב איך אויסגערעכענט דאָס מיט אַזאַ מין צייכענען, אויב זי זאָל דאַרפען מאַכען אַ זעקס טוצען דזשאמפערס, וואָס דאָס איז געווען אַ קליינע באַשטעלונג, קען זי נאָך דערוייל חתונה האָבען, ברענגען קינדער אויף דער וועלט און ווערען אַ באָבע, און אַלץ ניט פאַרענדיגען צייכענען די זעלבע זעקס טוצען דזשאַמפערס.

דאָס איז נישט געווען קיין געשעפט פאַר מיר, האָב איך באַלד געמאַכט אַזאַ פאָרם פון פאַפיר און מיט'ן קוק איז געוואָרען אָנגעצייכענט „אַ דזשאַמפער" וואָס וואָלט ביי פאָלי לוי גענומען אַ גאַנצען טאָג.

אַזוי איז אַוועק אַ יאָר צייט און אַלעס איז שוין געגאַנגען אין אָרדנונג, האָט מען שוין אָנגעהויבען טראַכטען חתונה מאַכען די קינדער, רעי און מאַרי, און השי"ת האָט געהאָלפען. עס איז געווען איינע פון די שענסטע חתונות צו יענער צייט, און אונזער איידזשענט איז געווען אַ גאַנצער מחותן אויף דער

חתונה. דער באַרימטער רעוו. י. ק. גאָלדבלום האָט געמאַכט אַ פּרעזענטאַציע צו די קינדער. ער האָט פּרעזענטירט אַ פּאָר זילבערנע לייכטער און דערביי געהאַלטען אַ שיינע רעדע וועגען מיין כלל אַרבייט, און ספּעציעל, וואָס איך האָב געטון פאַר דער בעטנאַל גרין תלמוד תורה מיט מיינע מוספים, וואָס איך פלעג דאַוונען פאַר פילע יאָרען, און אַזוי אויך געצומען אַ גרויסען אַנטייל אין דער אָנפירונג פון דער תלמוד תורה.

פון דער חתונה האָט מען גערעדט אַ לאַנגער צייט ווייל אַלעס איז צוגע־גאַנגען אַזוי פיין און אויף אַ אידישען אופן.

אַזוי איז אַוועק נאָך אַ פיר יאָר. מען האָט שוין אָנגעפאַנגען זוכען אַ גרע־סערען פּלאַץ עס זאָל זיין וואו צו אַרבייטען. דורך דער צייט האָט זיך שוין גע־ביטען די אַרבייט. עס האָט אָנגעפאַנגען צו גיין קליידער און גאַנץ ווייניג בלאוזעס. צו קליידער האָט זיך געפאָדערט מער פּלאַץ. אַז מען זוכט געפינט מען, ביז עס איז אונטערגעקומען דער „פריהאַלד" פון אַכט און דרייסיג רעק־טאַרי רויד צו קויפען און מען האָט אָנגעהויבען צו מויערען די פאַבריק אין גאָרטען פון הויז.

געאַרבייט האָט מען צו יענער צייט צווייערליי „דזשעפּ סילק" און צוויי־ערליי „קרעפּדעשינס", אַ בעסערע און אַ ביליגערע. מען האָט אויך געמאַכט „שאַנטאַנס" און צווייערליי „סטאַקינעטס", אַ שווערערע און אַ לייכטערע. האָט זיך טאַקע אָנגעקליבען זער אַ גרויסער „סטאָק" פון פאַרשידענע סחורות, און ווען מען האָט זיך באַדאַרפט צו ציהען צו נומער אַכט און דרייסיג רעקטאַרי רויד, האָט מען באַדאַרפט אַ פּאָר טעג האַלטען אין איין פירען סחורה. עס איז גאָרניט געווען צו פאַרשטיין וואו עס האָט זיך געקענט אַהין טון אַזוי פיל סחורות אין אַזאַ געוויינליך הויז ווי עס איז געווען נומער זעכציג רעקטאַרי רויד. ניט אַנדערש ווי נסים. עס איז געווען ווי מיט ארץ ישראל. ווען עס זיינען גע־ווען אַ סך אידען האָט זיך ארץ ישראל אויסגעצויגען און אויסגעשפּרייט אַלע־מען אַריינצונעמען. אַזוי איז געווען ביי מיר אויך, ווייל מיט דעם פּראָסטען פאַרשטאַנד איז דאָס ניט געווען צו באַגרייפען ווי אַזוי עס האָט זיך געקענט אַהיז טון אַזוי פיל סחורה אין אַזאַ געוויינליך הייזעל.

## לב.

## איך פאַנג אָן פאָרען מיט אַ מאָטאָר קאַר

ווען דאָס געשעפט האָט זיך שוין געהאַט אַרויפגעאַרבייט אויף גרויסע באַשטעלונגען איז ניט געווען קיין סך צייט צו פאַרלירען. עס זיינען אָנגעקו־מען מערערע „ספּעשעלס" און צוליב דעם האָט מען געמוזט קויפען אַ מאָטאָר קאַר, איז שוין געווען טאַקע אַלעס גרינג און געשווינט צו פאַרזאָרגען. אַז מען האָט אַ קאַר פלעגט מען זיך יעדען זונטאָג איבערפאָרען ערגעץ, און איך האָב

דאָך אַלץ געוואָלט קענען, האָב איך מיך אויך געלערענט פאָרען מיט דער קאַר, אַמאָל צו אַ פּאַרק אָדער גאָר צו סאַוטענד פאַר אַביסעל פרישע לופט ביים ים. איך האָב שוין געקענט אַביסעל פאָרען אָן אַ שומר ביי דער זייט, פלעג איך ליב האָבען מיטצונעמען מיינע פלימעניצעס עס זאָל מיר זיין היימליכער.

פאַר איך מיר אַזוי איינמאָל איבער היי סטריט און כ׳וויל זיך אַריינדרייען צו ארקאלא סטריט, קומט מיר אַנטקעגען אַ „לאָרי" און איך מיין דאָס די „לאָ־רי" וועט פאַר מיר דורך ארץ האָבען און וואַרטען ביז איך וועל מיך אַריינדרייען אין דער גאַס. צום סוף איז ער גאָר אַ שייגעץ און פאָרט מיר גאָר גלייך אַריין אין מיין קאַר. אַ גליק וואָס איך בין געפאָרען לאַנגזאַם, ווען ניט וואָלט געווען פּאַסקודנע, נאָר אַזוי איז דאָס אויסגעגאַנגען בלויז צו דער קאַר אַליין און די אינשורענס קאָמפּאַני האָט שוין געזען מיר זאָלען האָבען אַ נייע קאַר.

איינמאָל אין אַ זונטאָג פאַרגלוסט זיך אונז, דאָס הייסט מיר מיט מיין פרוי און מיין אײדעם מיט אונזער טאָכטער אַז מ׳זאָל זיך גאָר געבען אַ פאָר איבער קיין ברייטאָן, און מאַכען אַ סורפּרייז מיין מאַיר׳ן. פאָרען מיר אַזוי ביז מיר קומען צו קראָלי. רופט זיך מיין טאָכטער אָן צו מאַרי׳ן דאָס ער זאָל זיך אַבי־סעל אָברוהען און איך זאָל אַביסעל פאָרען. נעם איך דאָס רעדעל און מאַרי זעצט זיך נעבען מיר, און איך פאָר מיר אַזוי געלאַסען ביז איך דערזע ווי עס קומט מיר אַנטקעגען אַ שפּאָגעל נייע קאַר, און עס ווייזט אויס ווי אַ מאַן לע־רענט זיך ערשט פאָרען. עס פאַרגלוסט זיך אים דוקא אַריינצופאָרען אין מיין קאַר. נעם איך געשווינד דאָס רעדעל און גיב אַ דריי אַוועק מיין קאַר, דאָס האָט זיך אָנגערירט אין טראַקטאָר, און אַזוי ווי זי איז געווען זער אַ גרינגע און קליינע, האָט זי זיך פון אָבשלאָג געגעבען אַ דריי איבער מיט די רעדער אַרויף. די פרויען וואָס זיינען געזעסען פון אונטען זיינען באַלד אַרויסגעפאַלען און אָבגעקומען מיט שרעק. מאַרי זייענדיג אַ סך דינער פון מיר איז אויך גרינג אַרויס פון דער קאַר, איך אָבער, האָב זיך ניט געקענט אַרויסקריגען, ווייל זי איז געבליבען ליגען אויף מיר גאָר פשוט. עס איז פאַר מיר ניט געווען קיין פלאַץ אַזוי צו ליגען איינגעקוועטשט אונטער דער קאַר, האָב איך מיך געגעבען אַ שטרענג אָן, אַ הויב געטון די קאַר און זיך אָפּער געקראָגען. צי איך האָב מיר עפּעס געטון אָדער איך זאָל האָבען צובראָכען דעם „קאָלער באָן" האָב איך ניט אָנגעהויבען צו פילען.

עס האָט אָבער גאָרניט געהאָלפען, ווייל עס זיינען אָנגעקומען די פּאָליציי און האָבען דורכאויס פאַרלאַנגט מיט זיי צו פאָרען ניט צו ברייטאָן נאָר צו אַ האָספּיטאַל, ניט ווייט פון קראָלי. די דאָקטוירים, זאָלען זיי מיר מוחל זיין, וואָס איך וועל זיי אָנרופען איינפאַכע אידיאָטען, ווייל ווי קומט עס דאָס מען זאָל נע־מען אַ מענשען וואָס האָט צובראָכען אַ ביין און אים האַלטען אויסגעטון וואו אַלע פענסטער זיינען געווען אָפען און איך בין געווען אויסגעווייקט פון שוויס פון אויפרעגונג. איך האָב מיך פאַרקילט ווייל דאָס פאַרבאַנדאַזשירען מיין האַנד האָט גענומען צו אַ לאַנגע צייט.

ווען זיי זיינען קוים פאַרטיג געוואָרען מיט באַנדאַזשירען מיין האַנד איך

זאָל ניט קענען מיט דער האַנד אַ ריר טון, האָט מען גענומען אַ קאַר און אונז אַלע צוריק אַהיים געפירט. איך האָב געמיינט אַז דאָס איז שוין אַלעס, אַבי פאַר־בונדען די האַנד.

אַז עס איז געקומען אין דער פרי, הויב איך מיך אויף ווי געוויינליך און גיי מיר אַרויף צו נעמען מיך צו דער אַרבייט גלייך ס׳וואָלט גאָרניט פּאַסירט. איך נעם מיך צו שניידען מיט איין האַנד, ווייל די לינקע האַנד איז געווען פאַר־בונדען. נאָר די קינדער האָבען ניט געוואָלט אַז איך זאָל אַרבייטען. זיי האָבען אַריינגערופען מיין שכן דעם דר. בראון און ווען ער האָט מיך באַטראַכט, זאָגט ער עס וועט ניט העלפען, איך מוז גיין אין בעט, די האַנד האָבען זיי גוט פאַר־באַנדאַזשירט נאָר איך האָב אָבער אַ שטאַרקען „קאָלד״.

האָב איך דאָך זיך ניט געקענט שפּאַרען מיט אים, ער איז דאָך פאָרט אַ דאָקטאָר.

מ׳האָט געשיקט נאָך בעקי, מיין פיליפּס פרוי. זי האָט געקענט אַביסעל שניידען, האָט זי איבערגענומען פון מיר די אַרבייט און איך האָב שוין געקענט רוהיג גיין אין בעט אַריין.

ווען דר. בראון איז מיך געקומען זען דעם צווייטען טאָג האָט ער געזאָגט דאָס איך מוז האָבען אַ האָספּיטאַל נערס, כסדר בייטאָג און ביינאַכט, ווייל איך האָב „דאָבעל ניומאָניע״, דאָס הייסט אויף פּראָסט אידיש אַ שטאַרקע לונגען אָנצינדונג. דער דאָקטאָר האָט אויך פאַרלאַנגט מען זאָל אַראָבברענגען דעם פיזישען סיריל גריי, און ווען ער האָט מיך אונטערזוכט האָט ער געזאָגט צו מיין איידעם דאָס עס טוט אים זער לייד פאַר מיר, ווייל ער קען מיר מער ניט גע־בען ווי דריי טעג. דאָס בין איך ערשט געוואויר געוואָרען דערנאָך, ווען איך בין שוין געווען בעסער, נאָר מיין אמת׳ער דאָקטאָר וואָס איז איבער אַלע דאָק־טוירים האָט אַנדערש געזאָגט ווי דער פיזישען.

דערווייל אָבער בין איך אָבגעלעגען גאַנצע פיר וואָכען מיט מיין פאַרבאַנ־דאַזשירטע האַנד אין בעט, און ווען איך בין שוין געווען אין גאַנצען געזונד, האָב איך ערשט געהאַט אַ געשעפט מיט מיין האַנד וואָס איז געוואָרען דורך דער צייט אין גאַנצען ווי צוגעוואַקסען, און מען האָט מיר געמוזט די האַנד מאַסאַזשירען. דאָס זיינען געווען שרעקליכע שמערצען. צוויי מאָל אין טאָג האָב איך דאָס באַדאַרפט אַדורכגיין, און אַזוי האָב איך מיך אָבגעפּלאָגט אַ פינף מאָ־נאַטען. שפּעטער האָב איך באַדאַרפט צו האָבען „קאָנוועלעסענט״ איך זאָל אין גאַנצען צו זיך קומען.

דאָס איז געווען פּונקט אין דער צייט וואָס מ׳האָט זיך באַדאַרפט צו ציהען צו דער נייער דירה, און אין דער צייט האָט זיך אין גאַנצען געביטען די אַר־בייט, וואָס אַנשטאָט פריער האָט מען ס׳מערסט נאָר געאַרבייט די בלאוזעס און „דזשאמפּערס״ און נאָר אַ קליין ביסעל קליידער, איז איצטער אין גאַנצען גע־וואָרען פאַרקערט.

איך בין שוין אָבער געווען צוריק, ווען מען האָט באַדאַרפט איינשטעלען מער „פּאַוער־מאַשינען״ און צו קליידער האָט מען שוין באַדאַרפט אַנדערע

סחורות. דאָס וואָס מען האָט געהאַט ליגען אַ סך סחורות איז ניט געווען נוצ־ ליך, די דאָזיגע סחורה איז געווען זייער אַ סך, און דאָס וואָס מען האָט באַדאַרפט יאָ צו האָבען איז גאָר ניט געווען. איז טאַקע ניט געווען אַזוי פויגעלדיג. פונ־ דעסטוועגען האָט גאָט געהאָלפען און מען איז איבערגעקומען אַלע שוועריקיי־ טען. און ווען איך האָב שוין אָנגעפאַנגען צוריק צו שניידען האָט מען שוין גע־ מוזט צונעמען אַ צווייטען „קאַטער". עס האָט געמוזט זיין זייער פינקטליך גע־ שניטען, און ניט אַזוי פיל מיט אַמאָל צו שניידען ווי ביי בלאָזען. מען האָט אויך געמוזט צונעמען נאָך אַ „קאַטער", און אַז עס איז שוין אַלעס געווען ריכטיג איינגעשטעלט און געגאַנגען גלייך, האָט מען געמאַכט אַ גרויסע שמחה, אַ חנוכת הבית און אַ סעודות הדעה צוזאַמען און עס זיינען געקומען אויסער מיין גאַנצער משפחה אויך אַ סך פון מיינע קאַלוועסטאָן קרעסענט חסידים, און מען האָט געהאַלטען רעדעס. אַלע מיינע קינדער, אַפילו מיין פיליפּ האָט אויך גע־ האַלטען אַ רעדע, נאָר די ריכטיגסטע רעדע איז געהאַלטען געוואָרען פון מיין פריינד דוד טשעכאַנאָווער, ע"ה, און ער איז געווען גערעכט, ווען ער האָט אַם ענדע פון זיין רעדע געזאָגט צו מיינע קינדער דאָס זיי זאָלען זען גיין אין מיין וועג אָבער זיי זאָלען נישט פאָרען אין מיין וועג...

# דריטער טייל

## א.

## די דאלסטאן תלמוד תורה

אַ סך יאָרען פון מיין לעבען האָב איך מיך געווידמעט פאַר דער פּראַגע פון אידישען חינוך, ווייל איך האָב אין דעם געזען די איינציגע מעגליכקייט פאַר דעם קיום האומה און קיום יהדות אין דעם לאַנד. נאָך באַלד ביי מיין אָנקומען, ווי נאָר איך האָב מיך איינגעאָרדענט אין לאָנדאָן, איז מיר ניט געפעלען געוואָרען דער אָנגאַנג וועגען דעם אופן און אונטער וואָס פאַר אַ אומשטענדען דאָס אידישע קינד ווערט אויפגעבראַכט אין אידישקייט. עס זיינען געווען חדרים און תלמוד תורות וואָס האָבען ווייט ניט געקענט געבען קיין ענטפער אויף דעם אידישען ערציהונגס פּראָבלעם.

איך האָב זיך שפּעטער פיל אָבגעגעבען מיט דער פּראַגע פון אידישען חינוך און היות ווי איך האָב געוואוינט ניט ווייט פון דער דאלסטאן תלמוד תורה האָב איך זיך מיט'ן גאַנצען האַרצען אַריינגעוואָרפען אין דער אַרבייט פון דער דאָזיגער אינסטיטוציע. איך וועל זיך דערפאַר קאָנצענטרירען אויף דער דערמאָנטער תלמוד תורה, ווייל איך גלויב, אַז זי קען דינען אַלס גוטער ביישפּיל וועגען דעם וואָס עס איז אָנגעגאַנגען אין ענליכע חינוך אינסטיטוציעס אין יענע יאָרען, ווען איך בין אַהער אַריבערגעקומען און אויך שפּעטער.

עס איז געווען אין אָנפאַנג 1926, ווען איך האָב שוין געוואוינט איבער אַ יאָר אין אַכט און דרייסיג רעקטאָרי רויד. עס זיינען צו מיר געקומען צוויי אידען, יוסף צבי בעקמאַן, און מר. רינג, מיט וועלכע איך פלעג צוזאַמען דאַווענען אין בית המדרש, 62 קאלוועסטאן קרעסענט. מר. בעקמאַן און מר. רינג זיינען געקומען צו מיר אין נאָמען פון מר גימעל, וועלכער איז דאַן געווען דער פּרעזידענט פון דער דאלסטאן תלמוד תורה. זיי האָבען צו מיר געזאָגט דאָס עס איז פאַר מר. גימלען שוין צו שווער צו פירען די תלמוד תורה, און מיך געבעטען איבערצונעמען די אָנפירונג פון דער אינסטיטוציע.

איך האָב באַלאַנגט צו דער ת"ת בלויז אַלס מיטגליד און האָב זיך נישט געמישט, ווייל מיין טבע איז תמיד געווען ניט צו שטופּען זיך אויבען־אָן.

די געסט האָבען צו מיר געזאָגט דאָס אויב איך וועל ניט קומען צום מיטינג און אָננעמען צו ווערען פּרעזידענט פון דער ת"ת, וועט נאָך די ת"ת חס ושלום אונטערגייין. אַז איך האָב געהערט דאָס עס גייט אין עקזיסטענץ פון אַזאַ

וויכטיגע זאַך ווי אַ ת"ת, האָב איך איינגעוויליגט צו גיין צו דעם מיטינג און ווען איך בין אַהין געקומען האָט מר. גימעל געפירט דעם פאָרזיץ און נעבען אים זיינען געווען מר. מייקל שיף, מייקל שיף'ס אַ שוואָגער מר. סטארק, און אויך מר. פיליפּ ווייז, אַ גרויסער אונטערשטיצער פון גימלען. זיי אַלע זיינען געווען עסטרייכער אידען. ביי דעם מיטינג איז אויך געווען די גאַנצע פּני פון מאַנטאגיו רויד בית המדרש, אַלע ליטוואַקעס, מר. פרעסקיל, דער פּרעזידענט פון בית המדרש, די גאַנצע קאָמיטע און אַזוי בעלי בתים וועלכע זיינען געווען געגנער פון מר. גימלען. איך האָב דאָס פאַרשטאַנען פון זייערע פראַגעס וואָס זיי האָבען געהאַלטען אין איין פרעגען.

מר. גימעל האָט געהאַלטען אַ רעדע און זיך באַמיט צו פאַרענטפערען די אַלע פראַגען, און אויף מיר האָט געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק מר. גימעל'ס רעדע, ווייל ער האָט געזאָגט דאָס ער האָט געגעבען אַ מתנה זיבעציג פונט צו דער תלמוד תורה

אַז איך האָב געהערט דאָס אַ איד גיט אַ מתנה זיבעציג פונט און נאָך דער־צו אַ אָרעמאַן, בין איך טאַקע גאָר נשתומם געוואָרען, ווען ער האָט געזאָגט דאָס עס פאַר אים צו שווער צו פירען די ת"ת, און ער שלאָגט פאָר צו דעם מיטינג דאָס מען זאָל מיך ערוויילען פאַר פרעזידענט, זיינען אַלע אָן אויסנאָם געווען דערפאַר, האָב איך דאָך שוין ניט געקענט האָבען קיין האַרץ זיך אָבצו-זאָגען און אַזוי בין איך געוואָרען ערוועלט אַלס דער פרעזידענט פון דער דאַל־סטאָן תלמוד תורה. מר. גימעל איז דאַן אַראָב פון בענקעל און מר. מייקל שיף האָט פאַרענדיגט דעם מיטינג מיט אַ דאַנק צו מר. גימלען. מר. פיליפּ ווייז האָט דעם דאַנק אונטערשטיצט און אַזוי איז דער מיטינג דורכגעגאַנגען בשלום.

נאָך דעם מיטינג איז צו מיר געקומען מר. גימעל און מיר געמאַכט אַן ערקלערונג דאָס איך זאָל וויסען דאָס דער העדמאַסטער טויג ניט, און איך וועל אים מוזען אַוועקשיקען. האָב איך אים געענטפערט דאָס איך וועל מאַכען פאַר מיין פרינציפּ צו זען אויב דער העדמאַסטער טויג ניט, אָבער איך מוז דאָך דאָס אַליין אויסגעפונען.

איין זאַך אָבער האָב איך ניט געקענט פאַרשטיין, דאָס אויב דער העד־מאַסטער טויג ניט, וואָרום האָט מר. גימעל געוואָרט פאַר מיר, צו וואָס האָט ער דאָס איבערגעלאָזט פאַר מיר איך זאָל דאַרפען אַוועקשיקען דעם העדמאַסטער ? דאָס איז ביי מיר געווען אַ זער שווערע קשיה.

אויף צו מאָרגענס האָב איך נאָך געקראָגען צוגעשיקט אַ בריף פון מר. גימלען, אין וועלכען ער פאַרשפּרעכט מיר צו העלפען ווי ווייט נאָר עס וועט פאַר אים מעגליך זיין. ער פאַרענדיגט דעם בריף מיט די ווערטער פון „רק חזק ואמץ" ווען איך האָב געקראָגען אַזאַ מין בריף בין איך געוואָרען גאָר צו־פרידען און זיך גענומען מיט מיין גאַנצען ברען צו דער אַרבייט פון דער תלמוד תורה.

ב.

## ווי אזוי איך האָב געפונען די תלמוד תורה

ווען איך האָב אָנגעהויבען צו באַזוכען די ת״ת האָב איך צום ערשטען זיך אַרומגעקוקט ווי עס זעט אויס דער בנין. עס איז געווען אַ געוויינליך הייזעל פון אַכט צימערען, אין 141 אַמהורסט רויד. אויף דעם צווייטען שטאָק האָט געוואוינט אַ שכן מיט צוויי קינדער, איך האָב גראדע געקענט דאָס פּאָר פּאָלק. אונטען איז געווען צוויי קעלער־שטובען אין אַ זער שרעקליכען צושטאַנד, שמוציג און אומגעזונד. אין דעם צימער וואָס נעבען דעם גאָרטען פון הויז איז דאָס פענסטער אַריינגעגאַנגען צו דעם „יורינעל״ וואָס איז געווען פאַר די אינגלעך. ווער עס איז געווען דער אַרכיטעקט פון דעם הויז איז ווערט געווען אַ גאָלדענעם מעדאַל מיט בריליאַנטען באַזעצט, ווייל גלייך ווי מען איז נאָר אַריינגעקומען אין דער שטוב האָט מען דערפילט דעם וואונדערבאַרען גע־שמאַק פון דעם „יורינעל״.

זיינען מער ניט געבליבען ווי צוויי שטובען אויפ׳ן ערשטען שטאָק, און דערנידער צוויי שטובען וואו עס איז געווען דער מנין וואו מען פלעגט שבת דאַווענען

דער לערער שטאַב איז באַשטאַנען פון ר׳ אברהם גאָלדמאַן, דער שמש פון מאָנטאגיו רויד בית המדרש, און זיין איידעם מר. כהן, און אַ ישיבה בחור סאלקאסקי, נאָך גאָר יונג, וועלכער איז שפּעטער געוואָרען אַ חתן פאַר ר׳ אברהם׳ס אַ טאָכטער. עס איז אויך געווען אַ גוטער לערער, מר. עלמאַן. דער העדמאַסטער מר. פּאַלעווסקי האָט גענומען פינף פונט אַ וואָך. כאָטש ער האָט געקענט לערנען אָבער ווי אומצוגיין מיט קינדער האָט ער קיין שום אהנונג ניט געהאַט, און וואָס ער האָט געטון אין די קלאַסען איז געווען אומגעלומ־פּערט.

ניט קיין וואונדער, האָב איך זיך געטראַכט, וואָס מר. גימעל האָט מיר באַלד אויף דעם מיטינג געזאָגט דאָס איך וועל דעם העדמאַסטער מוזען אַוועקשיקען, אָבער וואָרום האָט ער דאָס פאַר מיר איבערגעלאָזט, און וואָרום האָט ער אים גאָר צוגענומען און האָט אַוועקגעשיקט מר. הלוי׳ן? דאָס איז פאַר מיר נאָך געווען שווער צו פאַרשטיין באַלד אין אָנפאַנג.

עס איז אויך געווען באַזונדער אַ סעקרעטאַר, וואָס האָט גענומען צוויי פונט אַ וואָך, דאָס איז געווען אַ פיינער בחור, קלענעוויטש׳עס אַ זון, און די לערער האָבען אויך גענומען צו צוויי פונט אַ וואָך אויסער סאלקאסקי עפּעס ווייניגער. דער סך הכל איז געווען דאָס די ת״ת האָט געהאַט הוצאה פון פופ־צען פונט אַ וואָך. אויסער דעם איז נאָך געווען אַ שטיקעל „קעירטייקער״ וואָס מען האָט געמוזט צאָלען, און איצט דאָס הויז אויפצוהאַלטען און באַלייכטונג? די איינקונפט איז געווען פון די קינדער׳ס שכר לימוד. עס זיינען געווען ווייני־גער ווי הונדערט קינדער, און אויב אַ קינד וואָלט געצאָלט צו צוויי שילינג

וואָלט דאָס געדעקט האַלב די הוצאות. מען האָט אָבער ניט געצאָלט אַזאַ שכר לימוד, נאָר צו זעקס פעניס אַ וואָך, און אויב עס איז אַפילו אַריינגעקומען פון ביטראַגען אַ צוויי דריי פונט אַ וואָך האָט דאָס אַלץ ניט געדעקט קיין העלפט פון די אויסגאַבען. צו דעם איז נאָך ר׳ אברהם גאָלדמאַן צו דעם מלמדות אויך געווען דער קאָלעקטאָר כאָטש ער האָט באַדאַרפט צו האָבען פרנסה פון דעם וואָס ער איז געווען שמש אין מאָטאַגיו רויד בית המדרש, און האָט אויך גע־נומען צוויי פונט אַ וואָך פון דער ת״ת פאַר זיין אַ מלמד און קאָמיסיאָן פון דעם וואָס ער האָט איינגעמאָנט דעם שכר לימוד פון די קינדער, ווי אויך ווען איי־נער האָט באַצאָלט אַ נדר פאַר דער תלמוד תורה.

די אונטערשטע שורה איז געווען אַז דאָס וואָס ר׳ אברהם האָט קאָלעק־טירט איבער דער וואָך האָט ער זיך קודם כל גענומען זיינע צוויי פונט און דעם קאָמיסיאָן און די רעשט האָט ער אַוועקגעגעבען צום סעקרעטאָר אויב עס איז נאָך וואָס געבליבען אַוועקצוגעבען.

איז דאָך ניט געווען קיין וואונדער וואָס די ת״ת איז געווען איינגעטונקען אין חובות איבער דעם קאָפּ. די לערער איז אַלע געקומען שווערע פונטען. מען קען זיך פאָרשטעלען דאָס ר׳ אברהם׳ען אַליין, וואָס האָט זיך צום ערשטען גענומען זיינס איז אויך געקומען צוואַנציג פונט שכירות. טאָ וויפיל האָט שוין געקענט קומען די אַנדערע ? דעם העדמאַסטער איז געקומען גאַנצע פופציג פונט. ערשט חובות פאַר ספרים איז גאָר ניט געווען איבערצוציילען. אַז איך האָב דאָס אַלעס אויסגעפונען איז מיר פינסטער געוואָרען אין די אויגען, און איך נעם טראַכטען, מ׳האָט מיר שוין איינמאָל אָנגעהאַנגען אַ פעקעל מיט צרות. איך הויב אָן קלערען וואָס טוט מען פריער, און וואו הויבט מען אָן ? זאָל איך זיך אין גאַנצען אָבטראָגען און צוריקגעבען מר. גימלען זיין פעקעל צוזאַמען מיט דעם „רק חזק ואמץ״ ? ניין, עס איז ניט געווען מיין טבע צו אַנטלויפען. בין איך אַריינגעפאַלען, מוז איך אַמוויינינגסטענס עפּעס וואָס טון. באַרעכען איך מיר דאָס צום ערשטען מוז איך צו מיר אַהיים רופען די הויפּט מענשען פון דעם קאָמיטעט און זיי באַקענען מיט דעם צושטאַנד פון דער ת״ת, און זיי אויפוויי־זען די רעפאָרמען וואָס עס איז נויטיג באַלד איינצופירען.

דעם באַשלוס מיינעם האָב איך זיך גענומען באַלד אויספירען און האָב איינגעלאַדען צו מיר אַהיים אַ פריוואַטען מיטינג...

ג.

## דער מיטינג אין מיין הויז

געקומען צום מיטינג זיינען מר. מייקל שיף, דער נייער טרעזשורער מר. בית, מר. סטארק און מר. רשבש, וועלכער איז אַליין אַמאָל געווען העדמאַס־טער פון דער ת״ת, און מר. ריש, וועלכער איז אין די ערשטע צייטען געווען

מיין גאַנצער בעל יועץ. מר. ריש האָט אַלעס געוואוסט וואָס עס טוט זיך אין דער תלמוד תורה.

ווען איך האָב ביי אים געפרעגט וואָרום די ת״ת איז אין אַזאַ שרעקליכען צושטאַנד און אים דערמאָנט, אַז מר. גימעל האָט געגעבען זיבעציג פונט אַ מתנה, האָט זיך מר. ריש צושמייכעלט. אויף מיין פראַגע פאַרוואָס ער שמייכעלט, גיט שוין מר. ריש צו פאַרשטיין וואָס דאָ טוט זיך. צו די זיבעציג פונט, וואָס איך האָב געהערט פון גימלען געבען אַ מתנה, האָט נאָך די ת״ת צוגעלייגט, ניט פאַרדינט. הערענדיג דאָס בלייב איך שוין גאָר מיט׳ן מויל אָפען און איך קען שוין גאָר ניט פאַרשטיין וואָס דאָ טוט זיך אַזוינס. זאָגט מיר מר. ריש איך זאָל זיך ניט וואונדערען, דער חשבון איז ריכטיג.

די מעשה דערפון איז אַזוי: ווען מר. גימעל האָט גענומען דעם נאָרט לאַנדאָן דזשואיש קלוב אויף צום דאַווענען די ימים נוראים, האָט ער דעם קלוב גענומען ניט אויף דעם נאָמען פון דער ת״ת, ווי עס האָט ריכטיג באַדאַרפט צו זיין, נאָר ער האָט דעם קלוב גענומען אויף זיין אייגענעם נאָמען. די אַלע געלדער וואָס זיינען אַריינגעקומען פון די איינטריט קאַרטען וואָס מ׳האָט פאַרקויפט האָבען אַנגעטראָפען זיבעציג פונט. הייסט דאָך דאָס עס איז אַריינגעקומען אויף גימעל׳ס נאָמען די זיבעציג פונט. האָט גימעל די זיבעציג פונט אַריינגעגעבען צו דער ת״ת אין זיין נאָמען, און די זיבעציג פונט האָט ער דאָס אָנגערופען מתנה. נאָך דעם האָט זיך אָנגעהויבען אַ סדרה פון אויסצאָלען פאַר דער אונטערנעמונג פון די ימים נוראים. דאָס איז שוין געווען אין נאָמען פון דער ת״ת. אַז מען האָט באַצאָלט אַ צוואַנציג פונט צום בעל מוסף, צוואַנציג פונט פאַר׳ן קלוב, צען פונט צום בעל שחרית און נאָך אַנדערע צאָלונגען פאַר דרוק אַרבייט און אַדווערטייזען אין ציימונג, איז אויסגעקומען דאָס די ת״ת האָט נאָך צוגעלייגט צו דער „מתנה״ און גאָרניט פאַרדינט.

אַז איך האָב דאָס אַלעס געהערט האָב איך גאָרניט געקענט זיך פאָרשטעלען דאָס אַזאַ זאַך איז מעגליך געווען.

יאָ, זאָג איך צו מר. ריש׳ן, ער האָט דאָך פאָרט שטאַרק געאַרבייט, ער האָט די ת״ת אַרויסגענומען פון מאָנטאַגיו רויד וואו די ת״ת איז געגרינדעט געוואָרען פון אַ מר. יאסעלזאָן און איז דאָרטען געווען אַ איינפאַכע קאַמער אַנטקעגען דעם הויז. גימעל האָט דאָך דאָס הויז געקויפט אין 141 אַמהורסט רויד, וואָרום זאָל איצטער ווערען אַזוי שלעכט דאָס גימעל האָט געפונען פאַר נויטיג זיך אָבצוזאָגען. וואָרום האָט ער די גאַנצע צייט געקענט פירען און כאָטש פיל ווייניג דאָך עפּעס אויפגעטון, און איצטער, פלוצלינג, איז ער געוואָרען אויס מאַכער? ווי לאָזט זיך דאָס ערקלערען?

מאַכט צו מיר מר. ריש איך זאָל זיך ניט וואונדערען, מען דאַרף צו פאַרשטיין די צייט וואָס איז געווען, ווען מר. גימל האָט געקענט זיין אַ טוער. עס איז געווען די צייט פון מלחמה, דאַן האָבען אידען געמאַכט געלד. האָט קיין געלד ניט געשפּילט קיין ראָלע, האָט גימל געקענט קריגען וויפיל געלד ער האָט געוואָלט אין נאָמען פון דער ת״ת. ער פלעגט צו נעמען שכר לימוד ביי

די קינדער צו פינף שילינג אַ וואָך. אַלץ האָט ער אַליין געפירט, ער האָט אַליין צוגענומען מלמדים און ער האָט אַליין אַוועקגעשיקט ווער נאָר עס איז אים ניט געפעלען געוואָרען. איצט מאַכט מען שוין ניט קיין געלד, מען שטופּט קוים אַדורך די צייט, מען צאָלט שוין ניט מער שכר לימוד פאַר אַ קינד ווי איין שילינג און זעקס פּעניס, און עס געפינען זיך שוין קינדער אין ת״ת וואָס צאָלען גאָרניט, און מען דאַרף זיין צופרידען אַז זיי קומען צו דער ת״ת כאָטש אָן געצאָלט. נדרים זיינען אויך געפאַלען, מען שנדר׳ט שוין ניט קיינע גינעס ווי פריער, איז מר. גימל שוין אויס קאַפּעלוש מאַכער. דער גאַנצער עסק איז אים ניט מער צום האַרצען, זאָל זיך אַן אַנדערער ברעכען דעם קאָפּ.

צו די איינציגע מענשען, וואָס איך האָב פאַררופען צו מיר אַהיים, האָב איך נאָך אויך געבעטען מיין אידעם ער זאָל מיר צוהעלפען, און ווען איך האָב ערקלערט ווי שלעכט די ת״ת שטייט, האָב איך זיי אויך אָנגעגעבען דעם ער־שטען שריט וואָס מען מוז מאַכען. דאָס ערשטע דאַרף מען נעמען אַ פרעמדען אידען פאַר אַ קאָלעקטאָר, און דער קאָלעקטאָר זאָל נאָר קריגען „קאָמישען" פון דעם וואָס ער וועט איינקאַסירען פון די מיטגלידער פון ת״ת וואָס צאָלען וועכענטליך, און פון שכר לימוד, וואָס קינדער ברענגען, זאָל קיין „קאָמישען" ניט געצאָלט ווערען. ר׳ אברהם זאָל זיין בלויז מלמד און דעם העדמאַסטער מוז מען אַוועקשיקען. דער קאָמיטעט האָט מיט מיר איינגעשטימט און איך האָב געהאַט די אויפגאַבע איבערצוגעבען דעם באַשלוס פון דער קאָמיטעט.

איך האָב מיר שוין איינמאָל געקויפט מפטיר, ווען איך בין געקומען צו־מאָרגענס צו ר׳ אברהם׳ן און אים איבערגעגעבען דאָס ער דאַרף זיין בלויז אַ מלמד און מער ניט גיין קאָלעקטען. ער האָט קיין אַנדערען נאָמען ניט געהאַט פאַר מיר ווי מיך אָנצורופען מערדער, קאַלטער גזלן, און נאָך איינציגע איידע־לע נעמען, דאָס איז געווען מיין ערשטען שכר. ר׳ אברהם האָט מיר אָבער מיט אַ שטיקעל צייט שפּעטער צוגעגעבען דאָס איך בין געווען גערעכט, עס האָט טאַקע ניט געטויגט פאַר אים און עס איז פאַר אים צו שווער געווען דאָס אַרומגיין קאָלעקטען פאַר דער ת״ת. נאָר דאָס וואָס ער האָט מיך גערופען בשעת מעשה מיט אַזעלכע איידעלע נעמען ווי קאַלטער גזלן און מערדער, דאָס האָט ער גאָר פאַרגעסען, נאָר איך האָב מיר דערפון נישט געמאַכט, איך האָב זיך געטראַכט זאָל מיינס איבערגיין.

ד.

## איך קריג מיין צווייטען אבשניט

נאָך דעם ווי איך האָב געהאַט דעם ספּעציעלען מיטינג ביי מיר אין הויז האָב איך פאַררופען אַ פולען קאָמיטעט מיטינג אין ת״ת, און זיי פאַרגעלייגט דעם באַשלוס פון דעם ספּעציעלען מיטינג. דער גאַנצער קאָמיטעט האָט צוגע־

שטימט צו דעם באַשלוס. מר. גימל איז אויך געקומען צו דעם מיטינג, און מער איז ער שוין ניט געקומען צו קיינע מיטינגען, טראָץ דעם וואָס מען האָט אים איינגעלאַדען.

מר. גימל האָט אויף דעם מיטינג פאָרגעשלאָגען מיר זאָלען זען צו קריגען מר. הלוי׳ן פאַר העדמאַסטער פון דער ת״ת. מר. ריש האָט מיט מיר שוין גערעדט וועגען הלוי׳ן ווייל איך האָב אים פריער נאָך גאָרניט געקענט. עס האָט זיך אָבער געשטעלט די פראַגע פאַרוואָס האָט מר. גימל איצט פאָרגעשלאָגען איך זאָל זיך אַליין אָנשטרענגען און זען צו קריגען מר. הלוי פאַר העדמאַסטער, און וואָרום האָט ער אים אַוועקגעשיקט, ווען ער איז פריער געווען דער העדמאַסטער ? גאָר פשוט, הלוי האָט געוואוסט ווי צו פירען אַ ת״ת און מר. גימל האָט געוואָלט פירען ווי ער האָט געפירט מיט אַלעמען אויף זיין וואונדערבאַרען אופן. הלוי האָט ניט געוואָלט האָבען צו טון מיט אים און איז אַוועק צו די גראַוו ליין תלמוד תורה און גימל האָט צוגענומען פאַלעווסקי פאַר העדמאַסטער.

ווען איך בין געקומען צו דעם העדמאַסטער פאַלעווסקי און אים געזאָגט וואָס די קאָמיטע האָט באַשלאָסען, דאָס ער זאָל זיך אָבזוכען אַן אַנדערע באַשעפטיגונג, האָט ער מיך מכבד געווען מיט אַזעלכע איידעלע ברכות דאָס ר׳ אברהם׳ס אויסדרוק פון מערדער און קאַלטער גזלן איז געווען אַ קינדערשפיל צו דעם וואָס ער האָט מיך גערופען, און מיט אַזעלכע משוגע׳נע געוואַלדען דאָס איך האָב געדענקט צי ער איז ניט חס ושלום אויף ריכטיג פון זינען אַראָב. דערצו האָט ער געשריען דאָס ער וועט מיר ניט שווייגען, ער וועט מיך רופען צום בית דין. האָב איך זיך געטראַכט אָבי ניט צו דער אַלד ביילי. איך האָב אים געענטפערט דאָס ער קען טון וואָס ער וויל נאָר איך מוז אויספירען דעם באַשלוס פון דער קאָמיטע מיינער.

ער האָט מיך טאַקע גערופען צו אַ דין תורה, נאָר דערווייל בין איך ניט געשלאָפען. איך האָב זיך געזען מיט מר. הלוי און ער האָט מיר אויסדריקליך געזאָגט דאָס ער איז גרייט צוריקצוגיין צו דער דאַלסטאָן ת״ת אויב מר. גימל איז שוין מער ניט קיין מאַכער דאָרטען, נאָר ער גייט ניט אַוועק פון גראַוו ליין צוליב געלד זאַכען. ער איז באַרייט אַפילו צוריקצוגיין פאַר ווייניגער געלד ווי ער נעמט אין גראַוו ליין ת״ת אָבי אונטער מיין פירונג, ווייל אַזוי גוט ווי ער האָט פריער אין דער דאַלסטאָן ת״ת געהאַט צו טון מיט מר. גימל וואָס האָט אים אין אַלעמען געשטערט מיט דעם אָנגאַנג פון דער ת״ת, אַזוי האָט ער איצט צו טון מיט אַ דאָקטאָר קירזשנער וואָס שטערט אים אויף יעדען אופן. ער איז דאָך דער העדמאַסטער, נאָר צום סוף ווייסט ער ניט וואָס ער איז, ווייל אין אַלעמען האָט זיך יענער געמישט און האָט אים אין יעדער זאַך געשטערט, דאַרום וויל ער אים איבערלאָזען, זאָל דער רבי׳שער דאָקטאָר אַליין פירען.

האָב איך מיט מר. הלוי׳ן באַשטימט ווען ער זאָל אָנפאַנגען זיינע פליכטען אין דער דאַלסטאָן תלמוד תורה, און דערפאַר האָב איך באַקומען פון וואָלוויש שיף אַ אָבשניט. ער האָט אַזש מיך געוואָלט מכבד זיין מיט אַ פּאַטש,

דאָס הייסט ער האָט נאָר אַזוי געזאָגט דאָס איך בין ווערט אַ פּאַטש פאַר דעם וואָס איך האָב אַוועקגענומען הלוי׳ן. וואָרום האָט אָבער וואלוויש שיף זיך ניט אומגעקוקט און אינטערעסירט צו זען ווי אַזוי זיין רבי׳שער דאָקטאָר פירט זיך אין דער ת״ת און דערמיט צו פאַרטרייבען אַזאַ פעהיגען העדמאַסטער ווי הלוי איז געווען? איצט האָט אים פאַרדראָסען, אָבער עס איז שוין געווען צו שפעט.

דערווייל איז אונטערגעקומען די דין תורה מיט דעם געוועזענעם העד־מאַסטער פאַלעווסקי, און מר. גימל איז אויך געקומען צו דער דין תורה. איך האָב גערעכענט דאָס ער וועט געוויס איבער׳חזר׳ן דאָס וואָס ער האָט מיר גע־זאָגט אויף דעם מיטינג באַלד ווי איך בין געוואָרען ערוועלט אַלס פרעזידענט, דאָס איך וועל מוזען דעם העדמאַסטער אַוועקשיקען ווייל ער טויג ניט. צום סוף האָב איך מיינע אויערען ניט געגלויבט צי זיי הערען ריכטיג, ווייל איך האָב געהערט אַזעלכעס וואָס איז געווען אונמעגליך צו גלויבען אַז עס קומט פון דעם זעלבען מר. גימעל. ער האָט ניט מער געזאָגט צום בית דין ווי אַז ער האָט צוגענומען פאַלעווסקי ווייל ער האָט געוואוסט דאָס ער איז אַ גוטער העדמאַסטער און דורך דער צייט וואָס ער איז געווען העדמאַסטער האָט ער זיך איבערצייגט אין זיינע פעהיגקייטען.

סטייטש, געוואַלד געשריען, מען דאַרף דאָך האָבען פאַרשטאַכענע אויגען דאָס צו קענען! מיר האָט ער געזאָגט איך זאָל אים אַוועקשיקען, ווייל ער טויג ניט און עס וועט מוזען זיין מיין ערשטע אַרבייט, און איצטער קומט ער צום בית דין און זאָגט דאָס ער האָט אים געפונען פאַר אַ גוטען העדמאַסטער, און אַזוי לאַנג ווי ער איז געווען פרעזידענט איז ער פון אים געווען צופרידען!

צוליב גימל׳ען האָט די ת״ת פאַרשפּילט די דין תורה, ניט חס ושלום מען זאָל דעם העדמאַסטער מוזען ווייטער האַלטען, נאָר מיר האָבען געמוזט געבען מר. פאַלעווסקי צוזאַמען מיט די פופציג פונט וואָס אים איז געקומען שכירות אַכציג פונט, נאָר דיין דר. פעלדמאַן האָט מיר צוגעזאָגט דאָס ער וועט זען דאָס די ת״ת זאָל קריגען פון דער תלמוד תורה טראַסט פופציג פונט מיר זאָלען קענען פטור ווערען פון דעם עסק און קענען איינשטעלען אַ ריכטיגע תלמוד תורה.

ה.

## איך מאַך אַ טאַנץ פאַר דער תלמוד תורה

ווען מר. הלוי האָט איבערגענומען צו פירען אַלס העדמאַסטער און סעק־רעטאַר די ת״ת האָט מען דאָך קודם כל באַדאַרפט פינאַנצען צו מאַכען אָרד־נונג. האָב איך געבעטען מיינע קינדער דאָס זיי זאָלען מיר העלפען און אַראַנ־זשירען אַן אונטערנעמונג וואָס זאָל אַריינברענגען פאָנדען פאַר דער ת״ת. מיי־נע קינדער האָבען זיך גענומען צו דער אַרבייט און האָבען צונויפגעשטעלט אַ קאָמיטעט פון בלויז יונגע מענשען אויף צו שאַפען געלד פאַר דער ת״ת. זיי

האָבען געקראָגען דר. טשאַרלס שיף, מייקל שיף׳ס זון, ער זאָל ווערען דער פאָרזיצער פון דעם קאָמיטעט, און מיין אידעם איז געוואָרען דער סעקרעטאַר. זיי האָבען צוגעצויגען אַ סך יונגעלייטלעך און יונגע פרויען, און געדונגען די וועסטמינסטער פעלעס רומס פון מאַניקאַדעמס אויף צו מאַכען אַ באַלל.

דורך דער צייט וואָס דער קאָמיטעט האָט געאַרבייט פאַר דער אונטער־נעמונג האָב איך זיך גענומען מאַכען אָרדנונג אין דער ת״ת. ערשטענס האָט מען באַדאַרפט זען דאָס דער שכן זאָל זיך אַרויסציען פון דער ת״ת, ווייל עס זיינען געווען די בעסטע צוויי שטובען פאַר קלאַסען צו האַלטען. איך בין פריער געגאַנגען זען מיין שוועגערין גוטשע טייערשטיין, וואָס האָט שוין געהאַט גע־וואוינט אין אַמהורסט רויד, און איך האָב פון איר פאַרלאַנגט זי זאָל מיר מאַ־כען גרייט צוויי צימערען אויף דעם צווייטען שטאָק אין איינע פון אירע היי־זער פאַר דעם שכן פון דער ת״ת, און זי זאָל רעכענען ביליג פאַר דער דירה. און אַז איך האָב שוין דאָס געהאַט בין איך ערשט אַרויף צו דעם שכן מרס. פענסטער, און איר געבעטען דאָס זי זאָל זיך אַרויסציהען און איר געזאָגט אַז איך האָב פאַר איר אַ בעסערע דירה ווי די אין ת״ת, ווייל מיר דאַרפען אירע צימערען אויף קלאַסען. זי האָט געהאַט אַ גערעכטע טענה דאָס ווען זי האָט געדונגען די דירה איז נאָך דירה געלד ניט געשטיגען אַזוי הויך ווי איצט. האָב איך איר אויפגעוויזען דאָס די דירה וואָס איך האָב פאַר איר איז פיל בעסער און גאַנץ ביליג, און עס איז אַ ריכטיגער פלעט.

זי האָט מיר ניט געקענט אָבזאָגען, איך בין דאָך פאַרט געווען אויף איר חתונה, און באַזונדער זיינען זיי געווען פיינע מענשען און זיי נעמען נאָך ביז היינט צו טאָג אַ אינטערעס אין דער ת״ת. האָבען זיי זיך מיט מזל אַרויסגעצוי־גען. דאַן האָט מען אַדווערטייזט פאַר אַ קעירטייקער און עס איז געקומען אַ מר. העריסאָן וואָס איז נאָך ביז איצט אין ת״ת. מען האָט אויסגערייניגט די צוויי קעלער שטובען, און ווער עס איז נאָכער אַריינגעקומען צו דער ת״ת האָט געמוזט צוגעבען דאָס דער אויפטו איז געווען אַ ברכה.

מר. הלוי האָט זיך גענומען מאַכען אָרדנונג, איינגעשטעלט אַ ריכטיגען סדר הלימוד, און עס האָט זיך באַלד אָנגעפאַנגען צו פאַרבעסערען און אויך צו פאַרגרעסערען די צאָל קינדער. עס איז נויטיג געווען צו נעמען נאָך לערער, נאָר דאָס האָב איך אַלעמאָל איבערגעלאָזט פאַר מר. הלוי, ווייל ער האָט גיכער באַדאַרפט וויסען פון מיר וועלכער איז אַ גוטער לערער אָדער ניט.

ווען עס איז שוין אונטערגעקומען דער באַלל, האָב איך געהאַט גאָר אַ סך צו טון. איך האָב שוין געהאַט צוגענומען דעם קאָלעקטאָר מר. פריי, וואָס אַלע זיינען פון אים צופרידען געווען. ער האָט געטון זיין אַרבייט מיט איבערגעבענ־הייט צו דער ת״ת. פלעג איך מיט אים יעדען זונטאָג אַרומגיין צו קריגען מער מיטגלידער צו דער ת״ת און דערווייל האָב איך פאַרקויפט די קאַרטען צו דעם טאַנץ. איך בין אויך אַריינגעקומען צו אַזעלכע אידען, וואָס האָבען גאַנץ ווייניג געהאַלטען פון אַ ת״ת, נאָר פון אַ טאַנץ איז שוין געווען עפּעס אַנדערש. פון דעם האָבען זיי שוין געהאַלטען.

נאָר מיט מיינע מאָנטאגיו רויד בית המדרש פּרומאָקעס האָב איך געהאַט געענוג זיך אָנצולײדן. סטײטש, האָבען זײ געשריען, אינגלעך מיט מײדלעך זאָלען גאָר טאַנצען פאַר אַ ת״ת. עס איז נאָך ניט געהערט געוואָרען. די וועלט קען נאָך צוליב דעם אונטערגײן. איך האָב אָבער שפּעטער אויסגעפונען אַז דעם קאָך וועגען דעם האָט אָנגעמאַכט מר. גימל. ער האָט באַלד פון אָנפאַנג מיר אין אַלעם געוואָלט שטערען, האָט ער דאָס אונטערגעהעצט די אונוויסענ־דע פּרומאָקעס צו מאַכען געוואַלדען. ווען זײ האָבען אָבער באַדאַרפט געלד פאַר זײער נײעם בית המדרש, האָט מען שוין געמעגט טאַנצען פאַר דעם בית המדרש, נאָר מיר האָבען זײ געוואָלט שטערען, איך האָב זיך אָבער ניט געגו־מען צום האַרצען און בין מיר אָנגעגאַנגען מיט מײן אַרבײט.

דער טאַנץ איז געווען אַ זער גרויסער ערפאָלג און איך האָב מיך געקענט אַביסעל אויסגלײכען פון די חובות וואָס מען האָט מיר ניט געזשאַלעוועט אי־בערצולאָזען אָן אַ שיעור...

ו.

## מען עפענט א קלאס פאר מיידלעך

ווען די ת״ת האָט זיך שוין אײנגעשטעלט און זיך גענומען אויסגלײכען פון די שווערע חובות, און איך האָב שוין געהאַט אַ ריכטיגען העדמאַסטער, אַ פּעדאַגאָג אין פּולען זינען, און אויך אַ גוטען קאָלעקטאָר און אַ קעירטעיקער, איז אַלעס שוין געגאַנגען אויפ׳ן בעסטען אופן. איך האָב זיך איבערגערעדט מיט מר. הלוי אויב עס וואָלט ניט גלײך געווען צו עפענען אַ קלאַס פאַר מײד־לעך, ווײל אויב מען וויל עפּעס אויפטון פאַר דעם אידישען חינוך איז נאָך מער וויכטיגער מען זאָל לערנען די מײדלעך ווי זיך צו ערציען אַלס די צוקונפטיגע מוטערס אין ריכטיגען אידישען גײסט און זײ זאָלען וויסען וואָס אידישקײט איז. דאָס וועט געבען האָפנונג צו האָבען אידישע קינדער פאַר די שוהלען, וואָס זײ־נען אַ גאַנץ יאָר לײדיג.

האָבען מיר פאַררופען אַ קאָמיטע מיטינג און ווי געוויינליך האָב איך קײן שום זאַך געטון אָנע פריער צו פאָרלײגען די זאַך פאַר דער קאָמיטע און דער קאָמיטעט האָט צוגעשטימט מען זאָל עפענען אַ קלאַס פאַר מײדלעך. דאַן האָט מר. מײקל שיף בײם מיטינג פאָרגעשלאָגען דאָס ער קען אַ פרוי, אַ לערערין פון ארץ ישראל און אַז מען זאָל זי נעמען. דאָס איז געווען מיס פּיקהאָלץ, אַ וואונדערבאַרע לערערין. די מײדלעך וואָס מיר האָבען באַלד צוגענומען אין ת״ת זײנען געוואָרען אין אַ קורצער צײט אַזוי באַגײסטערט, אַז עס איז געווען אַ פאַרגעניגען זײ צו זען לערנען אין קלאַס, און געלערענט האָט מיס פּיקהאָלץ נישט נאָר לעזען און שרײבען נאָר זי האָט זײ אויך געלערענט זינגען העברע־אישע לידער, וואָס האָבען די מײדלעך שטאַרק באַגײסטערט, און אַפילו זײערע היימען האָבען זײ מיט די לידער באַגײסטערט.

עס איז כדאי צו דערמאָנען די ערשטע מיידלעך. עס איז געווען מר. צבי מילער׳ס טאָכטער פון מאָנטאַגיו רויד בית המדרש, טאָני. איצט איז זי די פרוי פון רעוורענד אייזיק סוויפט פון קריקעלוואוד, ווי אויך מר. דייוויס (צו יענער צייט גבאי אין מאָנטאַגיו רויד בית המדרש) זיין מיידעל האָט זער געוואָלט קענען „היברו" רעדען, און איז שפּעטער אַליין געוואָרען אַ לערערין אין ת״ת ביז זי האָט ווייטער געשטיגען אין לערנען. עס זיינען אויך געווען מר. ריטשמאָנד׳ס מיידלעך און אַזוי אַ סך בעל־הבתישע קינדער.

מיר האָבען שפּעטער געשאַפען אַ „עדיוקיישאָן" קאָמיטעט מיט דעם רב רבי יעקב ראַבינאָוויטש ז״ל, אַלס יושב ראש. דער קאָמיטעט איז באַשטאַנען פון מר. פּרעסקיל, דער פּרעזידענט פון מאָנטאַגיו רויד בית המדרש, מר. מילער, דער אַלטער ר׳ מרדכי בול, ע״ה, ווי אויך מר. שרייבער, וועלכער איז אַליין אַמאָל געווען אַ העדמאַסטער און מר. קווינט. דאַכט זיך עס האָט אַלעמען באַדאַרפט צו זיין געפעלען ווי די ת״ת גייט אָן און האַלט אין איין וואַקסען, און בכלל האָט זיך אָנגעהויבען אַרויסצואווייזען אַ פאַרבעסערונג אין גאַנצען לימוד פון דער ת״ת אין אַלע הינזיכטען. צום סוף האָט זיך אונזער מר. גימל גאָר גענומען אָפען אַטאַקירען די ת״ת און האָט זיך גאָר גענומען שיקען בריף צו דער אידישער צייטונג באַשרייבענדיג ווי מען נעמט אַזאַ וויכטיגע ת״ת, ווי די דאַלסטאָן ת״ת, און מען פירט זי אין גאַנצען איבער, און נאָך אַזאַ סקאַנדאַל. מען לערענט גאָר מיידלעך צוזאַמען מיט אינגלעך, און די וועלט קען נאָך חס ושלום צוליב דעם אונטערגיין.

עס איז אַזוי ווייט געקומען מיט זיינע בריף צו די „צייט" דאָס מר. מאָרריס מייער, ע״ה, דער רעדאַקטאָר, האָט צו מיר געשיקט מר. קייזער׳ן געוואויר ווערען ביי מיר וואָס דאָס איז אַזוינס אין דער ת״ת, וואָס איין איד זאָל זיך אַזוי מקריב זיין פאַר דעם אמת. נאַטירליך האָב איך מר. קייזער׳ן אויפגעוויזען ווער און וואָס דער אמת׳ער איד, דער שרייבער פון די בריף איז און איך האָב אַפילו געצייגט מר. קייזער׳ן דעם בריף פון מר. גימל צו מיר מיט דעם „רק חזק ואמץ". ווען מר. קייזער האָט אַלעס געזען שוואַרץ אויף ווייס האָט ער געהויבען מיט די אַקסלען, אַזוי ווי איינער זאָגט, עס איז שווער צו פאַרשטיין פון דעם אידען די פּסיכאָלאָגיע זיינע, און מר. קייזער האָט מיר צוגעזאָגט דאָס מער וועט מען שוין ניט אָננעמען גימל׳ס בריף.

האָט מר. גימל געפונען אַנדערע וועגען ווי אַזוי צו אַטאַקירען די ת״ת. ווען איך האָב אים אַמאָל געטראָפען אין גאַס האָט ער זיך געגעבען אַ דריי אַוועק פון מיר גלייך ער קען מיך גאָרניט. ער האָט נאָר ניט געטון ווי זיין לאַנדסמאַן לואיס ריקעל פלעגט טון. ווען ער איז מיר אַנטקעגען געקומען אין גאַס האָט ער געגעבען אַ שפּיי אויס פאַר מיר, און גימל האָט ניט אויסגעשפּיגען נאָר בלויז זיך אַוועקגעדרייט פון מיר, אָבער לואיס ריקעל האָט דאָך עפּעס יאָ געהאַט צו מיר פאַראיבעל, ווייל איך האָב אים פאַרטריבען פון קאַלוועסטאָן קרעסענט בית המדרש. נאָר דאָ ביי דער ת״ת האָט דאָך מר. גימל באַדאַרפט צו זיין צופרידען וואָס איך האָב אויפגעטון און ניט ברוגז ווערען אויף מיר. איך

בין גאָרניט אַזוי קלוג געווען דאָס צו קענען פאַרשטיין וואָס פאַר אַ חטא איך בין באַגאַנגען געגען אים. דאַכט זיך ער האָט אַליין געשיקט נאָך מיר און איך האָב אַליין מיט מיינע אויערן געהערט ווי גימל שלאָגט פאָר ביים מיטינג מען זאָל מיך מאַכען פאַר דעם פרעזידענט און מיר נאָך צוגעזאָגט צו העלפען. אדרבה, זאָל מיר ווער עס איז אויפקלערען די רעטעניש וואָס פאַר אַ עוולה איך האָב דעם אידען געטון.

סטייטש, האָב איך גע'טענה'ט, וואָרום זאָל ער מיר ווערען אַ שונא ? איך האָב דאָך ביי אים די פרנסה נישט אַוועקגענומען אָדער בלויז אָנגערירט זיינע געשעפטען !

דאַרויף האָט מיר מר. ריש צוגעגעבען דאָס עס איז ווירקליך ניט צו פאַרשטיין וואָרום עס גייט אים אַזוי אין לעבען.

די ריכטיגע אורזאַכע דערפון איז געווען דאָס מר. גימל האָט ניט געדענקט דאָס איך זאָל עפּעס קענען אויפטון אין דער ת"ת. נאָר ער האָט געמיינט אַז איך וועל אויך אַנטלויפען אַזוי ווי די אַנדערע פאַר מיר האָבען געטון, נאָר ער האָט זיך אין מיר אָבגענאַרט.

איז ער אַרומגעגאַנגען און פאַר יעדען איינעם זיך באַקלאָגט אַז ער האָט אַזוי פיל כחות אַוועקגעלייגט און איצט קומט אַ מר. אָבערמאַן און פירט איבער זיין גאַנצער אַרבייט פון דער תלמוד תורה.

ז.

## ווידער אַ דין תורה ביים בית דין

עס איז אונטערגעקומען צו קויפען דאָס הויז פון 198 אַמהורסט רויד און מיר האָבען געקראָגען מר. ווינבאָרן, דעם באַוואוסטען אַרכיטעקט, און ער האָט געפונען אַז דאָס הויז האָט ווערט די געלד וואָס מען פאַרלאַנגט, איין טויזענד מיט זיבען הונדערט און פופציג פונט. עס איז געווען צוגעפּאַסט פאַר אַ ת"ת, מיט אַ פּראַנט גאָרטען, און פון אונטען אַ זער גרויסער גאָרטען, וואו עס האָבען זיך געקענט שפּילען הונדערטער קינדער און מ'זאָל זיי גאָרניט אָנזען. די צימערען זיינען געווען הויכע, לופטיגע, גרויסע, און אין דער נידער, גלייך וואו מען איז אַריינגעקומען איז אין איין זייט געווען אַ טאָפּעלטע צימער, גאָר אַ גרויסע און עס האָט דאָרט געקענט זיין אַ טאַנץ זאַל. עס זיינען נאָך געווען צען צימערען פּאַסענד פאַר קלאַסען.

מר. ווינבאָרן האָט אויך אָבגעשאַצט וויפיל מיר דאַרפען נעמען פאַר דעם הויז וואו די ת"ת איז געווען. ער האָט אונז געזאָגט דאָס מיר דאַרפען פאַרלאַנגען אַכט הונדערט פונט. איך האָב שוין לאַנג געהאַט געעפענט אַן „אַקאונט" אין באַרקליי'ס באַנק, וואו מען האָט מיך געקענט, און מען האָט געקענט קריגען אויסגעבאָרגט געלד אויף צו קענען צאָלען די לערער זייערע שכירות צו דער

צייט יעדער וואָך. איצט האָבען מיר אַראַנזשירט מיט דער באַנק אונז אויסצו־באַרגען די איבעריגע געלד צו די אַכט הונדערט פונט פון הויז אין נומער 141 וואו די ת״ת איז געווען און מיר זאָלען קענען באַצאָלען פאַר דעם נייעם הויז.

דאַכט זיך אַז אַלעס איז גוט אַראַנזשירט געוואָרען, הויבט זיך אָבער אָן אַ חתונה מיט מר. גימל, ווייל ער איז דאָך דער טראַסטי פון הויז צוזאַמען מיט פיליפ ווין, און גימל זאָגט דאָס ער וועט ניט אָבשרייבען דאָס הויז, ווייל, זאָגט ער, ער האָט צו שווער געאַרבייט אויף דעם הויז און ער זעט ניט איין צו וואָס מיר דאַרפען אַ בעסערען פּלאַץ. איי, מיר האָבען שוין דריי הונדערט קינדער, דאָס הייסט מער ווי מיט צוויי הונדערט ווי עס זיינען געווען ביי גימל׳ן, און מיר נויטיגען זיך גאָר פשוט אין מערערע קלאַסען, אויף דעם האָט גימל אויך אָן עצה, מען זאָל אַוועקמאַכען מיט דער מיידלעך קלאַס, וועט שוין זיין גענוג. און צו דעם צו גייט ער נאָך אַרום און וואַרפט שמוץ אויף די פירער פון דער ת״ת. האָט מען דאָך געזען דאָס מיר האָבען צו טון מיט אַ שווערען בעל דבר, האָט מען זיך שוין געמוזט ווענדען צום בית דין און אָנקלאָגען גימל׳ן פאַר וואַרפען שמוץ אויף דער ת״ת, און באַזונדער דאָס ער זאָל אָבשרייבען דאָס אַל־טע הויז.

האָט זיך אָנגעהויבען אַ סדרה מיט באַלמוטשען צייט ביי דעם בית דין, איין טאָג און נאָך אַ טאָג, און גימל וויל אונז מיד מאַכען, ער האָט גענוג צייט, ביז עס איז געלונגען מר. מייקל שיף אַרויסצוקריגען פון גימל׳ן אַ אונטער־שריפט דאָס ער וועט שוין ניט מער אַטאַקירען די ת״ת און ער וועט אָבשרייבען דאָס הויז. מיט דעם אונטערשריפט איז מען ערשט אַריין צום בית דין און דער בית דין האָט באַשטעטיגט דעם אויסגלייך און נאָך צוגעשיקט מיט דער פּאָסט אויף צו מאַרגענס אַ אָפיציעלען בריף אין שייכות צו דעם פאַקט.

קען דאָך דער לעזער מיינען, דאָס מיר זיינען שוין פּטור געוואָרען פון דער מעשה, הויבט זיך גאָרניט אָן. די סדרה גימל איז נאָך אַלץ געגאַנגען, דאָס הויז האָט ער יאָ אָבגעשריבען, אָבער דאָס מויל זיינע האָט ער ניט צוגעמאַכט, און ער האָט שוין שטענדיג געפונען וועגען וואָס צו ריידען. מיר האָבען זיך אָבער ניט וויסענדיג געמאַכט, אַבי נאָר מיר האָבען זיך געקענט אַריינציהען אין דעם נייעם הויז, מיט מזל, און מיט איניגע מאָנאַטען שפּעטער איז אונטער־געקומען דאָס צווייטע הויז נעבען דער ת״ת צו קויפען, ווייל איינער אַ מר. כהן האָט ניט געוואָלט וואוינען נעבען אַ ת״ת, האָט ער אונז פאַרקויפט זיין הויז ביליג, און אַזוי האָבען מיר געקראָגען גרינג צו קויפען דאָס צווייטע הויז פון נומער 200 אמהורסט רויד. מיר האָבען דאַן גענומען אַ „בילדער״ און געלאָזט אויסהאַקען די מיטעלסטע וואַנט אין ביידע זייטען פון פּייער־פּלייס, כדי עס זאָל ווערען צוויי באַזונדערע צימערען, און ווען מען האָט די „ראָלער שאַטערס״ אַרויפגעצויגען האָט דאָס געמאַכט אַ גרויסען פּלאַץ, וואו מען האָט געקענט אויסזעצען איניגע הונדערט מענשען. איך האָב שוין דאַן געהאַט איניגע אי־בערגעבענע מיטהעלפער, אַ שטייגער ווי מר. אייבי כהן, וועלכער איז אויך גע־וואָרען טרעזשורער און האָט זיך זער איבערגעגעבען צו דער ת״ת מיט זיין

גאַנצער פאַמיליע, ווי אויך מר. איזראַעל כהן, פון גאַלינסקי און כהן, וועלכער איז געוואָרען טראַסטי און וויצע־פּאַרזיצער, און אויך ר׳ מרדכי גאָרדאָן, מר. הערי וויינבאום און נאָך אייניגע וועלכע האָבען אַלע געדאַווענט אין תלמוד תורה מנין. מען האָט געפּראַוועט שלש סעודות, און עס איז געווען גאַנץ היימ־ ליך און אויך אידישלעך. אָבער מר. גימל איז אַלץ געווען ניט באַפרידיגט, פאַרקערט, וואָס מער די ת״ת האָט זיך אַרויפגעאַרבייט און געשטיגען העכער און העכער, אַלץ מער איז ער געווען פאַרביטערט אויף דער ת״ת און זיינע פירער, ביז וואַנען ער האָט זיך משדך געווען מיט מיין שוואָגער טייערשטיין און געוואָרען אַ אַנדערער מענש. איך מוז צוגעבען דאָס ווי גימל איז געווען אין כלל זאַכען, איז ער אָבער אין פּריוואַט לעבען געווען גאָר אַן אַנדערער, איבער־ געגעבען צו זיין פרוי און פאַמיליע אויף דעם העכסטען אויפן, און אַזוי איז ער אויך געוואָרען אַן איבערגעגעבענער מחותן מיט מיין שוואָגער און צוליב דעם איז ער שוין געוואָרען מיט מיר גאָר שמעלקע, גלייך עס וואָלט גאָר קיין שום זאַך קיינמאָל צווישען אונז ניט פּאַסירט. כדי צו געווינען צוריק מיין פריינד־ שאַפט האָט ער אַליין געהאָלפען קאָלעקטען געלד פאַר דער תלמוד תורה.

ווי זאָגט עפּעס די וועלט, ווען קיינער קען שוין ניט העלפען מוז גאָט אַליין העלפען און אין דעם הינזיכט פון מר. גימל האָט טאַקע נאָר גאָט געקענט העל־ פען, אַז פון אַ אַפענעם שונא זאָל ווערען אַ פריינד. זאָל ער נאָך לאַנג לעבען.

איך האָב אים שוין לאַנג מוחל געווען פאַר די צרות וואָס ער האָט מיר פאַרשאַפט אין דער אַרבייט פון דער תלמוד תורה.

ח.

## נאך א געגנער

ווען עס איז געקומען דער ערשטער ראש השנה זינט איך האָב איבער־ גענומען דאָס פירעכץ פון דער ת״ת, האָט דער קאָמיטעט פון מיר פאַרלאַנגט אַז איך זאָל אויפגעבען מיינע מוספים, וואָס איך פלעג דאַווענען פאַר דער בעט־ נאַל גרין ת״ת שוין יאָרען. עס האָט מיר אַפילו לייד געטון ווייל איך בין געווען זער באַליבט ביי די מתפללים דאָרטען. איך האָב אָבער געמוזט אָננעמען דעם פאַרלאַנג פון מיין קאָמיטעט און זיך אָבזאָגען פון בעטנאַל גרין ת״ת און זיך אין גאַנצען ווידמען פאַר דער דאַלסטאַנער ת״ת.

באַלד אין אָנהויב האָב איך איינגעפירט אַ פּרינציפּ דאָס קיינע געצאָלט זאָל ווערען געגעבען צו קיינעם. ווער עס האָט נאָר עפּעס געטון פאַר דער ת״ת האָט דאָס געמוזט זיין נאָר אַלס נדבה אָבער ניט צו ווערען באַצאָלט. דאָס וואָס איז געווען פריער טאָר מער ניט איבערגעע׳חזר׳ט ווערען.

ווען איך האָב געדאַווענט די ערשטע ימים נוראים מסופים האָט דער שוחט שין געדאַווענט שחריתים. איך האָב אים ניט מכבד געווען מיט דעם דאַווענען

ווייל עס איז שוין געווען פון פריער מיט אים אַראַנזשירט. עס איז שוין געווען גאָר נאָענט פון ראש השנה, האָט מיר מר. הלוי ערקלערט, דאָס דער שוחט שיך וועט דאַווענען שחריתים, האָב איך געענטפערט, גאַנץ פיין, ווייל ער פלעגט כסדר דאַווענען אין ת״ת, און עס איז מיר גאָר ניט איינגעפאַלען צו פרעגען ביי הלוי׳ן צי ער וועט דאַווענען אָן געלד.

נאָך די ימים טובים ווער איך געוואויר דאָס ער פאַרלאַנגט צען פונט אַזוי ווי שטענדיג, און הלוי האָט מיט אים אָבגעהאַנדעלט פאַר זיבען פונט. די מעשה האָט מיך פאַרדראָסען, אָבער הלוי איז אויך נישט שולדיג געווען, ווייל ער האָט נאָך מיט אים פאַרהאַנדעלט איידער איך האָב געגעבען מיין אָנזאָג דאָס קיין געצאָלט זאָל ניט געגעבען ווערען צו חזנים אָדער אַנדערע. איז דאָך געווען פאַרפאַלען ווייל ס׳האָט דאָך געהייסען אַזוי ווי „קודם מתן תורה״. נאָר פון איצט אָן, האָב איך געזאָגט צו מר. הלוי, דאָס מער זאָל שוין דאָס ניט פאַסירען, ווייל איך וועל תמיד קענען קריגען ווער עס זאָל דאַווענען אַ שחרית און נאָך זיין צופרידען אָן געלד.

אַז עס איז געקומען אויף דעם צווייטען יאָר ראש השנה איז שוין דער שוחט געקומען צו מיר, האָב איך אים אויסדריקליך געזאָגט דאָס אויב ער וויל געבען אַ נדבה צו דער ת״ת איז גוט, נאָר קיין געצאָלט וועט ער ניט קריגען. האָט ער אָנגעהויבען מיך צו סטראַשען דאָס ער וועט מאַכען אַליין אַ מנין און צונעמען פון מיר אַלע מתפללים. געוואוינט האָט ער גראַדע אין ראָגאָווע הויז פון פאַרליי רויד, אין אַמהורסט רויד, נעבען דעם קלוב וואו מען האָט געדאַווענט ימים נוראים.

גערעדט און געטון. מיין שוחט לאָזט זיך דרוקען „ליפלעטס״ דורך וועלכע ער לאָזט וויסען, דאָס דער באַוואוסטער שוחט שיך, וועלכער קען מיט זיין דאַווענען און דרש׳ענען אַרויסברענגען טרערען אַפילו פון דער וואַנד, זאָגט צו יעדען וואָס וועט ביי אים דאַווענען דאָס ער וועט זיין פאַרזיכערט מיט אַ גוט יאָר. ער האָט אַליין אויסגעקלעבט די צירקולאַרען וואו נאָר עס האָט זיך געפונען אַליידיג שטיקעל פלאַץ.

מיך האָט די זאַך שטאַרק פאַרדראָסען, נאָר איך האָב געוואָלט זען וואָס דאָ וועט זיין דער סוף. דער עולם האָט מיך שוין געהאַט געהערט איינמאָל דאַווענען מיינע מסופים און וואָלטען שוין ניט געגאַנגען הערען קיין אַנדערען. עס איז נישט מער געבליבען ווי אַ דריי טעג צו ראש השנה, און ער האָט געהאַט בלויז זיך אַליין פאַר חזן, נאָר ער האָט ניט געהאַט פאַר וועמען צו זיין חזן, ביז ער איז צו מיר אַריינגעקומען צוויי טעג פאַר ראש השנה דאָס איך זאָל אים לאָזען דאַווענען. טראַכט איך זיך, זאָל מיינס איבערגיין, מען איז דאָך נאָר אַ זינדיגער בשר ודם, מין הסתם פאַרדריסט דאָס אים וואָס ער האָט זיך באַנאַרישט. צו וואָס זאָל איך אים נאָך דאָס האַרץ אָבעסען. האָב איך געזאָגט, גוט, ער קען דאַווענען. האָט ער טאַקע געדאַווענט און אויך גע׳דרש׳נט גלייך ווי עס וואָלט גאָרניט פאָרגעקומען. טראַכט איך זיך, איז דאָך אודאי גוט. קומט ער אָבער צו מיר נאָך די ימים טובים איך זאָל הייסען מר. הלוי׳ן אים באַצאָלען פאַר זיין דאַווענען. קען איך מיך שוין מער ניט באַהערשען און גיב אים אַ זאָג:

— שעמען מעגט איר אייך, אַ איד אַ שוחט, וואָס פאַרדינט ניין פונט אַ וואָך, האָט איר דאָך פּרנסה און דער אינגעל אייערער גייט אין ת״ת, זאָלט איר נאָך פאַרלאַנגען באַצאָלט. איך האָב אייך דאָך אויסדריקליך געזאָגט, ווען איר האָט געוואָלט דאַוונען דאָס די ת״ת וועט ניט צאָלען קיין געלד צו בעלי תפילות. אַ ת״ת נעמט בלויז נדבות אָבער גיט ניט.

איך האָב דאָס מייניגע אָבגערעדט, און ער האָט זיך געהאַלטען ביי דעם וואָס ער זאָגט און ער האָט מיך ווייטער געגומען סטראַשען דאָס ער וועט מיך רופען צום בית דין. איך האָב מיך נישט אָבגעשראָקען, און ער, ווידער, איז ניט מיד געוואָרען מיך צו מאַטערען מיט זיינע אַרגומענטען. אַזוי האָט ער מיך אַרומגעיאָגט אַריבער צוויי יאָר און איך האָב אים ניט געוואָלט נאָכגעבען ביז גאָט האָט זיך ווייטער דערבאַרעמט איבער מיר און מיר געהאָלפען פּטור ווע־רען פון אַ אַנשיקעניש אויף אַ ענליכען שטייגער ווי ביי גימל׳ן.

דער שוחט שין האָט זיך משדך געווען מיט מיין שוועסטער, זיין טאָכטער איז געוואָרען אַ כּלה פאַר מיין שוועסטער׳ס זון נפתלי, און אַזוי אַרום האָט ער מיך אויפגעהערט צו באַדערען און איז געוואָרען מיין פריינד און מחתן. ווען עס איז געקומען דער שבת נאָך דער חתונה האָט ער געמאַכט גאַנץ שיינע שבע ברכות און האָט מיך מכבד געווען איך זאָל האַלטען אַ רעדע. עס זיינען אַנוועזענד געווען שוחטים און אַזוי משפחה. איך האָב טאַקע אַריינגעוואָרפען אַ פּאָר הייסע ווערטער פאַר אַלע שוחטים אין אַלגעמיין פאַר זייער צוריקהאַל־טען זיך פון תלמוד תורות און איך האָב אויך דערמאָנט דעם פאַקט אַז איך האָב געהאַט צו טון מיט צוויי אידען וועגען ת״ת זאַכען, זיך אַרומגעריסען מיט זיי און אין ביידע פאַלען זיינען די דאָזיגע אידען געוואָרען מייגע מחתנים. עס איז ניט אַנדערש ווי מן השמים, דאַרום קען איך זאָגען דאָס דער שידוך איז טאַקע מן השמים, דער זיווג וועט עולה יפה זיין און דאָס פּאָר פאָלק וועט האָבען פיל גוטעס.

פון דאַמאָלט אָן זיינען מיר גוטע פריינד געוואָרען און ער האָט אין גאַנצען פאַרגעסען פון דעם וואָס מיר האָבען זיך אַרומגעריסען. אָבער איך האָב מיינס אויסגעפירט, מען פלעגט שוין דאַוונען אויף דריי פלעצער, דאָס הייסט אין דער ת״ת גופא, אין סיגדאָן רויד קאָונסיל סקול און אויך אין דעם נאָרט לאָנדאָן דזשואיש קלוב, און קיינער פון די בעלי תפילות האָט קיין שום געצאָלט ניט געקראָגען.

איך פלעג תמיד דאַוונען אין קלוב, נאָך באַדאַרפט צו זיין בעל דרשן, און מיין ברודער ראובן פלעגט דאַוונען אין סיגדאָן רויד סקול, און מיט אים פלעגט דאַוונען שחריתים דער אַלטער סילקין, דעם סאָליסיטאָר לואיס סיל־קינ׳ס פאָטער, און אין ת״ת פלעג איך תמיד קריגען ווער עס זאָל זיין די בעלי תפילות. מיין איידעמ׳ס ברודער, חיים גאַלקער פלעגט דאַוונען שחריתים.

די מנינים האָבען געבראַכט אַ גוטען איינקונפט פאַר דער ת״ת, וואָס האָט זיך תמיד געניטיגט אין זייטיגע הכנסות אַנצוגיין מיט דער אַרבייט פון צו ערציען אַ אידישען דור.

ט.

## איך הויב אן אין גאנצען דאַווענען אין תלמוד תורה

ווען די ת"ת האָט שוין געהאַטביידע הייזער, 200־198 אַמהורסט רויד, האָט מען פאַרלאָזט ביידע צווייטע שטאָקען צו שכנים, און עס איז געבליבען פאַר דער ת"ת פירצען גרויסע צימערען פאַר קלאַסען צו האַלטען, און אַז מען האָט אָבגעגעבען העריסאָנ'ען דעם קערטעיקער צוויי קעלער שטובען וואו צו וואוינען, איז נאָך אַלץ געבליבען צוועלף קלאַסען. פאַר די מיידלעך איז געווען אַ באַזונדערער אַריינגאַנג און זער באַקוועם. אין די צוויי גרויסע טאָפּעלטע שטובען פון דער נידער איז געווען אַ פיינער פּלאַץ אויף צו דאַווענען שבת. נאַ־טירליך איז פאַר די פרויען געווען גאַר באַקוועם צו דאַווענען מיט אַ באַזונדער אַריינגאַנג. פלעגען טאַקע אַ סך פרויען פון די מיטגלידער פון מאָנטאַגיו רויד בית המדרש קומען אין ת"ת דאַווענען, ווייל אין בית המדרש איז ניט געווען קיין ריכטיגע ווייבער שוהל.

צו יענער צייט האָבען מיך די מתפּללים געבעטען איך זאָל קומען צו דער ת"ת דאַווענען, זיי האָבען שוין פריער פון מיר דאָס פאַרלאַנגט, נאָר איך האָב זיי ערקלערט דאָס איך וויל ניט מאַכען פון דער ת"ת אַ באַזונדער קלייזעל און אַז איך וויל דאָס די ת"ת זאָל געהערען דעם גאַנצען געגענד. יעדער איינער איד, וואו ער זאָל ניט דאַווענען, צי אין אַ יונייטעד אָדער אַ פעדערייישאַן שוהל, אָדער גאָר ביי חסידים, זאָל וויסען און פילען דאָס ער דאַרף אַנטייל נעמען אין דער ת"ת ווייל די ת"ת נעמט אַריין קינדער, ניט פרעגענדיג וואו מען דאַ־ווענט, צי ביי חסידים אָדער גאָר אין אַ יונייטעד שוהל. אָבי מען האָט נאָר גע־ברענגט אַ אינגעל אָדער מיידעל צו לערנען, איז די ת"ת צופרידען געווען.

דאָרום האָב איך געטראַכט אַז עס איז בעסער איך זאָל דאַווענען ווייטער ביי מיינע חסידים צו ווייזען דאָס עס דאַרף אַזוי צו זיין, דאָס יעדער איד פון געגענד, וואו ער זאָל ניט דאַווענען אָבער ער זאָל וויסען דאָס די ת"ת באַלאַנגט צו יעדען איינעם, און מען מוז זי שטיצען, ווייל עס מוז זיין „ותלמוד תורה כנגד כלם".

איך האָב זיך אָבער איבערצייגט דאָס עס איז ניט אַזוי, ווייל פון די אַלע מנינים אָדער שוהלען אין דעם געגענד, מעג עס זיין אַפילו אַ חסיד אָדער אַ חבד'ניק אָדער אַזוי פון אַ בית המדרש'ל, וויל קיינער ניט וויסען צי עס געפינט זיך אַ ת"ת, זיי ווילען גאַרניט אַריינקלערען דאָס אויב מען וועט ניט זען צו ער־ציען די קינדער פאַר די שוהלען, צו וואָס וועלען די שוהלען אין אַ צייט אַרום נוצען? און כאָטש דער מאָנטאַגיו רויד בית המדרש האָט יאָ גענומען אַן אַנ־טייל אין דער ת"ת איז דאָס אָבער געווען זער אַ קליינער פּראָצענט, די מער־הייט האָבען געוואוסט פון זייער בית המדרש און גאָרניט געוואָלט וויסען פון ת"ת. די איינציגע אידען וואָס האָבען גענומען אַ אינטערעס אין דער אַרבייט פון דער ת"ת זיינען געווען נאָר די אידען, וועלכע האָבען געדאַווענט אין דער

ת״ת. צוליב דעם האָב איך דאַמאָלט יאָ אָנגענומען דעם פאָרלאַנג און באַשלאָסען צו דאַיינען אין גאַנצען אין דער ת״ת מיט די אידען וואָס זיינען איבערגעגעבען מיט זייער גאַנצען הארצען פאַר דעם וואוילזיין פון דער אינסטיטוציע. איך האָב אָבער פאַרלאַנגט איין זאַך פון זיי, דאָס מען זאָל דאַוונען נוסח ספרד, ווייל ערשטענס בין איך אַזוי איינגעוואוינט פון קינדוויז אויף, אָבער דאָס איז ניט געווען דער עיקר, ווייל דער עיקר האָב איך זיך ניט געוואָלט איינרייסען מיט דעם מאָנטאַגיו רויד בית המדרש ווייל איך האָב געוואוסט אַז זיי קוקען קרום אויף דעם ת״ת מנין. האָב איך זיך געטראַכט דאָס ווען מען וועט דאַוונען נוסח ספרד וועלען זיי ניט קענען האָבען קיין טענות צו מיר. האָבען מיינע מיטאַרבייטער מיט מיר איינגעשטימט און האָבען מיר נאָך געזאָגט דאָס דער ערשטער מנין פון ת״ת וואָס איז געגרינדעט געוואָרען ביי מר. גימל, ווען ער האָט די ת״ת אַריסגענומען פון מאָנטאַגיו רויד בית המדרש צו 141 אַמהורסט רויד, האָט מען דאַן געדאַוועט נוסח חבד, וואָס איז ספרדיש, נאָר אַזוי ווי גימל האָט זיך צוקריגט מיט חייקינ*ען, איז מר. חייקין אַרויס פון דער ת״ת און זיך געמאַכט אַ באַזונדער בית המדרש נוסח חבד און אין דער ת״ת זיינען נאָר געבליבען די וואָס זיינען געווען איבערגעגעבען צו איר.

אַזוי האָב איך איבערגעלאָזט מיינע חסידים פון קאַלוועסטאַן קרעסענט בית המדרש, און אָנגעפאַנגען צו דאַוונען בלויז אין דער ת״ת. מען האָט באַלד איינגעפירט דאָס די תלמידים מוזען קומען יעדען שבת צום דאַוונען און אויך דאָס אַ לערער מוז דאָרט זיין אַכטונג צו געבען אויף די קינדער ביים דאַוונען. ווען איך האָב מיך איבערצייגט און איינגעזען דאָס דער קינדער מנין וועט ניט קענען זיין קיין ערפאָלג אויב מען זאָל דאַוונען נוסח ספרד, ווייל די גאַנצע אידעע איז דאָך נאָר געווען דאָס די קינדער זאָלען ווערען איינגעוואוינט מיט דעם דאַוונען, דאָס ווען זיי זאָלען קומען אין אַ שוהל אַריין זאָלען זיי וויסען וואו און ווען מען האַלט און וואָס מען דאַווענט, האָב איך געפונען פאַר נויטיג מען זאָל צוריק דאַוונען ווי פריער נוסח אשכנז אום די קינדער זאָלען ניט דאַרפען בלאָנדזשען אין סידור.

דערווייל איז דאָס אָבער געווען אַ פיינער מנין מיט פיינע בעלי הבתים, און מען האָט געפראַוועט שלש סעודות, געזונגען אַ סך זמירות און גאַנץ ווייניג געגעסען.

איך קען זאָגען דאָס עס איז ביי מיר געווען דער גרעסטער פאַרגעניגען די איניגע יאָר וואָס מען האָט געהאַט די ת״ת אין יענע צווי הייזער פון 198־200 אַמהורסט רויד, און אַלע שכנים פון אַרום דער ת״ת פלעגען יעדען שבת מנחה צייט קומען אין ת״ת, ווייל עס האָט יעדער זיך אָנגענומען מיט באַגייסטערונג פון דעם שבת אויף אַ גאַנצער וואָך, און באַזונדער האָבען די ציוניסטען געהאַט אַ נוצען פון דער ת״ת, וואו זיי פלעגען האַלטען זייערע מיטינגען און ברענגען גרויסע רעדנער צו אַדרעסירען די פאַרזאַמלונגען. עס איז דאָך געווען פלאַץ איינצוזעצען איניגע הונדערטער מענשען. אַפילו בערל לאָקער האָט דאָרט אויך געהאַלטען אַ רעדע.

די ת״ת איזווירקליך געוואָרען אַ צענטער פון אידישען לעבען, און דאָל־סטאָנער געגענד און דער גאַנצער געגענד אַרום איז צוליב דער ת״ת אַ סך גע־הויבענער געוואָרען.

## י.

## פרישע צרות

דאָס מאָל איז דאָס ניט געווען פון אַ יחיד נאָר טאַקע פון מאָנטאַגיו רויד בית המדרש. ווען מיר האָבען זיך איינגעשטעלט אין די צוויי הייזער גאָר אויף אַ פיינעם אופן און מ׳האָט שוין געהאָט צוויי פיינע פרויען לערערינס, טאַקע פון ארץ ישראל, און אויך אַזוי גוטע לערער, ווייל מר. הלוי האָט שוין תמיד געקענט קריגען די ריכטיגע לערער, און ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען געלד האָב איך תמיד איינגעשטימט דאָס פאַר דעם ריכטיגען לערער מוז זיין ריכטיגע שכירות. צו דעם אַליין האָט מען באַדאַרפט פינאַנצען צו דעקען די אויסגאַבען, און כאָטש עס פלעגט אַריינקומען שיינע געלדער פון דעם אַפיל קאָמיטעט דורך די אונטערנעמונגען ווי, צום ביישפיל, די טענץ, די „פלעג־דעיס״, וואָס מען האָט אונטערנומען און פון די ימים נוראים וואָס מען האָט געהאַלטען אין די דריי פלעצער, זיינען אָבער די אַלע איינקונפטען פאָרט ניט מער געווען ווי צופעליגע. אום אַוועקצושטעלען די ת״ת אויף אַ ריכטיגען יסוד איז נויטיג געווען אַ ריכטיגער פונדאַמענט, ווייל ווי זאָגט מען עפּעס אַ ווער־טעל, עס איז בעסער אַ נאָענטער שילינג ווי אַ ווייטער פונט. עס מוז זיין אַ ריכטיגע אָרגאַניזאַציע מיט אַ שטענדיגער הכנסה ווי קליין עס זאָל ניט זיין דער אָנפאַנג, אָבער מיט דער צייט זאָל דאָס קענען ווערען אַ ריכטיגער פונ־דאַמענט וואָס די ת״ת זאָל זיך קענען האַלטען דערויף.

די פעני מיטגלידער זיינען ניט געווען אַזעלכע זיך צו קענען דערמיט רע־כענען, ווייל עס האָט זיך געווענדט ווי עס האָט איינער באַהאַנדעלט דעם קאָ־לעקטאָר. טייל פרויען האָבען ליב געהאָט דאָס דער קאָלעקטאָר זאָל כאָטש פאַר יעדער פעני קומען אַ צוויי דריי מאָל אַ וואָך, און זיי האָבען געקענט זאָ־גען צום קאָלעקטאָר:

— קומט מאָרגען, אָדער קומט שפּעטער. איך האָב איצט קיין קליין־געלד.

ביז דעם קאָלעקטאָר איז אין גאַנצען מ׳אוס געוואָרען צו גיין צו אַזעלכע קונדען קאָלעקטען.

איז געבליבען דאָס מען מוז דעם מנין אָנשליסען אין דער פעדערייישאָן, דאָס וואָלט געווען אַ פונדאַמענט פאַר דער ת״ת. דאַן וואָלטען שוין די מיטגלי־דער ניט געמאַכט קיין געלעכטער פון קאָלעקטאָר, נאָר דעם קאָלעקטאָר באַ־האַנדלט מיט יושר און ניט געזאָגט, קומט מאָרגען, קומט שפּעטער.

האָט מען אַפּעלירט צו דער פעדערייישאָן אָרגאַניזאַציע דאָס מיר זאָלען

ווערען אָנגעשלאָסען אַזוי ווי אַנדערע קליינע שוהלען. דאַכט זיך, וואָס האָט דאָס געקענט שאַדען די מאָנטאַגיו רויד בית המדרש פירער, שטעלט זיך אָבער אַרויס דאָס זיי האָבען ניט צוגעלאָזט צו דעם, און ביי דייוויס'ן האָבען זיי באַלד גע'פּועלט, און מען האָט אונז די אַפּליקאַציע אָבגעזאָגט. זיינען מיר געצוואונגען געווען צו גיין צו דער קריסטיאַן סטריט ת״ת און מיט זיי זיך פאַראייניגט, זייענדיג אָנגעשלאָסען אין דער עדת ישראל בעריאַל סאָסייעטי. מיר האָבען ניט געוואָלט גיין גלייך צו דער עדת ישראל אַליין ווייל מיר האָבען זיך ניט געגעוואָלט אָנשליסען אין אַ געמיינדע, וואָס איז ניט אָנגעשלאָסען אין לאָנדאָנער בית דין.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזען דאָס עס איז געווען אַ פּראַקטישער פּלאַן, ווייל די צאָל מיטגלידער האָבען גענומען געשווינט וואַקסען, און מען האָט געקענט זען דאָס די ת״ת וועט מיט דער צייט קריגען דעם געווינשטען פונדאַמענט אויף וועלכען עס זאָל זיך קענען האַלטען דער גאַנצער בנין.

דער מאָנטאַגיו רויד בית המדרש האָט אָבער אָנגעהויבען קוקען קרום אויף דעם און זיי האָבען אָנגעהויבען אָבצופאַלען אין גאַנצען פון דער ת״ת. באַזונדערס האָט זיך אָנגעהויבען ביי זיי צו פילען אַ שטיקעל קנאה צו דער ת״ת. עס האָט אויסגעקוקט דאָס זיי פילען דאָס די ת״ת האָט איבערגעיאָגט דאָס בית המדרש. מען האָט דאָס געקענט זען לויט זייער פירונג נאָך. זיי זיינען ניט צופרידען געווען וואָס די ת״ת האָט זיך אַזוי אַרויפגעאַרבייט אין אַלע הינזיכטען. איז זיי איינגעפאַלען, אַז דאָס בעסטע וואָלט געווען ווען זיי מויערען אַ נייעם בית המדרש, עס זאָל זיין אַ מאָדערנער בית המדרש, ניט ווי דער אַלטפרענקישער. דאָס וועט זיין אַ צוציאונג פאַר מער מיטגלידער צום בית המדרש.

איך בין מיט דעם פּלאַן פון מויערען נישט צופרידען געווען, ווייל איך האָב געוואוסט דאָס טאָמער פאַנגען זיי אָן מיט אַ נייעם בילדינג וועט דאָס אין גאַנצען אָבציען דעם אינטערעס צו דער ת״ת, און ביי מיר איז געשטאַנען די ת״ת אַ סך העכער און וויכטיגער ווי דאָס פרומסטע בית המדרש, ווייל אויב מען זאָל ניט צוגרייטען די קינדער אַז זיי זאָלען ווערען אידען און דאַרפען אַזאַ בית המדרש ווי מאָנטאַגיו רויד, טאָ צו וואָס וועט נוצען דער גאַנצער ענין פון מויערען אַ נייעם בית המדרש, פאַר וועמען וועט מען עס דען דאַרפען מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער?

האָב איך זיך אָנגעהויבען בעטען מען זאָל מיך לאָזען האַלטען אַ רעדע אין בית המדרש, און נאָך אַלע קווענקלענישען האָב איך דאָך גע'פּועלט, און באַקומען אַ ערלויבעניש צו האַלטען אַ רעדע, און האָב זיך גענומען צוגרייטען דערצו.

יא.

## מיין רעדע אין בית המדרש

ווען איך בין אין אַ שבת פרי׳ אַריינגעקומען צו האַלטען מיין רעדע אין מאַנטאַגיו רויד בית המדרש, איז מיר אַנטקעגען געקומען מר. בלענק, דער גבאי זייערער, און אויסגעקוקט אַ דערשראָקענער. ער האָט געזאָגט צו מיר דאָס ער האָט גאָר פאַרגעסען, אַז איך דאַרף האַלטען אַ דרשה שבת פאַר מוסף, און ער האָט גאָר ערלויבט דעם רב זילבערשטיין פון וואַרשאַ צו האַלטען אַ דרשה. ער האָט פאַרלאַנגט, אַז איך זאָל מיין רעדע איבערלאָזען אויף אַ צווייטען שבת. רוף איך זיך אָן צו אים דאָס ער זאָל וויסען דאָס איך בין ניט קיין פרעמדער בעל דרשן, איך בין אַ מיטגליד צום בית המדרש אַזוי גוט ווי יעדער איינער מיטגליד, און אויב איך בין געקומען רעדען וועל איך דאָס ניט איבערלאָזען אויף אַ צווייטען מאָל. זאָגט מר. בלענק צו מיר איך זאָל כאָטש לאָזען דעם רב רעדען פריער. מאַך איך צו אים:

— פאָלגט מיך און זעצט זיך צוריק אַוועק אויף אייער פּלאַץ, און לאָזט דאָס איבער צו מיר, איך וועל שוין מיט דעם רב אַליין אַראַנזשירען. איר דאַרפט זיך גאַרנישט זאָרגען און דאָס האַרץ אָבעסען, אַלעס וועט שוין זיין גוט.

דעם רב זילבערשטיין האָב איך געקענט, ווייל ערשטענס איז ער געווען מיין לאַנדסמאַן און איז איינגעשטאַנען ביי ר׳ זעליג שעמיען, ע״ה, איינער פון מיינע חסידים. בין איך צו אים צוגעגאַנגען און אים געזאָגט גוט שבת, און אים אויך געפרעגט צי ער וועט ניט פאַראיבעל האָבען, וועל איך אים פאָרשטעלען פאַר די מתפללים אום איך זאָל דערביי מיינע פּאָר ווערטער וועגען דער ת״ת אָברעדען, דאַן וועט ער קענען האַלטען זיין דרשה. איז ער געווען זער צו־פרידען.

באַלד ווי מען האָט נאָך אַריינגעשטעלט די ספר תורה אין ארון קודש בין איך צו צום באַלעמער. עס איז גראָדע געווען אַ גרויסער עולם, און איך האָב אָנגעהויבען מיט די דאָזיגע ווערטער:

— רבותי, איך וויל פאַר אייך פאָרשטעלען אַ רב פון וואַרשאַווער בית דין, ער איז אַ גרויסער רב און אויך אַ גוטער בעל דרשן. ער איז אַהער געקומען וועגען אַ וויכטיגען ענין. עס וועט פאַר אייך זיין אַ תענוג רוחני אים צו הערען רעדען, גלייך ווי איר, לאָמיר זאָגען, וואָלט הנאה געהאָט פון אַ גוט שטיקעל היימישע פיש. נאָר איידער מען עסט שבת די גוטע פיש איז גוט פריער צו נע־מען אַ שטיקעל הערינג, וועט איר קענען גיכער הנאה האָבען פון די גוטע פיש.

נאַטירליך האָבען אַלע געשמייכעלט, און מר. בלענק, דער גבאי, האָט גאָר אָנגעקוואָלען און איך האָב ווידער פאָרטגעזעצט:

— הערט זיך איין, רבותי, איך וויל ביי אייך עפּעס פרעגען. האָט איר ווען געזען דאָס ביי אַ מוטער איז פון אַ קליין מיידעלע אירע אויסגעוואַקסען אַ פיי־נע כלה מויד, שענער און העכער פון דער מוטער אַליין. איז די מוטער ברוגז

געוואָרען אויף איר טאָכטער ? ניין, פאַרקערט, די מוטער האָט גאָר אָנגעקוואָלען פון איר און געשעפּט נחת ווי שיין זי איז געוואָרען און וויל איר מגדל זיין און זיך לאָזען קאָסטען וויפיל נאָר עס איז מעגליך פאַר דער טאָכטער. ביי אייך האָט געטראָפען דאָס זעלבע. עס איז ביי אייך געבוירען געוואָרען אַ קינד, און איר האָט געהאַט אַ סך צער ביז דאָס קינד איז אויפגעוואַקסען און איצטער איז אייער קינד שיין און הויך. דאַרפט איר דאָך צו קלייבען נחת, ניט צו זיין ברוגז דערויף. די ת״ת איז ביי אייך געבוירען געוואָרען, צום סוף ווילט זיך אייך גאָר אָנפאַנגען צו מויערען אַ שיינער בית המדרש, וואָס איך ווייס אויף געוויס, דאָס ס׳וועט ביי אייער קינד די פּיסלעך אונטערהאַקען, און לאָזט מיך אייך זאָגען, אַז ווען איך קום אַריין אין איצטיגען בית המדרש דערמאָנט דאָס מיך אין מיין יוגענט, ווען איך פלעג אַריינקומען אין אַ יאַרשעווקעס בית המדרש אויף פּראַנציסקאַנער גאַס, אָדער גאָר צו דער חברה ש״ס. באַלד ווי מען איז נאָר אַריין האָט אַנטקעגען געשלאָגען אַ היץ אָבער ניט פון אַ אויוועז, וואָס מען האָט געהייצט, נאָר אַ הייליגע היץ, ווייל די ווענד זיינען געווען אָנגעזאַפּט מיט תורה. זיי, די ווענד, זיינען אויך ניט געווען שיין אָבער עס איז געווען אַרום די ווענד פּאַכען מיט ספרים און אונטען, אונטער די פּאַכען ספרים זיינען געשטאַנען פּראָסטע טישען, נאָר מען האָט אויף די טישען געלערענט אָן אויפהער. אויב איך האָב אין מיר באַגייסטערונג פאַר דעם יודענטום איז דאָס נאָר פון דורך די דאָזיגע בתי מדרשים. ווען איך קום אַריין צו אייך אין בית המדרש דערמאָנט דאָס מיך אָן יענע בתי מדרשים, עס שמעקט אויך מיט דער תורה הייליגקייט. צום סוף ווילט איר דאָס אומברענגען און אויפשטעלען אַ שיינע שוהל. האָבען מיר דען ניט גענוג שוהלען וואָס פּוסטעווען, אָבער ניט קיין צופיל שיינע אידען. ערלויבט מיר אייך צו דערציילען וואָס איך האָב אַמאָל געהאַט. איך בין געווען אַוועק פון דער היים, אין ווינטער, פרייטאָג איז דאָס געווען, גיי איך אַריין אין דער נאָענטער שוהל וואָס איז ניט געווען ווייט פון מיר, אַ נייע און שיינע שוהל. איך קום אַריין, זע איך דעם שמש שטיין ביי דער טיר און דער חזן זיצט זיך אויבען ביים באַלעמער, און דער פּרעזידענט אויף זיין פּלאַץ, אונטער דעם באַלעמער. אין דער גאַנצער שוהל געפינט זיך בלויז אַ איינציגער איד און עס איז שוין שפּעט, שוין צייט צו קבלת שבת. גיי איך צו צו דעם חזן און פרעג אים וואָס איז דאָס, עס איז דאָך שוין שפּעט, מאַכט דער חזן צו מיר, וואָס קען מען העלפען, עס איז איצט די צייט פון טרינקען טיי, האָב איך מורא דאָס עס וועט שוין קיין מנין ניט זיין.

— פרעג איך ביי אייך, ווילט איר אויך אויפשטעלען אַזאַ שוהל וואָס האָט געקאָסט געוויס אַ פופציג טויזענד פונט, און צוליב אַ טעפּעל טיי טרינקען זאָל מען לאָזען שטיין די גאַנצע שוהל ? וואָלט ניט גלייכער געווען דאָס געלד אויסצוגעבען אויף צו ערציען די קינדער ? לאָמיר זיך ניט נאַרען, אייביג לעבט מען דאָך ניט, און די מערהייט פון אייערע מיטגלידער זיינען דאָך אַלטע לייט, גאַנץ ווייניג יונגעלייט, טאָ באַזאָרגט פריער די ת״ת, וואָס נויטיגט זיך אין הילף ווייל פון די אַלטע מנינים, וואָס געפינען זיך אין דעם געגענד נעמט קיינער קיין שום

אַנטייל אין דער ת״ת. זיי אינטערעסירט ניט צי האָט מען די מלמדים צו באַ־צאָלען זייערע שכירות. וואָס וועט ווערען פון די אַלע שוהלען אויב מען וועט ניט זען צו ערציען די קינדער פאַר די שוהלען? עס זיינען דאָ ווייניג שוהלען וואָס פוסטעוועז? ניין, מיינע ליבע אידען, לא זו הדרך, איר גייט אין אַ פאַל־שען וועג, אויף אייך ליגט מער חוב ווייל איר זענט די מאַמע פון דער ת״ת.

מיט דעם האָב איך געענדיגט מיין שטיקעל הערינג, און איך האָב געבע־טען הרב זילבערשטיין ער זאָל האַלטען זיין דרשה. ער האָט אָנגעהויבען מיט דעם דאָזיגען לשון:

— רבותי, איך בין אַהער געקומען פון וואַרשאַ צו האַלטען פאַר אייך אַ דרשה וועגען אַ וויכטיגע ישיבה וואָס איר זאָלט שטיצען. אָבער נאָך דעם ווי איך האָב געהערט פון הערר אַבערמאַן וועגען דער ת״ת, מוז איך אייך זאָגען דאָס איך שעם זיך פאַר זיך אַליין. אוי לאזנים, וואָס איך האָב מיך צוגעהערט, אַז איר שטיצט ניט אַזאַ וויכטיגע ת״ת און נאָך דערצו אייער אייגענע ת״ת, וואָס איך האָב באַזוכט אויף דער איינלאַדונג פון אייער מר. אַבערמאַן. עס האָט מיך געפרייט צו זען און הערען וואָס די קינדער האָבען מיר געוויזען, עס איזווירקליך אַ ת״ת וואָס מען דאַרף שטאָלצירען דערמיט, און אַפילו אין וואַרשאַ וואָלט מען אויך באַדאַרפט צו שטאָלצירען מיט איר. דער גאַנצער געגענד ווייסט גאָרניט אָבצושאַצען די ווערט פון אַזאַ ת״ת, איר דאַרפט דאָך צו שטאַר־קען די הענד פון אַזאַ מר. אַבערמאַן, ווי איר האָט. איך קען שוין ביי אייך ניט בעטען קיין שטיצע פאַר מיין ישיבה, איך קען גאָרניט פאַרלאַנגען, ווייל פריער מוזט איר שטיצען אייער אייגענע ת״ת, און אויב איר טוט דאָס ניט, טאָרט איר גאָר ניט שטיצען אַ ווייטען אַנשטאַלט ווייל עס איז ניט ריכטיג אָוועקצוגעבען צו פרעמדע ווען איר פאַרנאַכלעסיגט די אייגענע, דאָס איז געגען דער תורה.

דאָס איז געווען די גאַנצע דרשה פון דעם ווירדיגען רב זילבערשטיין, וואָס ער האָט געהאַלטען. ער האָט שפּעטער נאָך געהאַלטען אייניגע רעדעס אויף פּובליק מיטינגען פאַר דער דאלסטאָן ת״ת איידער ער איז צוריק געפאָרען נאָך וואַרשאַ.

אָבער מיינט איר דען אַז מיין רעדע און הרב זילבערשטיינ׳ס דרשה האָט עפּעס געהאָלפען, הויבט זיך גאָרניט אָן. עס איז בלויז געוואָרען איינגעשטילט אויף אַ שטיקעל צייט. דאַן האָבען זיי זיך ווידער גענומען צו דעם געדאַנק פון אויספירען זייער פּלאַן פון מויערען אַ מאָדערנעם בית המדרש.

יב

## איך האב א קאנפערענץ מיט רבי העריס כהן

אַזוי ווי די ת״ת האָט באַקומען אַ שם טוב דאָס מען לערענט אין איר זער גוט מיט די קינדער, האָט מען אָנגעהויבען ברענגען קינדער פון וועלינגטאָן רויד שוהל קלאַסעס, כאָטש זיי האָבען די קלאַסעס אָנגערופען מיט דעם נאָמען

תלמוד תורה. דאָס איז אָבער נים געווען ריכטיג, און דער סוף איז געווען דאָס זיי האָבען אין אַ שיינעם טאָג אין גאַנצען צוגעמאַכט די קלאַסען, און מיר האָבען געהאַט איבערצונעמען עטליכע דרייסיג קינדער. וואָלטען זיי דאָס אונז געלאָזט וויסען פריער, דאָס הייסט די ת״ת טראַסט, וואָלטען מיר געקענט קריגען אַ עקסטראַ „גראַנט״, נאָר אַזוי ווי זיי האָבען זיך ניט וויסענדיג געמאַכט, געשלאָסען די קלאַסען און די קינדער געלאָזט אויף דער גאַס, האָבען מיר די קינדער אַריינגענומען אויף דעם זעלבען וועג ווי עס וואָלטען געקומען פרישע קינדער, וואָס האָבען אין ערגעץ ניט געלערענט. דאַרום האָט די ת״ת טראַסט אונז ניט געגעבען קיין עקסטראַ „גראַנט״ פאַר די דרייסיג קינדער וואָס מיר האָבען פון וועלינגטאָן רויד קלאַסעס אַריינגענומען. עס זיינען אויך צוגעקומען קינדער פון שעקעוועל ליין קלאַסעס, ווייל די עלטערען האָבען אויסגעפונען אַז דאָס וואָס מען האָט געלערענט אין די היברו קלאַסעס האָט קיין ווערט ניט אַנטקעגען דעם ווי עס איז געלערענט געוואָרען אין דער ת״ת. ווען עס איז אָנגעקומען צו די אָנפירער פון שעקעוועל ליין יונייטעד שוהל, האָבען מיר געקראָגען אַ איינלאַדונג צו אַ קאָנפערענץ מיט דער שוהל וועגען די קלאַסען.

האָבען מיר, דאָס הייסט איך און מר. הלוי בייגעוואוינט אין שעקעוועל ליין שוהל אַ מיטינג וואו עס זיינען געווען רבי הערים כהן מיט די גאַנצע פּני פון זייערע אָנפירער, און מיר האָבען זיך אויסגעשמועסט ווי אַזוי צו פאַרבעסערען דעם צושטאַנד פון חינוך. מיר האָבען דאָס ניט געקענט אַדורכריידען אויף איינמאָל נאָר מיר זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אייניגע מאָל. רבי הערים כהן האָט צוגעגעבען דאָס די ת״ת לערענט פיל בעסער ווי מען לערענט אין די היברו קלאַסען, און אַזוי ווי די ת״ת האָט אַ גרויסען פּלאַץ אויף אַ סך צו פאַרגרעסערען און וואָלט געקענט אַריינגעמען אַלע קלאַסעס אַפילו פון שעקעוועל ליין, וואָלט געווען אַ פּלאַן דאָס מיר זאָלען זיך פאַראייניגען און אייניגע קלאַסען האַלטען אין שעקעוועל ליין, טאַקע אונטער דער אויפזיכט פון מר. הלוי, דאָס הייסט אַז די ת״ת זאָל זיין פאַראַנטוואָרטליך פאַר דעם לימוד, און די שעקעוועל ליין זאָל איבערנעמען די פינאַנציעלע זייט.

אַלע האָבען איינגעשטימט מיט דעם פּלאַן וואָס איז אויסגעאַרבייט געוואָרען און רבי הערים כהן איז געווען גאָר ענטוזיאַסטיש וועגען דעם, און האָט געזאָגט אַז ער האָפט דאָס דער קאונסיל פון די יונייטעד שוהלען וועלען געבען זייער צושטימונג צו דעם פּלאַן.

רבי הערים כהנ׳ס האָפנונג איז אָבער ניט פאַרווירקליכט געוואָרען, ווייל די יהודים פון דעם יונייטעד שוהל קאונסיל האָט ניט געפּאַסט צו מאַכען אַ שותפות מיט איסט ענדער אידען, ווי זיי רופען אָן די אידען פון ווייטשעפּעל, עס וואָלט זיי דאָך ערנידעריגט, זייער גאַנצער כבוד וואָלט דאָך געפאַלען. זיי ווייסען דאָך בעסער וואָס צו מאַכען פון די קינדער, דער עיקר דאַרף מען זען מאַכען פון די קינדער ענגלישלייט. עס איז אָבער אַ פאַקט, דאָס גראַד די קינדער וואָס ווערען ערצויגען אַלס גוטע און געלערענטע אידען זיינען ממילא אויך גוטע ענגלישע בירגער, און פּונקט די קינדער וואָס וואַקסען אויף אָן אי־

דישע ערציאונג געבען דעם אידענטום גאַנץ ווייניג כבוד, מער שאַנדע ווי כבוד. נאָר אונזערע פאַרזאָרגערס גייט ניט אין דעם אַלעם, זיי גייט נאָר אין פרעסטיזש. ווען זיי וואָלטען אָנגענומען דעם פּלאַן פון פאַראייניגונג, וואָלטען זיי זיך ערנידעריגט, עס וואָלט דאָך געהייסען דאָס זיי געבען צו דאָס זייערע היברו קלאַסעס קענען מאַכען בלויז גוטע גוים אָבער ניט קיין אידען. דורך דעם איז דורכגעפאַלען דער פּלאַן, וואָס וואָלט געווען אַ ברכה פאַר אַלע קינדער פון דאלסטאַן.

רבי העריס כהן האָט געזען די וויכטיגקייט פון דעם נאָר דער קאונסיל פון די יונייטעד שוהלען האָט דאָס ניט געוואָלט איינזען און זיי האָבען פאַר־וואָרפען דעם פּלאַן, כאָטש די באָרד אָף מענעדזמענט פון שעקעוועל ליין שוהל מיט רבי העריס כהן בראש זיינען געווען זער ענטוזיאַסטיש פאַר אים לטובת דעם אידישען חינוך.

יג

## חינוך קאָנפערענצען

די ערשטע קאָנפערענץ וואָס איך האָב בייגעוואוינט איז געווען אין ביר־מינגהאַם. זי איז איינבאַרופען געוואָרען פון צענטראַל קאָמיטע אָף דזשואיש עדיוקיישאָן, און מיט צוויי יאָר שפּעטער איז געווען אַ קאָנפערענץ אין לאָנדאָן, וואו איך בין אויך געווען, און ווידער מיט צוויי יאָר שפּעטער איז ווידער גע־האַלטען געוואָרען אַ קאָנפערענץ אין ליווערפּול. דאַן איז שוין מיין איידעם גע־ווען דער טשערמאַן פון די גראַוו ליין ת״ת. ער איז געוואָרען איינגעלאַדען אַלס פאַרטרעטער פון זיין ת״ת. האָבען מיר שוין געמאַכט דערפון אַ גאַנצען יום טוב. איך האָב מיטגענומען מיין פרוי און מיין איידעם מיט מיין טאָכטער. נאָך לי־ווערפּול איז ווידער מיט צוויי יאָר שפּעטער געהאַלטען געוואָרען אין לאָנדאָן אַ קאָנפערענץ, און איידער די איצטיגע מלחמה האָט אויסגעבראָכען איז שוין געווען אַרויסגעשיקט איינלאַדונגען צו אַ קאָנפערענץ אין לידז.

עס זאָל מיך ווער איצטער פרעגען וואָס פאַר אַ מיינונג איך האָב געהאַט פון די אַלע קאָנפערענצען וואָס איך האָב בייגעוואוינט, צי האָב איך עפּעס גע־לערענט און ווי זיינען מיר איבערהויפּט געפעלען געוואָרען און דער עיקר וואָס פאַר אַ נוצען האָבען זיי געבראַכט, וואָלט איך געענטפערט דאָס איך האָב אַ סך געלערענט פון די קאָנפערענצען, און זיי זיינען מיר זער געפעלען געוואָ־רען. נאָר אויב זיי האָבען עפּעס געבראַכט נוצען מוז איך ליידער זאָגען אַז ניין. אָבער טאַקע גאָר קיין נוצען ניט.

נאָר איך וועל גיין כסדר. געוויס איז געווען וואָס צו געפעלען ווערען. אי־דען זיינען זיך צונויפגעקומען פון גאַנץ ענגלאַנד און מען האָט געהערט שיינע רעדעס. באַזונדער איז אין ליווערפּול געהאַלטען געוואָרען אַ רעדע פון רבי

דר. גודמאַן, וועלכער איז שפּעטער אויפגענומען געוואָרען אַלס רידשזענאַל מיניסטער פון די יונייטעד און סטעמפּאָרד היל שוהל און איבער דעם גאַנצען געגענד. זיין רעדע וואָס ער האָט דאַמאָלט געהאַלטען אין ליווערפּול איז געווען איינע פון די שענסטע, וואָס מען האָט ווען געהערט. מיין טאָכטער איז גאָר פאַרליבט געוואָרען אין דר. גודמאַן דורך זיין רעדע און דר. גודמאַן האָט איר געמוזט צוזאָגען דאָס ער וועט איר די רעדע זיינע צושיקען. ער האָט טאַקע גע־האַלטען וואָרט און די רעדע צוגעשיקט אַהיים, און עס קען זיין דאָס צוליב די רעדע זיינע האָט ער געקראָגען דעם פּאָסטען פון רידזשענאַל מיניסטער.

נאָך יעדער קאָנפערענץ אין אָבענד איז געווען אַ גרויסאַרטיגער מאַלצייט, וואו די ליידיס האָבען געטראָגען די שענסטע חתונה קליידער און די מענער אויך ספּעציעלע חתונה אַנצוגען. ביי אַזאַ מאַלצייט איז ווידער געווען אַ סדרה פון רעדעס. איינער האָט דעם צווייטען געלויבט. טאָ ווי האָט מיר ניט געקענט געפעלען ווערען, אויך פון חסידישען שטאַנדפּונקט קען מען בעסער גאָט דינען מיט שמחה פון עסען און טרינקען ווי מיט קרעכצען און אַ סך דאַוו־נען אויף די קאָנפערענצען האָט מען דאָך באַהאַנדעלט דעם אידישען חינוך, הייסט דאָך אַז מען האָט געגעסען און געטרונקען צוליב גאָט׳ס וועגען.

געלערענט פון די קאָנפערענצען האָב איך גאָר אַ סך, איך האָב געלערענט דאָס דער חינוך פון די יונייטעד היברו קלאַסען איז פאַרפוילט דורך און דורך, אַ וואָרים האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין ענגלישען אידענטום און איין גאָט ווייסט וואָס פון אַזאַ מין חינוך קען אַרויסקומען. די קאָנפערענץ האָט קיין אַנדער עצה ניט געקענט געפינען נאָר ווי דאָס וואָס מר. סאַנלייט האָט פאָרגעשלאָגען, אַז ווען אַ אינגעל וועט דאַרפען ווערען בר מצוה זאָל ער דאַרפען אַ פּאַטענט אַרויס־קריגען דאָס ער קען עפּעס. נאָר מען דאַרף זיך ניט דערשרעקען, קיין סך האָט דער בר מצוה אינגעל ניט געדאַרפט קענען חוץ אַביסעל לעזען עברי און אַ קליין ביסעל חומש, און אויב ער האָט דאָס אויך ניט געקענט דאַן זאָל ער קיין מפטיר ניט קריגען.

פאַר די היברו קלאַסען איז דאָס שוין אויך געווען אַ צו גרויסער פאַרלאַנג, ווייל די מערסטע תלמידים, וואָס זיינען אַרויס פון די קלאַסען האָבען דאָך אַפילו דעם קדיש געמוזט זאָגען פון דער ענגלישער שריפט און אַ ברכה איבער דער ספר תורה פון דעם געשריבענעם טאָוועל, וואָס ליגט אין יעדער שוהל אויף דער בימה ביים ספר. איז דען אַ וואונדער וואָס מיר האָבען איצטער אַ פּראָבלעם מיט עלטערען פון די קינדער, ניט בלויז מיט די קינדער ?

זיי האָבען זיך טאַקע געמעגט שעמען, די הערען פון יונייטעד שוהל קאונסיל, וואָס האָבען ניט געוואָלט געבען קיין ערלויבעניש צו דער מענעדזש־מענט פון דער שעקעוועל ליין שוהל היברו קלאַסען, וואָס האָבען זיך געוואָלט פאַראייניגען מיט דער דאַלסטאָן ת״ת, וואָס וואָלט געווען אַ גרויסען הילף פאַר ביידען, די קלאַסען וואָלטען געהאַט איבער זיך די השפּעה פון מר. הלוי׳ן, און די ת״ת וואָלט זיך ניט באַדאַרפט מאַטערען מיט פינאַנצען, וואָלט די ת״ת ערשט געקענט ווייזען וואָס מען קען מאַכען פאַר די היגע קינדער, וועלכע זיינען נעבאַך

גאַרניט שולדיג פאַר דעם וואָס זיי זיינען אויסגעוואַקסען אַזעלכע עמי הארצים. עס איז בלויז שולדיג די לאָנדאָנער קהלה.

## יד

# דער פּראָבלעם פון די היינטיגע עלטערען

אַנדערע רופען דאָס אָן דער קינדער־פּראָבלעם, איך רוף דאָס אָן דער עלטערען פּראָבלעם, ווייל איך האָב דאָס אויפגעפּאַסט זינט די ת״ת איז גע־גרינדעט געוואָרען אין מאָנטאַגיו רויד. ווען איך האָב איבערגענומען די פירעכץ פון דער ת״ת אין דאלסטאָן אין אָנהויב 1926 האָב איך נאָך אַלץ געפונען פיי־נע בעלי הבתים, די עלטערען פון די קינדער. זינט דאַן איז וואָס אַ יאָר אַלץ מער געוואָרען ווייניגער דער בעל הבתישער טיפּ עלטערען, און עס איז געקו־מען מער אַ אַרבייטער קלאַס עלטערען, אָבער די קינדער זיינען אַלץ געבלי־בען די זעלבע. נאָר אַזעלכע מלמדים ווי ר׳ אברהם גאָלדמאַן האָט שוין ניט געקענט גוט זיין פאַר די קינדער. תמיד איז ר׳ אברהם געווען בלויז אַ גמרא מלמד אָבער וואָס אַמאָל איז אַלץ געוואָרען ערגער מיט אים, ווייל ערשטענס האָט די קינדער ניט געקענט געפעלען זיין ענגליש, און איבערהויפּט האָט ער זיך ניט געקענט אָבגעוואוינען פון געדאַנק דאָס מ׳קען אויסקומען אָן צו שלאָ־גען קינדער ביים לערנען.

ווען מר. הלוי איז נאָר אָנגעקומען צו דער ת״ת האָט ער אַוועקגעמאַכט מיט דעם שלאָגען די קינדער. מיר איז דאָס גראַדע געפעלען געוואָרען, ווייל איך האָב נאָך גאַנץ גוט געדענקט מיינע מלמדים, די היצלעס, וואָס אָן אַ טרע־מאסק אָדער אַ קניפּ מ׳זאָל זיך זען מיט דער עלטער־עלטער באָבע איז ביי זיי ניט געגאַנגען. הלוי האָט איינגעפירט פּאַרקערט, מ׳זאָל זיך מיט די קינדער שפּילען אין ספּאָרטס, די קינדער זיינען צוליב דעם מער צוגעצויגען געוואָרען צום לערנען. דאָס האָט געווירקט דאָס די קינדער זאָלען האַלטען די לערער פאַר חברים און צו חברים הערט מען זיך צו, און דורך דעם טאַקע האָבען זיי גיכער געלערענט. מען האָט אויך די קינדער געזוכט צו געבען צו פאַרשטייך וואָס זיי לערנען, און אַז אַ קינד האָט עפּעס געהאַט אַ קשיה איז ניט געווען אַזוי ווי איך געדענק פון מיינע מלמדים אין מיין צייט, דאָס ווען אַ תלמיד האָט עפּעס געפרעגט אַ קשיה ביים רבי׳ן האָט דער מלמד אים געגעבען אַ פּלאַסק, ער זאָל ניט זיין קיין שייגעץ און פרעגען קשיות.

מיר איז טאַקע געפעלען דער נייער אופן, ווייל דער אינגעל האָט מער חשק געהאַט צום לערנען. ר׳ אברהם אָבער האָט זיך ניט געקענט צופּאַסען צו דעם, האָט הלוי טאַקע געהאַט צרות פון אים. ווען אַ אַנדערער פון די לערער האָט זיך ניט געפירט ווי הלוי האָט איינגעפירט, האָט ער אים גלייך אַוועקגע־שיקט. אָבער ר׳ אברהם׳ן, וואָס האָט שוין געהאַט געלערענט אין ת״ת אַריבער

צוואַנציג יאָר האָט מען געוויינליך ניט געקענט אָוועקשיקען. האָט הלוי אים איבערגעגעבן די קלענסטע קלאַס, ווייל קליינע קינדער וועלען ערשטענס ניט זיין קיין מבינים אויף ר׳ אברהם׳ס ענגליש, און ביי גאָר קליינע קינדער איז ניט פאַראַן קיין שלאָגען. האָט אָבער ר׳ אברהם דאָס אַלעס ניט געוואָלט פאַרשטיין, איז טאַקע ניט געווען היימליך, ביז ער האָט זיך געמוזט צוגעוואוינען צו דעם.

אָבער מיט גוטע לערער איז געווען אַ פאַרגעניגען צו זען ווי די קינדער האָבן פּראָגרעסירט אין לערנען, און נאָכער ווען די תלמידים האָבן געמוזט קומען שבת צום דאַוונען האָט פיל מאָל געטראָפען, וואָס אייניגע פון זיי האָבן באַאיינפלוסט זייערע עלטערען אויך מיטצוקומען שבת צום דאַוונען, כאָטש די זעלבע עלטערען האָבן פריער קיינמאָל ניט אַריינגעשמעקט אין אַ שוהל. עס האָט אויך געטראָפען דאָס טייל עלטערען זיינען שויז געוואָרען איינגעוואוינט דאָס ווען אַפּילו די קינדער האָבן שויז אויפגעהערט צו לערנען אין ת״ת, זיינען זיי שוין אַלץ געקומען שבת צום דאַוונען. עס האָט אָבער אויך געטראָפען דאָס גוטע „באָיס״, וואָס פלעגען זיך גוט לערנען און קומען רעגולאַר שבת צום דאַוונען פלעגען נאָך דעם עסען פון זייערע פאָטערס גענומען ווערען צו די „פיקטשעס״ (קינאָ). און ווען כ׳בין מיך אַ שבת אַביסעל איבערגעגאַנגען און עס איז מיר אַנטקעגען געקומען אַזאַ אינגעל מיט זיין פאָטער און דער פאָטער האָט נאָך געראויכערט זיין „פייפ״ האָט זיך דער אינגעל אַזוי פאַרשעמט דאָס ער האָט מיר ניט געקענט קוקען אין די אויגען. דער פאָטער אָבער האָט גאָרניט געפילט דאָס ער טוט עפּעס שלעכטס און קיין שום בושה ניט געהאַט.

ווען עס איז געקומען ראש השנה און יום כפור, ווען איך פלעג האַלטען מיין רעדע ביים דאַוונען, פלעג איך זיך בעטען ביי די עלטערען, אַז זיי זאָלען ניט פאַרשוועכען דעם שבת, וועניגסטענס ניט אין די אויגען פון זייערע קינדער. ווען איר ווילט גיין שבת צו „פיקטשעס״ טוט ניט קיין טובה נאָר האָט רחמנות אויף אייערע קינדער און שטערט ניט וואָס מען לערנט מיט זיי אין חדר דאָס מען טאָר אַזעלכע זאַכען ניט טון אום שבת. איר ווייזט זיי דעם וועג, אַז דאָס וואָס מען לערנט אין חדר האָט ניט קיין ווערט.

מיינט איר עס האָט עפּעס געהאָלפען, דאַן הויבט זיך גאָרניט אָן. עס האָט נאָר אַזויפיל געהאָלפען דאָס ווען די זעלבע פאָטערס האָבן מיך נאָר דערזען אין אַ שבת, האָבן זיי פאַרבאַהאַלטען דעם סיגאַרעט אין זייער אַרבעל אַריין. עס איז כאָטש גוט געווען דאָס זיי האָבן זיך אָנגעהויבען צו שעמען און איך פון מיין זייט האָב זיך געמאַכט ווי איך וואָלט דאָס ניט געזען.

אָט דאָס זיינען די הייניגע פאָטערס. מיט די מוטערס איז געווען נאָך ערגער. פאַר די מוטערס האָט געהייסען דאָס מען מאַטערט די קינדער זייערע אומזיסט. זיי פלעגען זאָגען אַז די קינדער וועלען סיי ווי סיי קיין רבנים ניט זיין, אַבי נאָר זיי זאָלען קענען לעזען זייער „פאַרציע״ ווען זיי וועלען ווערען בר מצוה, מער דאַרף מען נישט. טאָ צו וואָס האַלט מען די קינדער זייערע אַזוי לאַנג אין חדר און מען מאַטערט זיי?

אָט דאָס איז געווען דער גאַנצער באַגריף פון די דאָזיגע מאַמעס. אַז מען זאָל לערנען די קינדער צו וויסען עפּעס פון אידישקייט, דאָס האָט שוין געהייסען רבנים! וואָס האָט מען דען געקענט ערוואַרטען בעסערס פון די היינטיגע מאַמעס, וועלכע מען האָט אַזוי גוט אויסגעלערענט דאָס זיי זאָלען וויסען אַליין צו פאַרשטיין אַ דין דאָס ווען מען קויפט פלייש ביי אַ גוי׳אישען קצב, דאַרף מען דאָס פלייש כשר מאַכען, אָבער ווען מען קויפט ביי אַ אידישען קצב איז דאָך שוין דאָס פלייש כשר.

יאָ, צו אַזאַ צושטאַנד איז מען געקומען דורך דעם וואָס מיר האָבען פאַרנאַכלעסיגט צו געבען די היינטיגע עלטערען, ווען זיי זיינען געווען קינדער, אַ ריכטיגע אידישע ערציאונג. דאַרום האָבען מיר היינט אַ פּראָבלעם פון עלטערען. איז דען אַ וואונדער וואָס עס טוט זיך איצט אַזאַ חשך מצרים מיט די קינדער וואָס מען האָט אַוועקגעשיקט צוליב די לופט אַנפּאַלען, און די מאַמעס האָבען מיט אַ גרינג האַרץ אַריינגעגעבען אין גוי׳אישע הייזער זייערע קינדער און האָבען נאָך ערלויבט מען זאָל זיי נעמען אין קירכע, ווען זייערע גוי׳אישע בעל הבתים זיינען אַהין אַריין. פון עסען טרפות איז דאָך שוין אָבגערעדט, דאָס איז ביי היינטיגע עלטערען אַלץ קליינינקייטען.

וואָס קען אַרויסקומען פון אַזעלכע קינדער?
איין גאָט ווייסט וואָס עס קען פון זיי ווערען!

טו

## ווער איז שולדיג אין דעם צושטאַנד?

איך באַשולדיג פאַר דעם צושטאַנד פון היינטיגע עלטערען אַלע שוהלען אָן אויסנאַם, אַפילו די חסידים שטיבלעך האָבען אַ שולד אין דעם. נאָר לאָמיר גיין כסדר, צו ערשט די יונייטעד שוהלען. מען מוז צוגעבען דאָס די יונייטעד שוהלען האָבען אַ וואונדערבאַרע אָרגאַניזאַציע מיט זער שיינע שוהלען, אָבער דער חסרון איז וואָס אין מערסטע פון זיי קען מען אַריינגיין מיט דעם שטעקען אָדער אַמברעלאַ גלייך צום ארון קדוש, אַזוי ווי מען וואָלט אַריין אין אַ פּאָבליק הויז. מען קען אויך צופאָרען מיט אַ קאַר גלייך צו דער שוהל אַזוי ווי צו אַ טעאַטער. פרויען קענען אַריינגיין מיט זייער איינקויף בייטלען און אין איין וועגס גייענדיג פון שוהל עפּעס איינקויפען, ווען מען גייט פאַרביי די געוועלבער. ווען איינער זאָל אַ גאַנץ יאָר ניט אַריינשמעקען אין שוהל, און ווען ער זאָל קיינמאָל אין אַ יום טוב קומען דאַן טראָגט מען אים אַנטקעגען די שענסטע מצוה וויל מען ווייסט אַז דער מחלל שבת׳ניק וועט שנדר׳ן אייניגע גינעס פאַר אַ עליה. אַהיים גייענדיג פון שוהל קען מען זיך אַריינכאַפּען אין אַ גוי׳אישען פלאַץ מאַכען קידוש. און אַז דער פרעדיגער פרעדיגט האַלט ער אין איין רעדען פון דער גלאָריע פון דער אידישער רעליגיאָן.

איך האָב איינמאָל אַזאַ מין פרעדיגער געפרעגט צו וואָס טויג אַזאַ מין דרשנ׳ען, ווארום זאָל ער בעסער ניט זאָגען וואָס מען טאָר ניט טון אין שבת, מאַכט ער צו מיר:

— זיי וועלען מיר סיי ווי סיי ניט הערען, און איך וועל מיך מאַכען צוליב דעם אונפּאָפּולער!

קינדער באַמערקען די אַלע פּירעכצען און רופען דאָס אָן „היפּאָקראַסי״. זיי ווילען ניט זיין קיין היפּאָקריטען און שאָקלען זיך מיט דער צייט אין גאַנצען אָב פון אידענטום.

ערגער איז מיט די פעדערייטעד שוהלען, וואָס יעדער לאַנדסמאַנשאַפט האָט געמאַכט פאַר זיך אַליין. זיי האָבען דאָס געטון אַריבער זייערע כחות. עס שפּילט נאָר אַ ראָלע דאָס געלד וואָס איינער לאָזט זיך קאָסטען, מעג ער זיין אַ שניידערל, וואָס קען אָבהאַרעווען אַ גאַנצען שבת. אויב ער לאָזט זיך נאָר קאָסטען אַ סך געלד וועט מען אים אַפילו מאַכען פאַר דעם פּרעזידענט פון שוהל, און ביים לייענען די תורה מאַכט מען ערשט די ריכטיגע געשעפטען. ווער עס קען קיין פונטען ניט מנדר זיין, מעג ער זיין זער אַ פרומער איד, אַפילו אַ בן תורה, קען ער קיין שום מצוה ניט ערוואַרטען. אַזאַ מין פירונג פאַר־טרייבט דאָס יונגוואַרג אין גאַנצען. זיי האָבען מורא דאָס די שוהל איז ניט פאַר זייער קעשענע און הויבען אָן אויסמיידען די שוהל.

ערשט דאָס אַרומקריגען זיך אין די שוהלען איבער גבאי׳ס, מאַכט אויך ניט קיין גוטען איינדרוק, און אויב עס איז דאָ אין אַ שוהל אַ גוטער רב קען ער אויך גאַנץ ווייניג אויפטון, ער האָט מיט זיך זעלבסט צו טון, ווייל פון די שכירות וואָס די פעדערייטעד שוהלען צאָלען צו זייערע רבנים קען דער רב נאָך פון הונגער אויסגיין מיט זיין פאַמיליע. טאָ ווי קען אַזאַ רב עפּעס ליגען אין קאָפּ אַרומצוקוקען זיך וואָס עס טוט זיך אין שטעדטעל מיט אידישע ער־ציאונג און וואו עס פאַרברענגען די אידישע בחורים און מיידלעך! ער מוז נאָר זען געפעלען צו ווערען די וואָס בעל הבתי׳ווען אין דער שוהל, אַז ניט וועט ער נאָך ערגער אָבזיין.

עס קימערט ניט די פעדעריישאָן ווי אַזוי עס לעבען די רבנים אָדער אַפילו חזנים, און צי מען לערענט אידישקייט מיט די קינדער. זיי האָבען נאָר איין צוועק, צו נעמען געלד אויף צו באַגראָבען. מער גייט זיי ניט אָן. יאָ, איך ווייס דאָס יעדע שוהל איז שולדיג צו דער פעדעריישאָן אַ גרעסערען אָדער קלענערען חוב, און די פעדעריישאָן גיט אַמאָל אַ סומע געלד צו די ציוניסטען, אָבער דער עיקר האָט באַדאַרפט זיין צו ערציען די קינדער, ווייל די פעדערי־שאָן איז געגרינדעט געוואָרען ביי דעם פאַרשטאָרבענעם לאָרד סווייטלינג, דאַן נאָך סיר סעמיועל מאָנטאַגיו, געגען דער יונייטעד נאָר אום צו פאַרשטאַרקען דאָס אידישקייט אין לאָנדאָן, ניט בלויז אויף צו באַגראָבען אידען נאָר אויף צו ערציען אידען פאַר די שוהלען.

די פעדעריישאָן איז תמיד גרייט צו לייען געלד פאַר אַ שוהל, אָבער ווען אַ ת״ת זאָל וועלען עפּעס שטיצע, זוכט מען כל׳ערליי תרוצים כדי ניט צו געבען.

דאָס אַלעס האָט געהאָלפֿען צו דערוויטערען די יונגעלייט פֿון די שוהלען, ווייל די אַלע ניט ריכטיגע האַנדלונגען האָבען געהאַט אַ ווירקונג צום שלעכטען אויף דעם יונגען דור. עס וועט מוז נעמען זער אַ לאַנגער צייט אויף צו פֿאַריכ־טען דעם מצב.

טז

## דער פֿרומער טייל

אַלעס וואָלט גוט געווען, ווען די פֿרומע אידען טרייבען ניט איבער אין אַלעם, וואָס צופֿיל איז ניט געזונד. דאָס זעלבע איז מיט די פֿרומאַקעס וואָס האָבען באַדאַרפֿט צו פֿאַרשטייך און וויסען דאָס לאָנדאָן איז ניט איישישאָק אָדער שניפּישאָק. דאָס וואָס איז גוט געווען אין קליינע פּוילישע שטעדטלעך אָדער רוסישע איז ניט געווען צו פֿאַרלאַנגען פֿון קינדער אין ענגלאַנד. מען קען זיין שטרענג מיט זיך אַליין, אָבער פֿון קינדער האָט מען דאָס ניט גאָר גע־טאָרט פֿאַרלאַנגען. פֿאַרקערט מ׳האָט באַדאַרפֿט אַביסעל גרינגער מאַכען פֿאַר זיי. צו טראָגען אַ נאָז טיכעל אין קעשענע שבת איז געווען אַ גרויסער פֿאַר־ברעכען און מען האָט דאָ געפּאַטשט דערפֿאַר. ווער שמועסט, אַז אַ אינגעל האָט געטאַנצט מיט אַ מיידעל, איז גאָרניט געווען אַריבערצוטראָגען, און נאָך אַ סך אַזעלכע קלייניגקייטען.

אונזערע חז״ל האָבען אונז געלערענט, ווי איך האָב שוין דערמאָנט, דאָס מען טאָר ניט אָנוואַרפֿען אויף אַ ציבור אַזעלכע שווערייגקייטען, וועלכע דער ציבור וועט ניט קענען האַלטען. פֿון ענגלישע אינגלעך האָט מען געוויס נישט געטאָרט פֿאַרלאַנגען אַזעלכע זאַכען ווי ניט צו טראָגען אַ נאָז־טיכעל.

די אידען וואָס קומען פֿון וואַרשאַ אָדער פֿון נאָך אַזעלכע שטעדט וועלען געדענקען אַז שבת פֿלעגען די גרעסטע חסידים טראָגען זייערע טליתים אין די חסידישע שטיבלעך אַריין. מען האָט גאָרניט געוואוסט פֿון ניט טראָגען, ווייל בית־דין האָט פֿאַרזאָרגט אַן ערוב. אַז אַ פֿרומער יונגערמאַן איז אַהער געקו־מען פֿון אַזאַ וואַרשאַ, וואו מען איז געווען איינגעוואוינט צו טראָגען קלייניג־קייטען אום שבת, זאָל פּלוצלינג דאָ ווערען אַזוי פֿרום ניט צו טראָגען אַ נאָז־טיכעל, איז געווען אַ צו שווערער עסק. צו יעדער שווערייגקייט איז אין דער תורה דאָ אַן עצה, נאָר דאָ אין לאָנדאָן האָבען אונזערע פֿרומאַקעס גאָרניט גע־זוכט קיין עצות. מען האָט געמאַכט דאָס אידישקייט אַזוי שווער פֿאַר דעם יונג־וואַרג, אַז עס איז זיי אין גאַנצען פֿאַרמיאוסט געוואָרען.

אַזוי האָב איך מיך געהאַט צו קריגען מיט די חסידים פֿון בלעק לייאָן יאַרד שטיבעל, און איצט ווידער מיט די ליטוואַקעס פֿון מאָנטאַגיו רויד בית המדרש, וואָס האָבען געשריען געוואַלט, וואָרום די ת״ת מאַכט טענץ און אינג־לעך מיט מיידלעך זאָלען טאַנצען צוזאַמען. איי, וואָרום האָבען זיי ניט גע־שטיצט די תלמוד תורה ווי עס באַדאַרף צו זיין, דאָס איז גאָרניט, אָבער ווען

זיי האָבען פאַרט אָנגעפאַנגען צו מויערען זייער נייעם בית המדרש און האָבען באַדאַרפט האָבען געלד, האָט מען שוין געמעגט טאַנצען, און נאָך צוגענומען די אַלע יונגוואַרג, וואָס וואָלטען געטאַנצט פאַר דער ת״ת, אַז זיי זאָלען טאַנ־צען פאַר דעם בית המדרש, דאָס איז שוין געווען כשר, אַבי זיי האָבען צוגע־נומען אַ סך הכנסה פון דער ת״ת.

צו לעצט האָב איך ווייטער געהאַט צו טון מיט גראָוו ליין בית המדרש, מיט דעם אַלעמען באַקאַנטען רבי דר. קירזשנער. עס איז געווען ווען די דאַל־סטאַן ת״ת האָט אָנגעהויבען צו פאַרלירען די פון אַפּיל קאָמיטעט יונגעלייט און מיידלעך, אַביסעל דורך דעם וואָס אַ טייל האָבען חתונה געהאַט און זיך אַוועק־געצויגען צו ווייטע געגענדען, און באַזונדער האָבען אָנגעהויבען נאָכטון די ת״ת אַנדערע אינסטיטוציעס פון דעם געגענד, ווען מען האָט געזען דאָס די ת״ת מאַכט גוט פון די אונטערנעמונגען. אַפּילו די שעקעוועל ליין שוהל האָט אויך נאָכגעטון און געמאַכט „טאַנצען״, און ווער שמועסט ווען דער מאָנטאַגיו רויד בית המדרש האָט נאָר אָנגעהויבען צו רעדען פון מויערען אַ נייעם בית־המדרש האָבען זיי אויך אָנגעפאַנגען צו אָרגאַניזירען די יונוואַרג קודם כל אויף צו מאַ־כען טאַנצעס.

די ת״ת האָט אָנגעהויבען צו ליידען צוליב דעם אין פינאַנצען, האָט מיין איידעם געוואָלט פאַראייניגען ביידע תלמוד תורות. אַזוי ווי ער איז געווען דער טשערמאַן פון דער גראָוו ליין ת״ת האָט ער געוואָלט דאָס ביידע אינסטי־טוציעס זאָלען צוזאַמען אַראַנזשירען אַן אונטערנעמונג. עס וואָלט געווען אַ ער־פאָלג פאַר ביידען, ווייל די גראָוו ליין ת״ת האָט געהאַט פון בית המדרש פיינע בעלי הבתים, און די דאַלסטאַן ת״ת האָט געהאַט אַ פּאָר גוטע איבערגעגעבענע אַרבייטער. צוזאַמען וואָלט מען געקענט אַ סך אויפטון. ער האָט שוין געהאַט צונויפגעשטעלט אַ פיינעם קאָמיטעט פון ביידע תלמוד תורות. אָבער פלוצלינג איז געקומען הינטען אַרום דער פרומער גוטער דאָקטאָר, וועלכער האָט בעת אַ פרייז פאַרטיילונג זיך אָנגעטון אַ הענטשקע ווען ער האָט געדאַרפט דערלאַנ־גען די האַנד אַ קליין מיידעלע. אַז עס איז צוגעקומען אַ אינגעלע וואָס האָט געקראָגען אַ פרייז, האָט ער די הענטשקע אַראָבגענומען פון דער האַנד און אַזוי דעם גאַנצען אָבענד, אַרויף די הענטשקע און אַראָב די הענטשקע.

אָט דער רב האָט צוקלאַפּט די גאַנצע אונטערנעמונג, ווייל, האָט ער גע־זאָגט, אַז עס איז ניט גלייך דאָס מיידלעך מיט אינגלעך זאָלען טאַנצען פאַר אַ ת״ת, אָבער ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכען און ער איז אַוועק נאָך אַפרי־קאַ, האָט זיך פילעס אַנדערש אַרויסגעצייגט. דערווייל אָבער איז בני לבני די ת״ת געבליבען אַזוי ווי אַ אָרימע יתומה, די דאַלסטאַן ת״ת האָט ניט געהאַט אונטער זיך אַ שוהל מיט בעלי הבתים, וואָס זאָלען זיך אינטערעסירען מיט דעם צושטאַנד פון דער ת״ת.

איז דען אַ וואונדער וואָס מיר האָבען אַזאַ שווערען פּראָבלעם פון היינ־טיגע עלטערען, ווען דאָס הפקרות פון די שוהלען אין איין זייט און דאָס פאַר־שטעלטע פאַנאַטישקייט פון דער צווייטער זייט האָבען געברענגט דערצו דאָס

עס זאָל איצט זיין אַזעלכע עלטערען, וואָס קימערען זיך ניט אין קיין שום זאַך וועגען זייערע קינדער, צי זיי לערנען עפּעס וועגען אידישקייט און צי זיי וועלען זיין אידען און וויסען וואָס אידישקייט מיינט.

מען קען זיך פאָרשטעלען דאָס אַזוי האָט פּאַסירט אין דייטשלאַנד, פון איין זייט צופיל איבערטריבענע פרומקייט, און פון דער צווייטער זייט, האָט די גרעסטע טייל וועגען אידישקייט גאָרניט געוואָלט וויסען, ביז וואַנען עס איז געקומען אַ היטלער, ימח שמו.

יז

## שעקעוועל ליין שוהל נעמט אויף חזן קוסעוויצקי

נאָך פאַר דער מלחמה פון 1914 האָבען שוין אין דאלסטאן געגענד געוואוינט פיינע אידישע בעלי הבתים, און דורך דער צייט פון מלחמה האָבען זיך וואָס אַמאָל אַלץ מער בעל הבתישע אידען געצויגען צום דאלסטאנער געגענד ביז אַרויף צו סטעמפאָרד היל. דאָס האָט אַזוי אָנגעהאַלטען ביז דעם יאָר 1925. דאַמאָלט האָט שעקעוועל ליין שוהל געבליט. עס זיינען דאָרט געווען פיינע בעלי הבתים, און עס איז געווען גענוג געווען חזן דייוויס, מיינער אַ לאַנדסמאַן, און חזן האָס, וואָס איז געווען חזן אין דיוקס פּלייס שוהל, איז אויך געווען אַ וואָרשאָווער און געווען חזן דייוויס׳ אַ פעטער. צוליב דעם טאַקע האָט ער געקראָגען דעם פּאָסטען באַלד ווי מען האָט דעם שעקעוועל ליין שוהל אויפגעבויט.

חזן דייוויס איז ניט געווען קיין אָפּעראַ זינגער, ער האָט געדאַווענט אַזוי ווי אַ גוטער בעל תפילה, נאָר דער קווייער איז געווען אַ פיינער. דאָך איז חזן דייוויס געווען ביי אַלעמען באַליבט ווייל ער איז געווען אַ „דזשענטעלמאַן“, ער האָט זיך מיט אַלעמען גוט געהאַלטען, ניט אַזוי ווי אַ טייל חזנים, וואָס האַלטען זיך אָדער צו שטאָלץ אָדער צו נידעריג. חזן דייוויס איז געווען פון אַלע רעספּעקטירט. ער האָט זיך צוריקגעצויגען אַביסעל פריער ווי די געוויינליכע צייט, ווייל דער געגענד האָט זיך געענדערט, ווען ביסלעכווייז האָבען זיך אַלץ מער בעלי הבתים אַוועקגעצויגען נאָך העמפּסטעד, קריקעלוואוד אָדער גאָר גאָלדערס גרין. איז ממילא אַלע מאָל געוואָרען וואָס ווייניגער און ווייניגער בעלי בתישע אידען פאַר די שוהלען. עס איז געקומען אַזוי ווייט דאָס אין שעקעוועל ליין שוהל איז אויך געוואָרען ליידיגלעך שבתביים דאַווענען. האָט די באָרד אָף מענעדזמענט אויסגערעכענט דאָס ווען זיי זאָלען אויפנעמען אַ גרויסען חזן וועט ער צוציהען אַ סך פרישע מתפללים צו דער שוהל, און זיי האָבען אויפגענומען חזן שמחה קוסעוויצקי און חזן דייוויס האָט זיך צוריקגעצויגען. זיי האָבען געטראָפען מיט חזן קוסעוויצקי, ער איז געווען אַ וואונדערבאַרער חזן און ער איז באַלד באַליבט געוואָרען אין גאַנצען געגענד. די שעקעוועל ליין שוהל האָט טאַקע אָנגעהויבען צו ווערען פול, און וואָס איז געווען וויכטיגער,

מען האָט געקענט טרעפען אין שוהל יונגעלייטלעך, וואָס מען האָט פריער קיין מאָל ניט געזען. קוסעוויצקי האָט זיי צוגעצויגען צו דער שוהל. באַטירליך האָט ער פון די אַנדערע שוהלען אין געגענד אָבגעצויגען מענשען, אַזוי זיינען פון מאָנטאַגיו רויד בית המדרש אויך אַ סך אַוועק צו שעקעוועל ליין שוהל, צו הע־רען חזן קוסעוויצקי. די ת״ת האָט אויך געליטען צוליב דעם. דער ערשטער איז געווען מיין טרעזשורער, מר. בית, ער איז סיי ווי שוין לאַנג געווען אַ מיט־גליד אין שעקעוועל ליין שוהל נאָר געדאַווענט האָט ער תמיד אין ת״ת. איצט, צוליב קוסעוויצקי׳ן, האָט ער אין גאַנצען אויפגעהערט צו דאַווענען אין ת״ת.

מיר האָט די זאַך זער פאַרדראָסען, ווייל קיין סך מיטאַרבייטער האָב איך ניט געהאַט צו דער ת״ת, און אויב אַ טרעזשורער גייט אַוועק צוליב אַ חזן, האָט דאָס געמאַכט אַ שלעכטען איינדרוק, און דאָס ערגסטע איז געווען וואָס מר. בית איז ניט אַוועק מיט זיין אייגענעם ווילען, נאָר ווייל זיין פרוי האָט אַזוי פאַרלאַנגט צוליב עפּעס אַ אורזאַך אין תלמוד תורה אין שייכות מיט באַליידיג־טען כבוד.

דאָס איז געווען ווען די ת״ת האָט געמאַכט דעם חנוכת־הבית, ווען מען האָט זיך געצויגען צו 200־198 אַמהורסט רויד. דער טשיף רבי דר. הערץ איז געקומען מיט דעם גאַנצען שטאַט זיינעם. דער מיטינג איז געהאַלטען געוואָ־רען אין דעם נאָרט לאָנדאָן דזשואיש קלוב. די פּלאַטפאָרמע דאָרטען איז געווען אַ קליינע, און ס׳האָבען קיין סך ניט געקענט אַרויף אַחוץ דער פאָרזיצער מיט אַ צוויי דריי רעדנער. איך האָב געהאַט פאַרגעשלאָגען דעם דאַנק צום טשיף רב י׳און מר. בית אַלס טרעזשורער, איז אַרומגעגאַנגען צווישען דעם עולם און געהאָלפען האַלטען אָרדנונג און זיך באַמיט צו מאַכען געלד אָדער מיטגלידער צו דער ת״ת, וואָס דאָס איז אַ טרעזשורער׳ס פליכט. ווען ער איז אָבער אַהיים געקומען, האָט זיך פאַר אים אָנגעפאַנגען אַ חתונה. זיין פרוי האָט אים געמאַכט אַ פאָרוואורף, אַז מען האָט אים ניט צוגעטיילט דעם געהעריגען כבוד ביים חנוכת הבית. ער האָט שפּעטער געהאַט צו מיר אַ טענה דאָס עס איז מיין שולד.

דאָס האָט אויף אים געהאַט אַ ווירקונג ביז ער איז אין גאַנצען געוואָרען אָבגעפרעמדט און איז אויך געוואָרען אויס טרעזשורער פון דער ת״ת.

## יח

## מאנטאגיו רויד בית המדרש נעמט זיך בויען

אַלע מיינע רעדעס און אַגיטאַציעס ניט צו בויען האָט ניט געהאָלפען און קיין ווירקונג ניט געהאַט. איך קען איצט זען דאָס איך בין געווען גערעכט, ווייל עס איז איינפאַך אַ רחמנות צו קוקען אויף אַזאַ שיינע שוהל ווי זי פוסטע־וועט. עטליכע היץ קעפּ האָבען דאָס אַלעס געמאַכט. זיי האָט ניט באַאיינפלוסט

דער פאַקט וואָס די ת״ת איז אויסגעוואַקסען צו אַ וויכטיגען ערציאונגס אַנ-שטאַלט. קיין שום זאַך איז זיי ניט אַנגעגאַנגען נאָר צופרידען צו שטעלען זייער פאַרגעניגען אום זיך צו קענען פירען מיט זייערע פרויען שבת אין שוהל אַריין אַזוי ווי אין אַנדערע שיינע שוהלען. אָבער פאַר אַזאַ פרומען בית המדרש וואו דער עיקר איז נאָר געווען צו לערנען און תהלים זאָגען, האָט מען וועגען אַזעל-כע באַקוועמליכקייטען ניט באַדאַרפט טראַכטען. אָם מיינסטענס האָט צוגעהאָל-פען דאָס וואָס די שעקעוועל לייך שוהל האָט אויפגענומען חזן קוסעוויצקי און ער האָט אָבגעצויגען אייניגע אידען פאַר וועלכע חזנות איז דער עיקר. פון מאָנ-טאַגיו רויד בית המדרש זיינען אויך אייניגע געציילטע אידען געלאָפען הערען קוסעוויצקי׳ן, האָבען זיך די היץ קעפּ געטראַכט דאָס ווען זיי זאָלען אויפּשטע-לען אַ שיין און מאָדערנעם בית המדרש וועט דאָס שוין זיין אַ געגען מיטעל אויף אַזאַ צוציאונגס קראַפט ווי קוסעוויצקי האָט געהאַט. פאַרקערט, מען וועט נאָך לאָזען קוסעוויצקי׳ן שוויצען פאַר ליידיגע ווענד, און אַלע אידען וועלען באַלד נאָר לויפען צו דעם נייעם בית המדרש. מען וועט זיך ניט אַרומקוקען אויף די פאַר פאַרשמאַלצענע בערד, די טאַבאַק שמעקערס, נאָר מען וועט בלויז אין זינען האָבען די שיינע ווענד פון בית המדרש. ווי מען קען איצטער זען, איז דאָס געווען אַ פאַלשער רעכנונג, ווייל דער געגענד האָט זיך שוין געהאַלטען אין בייטען און עס האָבען זיך אַוועקגעצויגען פון דאָרט די בעל הבתישע אידען, אַפילו זייער אייגענער גבאי מר. בלענק האָט זיך אויך אַוועקגעצויגען און אָבי-סעל שפּעטער האָט זיך אויך אַוועקגעצויגען מר. האַרטשטיין, זייער פּרעזידענט, וועלכער איז געווען אַזאַ פאַרברענטער חסיד פון בית המדרש. אַזוי האָבען זיך געהאַלטען אין איין אַוועקציען אידען צו אַנדערע געגענדען און עס איז אַנגע-קומען אַ אידישער עלעמענט וואָס האָט זיך ניט גענויטיגט אין אַ שוהל אָדער אַ בית המדרש, ווייל מער ווי איין מאָל אין יאָר אָבצודאַווענען איז גאַנץ גענוג פאַר זיי.

די היץ קעפּ אָבער האָבען ניט געוואָלט זען וואָס ווייטער וועט זיין, זיי האָבען נאָר געוואָלט זען וואָס עס איז איצט און מיט מיר אָנגעהויבען איינצו-טענה׳ן דאָס אויב עס וועט זיין אַ גרויסער און שיינער בית המדרש, וועט דאָך זיין מער מיטגלידער, וועל איך האָבען אַ גרעסערען עולם אויף צו האַלטען רעדעס מען זאָל שטיצען די תלמוד תורה.

אַז איך האָב איינגעזען דאָס איך וועל גאָרניט מאַכען מיט זיי, האָב איך דאָס געלאָזט גיין, איך האָב נאָך געמוזט ווייזען דאָס איך שטער זיי ניט, און האָב נאָך געגעבען מיין נדבה, און די ת״ת אַליין האָט אויך בייגעטראָגען אַ נדבה, אַ גינע, וואָס איינער פון די קאָמיטע האָט געגעבען אין נאָמען פון דער ת״ת, עס זאָל הייסען אַז די ת״ת שטיצט די אונטערנעמונג פון מויערען דעם בית המדרש. אַלע זיינען זיי געקומען צו די ת״ת מיטינגען און האָבען נאָך ביי מיר געפּועלט דאָס איך זאָל קומען צו זייערען אַ מיטינג. איך האָב דאָרט גע-טראָפען מיין אַלטען פריינד, מר. גימל, ער איז דאָס געווען דער גאַנצער מאַ-כער און דער פאָרזיצער פון בילדינג קאָמיטעט.

פאַר דעם וואָס איך האָב זיי ניט געשטערט האָבען זיי מיר אָנגעטון דעם כבוד און אויפגעשריבען מיין נאָמען אויף אַ פּאַרמעט צוזאַמען מיט זייערע הויפּט טוערס, און דאַן האָבען זיי דעם פּאַרמעט אַריינגעלעגט אין אַ פלאַש, און די פלאַש איז געוואָרען איינגעמויערט אין דעם פונדאַמענט פון דעם נייעם בית המדרש.

אַט אַזוי האָבען זיי אויפגעשטעלט אַ שיין בית המדרש, עס איז אָבער דער ת״ת קיין טובה ניט אַרויסגעקומען, ווייל באַלד ווי עס איז נאָר פּאַרטיג געוואָרען דער בנין האָבען זיי זיך אַרומגעזען דאָס עס האָט אַריינגעכאַפּט מיט צוויי טויזענד פונט מער ווי זיי האָבען גערעכענט עס וועט קאָסטען. זיינען זיי באַלד געדריקט געוואָרען אין פינאַנצען און האָבען אָנגעהויבען צו קוקען אויף דער ת״ת ווי אויף אַ קאָנקורענט צום בית המדרש, און האָבען זיך ניט געשעמט פון מיר צו פאַרלאַנגען דאָס איך זאָל אַוועקמאַכען מיט דעם מנין פון ת״ת. נאַטירליך האָבען זיי דאָס ביי מיר ניט געקענט פועל׳ן, האָבען זיי זיך אין גאַנצען דערוויטערט פון דער ת״ת און מר. קווינט האָט מיר אָפען געזאָגט, דאָס אויב איך וועל ניט אַוועקמאַכען מיט דעם ת״ת מנין וועלען זיי ניט נעמען קיין שום אַנטייל אין דער ת״ת. איז נאָך ווייניג געווען האָבען זיי פאַרלאַנגט דאָס די בעריאַל מיטגלידער וואָס די ת״ת האָט זאָל מען איבערגעבען. דאָס איז שוין געווען צופיל פאַר מיר. עס איז געוואָרען אַ גרויסע מחלוקה צוליב דעם. מפקיר צו זיין אַ ת״ת וואו זייערע אייגענע קינדער אָדער אייניקלעך זיינען געגאַנגען אום צו קריגען אידישע ערציאונג אַבי זיי זאָלען האָבען אַ בית המדרש — דאָס איז שוין געווען ביי מיר אַ חוצפה צו פאַרלאַנגען אַזאַ זאַך, און נאָך דערצו וואָס איך האָב זיי פריער געוואָרענט און זיי געזאָגט דאָס די ת״ת וועט ליידען צוליב דעם. אויף אַזאַ גרויסע חוצפה האָב איך זיך ניט פאַרגעשטעלט פון פרומע אידען, אָבער זיי האָבען ביי מיר ניט אויסגעפירט, און די ת״ת איז זיך באַגאַנגען אָן זיי.

יט

## מר. לענאַרד פרענקלין

מר. לענאַרד פרענקלין איז געווען דער ליבעראַלער קאַנדידאַט צום פּאַרלאַמענט פון העקני געגענד, און ווען די ת״ת האָט געמאַכט דעם ערשטען טאַנץ בין איך אַרומגעגאַנגען צו אַלע שכנים זיי זאָלען העלפען דאָס די אונטערנעמונג זאָל זיין אַ ערפאָלג. בין איך אויך געגאַנגען זען מר. לענאַרד פרענקלין. עס איז געווען אין קלעפּטאָן דער ליבעראַלער קלוב, וואו מר. פרענקלין פלעגט זיצען און געבען לעגאַלען ראַט צו די אָרימע איינוואוינער פון דעם געגענד.

איך האָב פריער קיינמאָל ניט געזען מר. פרענקלין, נאָר באַלד ווי איך בין צו אים אַריין און מיך פאַרגעשטעלט פאַר אים ווער איך בין און צו וואָס איך בין צו אים געקומען, האָט ער זיך מיט מיר גאָר פריינדליך אַרומגעכאַפּט און ער

האָט מיר גלייך געזאָגט דאָס ער וועט מיר העלפֿען ווי ווייט נאָר עס וועט פֿאַר אים מעגליך זיין. ווען איך האָב אים איבערגעגעבען דאָס מיר ווילען מאַכען אַן אַפּיל צו איינפֿלוסרייכע מענשען זיי זאָלען שטיצען אונזער אונטערנעמונג, האָט ער מיר געזאָגט דאָס מיר קענען דעם אַפּיל אַרויסשיקען אין זיין נאָמען און אום צו פֿאַרשטאַרקען דעם אַפּיל כדי ער זאָל האָבען מער ווירקונג וועט ער לאָזען וויסען דאָס צו יעדע פֿינף און נײַנציג פֿונט וואָס דער אַפּיל וועט אַריינקריגען וועט ער צולייגען פֿינף פֿונט עס זאָל ווערען גלייכע הונדערט. דאָס וועט העלפֿען אַז דער אַפּיל זאָל האָבען מער ערפֿאָלג.

דאָס איז געווען זער פֿיין פֿון זיין זייט. און פֿון דאַן אָן איז ער טאַקע געוואָרען אַ ריכטיגער מיטאַרבייטער צו דער ת״ת. דעם אַפּיל וואָס מען האָט אַרויסגעשיקט איז טאַקע געווען מיט מר. לענאַרד פֿרענקלין׳ס אונטערשריפֿט און זיין אונטערשריפֿט האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף די איינפֿלוסרייכע אידען צו וועמען מען האָט געשיקט דעם אַפּיל. און געטראָגען פּרוכטען.

ער איז אויך געווען דער ערשטער פֿאָרזיצער פֿון דער פּרייזען פֿאַרטיילונג און מרס. פֿרענקלין האָט געטיילט צו די קינדער די פּרייזען. פֿאַר זיין גרויסען אַנטייל נעמען אין דער ת״ת האָט מען אים ערוועלט אַלס ערען פּרעזידענט און דורך אים האָט זיין געגנער קאַנדידאַט אויך גענומען אַ אַנטייל אין דער אונ-טערנעמונג פֿאַר דער ת״ת אום זיך באַליבט צו מאַכען ביי די אידישע וועלער און אַזוי ווי מר. פֿרענקלין איז געקומען צו מיר אַהיים אַדרעסירען דעם אַפּיל קאָמיטעט איז צוליב דעם אויך געקומען דער קאָנסערוואַטיווער קאַנדידאַט מר. באַסעם, בייצוּוואוינען די אַפּיל קאָמיטע מיטינגען. מר. באַסעם מיט זיין פֿרוי האָבען אויך אַנטייל גענומען אויפֿ׳ן באַלל אַזוי גוט ווי מר. פֿרענקלין מיט זיין פֿרוי, וועלכע איז געווען די „האָסטעס״ פֿון באַלל און אויפֿגענומען די געסט וואָס זיינען געקומען. מר. באַסעם האָט זיך געלאָזט אַ סך קאָסטען ביי דעם „אוקשען״ וואָס איז געהאַלטען געוואָרען, געקויפֿט אַ סך זאַכען און נאָכער די זאַכען געשיקט צו אידישע אינסטיטוציעס. צום אידישען האָספּיטאַל האָט ער געשיקט אַ קויבער מיט פּרוכטען און אַנדערע זאַכען.

מר. פֿרענקלין האָט פֿאַר פֿילע יאָר גענומען אַ גרויסען אַנטייל אין דער ת״ת, און ווען ער פֿלעגט קומען צו אַ פּרייז פֿאַרטיילונג, האָט ער תמיד איבער-געלאָזט אַ שיינעם טשעק, און האָט געצאָלט צו דער ת״ת אַ יערליכען ביישטייער. ער איז אָבער ביי יעדען וואַל צום פֿאַרלאַמענט ליידער אַדורכגעפֿאַלען ביז עס איז אָנגעקומען אַ נייער ליבעראַלער קאַנדידאַט. אַפֿילו דאַן האָט מר. פֿרענקלין אויך אַריינגעשיקט זיין יערליכע צאָלונג, אָבער דאָס איז שוין געווען דאָס לעצ-טע מאָל, און אויך ווען מיין איידעם האָט צו אים געשריבען איז ער שוין געווען דערווייטערט. אַזוי לאַנג ווי ער איז געווען דער קאַנדידאַט פֿון העקני געגענד האָט די ת״ת געהאַט אַ וויכטיגע פּערזענליכקייט וואָס האָט גענומען אַ גרויסען אַנטייל אין דער אַנפֿירונג. הערבערט סעמיול׳ן, וועלכער איז געווען זיין שוואָ-גער האָט ער ניט געהייסען מען זאָל שיקען אַפּילס צו שטיצען די ת״ת. ער האָט געזאָגט אַז כאָטש הערבערט סעמיול איז געווען דער היי קאָמישיאָנער פֿון

ארץ ישראל איז ער אָבער, לויט זיין מיינונג, געווען ניט רייך, און ער האָט ניט געוואָלט אים באַלעסטיגען צו פאַרלאַנגען פון אים געלד שטיצע אַפילו פאַר אַ ת״ת. מסתמא איז ער געווען גערעכט.

איך פערזענליך, באַדויער זער וואָס מר. פרענקלין איז תמיד דורכגעפאַלען ביי די פאַרלאַמענט וואַלען, ווייל ער איז געווען אַ זער ליבליכער מענש, אַ ריכ־טיגער איד און ציוניסט, און איז אייניגע מאָל געפאָרען באַזוכען דאָס הייליגע לאַנד, און איינמאָל האָט ער טאַקע געהאַלטען אַ רעדע וועגען ארץ ישראל.

# כ

## די ת״ת קויפט די איצטיגע צוויי הייזער

אין אַפּריל, 1935, האָט די ת״ת זיך געצויגען צו די איצטיגע צוויי הייזער 213־215 אַמהורסט רויד, און דאָס האָט זי געטון ניט פון פרייען ווילען, נאָר ווייל די באַראו קאונסיל האָט פאַרלאַנגט די צוויי הייזער, וואָס די ת״ת האָט געהאַט. עס זיינען שוין דאַן געשטאַנען די פלעצער פון די לואיס טראַסט אַנט־קעגען דער ת״ת, און אַרויף העכער, צו רעקטאָרי רויד, זיינען שוין געווען די פלעצער פון די ראָטשילד פיר פראַצענט טראַסט.

נאַטירליך האָט זיך פאַר אונז געשטעלט די פראַגע וואו צו געפינען אַן אַנ־דערען פלאַץ פאַר אַ ת״ת, אין דעם געגענד. האָט מען פריער זיך באַמיט, אפשר ווייל עס איז אַ ת״ת וועט די קאונסיל אונז ניט צווינגען צו פאַרקויפען. מר. באַטלער, וואָס איז שפּעטער געוואָרען דער מעיאָר פון העקני און מיט וועלכען איך בין געווען באַפריינדעט און איז תמיד געווען אינטערעסירט אין דער ת״ת. האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר מר. לואיס סילקין אין די קאונטי האָל וואו ער איז געווען דער טשערמאַן פון קאונסיל איבער די הייזער בוי. מר. לואיס סילקין האָט אונז געזאָגט דאָס עס איז אויסגעשלאָסען, אַז אויב די קאָונסיל נויטיגט זיך אין די הייזער וועט מען מוזען פאַרקויפען, ווייל עס האַנדעלט זיך ניט אין די צוויי הייזער, עס גייט דאַך אין דער גאַנצער לענג הייזער. דורך דעם מוז אַפילו אַ ת״ת פאַרקויפט ווערען. זיין עצה איז אַז מיר זאָלען זיך ניט אַנטקעגען שטעלען, נאָר ער וועט שוין זען דאָס די קאונסיל זאָל אונז קיין עוולה ניט טון.

האָט מען שוין געמוזט אָנהויבען זוכען אַנדערע הייזער. איך בין געוואויר געוואָרען פון מיין שוואָגער טייערשטיין דאָס ער וואָלט פאַרקויפט זיינע צוויי הייזער, און ער האָט מיר געזאָגט דאָס ער וועט פאַרלאַנגען פאַר זיי דריי טוי־זענד מיט דריי הונדערט פונט. איך האָב גערעכענט דאָס ווען עס וועט קומען דערצו וועט ער געוויס נעמען דאָס גלייכע געלד. דערוויל איז אונטערגעקומען אַ צווייטער קאָמיטע מאַן וואָס האָט געוואָלט פאַרקויפען זיין הויז, דאָס איז גע־ווען מר. הערי וויינבוים. ער האָט געוואוינט פונקט אַנטקעגען דער ת״ת, דאָס

ראַגאווע הויז פון אַמהורסט רויד און דאונס פּאַרק רויד. עס איז געווען אַ זער גרויס הויז, אָבער ער האָט זיך געהייסען געבען פינף טויזענד מיט צוויי הונדערט פונט. מיין טרעזשורער, מר. אייבי כהן, איז צו דעם הויז צוגעפאַלען און ער האָט דורכאויס געוואָלט דאָס מיר זאָלען קויפען וויינבוים׳ס הויז. ווען איך בין מיט אים געווען באַקוקען טייערשטיינ׳ס הייזער זיינען זיי אים אויך געפעלען געוואָרען. ער האָט באַדאַרפט זיין אַ מבין אויף הייזער, ווייל ער האָט געהאַנדעלט מיט הייזער. צום סוף האָט ער אָנגעהויבען אַרבייטען דאָס מען זאָל נאָר קויפען וויינבוימ׳ס הויז.

איך האָב צו דעם ניט געקענט צושטימען. ערשטענס, איז פינף טויזענד ניט קיין דריי טויזענד, און עס איז געווען אַ צו שווערע אונטערנעמונג. איך אָבער האָב ניט געזען קיין שום פאַרבעסערונג פאַר דער ת״ת. וואָס מיך האָט נאָר אינטערעסירט איז געווען דאָס אַזוי ווי די קאָונסיל האָט אונז צוגעזאָגט פאַר די צוויי הייזער זעקס טויזענד מיט פינף הונדערט פונט און מיר זיינען שולדיג געווען צו דער באַנק דריי טויזענד פונט, וועט אויסקומען דאָס ווען מיר זאָלען קויפען וויינבוימ׳ס הויז פאַר פינף טויזענד פונט, וועט אויסקומען דאָס מיר וועלען נאָך בלייבען אַ בעל חוב צו דער באַנק. אָבער ווען מיר קויפען טייערשטיינ׳ס הייזער פאַר דריי טויזענד וועט דאָס הייסען דאָס מיר וועלען בלייבען ביי צוויי „פריהאָלד״ הייזער און מיר וועלען, אויסער וואָס מיר וועלען קיינעם קיין פעני ניט שולדיג זיין, נאָך בלייבען מיט איניגע הונדערט פונט אין דער באַנק. באַזונדער זיינען די צוויי הייזער געווען מער פּאַסענד פאַר קלאַסען. דאָס איז געווען אַ גוטע געלעגענהייט און די צוויי גאָרטענס האָבען צוזאַמען געמאַכט אַ גרויסען פּלאַץ אויף צו קענען מויערען. האָט די גאַנצע קאָמיטע מיט מיר איינגעשטימט דאָס עס איז בעסער צו קויפען מיין שוואָגער׳ס צוויי הייזער. און דאָ הויבט זיך אָן די מחלוקה מיט מיין שוואָגער טייערשטיין, ווייל ווי איך האָב שוין דערמאָנט האָט ער פאַרלאַנגט דריי טויזענד מיט דריי הונדערט פונט, און איך האָב גערעכענט, אַז ווען עס וועט קומען דערצו וועט ער נעמען דאָס גלייכע געלד, און ניט וועלען פאַרדינען אין דער ת״ת. אַלע זיינע קינדער זיינען דאָך געגאַנגען אין דער ת״ת און ער איז אויך געווען אַ קאָמיטע מאַן. האָב איך גערעכענט אויף געוויס דאָס מען וועט זיך ניט דאַרפען אַמפּערען וועגען פּרייז. צום סוף ווען עס איז געקומען ביי אַ קאָמיטע מיטינג, ווען מען האָט מיט אים אָנגעפאַנגען צו פאַרהאַנדלען, האָט ער זיך געהאַלטען ביי זיין פּרייז וואָס ער האָט געזאָגט דאָס ערשטע מאָל און ניט געוואָלט עפּעס אַראָבלאָזען.

איך מוז דאָ צוגעבען דאָס איך בין תמיד געווען אַביסעל צו היציג, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט אין אַ אומרעכט, וואָס איך האָב ניט געקענט פאַרטראָגען, בין איך דאָס מאָל אויך אַרויס צו שטאַרק אויף מיין שוואָגער, און איך האָב אים געזאָגט אויף ניט קיין שיינעם אופן ווי ניט ריכטיג ער האַנדעלט געגען דער ת״ת. עס איז אָבער אַרויסגעקומען אַ טובה פאַר מיר, ווייל ביי אַ טייל פון דעם קאָמיטע האָט זיך אַריינגעגנב׳עט אַ חשד דאָס אפשר מיין איך

ניט אַזוי ערענסט דעם אינטערעס פון דער ת״ת, נאָר מעגליך ווייל איך זאָל פון דעם האַנדעל עפּעס פאַרדינען. איך קען קיין פאַראיבעל ניט האָבען אויף די מענשען, ווייל מען מוז ליידער צוגעבען דאָס די סעקרעטאָרען פון איניגע תלמוד תורות האָבען אַזוי געהאַנדעלט, און דער עולם דענקט דאָס עס איז גאָרניט דאָ קיין ערליכקייט.

איך האָב אָבער געוואָלט אַוועקשטעלען די ת״ת פון דאלסטאָן אויף אַזאַ אופן, אַז זי זאָל ווערען באַרימט דורך ערליכקייט, וואָס איז געוואָרען דער הויפּט יסוד פון דער ת״ת און וואָס איז געווען די ערשטע צו אָרגאַנזשירען אַן אַקאונטענט נאָכצוזען די ביכער, נאָך איידער די ת״ת טראַסט האָט וועגען דעם אָנגענומען אַ באַשלוס דאָס יעדע ת״ת מוז האָבען אַ אַקאונטענט.

בין איך טאַקע דערנאָך צופרידען געווען מיט מיין היציגקייט, ווייל ר׳ מרדכי גאָרדאָן אַליין האָט מיר ביים קאָמיטע מיטינג אָפען געזאָגט דאָס מיין קריגען זיך מיט מיין שוואָגער האָט פון מיר אָראָבגענומען דאָס מען זאָל מיך קענען חושד זיין דאָס איך זאָל האָבען עפּעס פאַרדינט פון דעם האַנדעל. ווען איך האָב דאָס געהערט בין איך טאַקע צופרידען געווען, אָבער פאַרדראָסען האָט דאָס מיך ניט. איך האָב ערשט איינגעזען ווי מען מוז תמיד האַנדלען מיט פאָרזיכטיגקייט אום עס זאָל גאָר קיין שום חשד ניט קענען איינפאַלען ווען מען האַנדעלט פאַר אַ אינסטיטוציע.

דערווייל בין איך טאַקע מיט מיין שוואָגער ברוגז געוואָרען און צו אים ניט אַריינגעגאַנגען. איך האָב מיך מער ניט געמישט אין דעם האַנדעל מיט די הייזער. אַלץ איז אַדורכגעגאַנגען דורך דעם טרעזשורער, אייבי כהן, און די סאָליסיטאָרס סילקין און סילקין, און פאַר דעם אויספיר פון דעם האַנדעל האָ־בען זיי נאָר גענומען וואָס זיי האָבען אויסגעלייגט אין קליין געלד, מער ניט קיין פעני, און אַזוי אַרום האָט די דאלסטאָן ת״ת געקראָגען צוויי „פריהאָלד״ הייזער, פריי פון יעדען חוב, און איז אויך געבליבען מיט איניגע הונדערט פונט אין דער באַנק, און אַלע אַנדערע חובות ווען עס איז נאָר געקומען האָט מען באַצאָלט צו אַ פעני.

מיין שוואָגער טייערשטיין האָט אָבער לאַנג ניט געקענט פאַרטראָגען וואָס איך בין מיט אים ברוגז געוואָרען און קום ניט צו אים, האָט ער, אום מיך אי־בערצובעטען אַריינגעגעבען צו דער ת״ת פופציג פונט אַ מתנה, און אַלעס איז ווידער געוואָרען שלום על ישראל.

## כא

## מר. אייבי כהן ווערט אויס טרעזשורער

גלייך ווי מען האָט זיך אַריינגעצויגען צו די איצטיגע צוויי הייזער האָט אייבי כהן זיך אָבגעזאָגט אַלס טרעזשורער און אויך אַלס טראַסטי פון דער ת״ת. ער האָט געזאָגט דאָס ער ציט זיך אַוועק פון דעם געגענד. ער פלעגט וואוינען אין קווינסדאון רויד.

באַקענט האָב איך מיך מיט אייבי כהן באַלד ווי איך האָב איבערגענומען די פירעכץ פון דער ת״ת ווייל זיינע קינדער האָבען דאָרט געלערענט. ער פלעגט אָפט אַריינקומען וועגען זיין אינגעל וואָס האָט באַדאַרפט ווערען בר מצוה. איך האָב מיך מיט אים באַפריינדעט און אים איינגעלאַדען צו נעמען אַ אַנטייל אין דער פירונג פון ת״ת. ער האָט דאָס אָנגענומען און איך האָב געזען דאָס ער זאָל ווערען טרעזשורער. ער האָט זיך אַרויסגעוויזען זער פעהיג און איבערגעגעבען צו דער ת״ת און האָט טאַקע אַ סך אויפגעטון.

ווען מיר האָבען באַדאַרפט קויפען דאָס ערשטע הויז, איז דער מענעדזשער פון באַרקליי׳ס באַנק אין סטאָק ניואינגטאָן בראַנטש, וואו איך האָב געהאַט געעפענט דעם אַקאונט, אים ניט געפעלען, ווייל ער איז ניט געווען אַזוי וויליג מיט באַרגען געלד אויף צו קויפען דאָס הויז. האָט אייבי כהן פאָרגעשלאָגען איבערצוטראָגען דעם אַקאונט אין זיין בראַנטש אין מעיר סטריט, העקני, און ער האָט טאַקע געקענט קריגען מער פרייהייטען ביי יענעם מענעדזשער. דער אַקאונט פון דער ת״ת איז טאַקע נאָך דאָרטען ביז היינט צו טאָג.

אַלס טרעזשורער האָט אייבי כהן ריכטיג געפירט און אַלעס געהאַט אויפ׳ן קאָפּ, און אויך איינגעפירט דאָס יעדע פעני האָט געמוזט ווערען איינגעצאָלט אין באַנק און יעדע וואָך איז געמאַכט געוואָרען אַ צעטעל פון די אַלע שכירות׳ן און אויך קליינע אויסגאַבען און אַזוי ווי דער צעטעל האָט געוויזען איז אויס־געמאַכט געוואָרען אַ טשעק אויף דער סומע אַרויסצונעמען פון דער באַנק, פונקט אַזוי ווי עס פירט זיך אין אַ גרויס געשעפט.

ער פלעגט אויך קומען אַלע זונטאָג און איינקאַסירען די שכר לימוד געל־דער פון די תלמידים, און אויב ער האָט אַמאָל אַליין ניט געקענט קומען האָט ער געשיקט זיין זון. דאָס איז געווען אַ גרויסע הילף פאַר מר. הלוי׳ן, ווייל ער האָט זיך אין דיזער צייט געקענט אָבגעבען מיט די קלאַסען. מר. כהן האָט מיט זיינע קינדער אַ סך געהאָלפען ביי די אונטערנעמונגען, ווי די „טאַנצעס" און די „פלעג־דעיס", און באַזונדער ווען עס איז געקומען ראש השנה און יום כפור האָט ער מיר אַ סך צוגעהאָלפען.

פאַרשטייט זיך דאָס אַזאַ מענש איז געווען אַ גרויסער פאַרלוסט ווען ער האָט זיך פון אַלעם אָבגעזאָגט.

איך האָב די גאַנצע צייט באַדויערט וואָס די ת״ת האָט פאַרלוירען אַזאַ טיכטיגען און איבערגעגעבענעם אַרבייטער ווי מר. אייבי כהן איז פאַר איר געווען.

## כב

## ווארום האב איך געהאלטען נאר פון מויערען?

אויב מען האָט געהאַט צוויי הייזער וואָס האָט געקענט זיין פירצען קלאַ־סען אויסער אַ ביורא וואו צו פירען די ביכער, און אויך אַ וואוינונג פאַר דעם קעירטייקער, טאַ צו וואָס האָט מען באַדאַרפט גאָר קלערען פון מויערען און

ניט באַנוגענט זיך מיט דעם ווי עס איז. נאָר צו ענטפערען אויף דער פראַגע מוז מען זיך אַביסעל דורכשמועסען אום צו פאַרשטיין דעם געדאַנק פון מויערען אַ ריכטיגע ת״ת. נאָר פריער וויל איך פרעגען אַ איינפאַכע פראַגע, וואַרום איז דאָס ווען אַ איד זאָל טון דעם קלענסטען פאַרברעך זיינען באַלד אַלע צייטונגען פול אַז דער און דער איד האָט דאָס געטון. פאַרקערט אָבער, ווען אַ איד זאָל מאַכען דעם גרעסטען אויפטו, וואָס דאָס גאַנצע לאַנד איז צופרידען מיט דעם וועט מען קיינמאָל ניט דערמאָנען דאָס דער און דער איד האָט דאָס אויפגעטון? אָדער זאָל מען זען איצט אין מלחמה צייט, ווען אַזוי פיל אידען צייכענען זיך אויס מיט גרויסע זאַכען, ווערט ניט דערמאָנט אין קיין שום צייטונג אַז דער אויפטוער פון דעם איז דער און דער איד. ווען אַ גוי זאָל זיך האָבען אויסגעצייכענט ווערט אין יעדער צייטונג דערמאָנט ווער עס איז געווען דער אויפטוער. וואַרום איז דאָס אַזוי? דער תירוץ איז דאָס עס איז אונזער אייגענער שולד, דאָס האָט צו טון מיט אונזער ערציאונג, וואָס מיר האָבען געקראָגען. מען האָט אונז ערצויגען מיט אַ משיח אידעע, דאָס ווען משיח וועט קומען וועט ער נעמען אַלע אידעלעך און זיי ברענגען נאָך ארץ ישראל, און יעדען אַנידערזעצען אונטער אַ פייגען בוים, און ער וועט זאָגען, איצטער אידעלעך, פאַר דעם וואָס איר זענט נעבעך אַזוי פאַרשוואַרצט געוואָרען, לאָזט אייך איצט וואוילגיין.

אַזוי האָט מען אונז ערצויגען דאָס מיר דאַרפען גאָרניט טון נאָר משיח וועט שוין אַלעס פאַר אונז טון און מיר דאַרפען צומאָל ניט האָבען דעם נאַציאָנאַלען באַוואוסטזיין אָדער שטאָלץ, און כאָטש די ציוניסטען האָבען אָנגעפאַנגען איינצופלאַנצען דעם נאַציאָנאַלען געדאַנק האָט דאָס ניט געקענט אויסוואָרצלען אונזער שלעכטע ערציאונג פון ניט צו ווערען באַליידיגט פון קיין שום ערנידערונג אַלס אידען. די גוים האָט מען אַנדערש ערצויגען. זיי האָט מען געזאָגט, אַז זייער משיח איז שוין געקומען, און זיי דאַרפען נאָר קלערען פאַר זייער קעניג און לאַנד, און מיט דעם „קינג און קאונטרי״ ערציהונג האָט מען אין זיי איינגעפלאַנצט אַזאַ מין באַגייסטערונג דאָס זיי וועלען גיין אין פייער און אין וואַסער פאַר זייער קעניג און לאַנד. ווער שמועסט נאָך עס זאָל ווער זיי באַליידיגען, וועלען זיי דאָס ניט פאַרשווייגען און דערפאַר היט מען זיך טאַקע פון צו באַליידיגען זיי. די אידען אָבער, ווייסען די גוים, אַז אַ איד פילט זיך ניט באַליידיגט פון קיין שום נאַציאָנאַלער באַליידיגונג, און מיר האָבען אַלע מאָל פאַרשוויגען אויף נאַצאָנאַלער באַליידיגונגען. עס וועט נאָך נעמען אַ לאַנגע צייט ביז מען זאָל דאָס קענען ענדערען.

מיר זיינען אַליין שולדיג פאַר דעם צושטאַנד, ווייל מיר האָבען באַדאַרפט אונזערע קינדער ערציען מיט אַ נאַציאָנאַלען באַוואוסטזיין און אויך צו זיין שטאָלץ מיט דעם וואָס מען איז אַ איד. דורך דעם וואָס מיר האָבען פאַרנאַכלעסיגט מיט אונזער ערציהונג, האָבען מיר איצט אַזעלכע אידען, ליידער, וואָס שעמען זיך וואָס זיי זיינען אידען. אויסער די באַוואוסטע אַסימילאַטאָרען אָדער ווי זיי רופען זיך מיט דעם נאָמען ליבעראַלע אידען, האָבען מיר נאָך געוויינלי־

כע פראַסטע חי וקים׳ס וואָס זיינען ניט קיין אידען און אויך ניט קיינע גויים. קיין זאַך קימערט זיי ניט.

אין חדר אָדער ת״ת לערענט מען נאָר דעם קינד ער זאָל קענען דאַוונען אָדער אויב שוין גאָר גוט לערענט מען חומש אויך, אַביסעל גמרא מיט אַ קליין ביסעלע אידישע געשיכטע. דאָס איז ניט גענוג אויף איינצופלאַנצען אידישען שטאָלץ מיט אידישען פּאַטריאָטיזם צום אידישען פאָלק אין דעם אידישען קינד. דאָס וואָלט מען געקענט ערשט איינפלאַנצען נאָך דעם חדר, ווען מען זאָל האָבען דעם ריכטיגען פּלאַץ דערצו און ריכטיגע קלאַסען. די אַסימילאַטאָרען זאָרגען שוין דערפאַר צו מאַכען אַזעלכע קלובען, וואו אידישע קינדער ווערען אַרויסגענאַרט פון דער ת״ת אָדער פון חדר נאָך פאַר דער צייט וואָס זיי גיין צו די קלאַסען, און די אַסימילאַטאָרישע בעל הבתים זאָרגען שוין דערפאַר אַז די קינדער זאָלען ווערען האַלבע אָדער גאַנצע גויים.

אַזוי האָט בענאַרד באראַן געמאַכט „אַ סעטעלמענט״ אין סט. דזשאָרדזשעס, וואו אידישע קינדער זאָלען פאַר׳גוי׳אישט ווערען, און אַזוי האָבען מיר געהאַט אין נאָרט לאָנדאָן דזשואיש קלוב, וואָס איז געשטאַנען אין גאַנצען אונטער דעם איינפלוס פון די דאָזיגע ליבעראַלע אידען.

מיר האָט אַ סך מאָל וויי געטון דאָס האַרץ צוזעהענדיג ווי די קינדער, וואָס איך האָב געקענט פון דער ת״ת, ווערען פאַר אונז פאַרלוירען אין דעם קלוב.

אינגלעך און מיידלעך מוזען האָבען וואו זיך צונויפצוקומען נאָך דער סקול אָדער נאָך דער אַרבייט אַפילו. איך וויים אַז די גאָר פרומע אידען וועלען זאָגען דאָס אינגלעך זאָלען גיין אין בית המדרש אַריין לערנען. און די מיידלעך ? אויף מיידלעך האָבען זיך אונזערע פרומע אידען קיינמאָל ניט אומגעקומט וואָס זיי טון, און וואו זיי גיין פאַרברענגען. דאָס איז געווען אַ פאַלשער וועג ! אַ פאָלק באַשטייט ניט בלויז פון לערנערס, אַ פאָלק באַשטייט פון אַ געזונטען אַרבייטער קלאַס, און אויב נישט קען נאָך אַזאַ פאָלק אונטערגיין מיט זיינע וואויל לערנערס. אַ אַרבייטער קלאַס איז דער פונדאַמענט פון פאָלק.

מיר האָבען באַדאַרפט צו זאָרגען דערפאַר אַז דער אידישער אַרבייטער קלאַס זאָל זיין באַוואוסטזיניג אויף דעם דאָס זיי זיינען אידען. דאַרום האָב איך איינגעזען דאָס מען מוז שאַפען אַ אידישע אַטמאָספערע אין אַ פּלאַץ, וואו אידישע אינגלעך און מיידלעך זאָלען זיך קענען צוזאַמען קומען און פאַרברענגען. יאָ, זאָלען זיך אידישע קינדער אונטערהאַלטען אָבער אויף אַ אידישען אופן, און צו דער זעלבער צייט זאָל מען פאַר זיי האַלטען לעקטשורס וועגען אידישער געשיכטע, מיט דעבאַטען, עס זאָל זיין מער אינטערעסאַנט פאַר דעם יונגוואַרג, און אַזוי אַרום וואָלט מען געקענט אין זיי איינפלאַנצען דעם נאַציאָנאַלען באַוואוסטזיין און אידישען שטאָלץ.

אויף דעם האָט מען באַדאַרפט צו האָבען אַ פאַסענדען פלאַץ, דערצו פאַדערט זיך אַ עקסטראַ אָנשטרענגונג, אָבער עס וואָלט ווערט געווען. דער נוצען דערפון וואָלט זיך אין אַ קורצער צייט אַרויסגעוויזען.

אַט דאָס איז געווען מיין אידעאַל, זאָלען אידישע קינדער טאַנצען און האָבען שפּילערייען, צו טרינקען און צו עסען, אָבער אַלעס אונטער אַ אידישע השפּעה און ניט קיין אַסימילאַטאָרישען איינפלוס, אַט צו וואָס איך האָב גע־שטרעבט. און ווען ניט די מלחמה וואָלט איך דאָס שוין געהאַט דערגרייכט, טראָץ דעם וואָס איך האָב געהאַט בלויז שטערערס און ניט קיין העלפּערס, און אַנשטאָט די טויזענדער פונטען וואָס מען האָט אויסגעגעבען אויף אַ שיי־נעם און מאָדערנעם בית המדרש וואָלט מער נוצען געווען פאַר דעם אידישען פאָלק ווען עס בלייבט דער אַלטער בית המדרש און דאָ וואו די ת"ת איז וואָלט געשטאַנען אַ שיינע געביידע מיט אַ גרויסען זאַל, וואו אידישע קינדער, אינגע־לעך און מיידלעך, וואָלטען געקענט פאַרברענגען און ניט דאַרפען גיין צו אַזעלכע פּלעצער וואו זיי פאַרברענגען און ווערען דערביי אויס אידען.

אונזערע פרומע אידען ווילען דאָס ניט פאַרשטיין און דאַרום איז מען גע־קומען צו אַזאַ צושטאַנד, ווען מען שרייט אויס אונזערע קליינע פאַרברעכענס אָבער מען פאַרשווייגט אונזערע גרויסע אויפטואונגען.

פּילייכט וועלען אונזערע אידען עפּעס לערנען דערפון, בעסער שפּעטער ווי קיינמאָל ניט. לאָמיר האָפען.

## כג

# א אומערוואַרטעטע צרה אין דער ת"ת

ווען מיר האָבען געקויפט די צוויי הייזער ביי מיין שוואָגער טייערשטיין האָבען מיר געוואוסט דאָס אין דעם הויז נומער 215 וואוינט אַ שכן, נאָר מיין שוואָגער האָט אונז געזאָגט דאָס דער שכן דאַרף נאָך וואוינען ניט מער ווי אַ יאָר. האָבען מיר גערעכענט אַז מסתמא איז אַזוי באַשטימט. דעם שכן האָבען מיר געקענט ווייל ער פלעגט דאַוונען אין ת"ת מנין און ער האָט אויסגעקוקט אַ אָרענטליכער היימישער און פרומער איד. דער זון זיינער אַליין האָט געפירט אַ פאַבריק אין די קעלער שטובען פון הויז, ער האָט געמאַכט קליידער, און ער פלעגט אַרויסנעמען אַרבייט פון מיר אַזוי גוט ווי פון אַנדערע מאַנופעקטשו־רערס פון קליידער.

ווי נאָר די ת"ת האָט זיך געצויגען האָבען מיר גלייך אָנגעפאַנגען רעדען וועגען מויערען און מר. ווינבאָרן, דער אַרכיטעקט, האָט אָנגעהויבען אַרבייטען אויף דעם פּלאַן. געוויינליך האָט זיך אָנגעהויבען אַ סדרה מיט מיטינגס ווי אַזוי צו בויען דעם בנין. מיר האָבען גערעכענט, אַז ביז דער פּלאַן וועט פאַרטיג ווערען און גוט געהייסען ביי דעם קאָונסיל, און ביז דער בנין וועט ווערען אויפגעשטעלט וועט פאַרביילויפען דאָס יאָר, וואָס דער שכן האָט נאָך צו וואוי־נען און מיר וועלען קיין שום אָבהאַלט ניט האָבען. שטעלט זיך אָבער אַרויס דאָס ווען מר. ווינבאָרן האָט געשריבען צו דעם שכן וועגען דעם פאַקט האָט אָבער אונזער שכן זיך ניט געוואָלט אָנשטרענגען צו ענטפערען דעם

אַרכיטעקט, נאָר ער האָט דאָס איבערגעגעבן צו אַ סאָליסיטאָר אויף צו ענט־פערען. מיר האָבן ערהאַלטען אַ בריף פון זיין סאָליסיטאָר דאָס ערשטענס איז ניט ריכטיג דאָס ער האָט ניט מער צו וואוינען ווי איין יאָר נאָר גאַנצע דריי יאָר, ווייל דער אָבמאַך איז געמאַכט געוואָרען מיט אַן „אָפּשען", דאָס הייסט אויב דער שכן וועט וועלען קען ער נאָך וואוינען דריי יאָר צייט. נאָר אויב די ת"ת מוז גלייך האָבען זיין דירה איז ער באַרייט צו טון די ת"ת אַ טובה און זיך אַרויסציען פריער, נאָר מיט איין באַדינג, אויב די ת"ת איז באַרייט אים צו געבען פאַר דער טובה פינף הונדערט פונט.

מען קען זיך פאָרשטעלען ווי אויפגעבראַכט די גאַנצע קאָמיטע איז גע־וואָרען. סטייטש, אַ היימישער איד זאָל גאָר קענען פאַר דעם מויל ברענגען אַזאַ זאַך! עס איז דאָך איינפאַך אַ סקאַנדאַל צו וואַרטען פיר יאָר! אַחוץ בויען דאַרפען מיר דאָך די צימערען אויף קלאַסען, ווייל מיר האָבען שוין דאַמאָלט געהאַט אַריבער פיר הונדערט קינדער, און אין דעם הויז האָבען מיר געהאַט אַכט קלאַסען און מען מוז צום וויניגסטענס נאָך האָבען פיר קלאַסען.

דערווייל האָט מען געמוזט דינגען דריי קלאַסען אין דער סיגדאָן רויד קאונסיל סקול, און איך האָב אָבגעגעבען ביי מיר אין הויז מיין פּריוואַט אָפּיס אויף אַ קלאַס צו האַלטען פאַר די גרעסערע מיידלעך. מילא, דאָס קען מען טון אַ קורצע צייט, אָבער ניט גאַנצע פיר יאָר, און דער אַלטער, דעם שכן'ס פאָ־טער, מאַכט זיך גאַרניט וויסענדיג און קומט זיך צום דאַוונען גלייך מען מיינט אים גאַרניט. האָב איך זיך צו אים געווענדעט און אים געפרעגט אויב ער מיינט דאָס די ת"ת האָט פינף הונדערטער פונטען צו צוטיילען. זאָגט ער צו מיר:

— איר האָט מיך דען געפרעגט צי איר זאָלט קויפען די הייזער?

געהערט אַ קשיה?

אַ איד וואָס האָט די גאַנצע צייט געדאַוונט אין ת"ת האָט דאָך געוויס זיך געגנוג אָנגעהערט וואָס עס איז אָנגעגאַנגען. אַ אַנדער איד, אַז ער האָט גע־הערט דאָס די ת"ת גייט קויפען די הייזער איז זיין פליכט געווען צו קומען און איבערגעבען מען זאָל וויסען דאָס ער האָט אַן אָבמאַך אויף דריי יאָר מיט אַן „אָפּשען", דאַן וואָלטען מיר געוואוסט ווי צו האַנדלען.

איצט אָבער אַז עס איז שוין נאָך אַלעמען און די ת"ת וואוינט שוין דאָר־טען און אַלעס איז ערליידיגט, קומט ער און הייסט זיך געבען פינף הונדערט פונט!

דער סקאַנדאַל איז געוואָרען גרויס און מען האָט זיך אָנגעהויבען צו קריי־גען. איז זיך מישב אונזער שכן און קומט ניט מער צום דאַוונען. דער זון זיינער האָט אויפגעהערט צו נעמען אַרבייט פון מיר, און זיי זיינען אין גאַנצען ברוגז געוואָרען. אין דער צווישען צייט האָט מר. ווינבאַרן פאַרטיג געמאַכט דעם פּלאַן פון בילדינג, און עס איז שוין אַזוי גוט ווי באַשטעטיגט פון קאונסיל. ווען מר. ווינבאַרן האָט געהערט וואָס עס קומט פאַר מיט דעם שכן האָט ער פאַר־געשלאָגען דאָס מען זאָל זיך מיט אים פאַרגלייכען, און ער וועט שוין זען אים צו מאַכען בעסער.

דעם אמת געזאָגט בין איך ניט געווען איינשטימיג צו פאַרגלייכען זיך, ווייל עס איז געווען צו יענער צייט גרינג צו קריגען אַזעלכע דירות פאַר דעם שכן. די ת״ת האָט געמוזט בלייבען אויפ׳ן זעלבען פּלאַץ וואו די קינדער זיי־נען אָבער אַ פּריוואַט מענש איז דאָך ניט געווען קיין אונטערשיד וואו ער זאָל וואוינען. דער שכן אונזערער האָט סיי ווי סיי געמוזט פאָרען צו דער סיטי יע־דען טאָג וועגען זיין אַרבייט. ווען ער וואָלט קומען און זאָגען דאָס די ת״ת זאָל אים געבען פאַר די אויסגאַבען פון ציען זיך, וואָלט דאָס געווען מיט יושר, אָבער ווען אַ איד זאָל וועלען מאַכען געלד פון אַ ת״ת, איז דאָס ביי מיר גע־ווען ניט קיין שיינע זאַך.

מר. ווינבאַרן האָט מיך אָבער צוגערעדט דאָס מיר זאָלען זיך פאַרגלייכען. האָב איך געזאָגט דאָס אויב ער וועט דאָס מאַכען פאַר הונדערט פונט, וועל איך ניט זיין דאַגעגען. צום סוף האָבען מיר געמוזט געבען הונדערט מיט פופציג פונט און דער שכן האָט זיך אַרויסגעצויגען.

ווען מר. ווינבאַרן האָט שוין געהאַט פאַרטיג דעם פּלאַן האָט מיין קאָמיטע, וואָס איז באַשטאַנען דאָס רוב פון מאָנטאַגיו רויד בית המדרש בעלי בתים אים גענומען באַטראַכטען, קיין שום זאַך איז זיי ניט געפעלען. דאָ האָבען זיי אויס־געזעצט געגען דעם מען זאָל אַזוי אַרום מאַכען, און דאָ אַזוי, ביז די קאונסיל האָט דאָס ניט געוואָלט באַשטעטיגען, ווייל עס איז שוין געווען מער ווי מיר זיינען געווען באַרעכטיגט לויט דעם טאַון קאונסיל פּלאַן. דאַמאָלט האָב איך נאָך ניט פאַרשטאַנען וואָס זיי זיינען אויסען געווען. איך האָב נאָך אַלץ גע־מיינט דאָס די אייניגע מענשען וואָס זיינען געבליבען ביי דער ת״ת אַרבייט מיינען טאַקע אמת׳דיג דעם אינטערעס פון דער ת״ת. ביז איך האָב מיך אַרומ־געקוקט דאָס זיי מיינען נאָר צו שטערען בויען די ת״ת. זיי האָבען שוין געהאַט שטיין זייער נייעם בית המדרש, און זיי האָבען זיך געשראָקען דאָס אויב די ת״ת זאָל זיך נעמען מויערען וועט דאָס זיין אַ שטערונג צום אויפהאַלטען פון דעם בית המדרש. דאָס האָט געפירט צו דעם, אַז איך האָב מיך אין גאַנצען אָבגעשאָקעלט פון מאָנטאַגיו רויד, און גענומען זוכען אַנדערע מענשען, ניט די וואָס וואוינען אין דעם געגענד, נאָר אַזעלכע וואָס זאָלען זיין איבערגעגעבען צו דער אַרבייט פון דער ת״ת. איינער פון די פרישע מענשען איז געווען נאָך גאָר אַ יונגערמאַן, אַ זון פון קלמן חפץ ע״ה. איך האָב מיך מיט אים געזען און אים ערקלערט דעם צושטאַנד פון דער ת״ת און אַז איך האָב ניט מיט וועמען צו אַרבייטען. צוליב דעם כבוד פון זיין גאָטזעליגען פאָטער וואָס איז תמיד געווען איבערגעגעבען צו דער ת״ת איז עס זיין פליכט צו נעמען אַן אַקטיווען אַנטייל אין דער ת״ת, און דאָס וועט זיין אַ נחת רוח פאַר זיין פאָטער, ע״ה. ער האָט מיר טאַקע צוגעזאָגט און אָנגעפאַנגען צו אַרבייטען מיט זיינע ברידער פאַר דער ת״ת, און ער האָט זיך אויך גענומען אויף צו אינטערעסירען איינ־פלוסרייכע אידען דאָס זיי זאָלען נעמען אַן אַנטייל אין דער אַרבייט און זיין פאַראינטערעסירט מיט דעם פּלאַן פון בויען ווי דאָס איז געווען די אידעע בעת מען האָט געקויפט די צוויי הייזער פאַר דער ת״ת וואָס איז נויטיג פאַר דעם

דאַלסטאַנער געגענד, וואָס איז געוואָרען די איסט ענד פון דעם לאָנדאָנער אידישען לעבען.

## כד

# הרב דעסלער

אויב די מאָנטאַגיו רויד בית המדרש בעלי הבתים זיינען אָבגעפאַלען פון דער ת״ת גלייך ווי זיי האָבען אויפגעשטעלט זייער נייעם בנין האָבען זיי אָבער דער ת״ת אַ גרויסע טובה געטון מיט דעם וואָס זיי האָבען געהאַט אויפ־גענומען רבי דעסלער פאַר זייער רב. ווי נאָר רבי דעסלער איז אָנגעקומען אין דעם געגענד האָט ער זיך באַלד גענומען אינטערעסירען מיט דער ת״ת מער ווי מיט דעם בית המדרש וואָס האָט אים געצאָלט שכירות, מישטיינס געזאָגט אויך מיר שכירות! אין גאַנצען האָבען זיי אים געגעבען דריי פונט אַ וואָך, און אַזוי אויך דעם חזן זייערען דריי פונט אַ וואָך. און דאָך האָבען זיי די דאָזיגע גרויסע שכירות׳ן אויך ניט געהאַט צו צאָלען. עס האָט אַ סך מאָל געטראָפען דאָס דער רב מיט דעם חזן זאָלען אַרומגיין קלייבען נדבות פאַר דעם בית המדרש דאָס עס זאָל זיין צו צאָלען די שכירות.. און דאָך האָבען נאָך די שיינע בעלי הבתים געהאַט די חוצפה פאַרצוהאַלטען דעם רב זייערען וואָרום ער גיט זיך אָב מיט דער ת״ת. איך ווייס, עס קען זיין, אַז די וואָס וועלען דאָס אַמאָל לייענען וועלען זיך ניט וועלען גלויבען דאָס עס זאָל האָבען אַזאַ זאַך פאַרגע־קומען ביי פרומע אידען, פאַרזיכער איך אָבער, אַז דאָס איז געווען אמת, דער ריינער אמת.

דער רבי דעסלער האָט זיך אָבער ניט אָבגעשראָקען און געהאַלטען דרשות אין בית המדרש צו שטיצען די ת״ת און די שיינע בעלי הבתים האָבען דאָס ניט געקענט פאַרטראָגען. רבי דעסלער האָט אָבער זיינס געטון און וואָס אַמאָל נאָך שטאַרקער געאַרבייט פאַר דער ת״ת. קודם כל האָט ער אַריינגע־בראַכט זיינע צוויי תלמידים, מר. קאהן פון דער עדת ישראל און שלמה סאסון. ביידע האָבען זיך אָנגעשלאָסען אין דעם חינוך קאָמיטעט. סאסון האָט אין אַ קורצער צייט נאָך דעם אַליין געקראָגען דעם טיטול רב. ער איז ר׳ דוד סאַ־סונ׳ס אַ זון, און אַ איינִיקעל פון מרס. פלאָראַ סאַסון, וואָס האָט געהאַט אַ שם דאָס זי האָט געקענט לערנען אַזוי ווי אַ גרויסער למדן.

שלמה סאסון פלעגט אַ סך מאָל קומען צו דער ת״ת שבת צום דאַווענען, און ווען ער פלעגט קומען איז תמיד אויך מיטגעקומען מיט אים רבי דעסלער און סאסון פלעגט האַלטען אַ דרשה פאַר די קינדער ביי וועלכע ער האָט שטאַרק אויסגענומען.

אַז מען האָט אָנגעקוקט דעם יונגענמאַן, רבי סאסון, איז זיך גאָרניט גע־ווען פאַרצושטעלען דאָס ער איז אַ בריטישער פון אַ אַריסטאָקראַטישער פאַמי־ליע. ער האָט גיכער אויסגעזען ווי ער וואָלט נאָר וואָס אַריבערגעקומען פון אַ

קליין פויליש שטעדטעל. און ווען ער האָט געהאַלטען זיין דרשה אין ענגליש האָט דאָס ביי די אינגלעך אַרויסגערופען חידושים.

ווען איך האָב אים דאָס ערשטע מאָל פאָרגעשטעלט פאַר די אינגלעך האָב איך אים באַצייכענט אַלס אונזער אידישער פרינץ, און אַז אַזוי ווי מיר האָבען היינט ניט קיין פרינצען, זיינען אָבער פאַראַן פרינצען אויף אַ אַנדערען אופן. אויב אַזאַ יונגערמאַן פון אַזעלכע רייכע עלטערען, וועלכער האָט געקענט לעבען אין וואוילטאָגען, האָט אַלעס אויפגעגעבען אום נאָר זיך אָבצוגעבען מיט תורה און יראה, איז דאָס אונזער אמת ריכטיגער פרינץ.

דאָס האָט אויף די אינגלעך געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק. מען האָט אים תמיד געקענט טרעפען מיט אַ ספר אין האַנד אין מאָנטאַגיו רויד בית המדרש. און ווען ער פלעגט קומען אַ שבת פלעגט ער זיין ביי רבי דעסלער.

אָט אַזעלכע תלמידים האָט רבי דעסלער געהאַט.

צום ערשטען האָט רבי דעסלער געגרינדעט אַ „סקאָלאַרשיפ" פאָנד פון זיין אייגען געלד, וואָס ער האָט געקראָגען פאַר אַ דין תורה אָדער אַזוי אַ אויס־גלייך. ער האָט פאַר זיך קיין שום פסק געלד ניט גענומען, נאָר דאָס געלד אַוועקגעגעבען פאַר דעם „סקאָלאַרשיפ" פאָנד. אָדער ווען עס איז געקומען ערב פסח ווען אַלע רבנים מאַכען געלד פון מכירת חמץ, האָט רבי דעסלער קיין שום פעני ניט גענומען פאַר זיך נאָר ער האָט דאָס אַלעס אַוועקגעגעבען צו דעם פאָנד. טיילמאָל האָט ער זיך נאָך פריער געבאָרגט אויף דעם חשבון אַז ווען עס וועט קומען ערב פסח וועט ער האָבען אָבצוגעבען. טאָמער האָט אים נאָך אַלץ צוגעפעלט עפעס געלד האָט ער תמיד געקענט קריגען אַ פאָר פונט ביי סאסונ׳ען.

דער „סקאָלאַרשיפ" איז באַשטאַנען אין דעם, אַז אַ אינגעל וועלכער איז פון ת"ת אַריין אין דער ישיבה עץ חיים זאָל יעדע דריי מאָנאַטען באַקומען אַ פונט, און ווען דער אינגעל זאָל אַריין צו אַ העכערע קלאַס אין דער ישיבה עץ חיים זאָל ער קריגען מער ווי אַ פונט. דאָס האָט געגעבען חשק די אינגלעך צו לערנען זיי זאָלען קענען אַריין אין ישיבה.

איינמאָל האָט זיך געמאַכט דאָס אַ אינגעל וועלכער האָט אַריינגעפאַסט צו דער ישיבה און איז געווען זער אַ גוטער בחור׳ל האָט ניט געהאַט קיין עכט אידישע היים. ער האָט דאָט ניט געקענט פאַרנעמען, האָט מען אים אַוועקגע־שיקט נאָך גייטסהעד אין ישיבה דאָרטען ער זאָל ניט דאַרפען זיין אין זיין היים און דאַרפען זען ווי מען פירט זיך ניט אידיש.

עס פלעגען אויך זיין אַ סך אינגלעך וואָס פלעגען ווירקען אויף זייערע עלטערען דאָס זיי זאָלען זיך פירען אידישער און פיל פאָטער׳ס, וואָס פלעגען קיינמאָל ניט גיין שבת אין אַ שוהל דאַוונען פלעגען נאָכער מיטקומען מיט זייערע זין צום דאַווענען.

אָט אַזעלכע זאַכען האָבען געקענט טרעפען אין דער דאַלסטאַן ת"ת, און מען מוז צוגעבען דאָס רבי דעסלער האָט אַ סך צו דעם צוגעהאָלפען.

# מען גרינדעט א ישיבה קלאס

ווען רבי דעסלער האָט זיך איבערגעצייגט דאָס דער ישיבה עץ חיים פּלאַן אַרבייט ניט אַזוי ווי מען האָט געהאָפט, — די אורזאַך איז געווען גאַנץ איינ־פאַך, די מערסטע אינגלעך וואָס האָבען געוואונען דעם „סקאָלאַרשיפּ״ צו דער ישיבה זיינען אַלץ געווען אַזעלכע וואָס זיינען געגאַנגען צו אַ העכערע סקול און געהאַט צו גיין אַ ווייטען וועג הין און צוריק, — האָט רבי דעסלער באַ־שלאָסען דאָס מען מוז מאַכען אַליין אין ת״ת אַ ישיבה קלאַס פּונקט ווי אין ישיבה. פריער האָבעןביידע תלמידים פון רבי דעסלער געלערענט מיט דעם קלאַס, דאָס הייסט דער יונגער רב סאַסון און מר. קאהן. נאָכער האָט מר. קאהן זיך ניט געקענט אָבגעבען מיט דעם קלאַס, האָט רבי דעסלער אַליין צוגענומען אַ לערער צו העלפען סאַסונ׳ען, און אַזוי האָט די קלאַס אָנגעהאַלטען ביז די מלחמה האָט אויסגעבראָכען, ווען עס איז צושטערט געוואָרען ניט נאָר די ישיבה קלאַס נאָר די גאַנצע אַרבייט פון אייניגע יאָרען פרוכטבאַרע טעטיג־קייט פון אידישע ערציהונג.

גראַדע צו יענער צייט ווען די ישיבה קלאַס איז געגרינדעט געוואָרען, האָט מר. הלוי אַריינגעקראָגען אַ זער גוטען לערער פון ארץ ישראל, מר. מלמד איז געווען זיין נאָמען. ער איז אַהער געקומען אויף צו קריגען אַ „דעגרי״ אויף לערער. ער האָט געקענט גוט לערנען און מסביר זיין אויף אַזאַ אופן דאָס די קינדער זאָלען פאַרשטיין וואָס מען לערענט מיט זיי. דערצו איז ער געווען אַ פיינער בעל מנגן, און געקענט לעזען נאָטען, האָט ער גענומען אָרגאַניזירען אַ כאָר פון די אינגלעך און איינגעזונגען מיט זיי זער פיינע קאָמפּאָזיציעס. צוליב דעם איז שבת געוואָרען אַ גרויסער עולם ביים דאַוונען און די אינגלעך האָבען זיך גוט געלערענט. ווען ער האָט געוואָלט באַשטראָפען אַ אינגעל, האָט ער נאָר בלויז באַדאַרפט צו זאָגען דאָס ער וועט אים נישט האָבען אין כאָר. דאָס איז געווען די גרעסטע שטראָף. האָבען זיך טאָקע די אינגלעך געפלייסט ביים לערנען.

די גאַנצע צייט וואָס ער איז געווען אין ת״ת האָט די ת״ת גאָר אַ העכע־רען אינהאַלט געקראָגען. ער האָט אויך אויסגעשטעלט אַ כאָר פון די ת״ת תלמידים אויף ימים נוראים, און איך האָב אויך געמוזט זיין ביי דעם איינזינ־גען אויף ריכטיג, ווייל איך האָב דאָך באַדאַרפט צו דאַוונען מיט דעם כאָר. ער האָט איינגעזונגען אַזעלכע פיינע קאָמפּאָזיציעס, וואָס די גרעסטע חזנים וואָל־טען זיך מחיה געווען מיט זיי.

ווען איך האָב געדאַוונט דאָס ערשטע מאָל מיט דעם ת״ת כאָר אין די נאָרט לאָנדאָן דזשואיש קלוב, האָב איך געהאַט זער אַ גרויסען ערפאָלג, דער גאַנצער געגענד האָט פון דעם גערעדט. לײדער איז דער גוטער לערער מר. מלמד צוריק געפאָרען קיין ארץ ישראל און די אינגלעך האָבען אים אַזוי גע־

שווינט ניט געקענט פאַרגעסען. נאָך דעם וואָס ער איז שוין געווען אַוועק האָב איך נאָך אַלץ געדאַווענט מיט דעם כאָר אין דעם נאָרט לאָנדאָן דזשואיש קלוב ראָש השנה און יום כפור. אָבער נאָר צוויי מאָל האָב איך דאָס געקענט באַוויי־זען, ווייל די אינגלעך האָבען זיך דורך דער צייט געטוישט דורך דעם וואָס טייל זיינען עלטער געוואָרען און פאַרלאָזט די ת״ת, און מיט פרישע אינגלעך איינצוזינגען האָט מען באַדאַרפט צו האָבען אַ מר. מלמד.

איך מיין אַז ווען די מלחמה וועט זיך ענדיגען און מען וועט דאַרפען אָנ־פאַנגען גאָר פון אָנהויב איינצושטעלען די ת״ת, וועט מען זיין געצוואונגען אַראָבצוברענגען פון ארץ ישראל אַזעלכע לערער ווי מר. מלמד איז געווען, ווייל ליידער וועט פון לאָנדאָנער לערער ניט זיין קיין היברו לערער נאָך דער מלחמה, און איך גלויב דאָס אַזוי ווי די רעגירונג הויבט אָן צו מאַכען פּלענער אויף נאָך דער מלחמה, אַזוי וואָלט באַדאַרפט די לאָנדאָנער קהלה זיך געבען רעכנונג וואָס עס וועט זיין מיט היברו לערער, ווייל נאָך פאַר דער מלחמה איז דאָס שוין געווען אַ פּראָבלעם. אַ מענש מיט אַביסעל שכל האָט ניט געוואָלט ווערען אַ לערער און שטאַרבען פון הונגער. ער האָט בעסער אויסגעקליבען צו ווערען אַ רעוורענד, עס פאָדערט זיך ווייניגער געלערענטקייט, אַבי נאָר ער זאָל קענען דערלאַנגען אַ שיינע פּרעדיג, וואָס ער האָט צייט אַ גאַנצער וואָך אויף אויסצושרייבען און פאַר פאָרלעזען וועט ער קריגען צען פונט אַ וואָך.

איז טאַקע געווען זער שווער צו קריגען אַ גוטען לערער, און גלאַט יונגע־לייט זאָלען ווערען לערער צוליב אידעאַל וועגען, איז נאָך די צייט ניט געקו־מען דערצו. די עטליכע לערער וואָס זיינען געווען און זיינען צוליב דער מלחמה אַרויסגעוואָרפען געוואָרען פון דעם פאַך, וועלען שוין נאָך דער מלחמה צוריק געוויס ניט קומען.

איצט, אין אַזאַ יקרות אויף לעבענסמיטעל, גיט מען אַ לערער אַ פונט אַ וואָך צום לעבען, און אַז עס איז שוין גאָר גוט, דער לערער האָט אַ פרוי מיט קינדער, קריגט ער דרייסיג שילינג אַ וואָך. ווערט דען ניט אַזאַ לערער אַ שונא זיין פאַך, און ווי אַזוי קען מען דען עפּעס ערוואַרטען פון אַזאַ לערער ער זאָל ריכטיג מיט די קינדער לערנען? עס ליגט דען אים אין זינען דאָס לערנען, אַז ער דאַרף גאָר זאָרגען צו קענען שטילען דעם הונגער? מיט קיין הונגעריגען מאָגען האָבען אונז שוין אונזערע חכמים לאַנג געזאָגט, קען מען ניט לערנען.

ווער עס האָט זיך נאָר געקענט אַרויסכאַפּען צו עפּעס אַנדערש וועט גע־וויס שוין מער ניט ווערען אַ לערער פון היברו. און אַז איך דערמאָן זיך איצט וואָס עס איז געוואָרען פון אַזאַ בליהענדע ת״ת ווי די דאַלסטאָן ת״ת איז גע־ווען, וואָס האָט געהאַט ביים אויסברוך פון דער מלחמה אַרום פינף הונדערט קינדער און איצט איז קוים געבליבען אַ פופציג קינדער, פרעג איך זיך, וואָס איז געוואָרען מיט די אַלע איבעריגע קינדער, ווען זיי זיינען איצט צושפּרייט געוואָרען אין ניט אידישע היימען? עס נעמט אָן אַ גרויל צו קלערען וואָס פון דער גאַנצער אַרבייט איז געוואָרען.

און אַז גאָט וועט העלפען און די מלחמה וועט געוואונען ווערען און זיך

ענדיגען וועט מען מוזען אָנהויבען אין גאַנצען צוריק פון אלף־בית, און איך שטעל זיך פאָר וואָס פאַר אַ שווערינקייטען עס וועלען זיך אָנפאַנגען. ערש־טענס טאַקע מיט גוטע לערער, ווייל איך האָב די ערפאַרונג וואָס אַ שלעכטער לערער קען. די אידישע געמיינדע האָט זיך שוין איצט געדאַרפט באַשעפטיגען מיט דעם פראָבלעם. מיר מוזען זיין גרייט מיט גוטע לערער אום מיר זאָלען קענען דעריאָגען די צייט וואָס איז פאַרלוירען געגאַנגען, און נאָך דערצו וואָס פון דעם פוילישען אידענטום וועט מען ניט קענען ערוואַרטען זיי זאָלען ווייטער ווי פריער אַהער שיקען פאַרשטאַרקונג צום היגען אידישקייט. מיר דאַרפען מיט פרישע כחות זען איינצופלאַנצען אין אידישען דור די הייליגע ירושה און אונזערע שוהל אידען זאָלען זיך נעמען צו דער אידישער ערציהונג אַ סך מער ווי פאַר דער מלחמה, אום די שוהלען אונזערע זאָלען ניט ווערען אַ איבע־ריגע זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט.

יאָ, די שוהל אידען וועלען מוזען עפּעס טון צו דעם וואָס זיי האָבען פריער פאַרנאַכלעסיגט.

## כו

## דער מיטינג מיט דעם טשיף רבי אין פינטשלי

איך האָב שוין פריער געהאַט דערמאָנט ווי איך בין געבליבען אָן קאָמי־טע לייט און געזוכט צו קריגען מענשען פון אַנדערע געגענדען, אידען וואָס זאָ־לען זיך אינטערעסירען מיט דער ערציהונג פון אונזערע קינדער גיכער ווי מיט שוהלען אָדער בתי מדרשים. ווייל אויסער וואָס דער מאָנטאַגיו רויד בית המדרש האָט זיך צוריקגעצויגען פון צו נעמען אַנטייל אין דער ת״ת, ווייל זיי האָבען אַנדערש ניט געוואָלט נאָר איך זאָל אָוועקמאַכען מיט דעם ת״ת מנין, האָב איך בשום אופן ניט געוואָלט נאָכגעבען. עס איז געקומען אַזוי ווייט דאָס אַזאַ איד ווי מר. קווינט, אַ פרומער און אַ בן תורה, און אויך געוועזען פון די ערשטע ציוניסטען, זאָל מיר זאָגען אָפען דאָס ער קען ניט שטיצען די ת״ת אַזוי לאַנג ווי איך וועל ניט אָוועקמאַכען מיט דעם מנין. און אויך אַזאַ איד ווי מר. שרייבער, וואָס איז אַליין אַמאָל געוועזען אַ העדמאַסטער אין אַ סופר, און פלעגט תמיד נע־מען אַ גרויסען אַנטייל אין דער ת״ת, איז געוואָרען טרעזשורער אין נייעם בית המדרש, האָט ער שוין געהאַט גענוג צו זאָרגען און האָט שוין מער קיין שום אַנטייל גענומען אין דער ת״ת. חוץ דעם האָבען זיך גלאַט אָוועקגעצויגען די איניגע בעל הבתישע אידען, וועלכע פלעגען פריער נעמען אַ גרויסען אַנטייל. ווען זיי זיינען שוין געוועזען אין אַנדערע געגענדען האָבען זיי אין דער אָרימער ת״ת פאַרגעסען. קיין פרישע בעל הבת׳ישע אידען זיינען ניט צוגעקומען צו דעם געגענד, ווייל אין די פלעטס וואָס מען האָט אויפגעשטעלט האָבען זיך אַלץ אַריינגעצויגען אַזעלכע אידען, וועלכע עס איז גאַנץ ווייניג אָנגעגאַנגען צי עס איז דאָ אַ ת״ת אָדער ניט. מער ווי איינמאָל אין יאָר אָבצודאַוונען האָבען זיי ניט

באַדאַרפט. עס איז נאָך גוט געווען וואָס זיי האָבען געשיקט כאָטש זייערע קינ־דער צו דער ת״ת.

עס איז אַפילו צוגעקומען אַ גאַסט אין געגענד, רבי דר. גודמאַן, דער רי־דזשיאָנאַל מיניסטער פון סטעמפאָרד היל שוהל. באַלד ווי ער איז נאָר אָנגעקו־מען אין געגענד האָט ער זיך גענומען אינטערעסירען מיט דער דאלסטאן ת״ת און איז געקומען צו די קאָמיטע מיטינגען. מען האָט געמאַכט פּובליק מיטינגען וואו ער האָט אַדרעסירט די עלטערען פון די תלמידים דאָס זיי זאָלען נעמען מער אינטערעס אין דער ערציהונג פון זייערע קינדער. נאַטירליך האָט ער זיך נאָר אינטערעסירט מיט דעם גייסטיגען צושטאַנד פון דער ת״ת אָבער מען האָט דאָך פון אים ניט געקענט ערוואַרטען דאָס ער זאָל זיך אָבגעבען מיט דעם פּי־נאַנציעלען צושטאַנד. איך האָב דאָך געמוזט האָבען אידען, וואָס זאָלען זיך ווע־לען אָבגעבען מיט דער פינאַנציעלער פראַגע און הויפּטזעכליך מיט דער אונ־טערנעמונג פון בויען אַ וויכטיגען בנין פאַר דער ת״ת.

האָט דאָך דער יונגער חפץ זיך אונטערגענומען צו געפינען אַזעלכע טוער פאַר דער ת״ת אַרבייט, און ער האָט מצליח געווען און געקראָגען מר. סידני ראָס ער זאָל זיך אינטערעסירען מיט דעם ת״ת פּלאַן פון בויען. מען האָט דאָס באַלד צו וויסען געטון מר. ווינבאָרן, דעם אַרכיטעקט, ער זאָל צוגרייטען דעם פּלאַן אין פולע פּרטים ווייל מר. סידני ראָס האָט געוואָלט זען דעם גאַנצען פּלאַן.

מר. ווינבאָרן האָט באַלד ווידער אָנגעפאַנגען צו אַרבייטען אויף דעם פּלאַן, און מר. סידני ראָס האָט צוגעקראָגען נאָך אייניגע מענער צו דער קאָמיטע, וואָס איז באַשטימט געוואָרען. איינער איז געווען אַ מר. האָזענבאַלד פון פינטשלי, זער אַ רייכער איד, נאָר אין דער יוגענט איז ער געווען אָרים. ער האָט געדענקט די צייט און ער האָט זיך גאָרניט געשעמט דערמיט וואָס ער איז געווען אָרים, ניט ווי מאַנכע אידען, ווען זיי ווערען רייך ווילען זיי גאָרניט געדענקען אַז זיי זיינען אַמאָל אָרים געווען.

די אייניגע אין דער קאָמיטעט האָבען געהאַט צווישען זיך אַ מיטינג. מר. חפץ איז אויך געווען באַקענט מיט מר. האזענבאַלד, ווייל ער פלעגט אַ סך העל־פען מר. האזענבאַלד׳ן מיט זיין אונטערנעמונג יעדען יאָר צו טיילען ערב פּסח פּעקלעך פון מצות און וויין און אַלעס וואָס מען דאַרף און אַפילו הינער אויך צו אַראָבגעקומענע פאַמיליעס. דאָס צוטיילען איז געווען אַ גרויסע אַרבייט, ווייל מען האָט יעדען אין הויז אַריינגעגעבען זיין פּעקעל דאָס דער נעמער זאָל צו־מאָל ניט וויסען פון וואַנען דאָס קומט. די ברידער חפץ זיינען אַרומגעפאָרען מיט זייערע קאַרס און געהאָלפען די פּעקלעך אַריינגעבען צו יעדען נויטבאַ־דערפטיגען אין שטוב אַריין.

ווען זיי זיינען זיך צונויפגעקומען וועגען דער ת״ת האָבען זיי באַקלערט דאָס אויב צו מאַכען אַ ערפאָלג, וואָלט נוצליך געווען ווען דער טשיף רבי דר. הערץ זאָל בייוואוינען אַ מיטינג וועגען דער ת״ת. מר. חפץ האָט דאָס איבער־געגעבען צו מר. הלוי׳ן ער זאָל זיך באַמיען וועגען טשיף רבי׳ן, און הלוי האָט

זיך טאָקע באַלד גענומען ווענדען צום טשיף רבי און געקראָגען זיין צוזאָג בײַ־צואוואוינען אַ מיטינג און געגעבן צו הלוי אַ באַשטימטע צייט, ווען צו רופן דעם מיטינג.

אַזוי איז פאַררופן געוואָרן דער ערוואַרטעטער מיטינג אויף אַ אָבענד טאָקע ביי מר. האזענבאלד אין הויז. געקומען דער באַשטימטער טאָג בין איך מיט מיין איידעם און מר. הלוי אַהין געפאָרן נאָך פינטשלי, און מר. חפץ מיט זיינע ברידער, און מיר האָבן שוין דאָרטען געטראָפן מר. סידני ראָס מיט זיינס אַ ברודער און נאָך אַ צוויי אידען. ווען מיר זיינען זיך צונויפגעקומען איז דער יונגערער ברודער פון חפץ געפאָרען נאָך דעם טשיף רבי, און דערווייל האָט אונז מרס. האזענבאלד אונטערהאַלטען. זי איז געווען אַ גרויסע מאלערין. זי האָט אונז געוויזען אַלע מאלערייען וואָס זי האָט געמאלט. דערווייל איז נאָך צוגעקומען מר. ווינבאָרן מיט דעם פלאַן וואָס איז באַשטאַנען פון אַ האָל פון זעכציג ביי דרייסיג פוס, אַרום אַלע ווענט זיינען געווען פענסטער, ווייל דער בנין האָט געזאָלט שטיין אין דערמיט פון ביידע הייזער־גאָרטענס, און פון דער גאַס איז געווען צווישען ביידע הייזער אַ אַריינפאָר גלייך צו דער האָל, און אין דער הויף איבער דעם אַריינפאָר איז פון איין הויז צום צווייטען געווען אַ גרוי־סע שילד מען זאָל גלייך דערקענען דאָס עס איז אַ מאָדערנע ת״ת. אונטער דער האָל האָט געזאָלט זיין פיר גרויסע קלאַסען מיט אַ ברייטען קאָרידאָר אין דער מיט, און צום ענד אַ גרויס פענסטער עס זאָל זיין ליכטיג. דאָן זיינען געווען צוויי באַזונדערע „קאָנוויניענסעס״, איינע פאַר מענער און איינע פאַר פרויען. עס איז אויך געווען פלאַץ פאַר אַ קיך, ווייל מען האָט דאָך גערעכענט צו מאַ־כען „סאָשעלס״ און אויך אויף צו האַלטען שמחות פאַר די שכנים פון געגענד. עס איז אויך געווען אַ פלאַכער דאַך אום די קינדער זאָלען דאָס קענען נוצען פאַר אַ שפיל פלאַץ אַחוץ דעם גאַנצען גאָרטען אַרום דעם בנין.

יעדער האָט באַטראַכט דעם פלאַן און עס איז אַלעמען געפעלען געוואָרען. אַזוי האָט מען פאַרבראַכט ביז דער טשיף רבי דר. הערץ איז אָנגעקומען.

## כז

# ווי אזוי דער מיטינג איז צוגעגאנגען

ווי נאָר דער טשיף רבי איז אַריינגעקומען איז ער פאַר יעדען איינעם באַ־זונדער פאָרגעשטעלט געוואָרען. ווען עס איז געקומען מיין רייע האָט ער מיך דערקענט און אויסגערופען:

— אָ, אָ, דאָס איז די דאַלסטאָן ת״ת!

אַלע האָבען געשמייכעלט דערביי.

נאָך דעם האָט אונז מר. האזענבאלד, דער בעל הבית, אַריינגעבעטען צו אַ באַזונדער צימער, וואָס איז געווען ספּעציעל אויף צו האַלטען מיטינגען, און

פריער פאַר אַלץ געשטעלט פאַרשידענע משקאות, שטאַרקע און זיסע, און אויס־געזעצט די בראַנפעבעטס ווי אַלט זיי זיינען. מען האָט געמוזט טרינקען פונקט ווי עס גייט צו ביי חסידים, און אפשר איז ער אַליין אַמאָל געווען אַ חסיד, אַנ־דערש פון וואַנען וואָלט ער געוואוסט ווי עס פירט זיך ביי חסידים, אַז וואָס מען זאָל ניט עפּעס אָנפאַנגען, מוז מען פריער פאַר אַלעמען נעמען אַביסעל בראַנ־פען אויף צו קריגען קוראַזש. נאָכער האָט מען ערוויילט אַ טשערמאַן, און מר. סידני ראָס איז ערוויילט געוואָרען. דאַן האָט מען פאַרגעלייגט דעם פּלאַן פון בילדינג וואָס האָט באַדאַרפט צו קאָסטען אַ זעקס טויזענד פונט. מען האָט אויס־גערעכענט דאָס דריי טויזענד פונט וועט מען דאָך קענען קריגען אין באַרקליי׳ס באַנק. דאָס וואָס די ת״ת איז שוין פריער אַמאָל שולדיג געווען איז שוין געווען אָבגעצאָלט וועט מען דאָך נאָך אַמאָל געוויס קריגען געבאָרגט. דאַן וועט די קאָמיטע מוזען שאַפען פופצען הונדערט פונט פון די דריי טויזענד, וואָס מען וועט דאַרפען איידער מען הויבט וואָס אָן, ווייל די באַנק וואָלט פריער ניט גע־געבען אירע דריי טויזענד, נאָר ווען מען האָלט שוין אין בויען. ווען דער טשיף רבי האָט געהערט אין וואָס עס גייט שטעלט ער זיך אויף און זאָגט:

— אויך מיר אַ געשעפט. אַ גרויסע זאַך ביי אַזעלכע מענשען פופצען הונ־דערט פונט?

דערביי האָט ער געהאַלטען אַ שיינע רעדע, און האָט אויפגעוויזען דאָס אַזוי ווי עס איז וויכטיג צו זאָרגען פאַר דעם קערפּער צו זיין געזונד אַזוי איז נאָך וויכטיגער צו זאָרגען פאַר דער נשמה פון אידישען פאָלק, נעמט מען אַוועק די נשמה, פאַלט ממילא דער קערפּער אויך. דער טשיף רבי האָט אויך געבע־טען אַז די קאָמיטע זאָל דאָס אַליין שוין באַהאַנדלען אויף וואָס פאַר אַ אופן צו־נויפצושטעלען דאָס געלד, און די אַנדערע איינצעלהייטען צו באַהאַנדלען אָן אים. ער האָט געגעבען זיין ברכה פאַר ערפאָלג.

מען האָט אים באַדאַנקט פאַר זיין קומען צום מיטינג, און דער בעל הבית, מר. האזענבאלד האָט וויטער פאַרבעטען אויף טהע. ווען דער טשיף רבי איז פאַרטיג געוואָרען האָט אים דער יונגסטער חפץ אָבגעפירט אַהיים און מיר האָ־בען נאָך אַביסעל פאַרברענגט, צום סוף זיינען מיר איינגעלאַדען געוואָרען צו אַ צווייטען מיטינג.

## כח

## דער צווייטער מיטינג

עס איז שוין געווען דאַן ביי עלף אַזייגער, ווען מען האָט זיך געזעצט צום צווייטען מיטינג, און מר. סידני ראָס איז געווען פאַרזיצער. ביים עפענען דעם מיטינג האָט ער ערקלערט דאָס ער פילט זיך פאַרפליכטעט וואָס עס איז צו טון פאַר דער דאַלסטאָן ת״ת. ווייל אויף איינעם פון די בעלער, וואָס די ת״ת האָט אַלע יאָר פאַראַנשטאַלטעט, אין פאַרק ליין האָטעל, האָט ער זיך באַקענט מיט זיין

פרוי מיט וועלכער ער איז זער גליקליך. הייסט עס דאָך אַז דורך דער דאַלסטאַן ת״ת האָט ער געפונען זיין באַשערטע, דאַרום גלויבט ער דאָס ער איז עטוואָס שולדיג צו דער ת״ת.

נאַטירליך האָב איך מיט מיין איידעם זיך זער דערפרייט מיט דער דאָזי־גער ערקלערונג. מיר האָבען פריער גאָרניט געוואוסט דאָס ער האָט בייגע־וואוינט דעם פּאַרק לייך האָטעל באַלל.

מר. ווינבאָרן ווידער האָט ערקלערט, דאָס פאַר אַלעס וואָס ער האָט געטון פאַר דער דאַלסטאַן ת״ת און אויך פאַר דעם איצטיגען פּלאַן, וואָס ער האָט פאַרגעברייט פאַרלאַנגט ער קיינע געצאָלט, ער האָט דאָס אַלעס געטון האָנע־ראַווע, און ער וועט נאָך ברענגען אַ צוויי־דריי פריינד זיך אַנצושליסען אין קאָ־מיטעט.

מען האָט זיין ערקלערונג אויפגענומען מיט גרויסען אַפּלויז ווייל עס איז ווירקליך געווען פון זיין זייט אַ שיינער אַנבאָט. ער האָט דערביי געהאַט זער אַ סך אַרבייט מיט די הייזער, וואָס מיר האָבען פריער געהאַט געקויפט און אַלעס איז דורכגעגאַנגען זיין האַנד, און איצט מיט די נייע הייזער, וואָס מיר האָבען געקויפט און מיט די פּלענער, וואָס ער האָט שוין געהאַט צוגעגרייט. און די קאָמיטע האָט אַזוי לאַנג אַרומגעאַרבייט ביז די פּלענער האָבען שוין ניט גע־טויגט. איצטער האָט ער ווידער אַ פרישען און אַ גרעסערען פּלאַן. דאָס אַלעס האָט באַדאַרפט צו קאָסטען שיינע הונדערטער פונטען. קומט ער גאָר און זאָגט דאָס אַלעס וואָס ער האָט געטון פאַר דער דאַלסטאַן ת״ת איז אַלץ געווען האָנע־ראַווע. דאָס איז ווירקליך פון אים געווען אַ גרויסער קרבן און יעדער איינער האָט טאַקע אויסגעדריקט דאַנקבאַרקייט צו אים.

מען האָט דאַן באַשלאָסען דאָס יעדער איינער פון דער קאָמיטע זאָל זיך אונטערשרייבען אויף הונדערט פונט צו דער באַנק דאָס מען זאָל באַלד פון דער באַנק קענען קריגען דאָס געלד אויף אַנצופאַנגען מיט דעם מויערען, און מר. סידני ראָס האָט ערקלערט דאָס ער וועט אונטערשרייבען פאַר דריי הונדערט פונט אום עס זאָל זיין די גאַנצע פופצען הונדערט פונט וואָס מ׳דאַרף. דאַן האָט מר. האזענבאלד פאָרגעשלאָגען דאָס מען זאָל מאַכען אַ „רייפעל״ און יעדער פון דער קאָמיטע וועט זיך קענען אַזוי אַרום אַליין אָבמאַכען די געלד וואָס איז אונטערגעשריבען געוואָרען פון יעדען פאַר די הונדערט פונט, און יעדער מוז פאַר דעם „רייפעל״ געבען אַ וויכטיגע זאַך אום עס זאָל זיין אַ ערפאָלג. האָבען זיך באַלד געמאָלדען איניגע מיט וויכטיגע אַרטיקלען. ווידער האָט מר. סידני ראָס פאָרגעשלאָגען דאָס מען זאָל אַראַנזשירען זיין „בילדער״ (בויער) פון זייער פירמע און מר. ווינבאָרן איז זער צופרידען געווען דעם פאָרשלאַג אונטערצו־שטיצען.

מען האָט נאָך פאַרהאַנדעלט איניגע קלייניגקייטען און אויך באַשטימט דאָס נאָך אַ מיטינג זאָל גערופען ווערען ווי נאָר מען וועט האָבען צוגעגרייט אַלעס וואָס מען דאַרף פאַר דעם „רייפעל״.

מיט דעם איז דער היסטאָרישער מיטינג געשלאָסען געוואָרען.

## כט

# דער רעזולטאַט פון מיטינג

עס איז שוין געווען נאָך איינס אַזייגער, ווען מיר זיינען זיך צוגאַנגען פון דעם מיטינג, און איך בין אַהיים געקומען פול מיט האָפנונגען. אַ גאַנצע נאַכט האָב איך געהאַלטען אין איין חלום'ן וועגען דעם וואָס ענדליך וועל איך האָבען עטוואָס אויפגעטון פאַר דעם דאַלסטאַנער געגענד, און איך האָב געטראַכט דאָס אַזאַ ת"ת וועט האָבען אַ ווירקונג אויף אַלע קינדער, און זיי וועלען צוליב דעם זיך בעסער לערנען.

אין די אָבענדען וועלען אידישע קינדער האָבען וואו צו פאַרברענגען זייער צייט און ניט דאַרפען אַרומגיין אין ניט ריכטיג אידישע פּלעצער. ווער עס וועט אין דעם געגענד מאַכען עפּעס אַ שמחה וועט אויך קענען נוצען דעם פּלאַץ, און דאָס וועט זיין אַ איינקונפט פאַר דער ת"ת. באַזונדער וועט מען מוזען קריגען גוטע לעקטשורערס, וואָס זאָלען קענען אינטערעסירען יונגע קינדער. מען וועט אויך קענען מאַכען פאַר די עלטערען פון די קינדער, אַז איינמאָל אין דער וואָך זאָלען זיי זיך צוזאַמען קומען און פאַרברענגען אַ „סאָשעל" אָבענד, און דערביי זאָל מען זיי קענען אויפקלערען די וויכטיגקייט פון צו ערציהען זייערע קינדער אין אַ אידישען גייסט, און איינצופלאַנצען אין זיי ליבשאַפט צום אידענטום, אַז דאָס אידישקייט זאָל ניט זיין ביי זיי אַ אָבקומעניש, און עס זאָל אויך ניט זיין ביי זיי קיין פאַרדרוס פאַרוואָס זיי זיינען גאָר געבוירען געוואָרען אידען, נאָר פאַרקערט, זיי זאָלען זיך פילען שטאָלץ און גליקליך וואָס זיי זיינען אידען.

ווייטער האָט זיך מיר געחלום'ט ווי איך האָב נקמה אין די אַלטע טאַבאַק־שמעקערס פון מאָנטאַגיו רויד בית המדרש, וועלכע ס'איז פאַר'נמאוס'ט געוואָרען דער אַלטער הייליגער בית המדרש און זיי האָבען אויפגעשטעלט אַ שיינעם בנין ער זאָל פּוסטעווען, אַז די עטליכע טאַבאַק־שמעקערס זאָלען זיך דאַרפען ברעכען דעם קאָפּ ווי אַזוי צו דעקען די חובות, מען זאָל דאָרט כאָטש קענען רוהיג אַ קאַפּיטעל תהלים זאָגען.

עס איז אָבער אַלעס בלויז געווען נאָר אַ שיינער חלום, ווייל עס איז ניט געווען קיין אַנדערער נאָר דער ענגלישער פּרעמיער מר. טשעמבערליין, וואָס האָט מיר מיין חלום פאַרשטערט מיט זיין „אַמברעלער", ווייל אַ קורצע צייט נאָך דעם היסטאָרישען מיטינג, האָט זיך אָנגעהויבען צו קאָכען מיט טשעמבערליין דאָס ער וועט פאָרען נאָך מינכען, ביז ער איז טאַקע אין אַ שיינעם טאָג געפאָרען, און ווען מען האָט געהערט ווי אַזוי מען האָט אים דאָרטען באַהאַנדעלט האָט מען גערעכענט דאָס ער וועט זיך גאָר שעמען צוריק צו קומען. צום סוף איז ער יאָ צוריקגעקומען מיט זיין „אַמברעלער" אין איין האַנד און אין דער צווייטער האַנד זיינער האָט ער געהאַלטען אַ שטיקעל פּאַפּיר און דערמיט געפּאָכעט פאַר יעדען צו ווייזען דאָס ער האָט געבראַכט שלום אויף דער וועלט

דערמיט וואָס ער האָט אָוועקגעגעבען טשעכאָ סלאָוואַקיען צו היטלער׳ן, אים דעם פּיסק צו פאַרשטאָפּען.

קיינער האָט אים אָבער ניט געגלויבט, און מיין נייער קאָמיטעט אויף וועלכען איך האָב געלייגט אַזוי פיל האָפנונגען האָט אים נאָך ווינציגער גע־גלויבט, און זיי האָבען דעם פּלאַן פון מויערען אָבגעלייגט אויף אַ רוהיגערע צייט.

אָט אַזוי האָט זיך געענדיגט מיין חלום אַז אָט, אָט, שוין, און איך האָב מיין חלום פאַרווירקליכט. עס האָט אַפילו ניט געהאָלפען דער נייער טרעזשורער מר. אבא באַרנשטיין פון העמפּסטעד, אַ רייכער מאַן און אַ פרומער. עס האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזען אַז ער פאַסט זיך פאַר אַזאַ ת״ת צו זיין טרעזשורער, נאָר ער האָט שוין גאַרניט געקענט העלפען, ווייל די הערערן פון קאָמיטעט האָ־בען זיך זער דערשראָקען פאַר דעם מינכענער שלום, וואָס דער „אָמברעלער״ האָט געבראַנגט, און וויפיל מען האָט זיך באַמיט זיך דורכצורעדען מיט זיי האָט אַלץ ניט געהאָלפען, אַזוי איבערגעשראָקען זיינען זיי געוואָרען.

איך האָף אָבער צו השי״ת, אַז די מלחמה וועט געוואונען ווערען, אין דעם בין איך זיכער, ווייל עס קען גאָר אַנדערש ניט זיין, וואָרום ווען די מלחמה זאָל חס ושלום ניט געוואונען ווערען איז אַ סוף פון גאַנצען אידענטום, און דאָס וועט קיינמאָל ניט פאַסירען. ענגלאַנד מוז טאַקע געווינען די מלחמה צוליב די אידען.

ווען מיר וועלען דאָס דערלעבען וועלען די זעלבע הערערן זיך נעמען נאָך מיט מער חשק און גוטען ווילען צו דער אונטערנעמונג פון מויערען אַ ריכטיגע תלמוד תורה פאַר דעם דאלסטאָנער געגענד.

עס איז מיין איינציגע האָפנונג, אַז מיין חלום זאָל פאַרט ווערען אַ ווירק־ליכקייט.

ל.

## מר. ריש און דער מנין אין קלוב

ווי איך האָב שוין געשריבען אין אָנפאַנג קאַפּיטעל איז מר. ריש, ווי נאָר איך האָב איבערגענומען די פירונג פון דער ת״ת געוואָרען מיין גאַנצער בעל יועץ, און אַזוי לאַנג ווי איך האָב געהאַט צו טון מיט מר. גימל׳ן פלעגט ער נע־מען אַ גרויסען אָנטייל אין דער ת״ת און בייוואוינען אַלע מיטינגען. נאָכער איז ער וואָס אַמאָל אַלץ זעלטענער געקומען צו די מיטינגען ביז ער האָט אין גאַנ־צען אויפגעהערט זיך צו באַווייזען. ווען איך האָב אים אַמאָל געפרעגט וואָרום מען זעט אים ניט פלעגט ער מיר ענטפערען, אַז ער ווייסט דאָס ער האָט זיך אויף וועמען צו פאַרלאָזען, און אַז די ת״ת פירט זיך ריכטיג. טאָ צו וואָס האָט ער זיך צו קימערען ווען אַלעס גייט צו אין אָרדנונג.

די איינציגע עבודה זיינע איז געוואָרען וואָס ער פלעגט קומען אַלע ראש

השנה און יום כפור צו מיר דאַוונען אין קלוב. געקומען איז ער מיט זיין גאַנצער פאַמיליע, דאָס הייסט זיין מוטער, אַ מומע, און אויך זיין פרוי און אַ ברודער מיט אַ שוואָגער. ער פלעגט מיר העלפען מיט דעם וואָס ער איז געשטאַנען ביים ספר תורה און אויפגערופען, נאָר ער איז געווען צו שטרענג פאַר אַזאַ מנין. ווען אַ כהן איז ניט צוגעגאַנגען צום דוכנ׳ען האָט ער אים שוין ניט געוואָלט אויפרופען. איך האָב דערפון געהאַט אויסצושטיין צרות ווייל זיי זיינען געקומען צו מיר מיט פרעטענציעס וואַרום מען האָט זיי באַליידיגט. פאַר אַ בית המדרש וואָלט דאָס אפשר געווען ריכטיג, אָבער ווען די לאָנדאָנער שוהלען זיינען ניט געווען וועגען דעם אָבגעהיט, טאָ וואַרום זאָל דאָס זיין אין אַזאַ פלאַץ וואָס ווערט נאָר גענומען אויף ימים נוראים פאַר אַזעלכע אידען, וואָס קומען ניט אין קיין שוהל אַ גאַנץ יאָר ? צי מר. ריש אַליין איז געווען אַזוי פרום ווייס איך ניט. דערווייל אָבער האָב איך דערפון געהאַט אויסצושטיין אונבאַקוועמליכקייטען. איך פלעג האָבען פאַר בעל שחרית מיין איידעמ׳ס ברודער, חיים גאָלקער. ער האָט גאַנץ שיין געדאַוונט און עס איז תמיד געווען איינגעפירט דאָס אַ בעל שחרית דאַוונט מנחה אויך אום יום כפור.

איינמאָל האָט פאַסירט דאָס ווען ער איז צוגעגאַנגען דאַוונען מנחה האָט ער זיך געפילט ניט אַזוי גוט, ער איז נאָך געווען אַ בחור און אַ שלעכטער פאַסטער. האָב איך דאַן געבעטען מר. ריש׳ן ער זאָל דאַוונען מנחה, און פון דאַן אָן פלעגט ער שוין טאַקע תמיד דאַוונען יום כפור מנחה. איך, ווי געזאָגט, פלעג אַחוץ מיין דאַוונען אויך האַלטען רעדעס, ווייל ערשטענס זיינען די מתפללים שוין געווען אַזוי איינגעוואוינט נאָך פון גימל׳ס צייטען, און צווייטענס האָבען דאָך געדאַוונט אַ סך פון די עלטערען וועמענס קינדער עס זיינען געגאַנגען אין דער ת״ת. פאָלגליך איז שטענדיג געווען וועגען וואָס צו רעדען צו זיי. דאָס איז אויך געווען די איינציגע צייט וואָס מען האָט געקענט צו זיי רעדען, ווייל אַ גאַנץ יאָר האָט מען זיי ניט געקענט זען אויף מיטינגען וועגען זייערע קינדער.

מר. ריש האָט קיינמאָל ניט געהאַלטען פון רעדען, ער פלעגט זאָגען דאָס מען דאַרף בלויז אָבדאַוונען און פאַרטיג, רעדען זאָל מען אויף אַ מיטינג. איי, וואָס זיי קומען ניט צו קיין שום מיטינג, דאָס האָט ער ניט געוואָלט פאַרשטיין.

איך פלעג תמיד האָבען וועגען וואָס צו רעדען אום ראש השנה, נאָר מיין הויפט רעדע פלעג איך האַלטען איידער איך האָב מיך געשטעלט דאַוונען נעילה. דאַמאָלט בין איך געווען מער באַגייסטערט און עס האָט זיך געפילט אַ באַגייסטערונג ביי אַלעמען. דאָס פלאַץ איז געוואָרען איבערפולט מיט אידען, אַ סך האָבען געמוזט בלייבען שטיין אין קאָרידאָר אויף די שטיגען, ווייל אין האָלל האָט מען שוין ניט געקענט מער אַריינגיין. אידען פלעגען קומען עקסטראַ צו נעילה אום מיך צו הערען. ווי געוויינליך האָב איך מיר תמיד איבערגעלאָזט אַ האַלבע שעה צו רעדען, און אַז עס האָט גענומען עפעס מער האָב איך שוין געקענט מיר אַן עצה געבען נאָך דעם. האָט דאָך מר. ריש ווי תמיד שוין געדאַוונט מנחה. ווען איך האָב אים געבעטען צו גיין דאַוונען מנחה, האָב איך אויסגערעכענט די צייט וואָס עס דאַרף נעמען דאָס דאַוונען. עס איז געווען אַ

באַשטימטע צייט ווי לאַנג עס נעמט צו דאַווענען מנחה, און אויב עס האָט גע־דויערט פינף אָדער צען מינוטען לענגער ווי געוויינליך, איז דאָס געווען אַלעס וואָס האָט געקענט טרעפען.

דאָס מאָל אָבער האָט זיך מר. ריש פאַרנומען אָבצוהאַלטען די מנחה, און ער האָט זיך געקוועטשט און האָט געקרעכצט, גאַרניט ווי זיין שטייגער איז גע־ווען, און איך האָב אָנגעהויבען איינזען דאָס ער נעמט צו צייט און עס בלייבט שוין באַלד ניט פאַר מיר ווען צו האַלטען מיין רעדע. גיי איך צו אים צו און ווייז אים מיין זייגער, ווייל ווען איך האָב אים געהייסען צוגיין דאַווענען האָט ער גע־ענטפערט דאָס עס איז נאָך צייט. ער אָבער האָט זיך אַזוי אויפגעקאָכט פאַר דעם וואָס איך האָב אים געוויזען דעם זייגער, דאָס ווען ער איז שוין קוים פאַרטיג געוואָרען מיט דעם קוועטשען זיך, איז ער מיך באַפאַלען וואָרום איך האָב אים געשטערט, ווען ער האָט אַזוי ערענסט געדאַווענט און געזאָגט אַז עס איז ניט נויטיג צו רעדען, און אַז ווען איך האָב וואָס צו זאָגען זאָל איך רופען אַ מיטינג.

מילא, עס איז זער ניט שיין געווען פון זיין זייט, נאָר איך האָב אים דאַ־מאָלט גאָרניט געענטפערט, און ווען ער האָט שוין געהאַט אַלעס אָבגעזאָגט און אָבגעשריען, בין איך צוגעגאַנגען צו דער בימה און איך האָב אָנגעהויבען מיט די דאָזיגע ווערטער צו די מתפללים:

— איצט, מיינע פריינד, האָט איר געהערט דעם דאַנק וואָס איך קריג פאַר מיין אַרבייט. איין זאַך וויל איך אייך זאָגען, איר ווייסט גאַנץ גוט דאָס איך האָב אייך נאָך קיינמאָל ניט אויפגעהאַלטען קיין איין מינוט לענגער ווי די צייט איז געווען, איך האָב אייך אָבער נאָך קיינמאָל ניט אַהיים געשיקט מיט אַ מינוט פריער ווי די צייט איז געווען. איך פאַרזיכער אייך איצט אויך דאָס איך וועל אייך קיין מינוט לענגער ניט האַלטען נאָר ווי תמיד אייך אַהיים שיקען צו דער ריכטיגער צייט, נאָר איך מוז מיינס צו אייך פריער אָברעדען.

איך האָב געהערט פון אַלע זייטען „היער, היער" רופען און איך האָב מיינס אָבגערעדט, וואָס איך האָב געהאַט צו זאָגען. דאַן איז מיר ניט געבליבען קיין גאַנצע שעה צייט אויף צו דאַווענען נעילה, איך האָב אָבער געהאַלטען וואָרט, איך האָב זיך די גאַנצע צייט ניט אָבגעשטעלט אויף קיין סעקונדע נאָר געהאַלטען אין איין דאַווענען, און מיט נאָך מער ברען ווי אַלע מאָל. איך בין פאַרטיג געוואָרען צו דער צייט פונקט ווי תמיד, און באַשאַנקען געוואָרען מיט אַ האַרציגען יישר כח פון אַלע מתפללים. איך האָב נאָך קיינמאָל פריער ניט געהאַט אַזאַ גרויסען בייפאַל ווי דאָס מאָל.

מר. ריש איז געבליבען מיט אַ אַראָבגעלאָזטער נאָז און איז זיך אַהיים געגאַנגען אָן מיר „אַ גוטען יום טוב" צו זאָגען. פאַר דעם אָבער זיינען צו מיר צוגעקומען אַ סך פון די מתפללים און מיר געזאָגט דאָס זיי האָבען אָבגעהיט מיין כבוד און ניט געוואָלט מאַכען קיין סקאַנדאַל, ווען ניט וואָלטען זיי מר. ריש'ן אַרויסגעוואָרפען פון פלאַץ, אַזוי אויפגעבראַכט זיינען זיי אַלע געווען אויף אים וואָרום ער האָט מיר געוואָלט שטערען.

ווען איך האָב זיך צו מאָרגענס געזען מיט מר. הלוי און אים איבערגעגע־

בען וואָס איך האָב געהאַט פון זיין חבר און אים אויך געזאָגט דאָס מער וויל איך שוין ניט דאַווענען מיט ריש'ן, האָט מר. הלוי מיר צוגעזאָגט דאָס נאָך אַמאָל, אַז ער וועט קומען צו נעמען די קאַרטען צום דאַווענען, וועט ער אים זאָגען דאָס אויב ער וויל דאַווענען אין ת"ת גופא איז גוט, אָבער אין קלוב מיט מיר קען ער מער ניט דאַווענען. מיין פרוי האָט מיר אויך איבערגעגעבען דאָס אַלע פרויען זיינען געוואָרען אויפגעבראַכט און אַפילו זיין אייגענע מוטער אַליין איז געוואָרען אַזוי אויפגערעגט פאַר זיין האַנדלונג דאָס זי האָט געשריען ניט אַנדערש נאָר ער האָט געמוזט משוגע ווערען און אַפילו זיין אייגענע פרוי איז אויך בייז געוואָרען אויף אים.

אַז איך האָב זיך גענומען באַרעכענען וואָס פאַר אַ דאַנק איך קריג פון מיינע כלומרש'טע פריינד פאַר דעם וואָס איך האָב אַזוי פיל אַרבייט אַריינגעלייגט אין דער ת"ת אַחוץ דעם וואָס איך בין געוועזען חזן, שמש און אַפילו קערטייקער האָט עס מיר שטאַרק פאַרדראָסען. ביי דעם גאַנצען שחרית בין איך געווען פאַרנומען מיט דעם איינזעצען יעדען אויף זיין פּלאַץ, און עס איז מיר אויך אויסגעקומען אָפט אַרויפצולויפען צו די פרויען אויף דער גאַלעריע אָדער אויף דעם בינע אויסצוגלייכען זייערע אַרגומענטען וועגען זייערע פלעצער. תמיד האָבען די פרויען ליב געהאַט איבערצורוקען די שטולען, וואָס זיינען געווען ריכטיג נומערירט, אַזוי דאָס דער אונטערשטער נומער איז גאָר אויסגעקומען אין פראָנט, און איך האָב דאָס אַלעס באַדאַרפט אויסצוגלייכען.

איידער איך האָב אָנגעפאַנגען צו דאַווענען מוסף האָב איך צו אַלעמען אַפּעלירט און זיי געבעטען צו האַלטען זיך רוהיג און מיר ניט צו שטערען. איך מוז זאָגען דאָס מיינע פאַר ווערטער האָבען תמיד געווירקט, נאָר מיינע אייגענע מענשען וואָס האָבען מיר געדאַרפט העלפען האָבען געטון פונקט דעם היפך.

עס איז אָבער געשען אַזוי ווי איך האָב געזאָגט דאָס מער וועל איך מיט מר. ריש'ן ניט דאַווענען. אויף דעם צווייטען יאָר ווען אַלעס איז שוין געווען גרייט און די קאַרטען צום דאַווענען געדרוקט און אויך די פּלאַקאַטען אויסגעהאַנגען כדי מודיע צו זיין דאָס עס וועט געדאַווענט ווערען אַזוי ווי אַלע יאָר אין די זעלבע פלעצער, האָט פלוצלינג די איצטיגע מלחמה אויסגעבראָכען, און ווער עס האָט נאָר געהאַט אַ געלעגענהייט האָט געכאַפּט דאָס פּעקעל זיינס און אַנטלאָפען פון לאָנדאָן, ווייל מען האָט מורא געהאַט, אַז אָט, אָט, זיינען שוין דאָ היטלער'ס מחבלים און צוקלאַפּען גאַנץ לאָנדאָן. איך בין אויך אַוועק נאָך ברייטאָן מיט מיין גאַנצער פאַמיליע, און אַזוי אַרום איז צושטערט געוואָרען דער מנין פון דעם קלוב וואו מען האָט אַזוי פיל יאָרען געדאַווענט פאַר דער תלמוד תורה. אַנשטאָט צו דאַווענען אין קלוב האָב איך גאָר געדאַווענט אין ברייטאָן וואו איך האָב אין מיין איידעמ'ס הויז אַראַנזשירט אַ מנין אויף די ימים נוראים.

עס זיינען נאָך דאָ פילע אינטערעסאַנטע מאָמענטען אַרום דער דאלסטאָן תלמוד תורה, מאָנטאַגיו רויד בית המדרש און אַנדערע אינסטיטוציעס אין וועלכע איך האָב מיטגעאַרבייט, אָבער איך דענק, אַז עס איז שוין געקומען די צייט צו פאַרענדיגען די זכרונות פון מיינע טעג און איבערלאָזען פאַר אַנדערע

פאַרטצווזעצען דעם גאַנג פון דער ווייטערדיגער געשיכטע פון אידישען לעבען אין דעם לאַנד. איך האָב מיך בלויז באַמיט אויף אַ איינפאַך פשוט'ן אופן אַרויס־צוברענגען די מענשען און אינסטיטוציעס אַזוי ווי איך האָב זיי געזען, און איך האָף, אַז מען וועט מיר מוחל זיין אויב איך האָב דאָ און דאָרט אפשר אַרויס־געזאָגט אַ צו שאַרף וואָרט. נאָך אַלעם זיינען דאָך אַלע מענשען וואָס זיינען דאָ דערמאָנט געוואָרען געווען אַזעלכע וואָס האָבען פיל געליסטעט פאַר דער אי־דישער געזעלשאַפטליכקייט און בעיקר אין שייכות מיט דער ערציהונג פון אונ־זער יונגען דור, און איך האָב זיי בלויז געוואָלט שילדערן אַזוי ווי איך האָב זיי געזען. עס איז אפשר מעגליך אַז איך האָב פון צייט צו צייט געמאַכט אַ טעות אין מיין אָבשאַצונג, אָבער אויך טעותים זיינען מענשליך און איבערהויפט פון אַזעלכע וועלכע האָבען זייער גאַנץ לעבען געאַרבייט פאַר די בעסטע אינטע־רעסען פון אונזער פאָלק.

אויב איך האָב אימיצען פוגע בכבוד געווען, דאַן בעט איך אַז מען זאָל מיר מוחל זיין, ווייל איך קען זיי פאַרזיכערן, אַז איך האָב דערביי קיין שום שלעכטע כונה ניט געהאַט, און אַז די אינטערעסען פון פאָלק אַלס גאַנצעס זיי־נען ביי מיר תמיד געשטאַנען פיל העכער ווי מיין אייגענער איך.

## שלוס-וואָרט

ווען מען וועט איבערלייענען מיין באַשרייבונג וועט זיך אַרויסווייזען דאָס נאָך פון מיין קינדהייט אָן האָב איך געהאַט אַ שטורמדיג לעבען סיי פריוואַט און סיי געזעלשאַפטליך. תמיד האָב איך געהאַט וועגען וואָס צו אַרגומענטירען און איך בין קיינמאָל ליידיג ניט געזעסען. דורך דער מלחמה מוז איך איצט פירען אַ צוריקגעצויגען לעבען, איך פיל מיך אומעטיג און האָב ניט מיינס גלייכען מיט וועמען אַמאָל צו האָבען אַ סכסוך. מיר פעלט די אַמאָליגע סביבה. מיט אַלע חסרונות וואָס לאָנדאָן האָט איז דאָס אָבער פאַרט לאָנדאָן מיט אַ שמיקעל אידיש לעבען, און ניט ברייטאָן, וואו דאָס אידישקייט שטייט זער נידעריג.

איך האָב דאָס פריער אַזוי פיל ניט געוואוסט ווי איך ווייס דאָס איצט, ווייל איך פלעג בלויז אַהער קומען אויף אַ האָלידעי, דאָס רוב אויף אַ צוויי וואָכען. אַצינד אָבער ווען איך וואוין דאָ אין ברייטאָן ווייס איך וואָס איינזאַמקייט מיינט. מען וויל מיך אַפילו דאָ מאַכען פאַר אַ „דזשענטעלמאַן" און מיין פרוי פאַר אַ „ליידי" און דאָס איז אין ברייטאָן אַ גאַנץ לייכטע זאַך. עס פאָדערט זיך ניט קיין גרויסע אָנשטרענגונג צו זיין אַ „ליידי". דאָס ערשטע וואָס מען דאַרף טון איז, יעדען טאָג אין דער פרי, פון עלף ביז צוועלף, אַריינגיין צו לייאָנס' פאַר אַ טיי. דאָרטען טרעפט מען זיך מיט „ליידי" מוטלערין און מיט „ליידי" פלאַדערזאַק און מען ווערט געוואויר וואָס עס טוט זיך ביי דעם און ביי יענעם. מען מוז אויך כאָטש איינמאָל אין וואָך גיין צו אַ „ברידזש פאַרטי", און צו זיין גאָר אַ גרויסע „ליידי" דאַרף מען פרייטאָג נאָך מיטאָג, איידער שבת קומט אַריין אַריינבאַפּען אַ „ברידזש געים". דאָס איז שוין אַ אַכצען קאַרעט גאָלד „ליידי". ווייטער פאָדערט זיך קיין שום זאַך ניט.

צו זיין ווידער אַ „דזשענטעלמאַן" איז אויך נויטיג צו קענען שפּילען אין „ברידזש", און אויב ניט קען מען קיין „דזשענטעלמאַן" ניט זיין. חוץ דעם מוז מען יעדען זונטאָג אַריינגיין צו פאַרטי׳ס אויפ׳ן פראַנט פאַר אַ „קאַפּ אָף קאָפי" אָדער בלויז טרינקען טיי נאָר צו זיין גאָר אַ גרויסער „דזשענטעלמאַן" דאַרף מען גיין צו דעם נאָרפאָלק האָטעל, און ספּעציעל צוועלף אַזייגער, ווען מען קען באַקומען אַ שטאַרקען טרונק אויף צו קריגען קוראַזש. מען טרעפט זיך דאָרט מיט נאָך „דזשענטעלייט" און דאָס איז אַלעס. מען דאַרף ניט גיין אין שוהל יעדען שבת, ווייל וואָס ווייניגער מען גייט אין שוהל אַלץ מער „דזשענטעלמאַן" איז מען.

אַכטונג צו געבען דאָס די קינדער זאָלען לערנען אידישקייט, איז אויך ניט נויטיג, ווייל אַמאָל האָט אַ בר מצוה אינגעל באַדאַרפט לערנען דאָס ער זאָל קענען לייענען זיין פּרשה מיט דעם ריכטיגען ניגון אַזוי ווי אַ בעל קורא; אין ברייטאַן אָבער דאַרף מען דאָס ניט, מען קען אָבזאָגען די פּרשה אַזוי ווי מען זאָגט אָב „אשרי", נאָר בלויז די ברכה דאַרף מען זאָגען מיט דעם ריכטיגען ניגון. איז דאָך דאָס גאַנץ גרינג, מען קען דאָך אַפילו אַ בער אויך אויסלערנען עפּעס אַ גרינגע זאַך, טאָ צו וואָס דאַרף מען דעם בר מצוה אינגעל מאַטערען?

אויב דער פּרעדיגער פּרעדיגט פאַר דעם בר מצוה אינגעל דאָס עס דאַרף זיין פאַר אים אַ פּריווילעגיע צו זיין אַ איד און ער זאָל אויפוואַקסען און וויסען צו האַנדלען ערליך ניט צו פאַרשעמען דעם אידישען נאָמען, און דער בר מצוה אינגעל קריגט נאָך אַ מתנה פון דעם גבאי, ווייל מען שנדר׳ט דאָך גינעס, האָט דאָס, דאַכט זיך, אַ מאָמענטאַלע ווירקונג. אָבער זינט איך בין דאָ אין ברייטאַן האָט זיך נאָך ניט געטראָפען איך זאָל באַמערקען איינעם פון די אַלע בר מצוה אינגלעך קומען נאָך אַמאָל אין שוהל אַריין.

אויב מען האָפט, אַז ווען די מלחמה וועט מיט גאָט׳ס הילף געוואונען ווערען און דאָס אידישע פאָלק זאָל זיך נעמען צוריק אויפצולעבען דאָס אידישקייט, וואָס איז דורך דער מלחמה אין גאַנצען פאַרנאַכלעסיגט געוואָרען, קען מען פון ברייטאָנער אידענטום גאַנץ ווייניג ערוואַרטען.

דאָס אַלעס באַדאַרף איך זיך צוצוקוקען ווי עס גייט אונטער דאָס גאַנצע אידישע לעבען אין ברייטאַן, און קיינעם גייט דאָס ניט אָן. דער שבת איז הפקר און דאָס גאַנצע אידישקייט באַשטייט נאָר צו גיין שבת אין שוהל אַריין צו הערען אַ „סערמאָן", וואָס האָט קיין שום נוצען פאַר קיינעם און וואו דער „פּריטשער", דאָס הייסט בעל דרשן, רעדט פאַר אַ גאָר קליינעם עולם.

מיין איינציג געבעט איז נאָר דאָס די מלחמה זאָל זיך שנעל ענדיגען מיט אַ זיג פאַר ליכטיגקייט, און איך זאָל נאָך האָבען די זכיה צוריק צו אַרבייטען פאַר דער דאַלסטאָן תלמוד תורה פאַר וועלכע איך האָב אַזוי פיל כחות אַוועקגעלייגט, אַרבייטען פאַר דעם אידישען חינוך און דאָס איז מיין האָפנונג מיט השי״ת הילף.

נאָר דאָ אין ברייטאַן איז מיר איצט אומעטיג, שרעקליך אומעטיג...

תם ונשלם.

**זעליג אבערמאַן.**